STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02057

HELDN FUN FOLK

S. D. Levine

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. ד. לעווין

העלדן פון פאָלק

ביאָגראַפיעס פון באַרימטע אַמעריקאַנער
פרייהייטס-קעמפער

היסטאָרישע פאַסירונגען

ארויסגעגעבן דורך דעם
ס. ד. לעווין בוך-קאָמיטעט
ניו יאָרק

S. D. LEVINE

HEROES OF THE PEOPLE

(HELDEN FUN FOLK)

1. Biographies of famous American fighters for freedom
2. Historic events

Copyright, 1956

by S. D. LEVINE, New York

PRINTED IN THE U. S. A.

PROMPT PRESS, 113 Fourth Ave., New York 3, N. Y.

209

אינהאַלט

ערשטער טייל: **העלדן פון פאָלק**

זייט

דער מחבר און זיין בוך — פון בער גרין 1
ראַדזשער וויליאַמס 7
טאָמאַס פעין 10
נעיטען העיל — אַמעריקאַנער פּאַטריאָט 14
פראַנסיס סאַלוואַדאָר, דער יידישער פּאָול רעווער 17
וויליאַם לאָיד געריסאָן — באַרימטער אַבאָליציאָניסט 21
וועגדעל פיליפס 25
דער מאַרטירער עלאַידזשא פּ. לאָוודזשאָי 30
פרעדריק דאוגלאַס 33
האָרעיס גרילי, דער רעדאַקטאָר פון „טריביון" 37
העריעט טובמאַן 41
עדוואָרד בעלאַמי, דער פּראָפעט פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט 46
דזשעק לאָנדאָן 51
דזשאָ היל 59
דזשאָן ריד 64
יודזשין וויקטאָר דעבס 72
ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס 80
מאַרק טוועין — דער הומאַניסט 84
אַרט יאַנג — קינסטלער און קעמפער פאַר גערעכטיקייט 88
טשאַרלס רוטענבערג 91
דאָס שטורעמדיקע לעבן פון ביל העיוואָוד 94
מוטער בלור 102
דער מאָרד איבער מאָריס לאַנגער 108
וויליאַם ז. פאָסטער 111
עליזאַבעט גורלי פלין — אַ לעבעדיקע לעגענדע 119
פּיט קאַטשיאַני 124
וויטאָ מאַרקאַנטאָניאָ 128

צווייטער טייל: **היסטאָרישע פּאַסירונגען**

דזשעפערסאָנס און וואַשינגטאָנס בריוו צו יידן אין אַמעריקע .. 137
די ערשטע „מכשפה-געיעגן" אין אַמעריקע 140
פאַרפאָלגונגען אויף „קוועיקערס" 144

פאַרפאַלגונגען אויף קעגנער פון שקלאַפעריי 148
אויך קאַטאָליקן קרבנות פון „מכשפה־געיעגן“ 151
דענקמאָל נאָך די היימאַרקעט מאַרטירער 155
די היימאַרקעט־טראַגעדיע 156
דער האָמסטעד שטאָל־סטרייק 160
דריי יידן — דזשאָן בראַונס מיטקעמפער 164
די קאָמונע ברוק־פאַרם 169
דער מאַיער, העיוואָרד פּראָצעס 174
דער וועבער סטרייק אין לאָורענס 177
סאַקאָ און וואַנזעטי 181
דער „מאַנקי־טרייעל“ אין טענעסי 191
די פאַרשווערונג קעגן מוני און בילינגס 194
די באַפרייאונג פון טאָם מוני 198
מאַקסים גאָרקי אין אַמעריקע 202
דער גענעראַל סטרייק פון פּאָליציי אין באָסטאָן 205
„אַמנעסטי“ 208
דער אַרבעטער־רינג און יאָהאַן מאָסט 211
אויך סאָציאַליסטן זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן 215
די פּאַלמער „רעידס“ 220
קאַמף פאַר פרויען־שטימרעכט 223
אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן קעגן אומגערעכטע מלחמות 227
דער פּראָצעס פון די 13 סמיט־אַקט קרבנות 232
וועגן פרייהייט צו רויבן און פרייהייט צו קעמפן קעגן דעם ... 236
די טראַדיציעס פון ערשטן מאַי 239
„מיר אַלע זיינען קינדער פון אימיגראַנטן“ 243
טאָמפּקינס סקווער 246
דער קאַמף פאַר פרייער פרעסע 250
דאַנק־אויסדרוק 151
רשימה פון ביישטייערער 255

דער מחבר און זיין בוך

פון בער גרין

מיט אַ געפיל פון צופרידנקייט וויל איך דאָ „פאָרשטעלן" פאַרן לייענער אָט־דעם ניצלעכן, וויכטיקן און ווערטפולן בוך „העלדן פון פאָלק". דאָס איז אַ בוך, פון וועלכן דער לייענער וועט לערנען און שעפּן מוט.

דאָס איז אַ בוך וועגן אַמעריקאַנער ריזן, גיבורים פון גייסט, וואָס האָבן מיט מסירת־נפש געקעמפט פאַר פרייהייט אין משך פון דורות. דער בוך ווייזט, אַז אין יעדן דור האָט די פאָלקס־מאַסע אַרויסגערוקט פון אירע רייען העלדישע זין און טעכטער, וואָס האָבן מיטן גאַנצן פלאַם פון זייער האַרצן פאַרגעזעצט, אויסגעברייטערט און פאַרטיפט דעם קאַמף פאַר מענטשן־רעכט. דאָ ווערט געוויזן דער דורות־לאַנגער קאַמף פאַר פרייהייט פון געדאַנק, פרייהייט פון רעליגיע, וואָרט און פרעסע; פאַר אָפּשאַפן נעגער־שקלאַפעריי; פאַר אָפּשאַפן יעדן צוואַנג קעגן דעם יחיד; פאַר פּאָליטישער פרייהייט און עקאָנאָמישער גלייכהייט, פאַר אָפּשאַפן עקספּלואַטאַציע, פאַר האַלטן טייער און הייליק די ווערדע פון מענטש.

ס. ד. לעווין

דער מחבר ווייזט די העלדן פון פאָלק „ביי דער אַרבעט" — אין זייער לעבן און קאַמף. דורך די ביאָגראַפיעס פון אַ ריי באַרימטע אַמעריקאַנער פרייהייט־קעמפער און דורך די שילדערונגען פון פאַרשיידענע וויכטיקע קאַמף־מאָמענטן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע ווייזט ער אונדז, אַז יעדער מאַסן־קאַמף פאַר פרייהייט האָט אויסגעברייטערט די דעראָבערטע מענטשלעכע רעכט, און אַז יעדער פרייהייט־קעמפער האָט געבויט אויפן יסוד פון

דער אַרבעט, וואָס די פאַרגייענדיקע קעמפערישע דורות און יחידים האָבן אויפגעטאָן פריער פאַר אים. די צענטראַלע אידייע, וואָס פאַרבינדט און צעמענטירט די באַזונדערע קאַפּיטלעך אין דעם בוך, איז: פרייהייט, מענטשן־רעכט קאָנען געוואונען ווערן בלויז דורך אַ לאַנגן, שווערן, עקשנותדיקן מאַסן־קאַמף.

דער אויטאָר פון אַט־דעם באַגייסטערנדיקן ווערק, ס. ד. לעווין, אַ לאַנג־יאָריקער זשורנאַליסט, אַ געטרייער אַמעריקאַנער סאָציאַליסט, איז ברייט באַקענט צווישן ברייטע קרייזן לייענער דורך זיינע פּילצאַליקע, באַלערנדיקע אַרטיקלען אין דער „מאָרגן־פרייהייט". אין אָנהויב 1955 האָבן פּראָגרע־סיווע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט געפּייערט ס. ד. לעווינס 70סטן געבוירנטאָג. אַ זון פון דער פאָלקס־געדיכטעניש פון דער אָרעמער ליטע, איז ער געקומען קיין אַמעריקע, אַ יונגער בחור, אין 1900, און האָט זיך באַזעצט אין באָסטאָן. דאָרט, אין דעם וויגעלע פון ער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, האָט ער זיך באַלד פון אָנהויב פאַראינטערעסירט מיט דער גרויסער, רייכער, קאָלירפולער געשיכטע פון אַמעריקע און מיט אירע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס.

אין 1903 איז ס. ד. לעווין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און זינט דאַן איז ער אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. אין 1912 האָט ער געשריבן קאָרעספּאָנדענצן פאַר דער סאָציאַליסטישער פּרעסע פון יענער צייט וועגן דעם דעמאָלטדיקן שטור־מישן וועבער־סטרייק אין לאָרענס, מאַסאַטשוזעטס. אין משך פונעם סאַקאָ־וואַנזעטי פּראָצעס אין די צוואַנציקער יאָרן איז לעווין געווען דער באָסטאָ־נער קאָרעספּאָנדענט פון דער „מאָרגן־פרייהייט" און האָט ברייט און אמתדיק באַשריבן יענעם היסטאָרישן משפט. זינט דאַן איז ער אַ שטענדיקער, חשובער מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט". אין משך פון עטלעכע יאָר איז ער געווען דער לאָקאַלער „מאָרגן־פרייהייט" פאַרוואַלטער אין באָסטאָן און אין נוואַרק, ניו דזש. ער איז אויך דער מחבר פון דער בראָשור „50 יאָר ,פאָר־ווערטס'" (64 זייטן, 1948), וועלכע איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן.

די מערסטע פּערזענלעכקייטן פונעם היינטיקן יאָרהונדערט, וואָס דער מחבר באַשרייבט דאָ אין דעם בוך, זיינען אים געווען אָדער זיינען פּערזענ־לעך באַקאַנט. ער איז ניט בלויז אַן עדות, צושויער און באַשרייבער פון אייניקע היסטאָרישע פּאַסירונגען, נאָר אין אַ געוויסן זין אויך אַן אָנטייל־נעמער און מיט־שותף אין זיי, ווי אַ לאַנגיאָריקער פרייהייט־קעמפער.

דער בוך איז זיכער אַ בייטראָג צו דער געשיכטע פון פרייהייט־קאַמף אין אַמעריקע. דאָס איז אייער בוך — אַ בוך פאַרן פאָלק וועגן העלדן פון פאָלק.

ראָדזשער וויליאַמס

(1684-1607)

איינער פון די ערשטע קעמפער פאַר רעליגיעזער און געוויסן-פרייהייט אין אַמעריקע איז געווען דער ליבעראַלער גלח ראָדזשער וויליאַמס, געבוירן אין ענגלאַנד אין יאָר 1601, אָדער 1607 (דער ריכטיקער דאַטום איז ניט פעסטגעשטעלט) און געשטאָרבן אין פּראָווידענס, ראוד איילאַנד, אין 1684.

נאָך אין ענגלאַנד, וואו ער האָט פריער שטודירט אויף לאַיער און דער-נאָך געשטודירט טעאָלאָגיע, האָט ראָדזשער וויליאַמס זיך אַרומגעטראָגן מיט ליבעראַלע אידייען בנוגע קירכן-צערעמאָניעס און רעליגיעזער הערשאַפט. אין יאָר 1631 איז ער אָנגעקומען קיין מאַסאַטשוזעטס, און האָט אָנגענומען אַ שטעלע אַלס לערער אין אַ קירך אין דעם שטעטל סעילעם, מאַסאַטשוזעטס.

אין מאַסאַטשוזעטס האָט דעמאָלט געבושעוועט רעליגיעזער פאַ-נאַטיזם. די פּיוריטאַנער, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע צו קאָנען פריי זיך אויסלעבן לויט זייערע רעליגיע-איבערצייגונגען, האָבן דערנאָך אַליין פאַרפאָלגט אַנדערע, וועלכע האָבן ניט געגלויבט און ניט גע-וואָלט אויספאָלגן זייערע פאַנאַטישע קירכלעכע פאָרשריפטן. פאַר ניט גיין אין קירך זונטיק האָט מען שווער באַשטראָפט. די שטאַט-רעגירונג האָט באַשטימט ספּעציעלע משגיחים אַכטונג צו געבן, אַז קיינער זאָל זיך ניט אויסבאַהאַלטן אָדער זיך ניט מאַכן קראַנק, ווען מען האָט געדאַרפט גיין אין קירך.

קעגן דעם האָט ראָדזשער וויליאַמס געקעמפט. ער האָט געפּריידיקט, אַז די רעגירונג האָט ניט קיין רעכט צו באַשטימען, וואָס עס איז אמת אָדער פאַלש אין רעליגיעזע לערעס. „אַרויפצווינגען אַ גלויבן אויף אַ מענטשן, — האָט ער דערקלערט, — מיינט פאַרגוואַלטיקן זיין נשמה. עס איז אַ קלענערע זינד צו צווינגען אַ מענטשן צו הייראַטן דעם, וואָס ער ליבט ניט, איידער צו צווינגען אים גלויבן אין דעם, וואָס ער גלויבט ניט". ער האָט געגלויבט אין פרייהייט אפילו פאַר אַטעאיסטן. ער האָט אויך געפּריידיקט, אַז די אינ-דיאַנער זיינען די ריכטיקע באַלעבאַטים פון לאַנד און אַז מען האָט ניט קיין רעכט אַוועקצונעמען לאַנד און זיי פאַר דעם ניט באַצאָלן.

וויליאַמס איז געווען אַ שיינער רעדנער און זיינע ווערטער האָבן גע־האַט אַ ווירקונג. די הערשער פון מאַסאַטשוזעטס האָבן באַלד דערזען אין אים אַ געפערלעכן פאַרשוין, און וויליאַמס האָט ניט ווילנדיק געמוזט פאַר־לאָזן סיילעם. ער באַזעצט זיך דעמאָלט אין פּלימוט, מאַסאַטשוזעטס, וואו ער באַפריינדעט זיך מיט די אינדיאַנער, לערנט זייער שפּראַך און העלפט זיי מיט וויפל ער קאָן.

נאָך צוויי יאָר איז ער צוריקגעקומען קיין סעילעם, וואו ער האָט פאַר־געזעצט זיין פריינטשאַפט מיט די אינדיאַנער און ווייטער געקעמפט קעגן שטראָף פאַר פאַרשוועכן זונטיק, פאַר ניט בענטשן נאָכן עסן, אָדער ענלעכע „זינד". דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין יאָר 1635 איז ער אָנגעקלאָגט געוואָרן אין זיין אַ בונטאַר קעגן שטאַט און רעליגיע און איז פאַרמשפט געוואָרן אַרויסגעשיקט צו ווערן פון דער קאָלאָניע.

מען האָט אפילו געפּלאַנט אים אַרויפזעצן אויף אַ שיף און אים טראַנס־פּאָרטירן קיין ענגלאַנד. אָבער וויליאַמס האָט באַצייטנס זיך דערוואוסט וועגן דעם און אין אַ מיטן ווינטער־נאַכט איז ער אַנטלאָפן פון סעילעם. פערצן וואָכן האָט ער מיט נאָך פיר חברים אַרומגעוואַנדערט אין די געגנטן פון ניו־ענגלאַנד, וואו די אינדיאַנער האָבן זיי מקרב געווען. ביז זיי זיינען גע־קומען קיין נאַראַגאַנסעט בעי, וואו וויליאַמס האָט געקויפט אַ שטיק לאַנד פון די אינדיאַנער.

ער האָט דאָרט אויסגעבויט אַ נייע קאָלאָניע און איר אַ נאָמען געגעבן „פּראָווידענס" — צו באַצייכענען, אַז די השגחה פון גאָט רוט אויף דעם פּלאַץ. שפּעטער האָט וויליאַמס מיט זיינע חברים געגרינדעט ניופּאָרט און אַנדערע ישובים אין ראוד איילאַנד, וועלכע זיי האָבן דערקלערט ווי אַ שוץ־אָרט פאַר מענטשן, וואָס ווערן אַנדערש־וואו פאַרפאָלגט צוליב זייער גלויבן. אַזוי־אַרום איז ראָוד־איילאַנד באַלד געוואָרן דער מקום־מקלט פאַר פאַרפאָלגטע פון מאַסאַטשוזעטס און אַנדערע קאָלאָניעס. אַ סך „קוועיקערס" פון מאַסאַטשוזעטס האָבן דעמאָלט זיך באַזעצט אין ראוד־איילאַנד.

זיי האָבן זיך דעמאָלט אויך געווענדט אַריינגענומען צו ווערן אין אַ קאָנפעדעראַציע, אָבער ראוד־איילאַנד האָט זיי נישט אַריינגענומען אין זייער קערפּערשאַפט. זיי האָבן אויך פאַרבאָטן איינוואוינער פון ראוד־איילאַנד צו קומען אין זייערע קאָלאָניעס.

אין 1657 האָבן די פאַראייניקטע קאָלאָניעס זיך געווענדעט צו ראוד־איילאַנד, אַז אויך זי זאָל פאַרפאָלגן די „קוועיקערס". האָט די דזשענעראַל אַסעמבלי פון ראוד־איילאַנד געענטפערט אַזוי: „די באַזיצונג פון גלויבנס־געוויסן איז געווען די הויפּט־זאַך צוליב וועלכער מיר האָבן געגרינדעט אונדזער קאָלאָניע. שעצן מיר נאָך איצט אויך דעם דאָזיקן גלויבן. מיר

האָבן ביי אונדז ניט קיין געזעצן צו באַשטראָפן איינעם פאַר דערקלערן זיין אייגענע מיינונג וועגן גאָט".

וויליאַמס האָט געקעמפט ניט נאָר פאַר רעליגיעזער פרייהייט אין אַמע־ריקע, נאָר אויך פאַר אַ מער ליבעראַלער ענגלאַנד. באַזוכנדיק ענגלאַנד נאָכ־דעם, ווי ראָוד־איילאַנד איז שוין געווען עטאַבלירט, האָט ער אַפּעלירט צו דער ענגלישער רעגירונג, אַז זי זאָל עפענען אירע טירן פאַר יידן, וועלכע זיינען דאָרט ניט אַריינגעלאָזט געוואָרן.

„איך גלויב, אַז עס איז די פליכט פון דער רעגירונג צו צעברעכן די אבערגלויבערישע וואַנט, וואָס טיילט־אָפּ קריסטן פון יידן, און מאַכן אַ וועג, אַז די יידן זאָלן קענען פריי און פרידלעך וואוינען צווישן אונדז... אונדזער אומציוויליזירטע און אוממענטשלעכע באַהאַנדלונג פון די יידן שרייט ביזן הימל", — האָט ער דערקלערט.

קיין צווייפל ניט, אַז וויליאַמס קעמפערישער ביישפיל אין אַמעריקע, ווי אין ענגלאַנד, האָט פיל געהאָלפן צו ענדערן די באַציאונג פון דער ענגלי־שער רעגירונג צו יידן.

אין 1658 זיינען די ערשטע 15 יידן פון האָלאַנד געקומען קיין ניופּאָרט, ראָוד־איילאַנד. שפּעטער האָבן זיך דאָרט באַזעצט יידן אויך פון אַנדערע לענדער. עס שטייט נאָך איצט אין ניופּאָרט אַ שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון די דאָרטיקע יידן אין יאָר 1762. עס איז נאָך דאָ אויך דער יידישער בית־עולם, וואו עס ליגן די ערשטע יידישע איינוואוינער.

בעת פּרעזידענט וואַשינגטאָן האָט אין יאָר 1790 באַזוכט ניופּאָרט האָבן די דאָרטיקע יידן אים געגעבן אַ פייערלעכן קבלת־פּנים און וואַשינגטאָן האָט זיי באַגריסט אין אַ רעדע.

אין 1939 האָבן די יידן פון ניופּאָרט געפייערט דעם 300טן יובילײ פון דער גרינדונג פון דער שטאָט דורך אויפשטעלן אַ מאָנומענט. דאָס איז געווען אַ היסטאָרישע געשעעניש. אַ דעמאָנסטראַציע פאַר די פּרינציפּן פון טאָ־לעראַנץ און פרייהייט, וואָס ראָדזשער וויליאַמס האָט פּראָקלאַמירט.

אין ראָוד־איילאַנד זיינען פאַראַן עטלעכע דענקמאָלן פאַר ראָדזשער וויליאַמס. אויך פּאַרקס און אַנדערע פּלעצער ווערן אָנגערופן אויף דעם נאָ־מען פון דעם גרויסן קעמפער פאַר געוויסן־פרייהייט אין אַמעריקע.

טאָמאַס פּעין

(1809-1737)

דער זיג פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז אין אַ גרויסן טייל צו פאַרדאַנקען דעם באַרימטן אַמעריקאַנער פרייהייטס-קעמפער טאָמאַס פּעין.

אַ „גרינער“ אין אַמעריקע, געקומען אין 1774, ערב דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, איז טאָמאַס פּעין געוועזן דער ערשטער אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, אַז די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס דאַרפן זיך אָפּרייסן פון ענגלאַנד און גרינדן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה. פּעין האָט אויך פאָרגעשלאָגן דעם נאָמען פון דער אומאָפּהענגיקער מלוכה: „די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע“.



די רעוואָלוציאָנערע פירער פון די קאָלאָניסטן האָבן פון אָנהויב אפילו ניט געטראַכט וועגן אָפּרייסן זיך פון ענגלאַנד. זיי האָבן געקעמפט קעגן די איבלען, די שטייערן און די אַרויפגעצוואונגענע געזעצן, אָבער זיי האָבן שטענדיק אונטערגעשטראָכן, אַז זיי זוכן צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט דער ענגלישער רעגירונג און אַז די קאָלאָניסטן זיינען „טריי דער קרוין“.

טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט אין אַפּריל 1775 געשריבן: „איך האָב קיינמאָל ניט געהערט קיין מורמל אפילו פון אַ נייגונג זיך אָפּצורייסן פון דעם מוטערלאַנד“. בענדזשאַמין פרענקלין האָט אין מערץ פון דעם זעלבן יאָר דערקלערט, אַז קיין אַמעריקאַנער, שיכור אָדער ניכטער, טראַכט ניט וועגן אַזאַ זאַך, ווי אומאָפּהענגיקייט.

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, דער גענעראַל פון דער רעוואָלוציע, האָט אין מאַי 1775 געענטפערט אויף אַ פראַגע פון אַ פריינט וועגן זיין שטעלונג צו אָפּטיילן זיך פון ענגלאַנד: „ווען דו וועסט ווען עס איז הערן, אַז איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דעם געדאַנק פון אָפּטיילן זיך, וועסטו אויף מיר קאָנען זאָגן וואָס דו וועסט נאָר וועלן“.

דעם זעלבן געדאַנק האָט ער איבערגעחזרט אין יולי, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער אַרמיי. ער האָט בפירוש דער־קלערט, אַז ער פּראַכטעט דעם געדאַנק פון אומאָפּהענגיקייט.

עס איז געווען טאָם פּעין, מיט זיין פּאַמפלעט „קאָמאָן סענס״, וועלכער האָט געענדערט די מיינונגען פון וואַשינגטאָן און פון דער מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג אין די קאָלאָניעס בנוגע דער אידייע פון באַפרייען זיך פון ענגלאַנד, און דאָס האָט געפירט צו דער „דעקלערעישאָן אָוו אינדעפּענ־דענס״. טאָם פּעין האָט זיין פּאַמפלעט אַרויסגעלאָזן דעם 9טן יאַנואַר, 1776. די שריפט איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, אין דער אַרמיי און צווישן פאָלק און האָט אָנגעצונדן די הערצער מיט קאַמפס־לוסט. געשריבן קלאָר און איבערצייגנדיק, האָט פּעינס ביכל געווירקט, אַז דער קאַמף קעגן ענג־לאַנדס טיראַנישע געזעצן זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאַמף פאַר פול־שטענדיקער באַפרייאונג פון דער ענגלישער הערשאַפט.

זעקס חדשים שפּעטער איז אָנגענומען געוואָרן די „דעקלערעישאָן אָוו אינדעפּענדענס״, געשריבן פון טאָמאַס דזשעפערסאָן, אָבער געבויט אויף די געדאַנקען, וואָס טאָם פּעין האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין פּאַמפלעט „קאָמאָן סענס״.

פּעין האָט זיך ניט באַנוגנט מיט שרייבן בלויז. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אַלס וואָלונטיר אין דער אַרמיי און זיין מעכטיקע פּען האָט אים דאָרט גע־נוצט נאָך בעסער, ווי די שווערד.

עס איז געווען אין נאָוועמבער, 1776, נאָכדעם ווי די קליינע רעוואָלו־ציאָנערע אַרמיי, אָנגעפירט פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, האָט געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער. די ענגלענדער האָבן שוין געהאַט גאַנץ ניו־דזשוירזי. וואַשינגטאָנס אַרמיי האָט געהאַלטן אין צוריקציען זיך. די סאָל־דאַטן זיינען געווען הונגעריק, האַלב־נאַקעט און פאַרצווייפלט. אַ טייל האָבן פאַרלאָזן די אַרמיי. אַ סך פון דער פאַרצווייפלטער באַפעלקערונג האָבן גע־זוכט צו שיצן זיך דורך שווערן טריישאַפט צום קעניג. עס האָט אויסגעזען, אַז עס איז אַלץ פאַרלוירן.

פּעין, וועלכער האָט געדינט אַלס פּראָסטער סאָלדאַט אין וואַשינגטאָנס אַרמיי, האָט דעמאָלט ביים ליכט פון קעמפּ־פייער אָנגעשריבן אַ רוף צום קאַמף אונטער דעם נאָמען „קריזיס״, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט ניי לעבן און קאַמפס־לוסטיקייט אין דער פאַרצווייפלטער אַרמיי. „איצט איז אַ צייט, ווען די מענטשלעכע נשמה ווערט געשטעלט צום פּרוביר־שטיין״, — האָט פּעין געשריבן, — „דער, וואָס בלייבט איצט מיט אונדז, וועט זיך פאַרדינען די ליבע און דאַנקבאַרקייט פון יעדן מאַן און פרוי״. און ווייטער: „טיראַניי איז, פּונקט ווי דעם גיהנום, ניט אַזוי גרינג צו באַזיגן — אָבער וואָס שווערער

עס איז דער קאַמף, אַלץ גלאָררייכער איז דער טריאומף... עס וואָלט געווען מאָדנע, ווען אַזאַ טייער אַרטיקל, ווי פרייהייט וואָלט ניט געקאָסט קיין גרויסן פּרייז...״

פּעין, וועלכער איז געווען אַ „קוועיקער״ און אַ געגנער פון מלחמה, האָט אָבער פאַרטיידיקט די מלחמה פאַר פרייהייט. ער שרייבט אין זיין רוף: „אַלע אוצרות פון דער וועלט וואָלטן מיך ניט געקענט באַווירקן, אַז איך זאָל שטיצן אַ מלחמה פון אַנגריף, ווייל איך גלויב, אַז דאָס איז מאָרד. אָבער ווען אַ גנב ברעכט זיך אַריין אין מיין הויז, פאַרברענט און פאַרניכטעט מיין אייגנטום, דערמאָרדעט, אָדער דראָעט צו דערמאָרדן מיך אָדער די, וואָס זיינען ביי מיר — דאַרף איך עס דערלאָזן? וואָס פאַר אַ אונטערשייד איז עס פאַר מיר צי דער דאָזיקער אָנגרייפער איז אַ קעניג, אָדער אַ פּראָסטער מענטש, צי ער טוט עס ווי אַן איינצעלנער פאַרברעכער, אָדער אַן אַרמיי טוט דאָס?״.. ער האָט גערופן צום קאַמף און פאַרדאַמט די שרעקעוודיקע און פאַררעטער: „דאָס בלוט פון זייערע קינדער וועט פאַרשילטן זייער פּחדנישע האַנדלונג פון צוריקציען זיך, ווען אַ קלייניקייט האָט געקאָנט ראַטעווען דאָס גאַנצע״.

אויף פון דעם דאָזיקן פּאַמפלעט זיינען געדרוקטע קאָפּיעס פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער אַרמיי און דער באַפעלקערונג. דאָס האָט אַריינגע־בראַכט נייע באַגייסטערונג, מיט וועלכער וואַשינגטאָן האָט פאַרגעזעצט די מלחמה ביז צום זיג.

נאָך דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז פּעין געפאָרן קיין ענגלאַנד, וואו ער האָט פאַרגעזעצט זיין קאַמף פאַר פרייהייט. דאָ האָט פּעין אָנגע־שריבן זיין ביכל „דהי ראַיטס אָוו מען״ (דאָס רעכט פון מענטשן), וואָס האָט פּאָפּולער געמאַכט זיינע אידייען וועגן אַ פרייער רעפּובליקאַנער רעגירונג.

די ענגלישע רעגירונג איז געוואָרן אַלאַרמירט און פּעין איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין מלוכה־פאַרראַט. אָבער איידער זיין פּראָצעס איז פאָרגעקומען, האָבן פראַנצויזישע מאַסן אים דערוויילט צו דער „גרינדונגס־קאָנווענשאָן״ פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז ניט געווען קיין פראַנצויז. ער איז אין פראַנקרייך אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד.

אין פראַנקרייך זיינען דאַן געווען שטורעמדיקע צייטן. לואיס דער 16טער איז הינגעריכטעט געוואָרן אויף דער גילאָטינע. פּעין האָט געשטימט קעגן דער הינריכטונג, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז די הינריכטונג וועט געבן ענגלאַנד אַן אויסרייד פאַר קריג קעגן פראַנקרייך. די ראָבעספּיער־רעגירונג האָט פּעינען פאַרדעכטיקט, אַז ער געהערט צו די געגנער פון דער רעגירונג און ער איז אַרעסטירט געוואָרן. אַ באַפעל איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן

אים צו היגריכטן. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט פון אַנהויב גאַרניט גע־טאָן צו ראַטעווען איינעם פון אירע בעסטע פּאַטריאָטן. גאָווערניר מאָריס, וועלכער איז דאַן געווען דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך, איז אַליין געווען אַן אַנהענגער פון די פראַנצויזישע ראָיאַליסטן אין פראַנקרייך. ער האָט אויך פאַר אַמעריקע געפריידיקט, אַז מען זאָל דערוויילן אַ קעניג און אַ סענאַט אויפן גאַנצן לעבן. ער האָט איגנאָרירט פּעינס אַפּיל צו אים פון טורמע און אפילו געגעבן אַנצוהערעניש, אַז אַמעריקע וואָלט געווען צו־פרידן פּטור צו ווערן פון דעם ראַדיקאַל. ערשט נאָכדעם, ווי דזשעימס מאַנראָ (שפּעטערדיקער פּרעזידענט), אַ דזשעפערסאָנישער דעמאָקראַט, האָט פאַר־ביטן מאָריסן אַלס אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך, איז פּעין באַפרייט געוואָרן דורך זיין אַריינמישונג.

טאָם פּעינען איז אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף אויך קעגן דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. ער האָט אויך קריטיקירט זיינע האַנדלונגען אין אַמט.

ווען טאָמאַס דזשעפערסאָן איז דערוויילט געוואָרן פּרעזידענט, האָט ער איינגעלאַדן טאָם פּעין צו קומען קיין אַמעריקע. די רעאַקציאָנערן האָבן דעמאָלט אָנגעפירט אַ קאַמפּאַניע קעגן דזשעפערסאָנען, אַטאַקירנדיק אים פאַר זיין פריינטשאַפט צו דעם „געפערלעכן אפיקורס". אָבער דזשעפערסאָן האָט געזען אין פּעינען דעם אמתן פרייהייטס־קעמפער, און אָקטאָבער 1802 איז פּעין צוריקגעקומען קיין אַמעריקע.

די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט פּעין פאַרבראַכט אין איינזאַמקייט אין ניו־ראָשעל, ניו־יאָרק, און דעם 8טן יוני, 1809, איז ער געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

די רעליגיעזע געמיינדעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו געבן אַ באַער־דיקונג־פּלאַץ. פּעינס אַ פריינט האָט זיין קערפּער גענומען קיין ניו־ראָשעל אויף אַ פאַרם, וואו ער איז באַערדיקט געוואָרן.

פּעין איז אויך געווען איינער פון די ערשטע אין אַמעריקע אויפצו־הויבן די פראַגע פון קאַמף קעגן נעגער־שקלאַפעריי. זיין מאָטאָ איז געווען: „די וועלט איז מיין לאַנד, צו טאָן גוטס איז מיין רעליגיע".

די רעאַקציאָנערן אין אַמעריקע ווילן ניט דערמאָנען טאָם פּעין צום גוטן. פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט האָט אים אָנגערופן: „דער קליינער שמוציקער אפיקורס". אָבער ביי די מערסטע אַמעריקאַנער איז טאָם פּעין באַליבט און איז אָנערקענט, ווי איינער פון די הויפּט־גרינדער פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק. צו זיין 200־יאָריקן געבורטסטאָג האָט מען אין פראַנקרייך געשטעלט אַ מאָנומענט נאָך אים און דער אַמעריקאַנער אַמבאַ־סאַדאָר, בוליט, האָט זיך באַטייליקט אין דער צערעמאָניע.

נעיטען העיל — אַמעריקאַנער פּאַטריאָט

„עס פאַרדריסט מיך נאָר, וואָס איך האָב ניט מער, ווי איין לעבן אָפּ־צוגעבן פאַר מיין לאַנד".

דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט פון 1776, נעיטען העיל, איידער ער איז הינגעריכטעט געוואָרן פאַר זיין געטריישאַפט צו דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. די ווערטער זיי־נען אויסגעקריצט אויף דעם דענקמאָל פון דעם גרויסן מאַרטירער, וואָס שטייט אינעם סיטי האָל פּאַרק אין ניו־יאָרק.

די לעבנס־געשיכטע פון נעיטען העיל לייענט זיך מיט אמתער שפּאַ־נונג. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 6טן יוני 1755, אין דעם שטעטל קאָ־ווענטערי, קאָנעקטיקוט. זיינע אורעלטערן זיינען געווען פון די ערשטע איינגעוואַנדערטע אין מאַסאַטשוסעטס. זיינע עלטערן האָבן פון דעם יונגן נעי־טענען געוואָלט מאַכן אַ גלח, אָבער נעיטען האָט צו דעם קיין חשק ניט גע־האַט. אין יעיל אוניווערסיטעט, פון וואַנען ער האָט גראַדואירט מיט אויס־צייכענונגען, איז ער געווען זייער באַליבט פאַר זיין פריינטלעכער באַציאונג צו די סטודענטן און פאַר זיינע אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן אַלס רעדנער, דעבאַטירער און אַטלעט.

ער איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין זיין שיינער שטיף־שוועסטער עליס עדעמס, און זי האָט אים אויך געליבט. אָבער זיין פאָטער איז געווען קעגן דעם, אַז נעיטען זאָל היראַטן איידער ער איז כאָטש עטלעכע יאָר גלח. עליס האָט זיך ניט געקאָנט שטעלן קעגן איר שטיפפאָטער. זי האָט אויפגעגעבן נעיטענען און געהייראַט אַ מאַן, וועמען זי האָט ניט געליבט.

אַנשטאָט צו ווערן אַ גלח, האָט נעיטען אָנגענומען אַ שטעלע אַלס לע־רער אין דעם שטעטל איסט העדאַלעס, קאָנעטיקוט, און שפּעטער אין אַ העכערער שול, אין ניו לאָנדאָן, קאָנעטיקוט.

דערווייל איז ביי עליסן געשטאָרבן דער מאַן, צו וועמען זי איז געווען ערשט אַ יאָר פאַרהייראַט, און זי איז איבערגעבליבן מיט אַ קינד.

עליס האָט געוומען זיך דורכשרייבן מיט נעיטענען, וועמען זי האָט ניט אויפגעהערט ליב צו האָבן.

נעיטען האָט עליסן פונקט אַזוי ליב געהאַט. אָבער ער האָט מקריב

געווען זיין ליבע און זיין קאַריערע צוליב דער רעוואָלוציע.

אין אַ טאָג אין אַפּריל, 1775, האָט נעיטען העיל באַמערקט אַן עולם אַרום דער סטאַטוע פון קעניג דזשאָרדזש אין ניו לאָנדאָן. אַ מאַן אויף אַ רייט־פערד האָט עפּעס גערעדט צו דעם עולם.

ווען העיל האָט געפרעגט איינעם פון עולם, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט אים יענער דערקלערט: „איר ווייסט גאָרניט? ער איז דאָך אַ ספּעציעלער שליח פון לעקסינגטאָן, מאַסאַטשוזעטס, וואו דעם קעניגס אַרמיי איז באַפאַלן אונדזערע ברידער און זיי געוואָלט צעשניידן אין שטיקער".

אַ מיטינג איז באַלד גערופן געוואָרן אויף דעם זעלבן אָוונט אין אַ קרעטשמע, צו באַטראַכטן פּלענער ווי צו העלפן די רעוואָלוציאָנערן אין מאַסאַטשוזעטס.

העיל איז געקומען צום מיטינג. ער האָט גענומען אַ וואָרט און אין אַליידנשאַפטלעכער רעדע, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע פאַרזאַמלונג, גערופן זיך אַנצושליסן אין דער אַרמיי צו העלפן די רעוואָלוציאָנערן.

„לאָמיר ניט אָפּלייגן אונדזער געווער, ביז מיר וועלן זיך דערשלאָגן אומאָפּהענגיקייט", האָט העיל אויסגערופן.

דאָס וואָרט „אומאָפּהענגיקייט" איז דעמאָלט נאָך געווען ניי אַפילו פאַר רעוואָלוציאָנערן. העיל האָט מיט דעם דאָזיקן וואָרט אַריינגעיאָגט אַ שטראָם פון באַגייסטערונג צווישן די מאַסן.

דעם 7טן יולי 1775 האָט נעיטען העיל רעזיגנירט אַלס לערער און זיך אַנגעשלאָסן אָן דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער יונגער נעיטען איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאַפּיטאַן פון אַן אַרמיי־אָפּטיילונג און ער האָט אַרויסגעוויזן גוטע מיליטערישע פעיאיקייטן.

אין סעפּטעמבער, 1776, האָט העיל דורכגעפירט אַ געוואָגט שטיקל אַרבעט אין ניו־יאָרק, וואָס האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג פון אַלעמען.

ער, צוזאַמען מיט נאָך איינעם, האָבן זיך ביינאַכט אַריינגעגנבעט צווישן די ענגלענדער, און פון אונטער זייערע הענט אַוועקגענומען אַ שיף מיט פּראָוויאַנט, וואָס איז געווען אַנגעגרייט פאַר די ענגלענדער, און עס אַוועקגעפירט צו דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

ווען די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי האָט זיך געמוזט צוריקציען פון לאָנג איילאַנד, איז פאַר איר געווען זייער וויכטיק צו דערוויסן זיך די פּלענער פון שונא. דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט זיך געווענדט צו די אָפיצערן נאָך אַ וואָלונטיר, וועלכער זאָל קענען אויסשפּירן וואָס עס טוט זיך אין שונאס לאַגער. עס איז געווען אַ ריזיקאַלישע אַרבעט, און דער 21־יאָריקער קאַפּיטאַן העיל האָט מיט צופרידנקייט זיך אַנגעבאָטן. זיינע פריינט האָבן אים

אָפּגערעדט פון דעם, אָבער ער האָט זיי ניט געפֿאָלגט. פֿאַרשטעלט אַלס אַ האָלענדישער לערער, האָט ער זיך אַריינגעשמוגלט צווישן די ענגלענדער, וואו זיין הומאָר און אָנגענעמע פערזענלעכקייט האָבן אים באַלד געוואונען אַ סך באַקאַנטשאַפט און צוטרויען. באַרימערישע סאָלדאַטן האָבן דערציילט העילן, ווי אַזוי זיי פּלאַנעווען צו פֿאַרניכטן די יענקיס, און העיל האָט אָנגעזאַמלט אַ סך אינפֿאָרמאַציע, האָט פֿאַרצייכנט אין לאַטיינישער שפּראַך, און עס באַהאַלטן אין זיינע שיך.

סוף סעפּטעמבער, 1776, האָט העיל, אַן אָנגעלאָדענער מיט אַ פּאַק אינפֿאָרמאַציע, זיך אַוועקגעלאָזט צוריק צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. ער איז אַריין אין אַ קרעטשמע און דאָרט האָט זיך געפֿונען אַ מסור, וועלכער האָט העילן אַרויסגעגעבן צו די ענגלענדער. מען האָט אים אַרעסטירט, באַזוכט און געפֿונען ביי אים די לאַנד־קאַרטעס און אינפֿאָרמאַציע, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבן לטובת די רעוואָלוציאָנערן.

מען האָט אים געבראַכט צו גענעראַל האָו אין ניו־יאָרק.

די ענגלישע באַאַמטע האָבן העילן געוואָלט מוחל זיין און אים לאָזן לעבן, אויב ער וועט זיך אָנשליסן אין זייער אַרמיי. אָבער העיל האָט בשום אופן ניט געוואָלט הערן פון אויסקויפן זיין לעבן דורך פֿאַרראַטן זיין אידעאַל.

מען האָט אים פֿאַרמשפּט צום טויט אָן אַ פּראָצעס, און דעם 22טן סעפּטעמבער 1776 איז נעיטען העיל, דער גרויסער אַמעריקאַנער העלד, היגגעריכטעט געוואָרן. ער איז אַלט געווען בלויז 21 יאָר.

ווען די הענקער האָבן אים געפֿרעגט, איידער זיי האָבן פֿאַרצויגן די שטריק אַרום זיין האַלדז, אויב ער האָט עפּעס צו זאָגן, האָט ער מיט שטאָלץ געזאָגט די היסטאָרישע ווערטער, וואָס זיינען געבליבן אין דער געשיכטע אַלס דער קרעפּטיקסטער אויסדרוק פון פּאַטריאָטיזם: „מיך פֿאַרדריסט בלויז, וואָס איך פֿאַרמאָג ניט מער ווי איין לעבן אָפּצוגעבן פֿאַר מיין לאַנד“.

די נעיטען העילס זיינען געווען די מענטשן, וועלכע האָבן געלייגט דעם פֿונדאַמענט פון אונדזער אַמעריקאַנער פֿרייהייט, און זי באַפֿעסטיקט מיט זייערע לעבנס.

פראַנסיס סאַלוואַדאָר
דער יידישער פּאָול רעוויר

פאַר יידן איז באַזונדערס אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט דער געשיכטע פון אַ גרויסן יידישן העלד פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן אויפן שלאַכטפעלד, דער ערשטער ייד צו פאַלן אין קאַמף פאַר אַמעריקאַנער פרייהייט אין 1776, זיין נאָמען איז געווען פראַנסיס סאַלוואַדאָר.

די געשיכטע־ביכער פון דעם סטעיט סאוט־קאַראָליינאַ, וואו סאַלוואַ־דאָר האָט געלעבט און געקעמפט, גיבן איבער מערקווירדיקע פאַקטן פון דעם שטורמישן לעבן און העלדישן טויט פון דעם גרויסן יידיש־אַמעריקאַ־נער פּאַטריאָט.

ווי פּאָול רעוויר איז אין מיטן נאַכט געריטן אויף אַ פערד איבער די פאַרמס פון לעקסינגטאָן און קאָנקאָרד, מאַסאַטשוזעטס און מאָביליזירט די באַפעלקערונג צו באַגעגענען די אָנקומענדיקע ענגלישע אַרמיי, אַזוי איז אויך סאַלוואַדאָר געפלויגן רייטנדיק אין סאוט קאַראָליניא, און מאָביליזירט די פּאַטריאָטן צום קאַמף, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַן אינדיאַנער שבט צוזאַמען מיט ענגלענדער מאַכן אַ שחיטה אויף קאָלאָניסטן ביי דער גרענעץ פון סאוט קאַראָלאינאַ.

פראַנסיס סאַלוואַדאָר איז געקומען קיין סאוט קאַראָלאינא פון ענגלאַנד אין יאָר 1773. זיין אמתער נאָמען איז געווען ישורון ראָדריגעז. ער האָט געשטאַמט פון אַ רייכער משפּחה פּאָרטוגעזישע און האָלענדישע יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ענגלאַנד. ווען פראַנסיס איז געווען צוויי יאָר אַלט איז זיין פאָטער געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו קריגן אַ גוטע דערציאונג און העכערע בילדונג.

ווען פראַנסיס איז געוואָרן עלטער, האָט ער געמאַכט אַ סך רייזעס איבער דער וועלט און אָנגעזאַמלט אַ סך דערפאַרונג אין פּאָליטיק. ער האָט זיך אויך דערוואָרבן רייכטום דורך זיין הייראַט. אָבער ער האָט פאַרלאָרן דעם גרעסטן טייל פון זיין פאַרמעגן דורך ספּעקולאַציעס און פון אַן ערד־ציי־טערניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין ליסבאָן, וואו ער האָט פאַרמאָגט אייגנ־

טום. דאָס האָט אים געצוואונגען אויסצואוואַנדערן קיין אַמעריקע.

אין סאַוט קאַראָלײַנאַ האָט סאַלוואַדאָר זיך באַשעפטיקט מיט קויפן און פאַרקויפן לאַנד, צוליב זיין הויכער בילדונג און דערפאַרונג ווערט ער באַלד באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט.

די באַציאונגען צווישן די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס און ענגלאַנד זיינען שוין דאַן געווען שטאַרק אָנגעשטרענגט. סאַלוואַדאָר האָט זיך באַלד פאַר־בונדן מיט די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון סאַוט קאַראָלײַנאַ, און מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג קעגן ענגלאַנד.

ער איז באַלד אָנערקענט געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט פון סאַוט קאַראָלײַנאַ אַלס אַ פירער און בכלל אַלס אַ פּיאָניקע פּערזענלעכקייט. ער איז דערוויילט געוואָרן פון זיין דיסטריקט אַלס דעלעגאַט צום פּראָווינציעלן קאָנגרעס פון סאַוט קאַראָלײַנאַ, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין טשאַרלסטאָן דעם 11טן יאַנואַר 1775. פון דעם דאָזיקן קאָנגרעס האָט זיך אַנטוויקלט די „דזשענעראַל אַסעמבלי" פון סאַוט קאַראָלײַנאַ.

סאַלוואַדאָר האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַסעמבלי. ער איז דאָרט געווען אַ מיטגליד פון וויכטיקע קאָמיסיעס, און אָפט איז אים אויסגעקומען צו זיין דער באַריכט־אָפּגעבער פאַר זיין קאָמיסיע אין דער אַסעמבלי. זיין נאָמען ווערט אָפט דערמאָנט אין די פאַרהאַנדלונגען פון דער „סאַוט קאַראָלײַנאַ אַסעמבלי" אין יענער צייט.

די פירער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָבן אָנערקענט סאַל־וואַדאָרן אַלס איינעם פון די בעסטע פּאַטריאָטן און אַלס אַ מענטשן, אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן. סאַלוואַדאָרס נאָמען ווערט אויך אָנגעגעבן אויף אַ דאָקומענט אַלס אַן עדות צו אַן אָפּמאַך, וואָס דער הויפּט־דיכטער פון דער סאַוט קאַראָלײַנאַ קאָלאָניע, העגרי דרעיטאָן, האָט געמאַכט מיט די טאָריס (רעאַקציאָנערן) פון יענער געגנט. דרעיטאָן האָט זיי צוגעזאָגט שוץ, אויב זיי וועלן ניט העלפן די ענגלענדער קעגן די רעוואָלוציאָנערן. סאַלוואַדאָר איז געווען אַקטיוו אין אָנפירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די טאָריס פון יענער געגנט, כדי אַריבערצוגעווינען זיי אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע.

אין סאַוט קאַראָלײַנאַ האָט זיך געפונען אַן אינדיאַנער שבט, וואָס האָט זיך גערופן „טשיראָקי". די רעוואָלוציאָנערן האָבן געזוכט אַריבערצוגע־ווינען די אינדיאַנער אויף זייער זייט. מעידזשאָר ענדריו וויליאַמסאָן האָט אין אָנהויב יוני, 1776, געשיקט שלוחים צום אינדיאַנער שבט און געבעטן די „טשיפס", אַז זיי זאָלן באַריכטן וועגן די „שלעכטע ווייסע מענטשן", וועלכע גייען אַרום צווישן זיי און פאַרשפּרייטן ליגנס וועגן די קאָלאָניסטן. דערביי האָט וויליאַמסאָן מיטגעשיקט אַ שנור פּאַטשערקעס אַלס אַ צייכן

פון פרידן.

די אינדיאַנער האָבן לכתחילה צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן זיך ניט מישן אין דעם אינערלעכן קריג צווישן די ווייסע, אָבער שפּעטער זיינען די אינדיאַנער אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אויף דער זייט פון די ענגלענדער.

ווען די אינדיאַנער האָבן זיך דערוואוסט, אַז אין טשאַרלסטאָנער האַפן זיינען אָנגעקומען ענגלישע קריג־שיפן, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט צו דער גרענעץ פון סאַוט קאַראָלאַינאַ, זיינען באַפאַלן די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן און געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה. זיי האָבן געשאָכטן מענער, פרויען און קליינע קינדער. ווייסע ענגלענדער האָבן זיך אָפּגעפאַרבט די פּנימער, זיי זאָלן אויסזען ווי אינדיאַנער, און זיך באַטייליקט אין דעם פּאָגראָם אויף די קאָלאָניסטן.

דאָס הויז פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן ראַען סמיט איז באַפאַלן געוואָרן און דער קאַפּיטאַן מיט זיין פרוי, פינף קינדער און פינף נעגערס זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן. איינער פון דער פאַמיליע האָט זיך געראַטעוועט און איז אַ פאַרוואונדעטער געקומען צו לויפן צו דער וואוינונג פון פראַנסיס סאַלוואַדאָר און אים דערציילט וועגן די שרעקלעכע שחיטות.

סאַלוואַדאָר האָט באַלד געכאַפּט אַ רייט־פערד, אַוועקגעפלויגן צו דער וואוינונג פון מעידזשאָר ענדריו וויליאַמסאָן, וועלכער האָט געוואוינט 28 מייל ווייט, און אים דערציילט פון דעם אומגליק. סאַלוואַדאָר און וויליאַמסאָן האָבן באַלד אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די סאַוט קאַראָלאַינער קאָלאָניסטן צו מאָביליזירן זיך קעגן דעם אָנפאַל. אָבער די פּאַניק איז געווען אַזוי גרויס, אַז דעם ערשטן טאָג האָבן בלויז פערציק מענטשן געענטפערט דעם רוף.

מיט אָט דער קליינער גרופּע האָט סאַלוואַדאָר מיט וויליאַמסאָנען דעם 3טן יולי 1776 אָנגעהויבן אַ מאַרש קעגן די אינדיאַנער. זיי האָבן יעדן טאָג צוגעקראָגן נאָך הילף. עס האָט גענומען זעכצן טעג, ביז זיי האָבן מאָביליזירט אַן אַרמיי פון 450 מאַן, און מיט דער דאָזיקער אַרמיי האָבן סאַלוואַדאָר און וויליאַמסאָן אָנגעהויבן אַטאַקירן דעם שונא און געוואונען דערפאָלג־רייכע רעזולטאַטן.

דאָס העלדישע לעבן פון פראַנסיס סאַלוואַדאָר איז געקומען צו אַ טראַגישן סוף אין אויגוסט, 1776. סאַלוואַדאָר און מעידזשאָר וויליאַמסאָן האָבן צוזאַמען דעם 1טן אויגוסט מאַרשירט מיט זייער אַרמיי, נישט ריכטנדיק זיך אויף אַ באַלדיקער אַטאַקע. אָבער פּלוצים האָבן די אינדיאַנער פון אַ זייטיקער באַהעלטעניש גענומען שיסן אויף די רעוואָלוציאָנערן. וויליאַמסאָנס פערד איז געפאַלן, נאָר וויליאַמסאָן איז אַרויס אומבאַשעדיקט. סאַלוואַדאָרן האָבן אָבער די אינדיאַנישע קוילן געטראָפן אין בויך און אין אַ

פוס און ער האָט זיך, אַ פאַרוואונדעטער, אַראָפּגעקייקלט אין די וואַלד־קוסטעס.

עס איז געווען צוויי אַזייגער ביינאַכט. ווילימאַסאָן האָט געכאַפּט אַ פערד פון אַ סאָלדאַט און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פינצטער זוכן זיין פאַרוואונדעטן יידישן חבר. אין דער צייט האָט אַן אינדיאַנער דעם פאַרוואונדעטן סאַלוואַדאָר אָפּגעשניטן דעם שאַרבן און אים געלאָזט אַ גוססדיקן אין די קוסטעס.

סאַלוואַדאָר האָט זיך נאָך געמאַטערט 45 מינוט נאָכדעם ווי ווילימאַסאָן האָט אים געפונען.

די הויפּט־זאַך וואָס סאַלוואַדאָר האָט געוואָלט וויסן די לעצטע מינוטן פאַר זיין טויט איז געווען, ווי עס האַלט מיט דעם קאַמף פון די אַמעריקאַנער און צי איז דער שונא באַזיגט געוואָרן. ווען זיין חבר מעידזשאָר ווילימאַסאָן האָט אים פאַרזיכערט, אַז די אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערן האָבן געוואונען די שלאַכט, האָט סאַלוואַדאָר זיך מיט אים געזעגנט און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן אויסגעהויכט זיין גרויסע נשמה.

מיט אַזאַ פלאַמיקן פּאַטריאָטיזם פאַר דער אַמעריקאַנער פרייהייט און מיט אַזאַ העלדישקייט איז געשטאָרבן דער ערשטער ייִד, וועלכער איז געפאַלן פאַר אַמעריקאַנער פרייהייט אין 1776.

וויליאַם לאָיד גערִיסאָן — באַרימטער אַבאָליציאָניסט

אײנער פון די גרויסע פרײַהייטס־קעמפער אין אַמעריקע איז געווען דער שרייבער וויליאַם לאָיד געריסאָן.

געריסאָנס נאָמען ווערט אָפטמאָל דערמאָנט אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע צוזאַמען מיטן נאָמען פון אַ צווייטן פרײַהייטס־קעמפער, זײַן מיטאַרבעטער און תּלמיד, וועגדעל פיליפּס.

וויליאַם לאָיד געריסאָן

ביידע זיינען זיי געווען פּיאָנערן פון דער אַבאָליציאָניסטן־באַוועגונג — די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט יאָרן־לאַנג אָנגעפירט מיט דער פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם פאַרברעכן פון נעגער־שקלאַפעריי.

געריסאָן איז אויך געווען אַ קעמפער קעגן מלחמה, פאַר גלייכע שטים־רעכט פאַר פרויען, פאַר פרייער פּרעסע און רעדע, און פאַר אַ צאָל אַנדערע רעפאָרמען.

געריסאָנס באַרימטע ווערטער, וואָס זיינען אויסגעקריצט אויף אַ בראָנזענעם דענקמאָל, וואָס שטייט אין באָסטאָן, קאָנען דינען, ווי אַ מאָטאָ אויך איצט פאַר אַלע קרבנות פון די מכשפה־געיעגן: „איך בין גאַנץ ערנסט, איך וועל נישט זיין צווייִדייטיק. איך וועל ניט אַנטשולדיקן זיך, איך וועל זיך ניט צוריקציען, און איך וועל געהערט ווערן“.

וו. ל. געריסאָן איז געבוירן געוואָרן אין 1805 אין דעם קליינעם שטעטל ניובעריפּאָרט, מאַסאַטשוזעטס, ביי זייער אָרעמע עלטערן. דער פאָטער, אַ שיף־קאַפּיטאַן, אַ שיכור, האָט איבערגעלאָזט וויליאַמס מוטער מיט דריי קינדער, ווען וויליאַם, דער יינגסטער, איז קוים אַלט געווען דריי יאָר.

די הילפלאָזע מוטער איז געווען געצוואונגען אָוועקצוגעבן וויליאַמען מיט נאָך אַ קינד צו אַנדערע, און אַליין איז זי אַוועק מיט אַן עלטערן קינד אין אַן אַנדער שטאָט צו זוכן אַרבעט.

ווען וויליאַם איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט אים די מוטער געשיקט לערנען זיך פאַר אַ שוסטער און שפּעטער פאַר אַ סטאָליער. אין עלטער פון דרייצן יאָר האָט ער אָנגעהויבן זיך לערנען אַלס דרוקער־אַרבעטער אין דער צייטונג „ניו־בריפּאָרט העראַלד". דאָס איז אים געווען מער צום האַרצן.

אין דער דרוקעריי האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו לייענען און לערנען. צו 16 יאָר האָט ער שוין אַליין אָנגעהויבן שרייבן אַרטיקלען אין דער צייטונג, ניט אונטערשרייבנדיק זיין נאָמען. די אַרטיקלען האָבן צוגעצויגן אויפמערקזאַמקייט. גאַריסאָן האָט גענומען זיך אינטערעסירן מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן: ער האָט אָרגאַניזירט אַ קלוב צו דעבאַטירן וויכטיקע פראַגן, און דאָרט זיך אויסגעצייכנט אַלס רעדנער.

צו 20 יאָר הויבט ער אָן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג — „דהי פרי פרעס", אַן אומאָפּהענגיקער אָרגאַן פאַר פרייע דיסקוסיעס, וואו דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער ניו־ענגלאַנדער דיכטער דזשאָן גרינליף וויטיער האָט געדרוקט זיינע ערשטע לידער.

ווען „דהי פרי פרעס" איז נאָך אַ קורצער צייט אונטערגעגאַנגען, איז גאַריסאָן אַוועק קיין באָסטאָן, וואו ער איז אָנגעקומען אַרבעטן אַלס אַ דרוקער אין אַ צייטונג, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן קאַמף קעגן שיכרות: „דהי נעשאָנאַל פילאַנטראָפּיסט". שפּעטער איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטונג.

וועגן די איבלען פון נעגער־שקלאַפעריי האָט גאַריסאָן זיך דערוואוסט ערשט ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט איינעם בענדזשאַמין לאַנדי, אַ קוועיקער, וועלכער איז געקומען פון די דרום־שטאַטן קיין באָסטאָן. לאַנדי האָט פאַררופן אַ מיטינג און איבערגעגעבן וועגן דעם שרעקלעכן פאַרברעכן, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן די נעגערס אין די דרום־שטאַטן. ער האָט גערופן צו אָרגאַניזירן אַן אַנטי־שקלאַפעריי געזעלשאַפט.

גאַריסאָן האָט זיך דעמאָלט געשטעלט דריי הויפּט־צילן אין זיין אַרבעט: קאַמף קעגן שיכרות, קעגן מלחמה און פאַר דער אָפּשאַפונג פון נעגער־שקלאַפעריי.

באַלטימאָר איז געווען איינער פון די הויפּט־צענטערס פון שקלאַפןהאַנדל. לאַנדי האָט איינגעלאַדן גאַריסאָנען צו ווערן דער רעדאַקטאָר און שותף פון זיין אַנטי־שקלאַפעריי זשורנאַל, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין באַלטימאָר — „דהי דזשיניוס אָוו יוניווערסאַל עמאַנסיפּעישאָן". דאָ איז גאַריסאָן אַרויסגעקומען מיט אַ שאַרפער פאַרדאַמונג קעגן אַ ניובריפּאָרטער

געשעפטסמאַן, וואָס האָט געגעבן זיינע שיפן צו טראַנספּאָרטירן שקלאַפן. גערריסאָן איז דערפאַר אָנגעקלאָגט געוואָרן און פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ שטראָף פון 50 דאָלאַר און געריכט־הוצאות. ניט פאַרמאָגנדיק קיין געלט, איז גערריסאָן אָפּגעזעסן זיבן וואָכן אין תּפיסה, ביז עמיצער האָט פאַר אים באַצאָלט די שטראָף.

אין יאַנואַר, 1831, האָט גערריסאָן, צוזאַמען מיט אַ שותּף, אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם באַרימטן זשורנאַל „דהי ליבערעיטאָר", געווידמעט דעם קאַמף קעגן נעגער־שקלאַפעריי. די צייטונג, אין וועלכער ס'איז שפּעטער געווען געדרוקט פּרעזידענט לינקאָלנס פּראָקלאַמאַציע וועגן נעגער־באַפרייאונג, האָט אָנגעהאַלטן ביז 1865.

די צייטונג מיט איר רעדאַקטאָר האָבן געהאַט אויסצושטייך גרויסע צרות פון די קעגנער. די רעדאַקציע פלעגט קריגן בריוו מיט סטראַשונקעס, אַז מען וועט צעשמעטערן די צייטונג און דערמאָרדן דעם רעדאַקטאָר, אויב ער וועט ניט אויפהערן דרוקן זיינע אַנטי־שקלאַפעריי אַרטיקלען. די אַסעמבלי פון דזשאָרדזשיא האָט פאַרעפנטלעכט אַן אָנבאָט פון 5 טויזנט דאָלאַר צו דעם, וועלכער וועט ברענגען גערריסאָנען קיין דזשאָרדזשיא, מען זאָל אים דאָרט משפּטן.

קיין געלט איז אויך ניט געווען. דעם רעדאַקטאָר איז אויסגעקומען די ערשטע צייט צו שלאָפן אין דער רעדאַקציע, און לעבן אויף „ברויט מיט וואַסער". דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן גערריסאָנען צו זיין איינער פון די הויפּט־גרינדער פון דער אַנטי־שקלאַפעריי געזעלשאַפט אין ניו־ענגלאַנד (אין 1832) און פון אַ נאַציאָנאַלער „סאָסאַיעטי" קעגן שקלאַפעריי.

זייערע מיטינגען זיינען אָפט אָפּגעבראָכן געוואָרן. אַ גרויסער זאַל אין פילאַדעלפיע, וואו גערריסאָן האָט געדאַרפט אויפטרעטן אַלס רעדנער, איז אונטערגעצונדן געוואָרן דורך אויפגעהעצטע ראַסיסטישע עלעמענטן.

אַ גרויסער „ראַיאָט" פון די פּראָ־שקלאַפעריי עלעמענטן איז פאָרגעקומען אין באָסטאָן. גערריסאָן איז דאַן געווען דער הויפּט־קרבן פון די כוליגאַנישע אָנפאַלן. די באָסטאָנער אַנטי־שקלאַפעריי „סאָסאַיעטי" פון פרויען האָט יענעם טאָג איינגעאָרדנט אַ פאַרזאַמלונג אין די קלוב־צימערן, 46 וואַשינגטאָן סטריט. די פּראָ־שקלאַפעריי צייטונגען האָבן אָנגעפירט אַ העץ־קאַמפּאַניע קעגן דעם מיטינג, און געדראָעט, אַז דער רעדנער, אַ גאַסט פון ענגלאַנד, דזשאָרדזש טאָמפּסאָן, וועט געלינטשט ווערן. טאָמפּסאָן איז ניט געקומען צום מיטינג; אָנשטאָט אים איז געקומען גערריסאָן. אונטערגעהעצטע באַפּטעס פון עטלעכע הונדערט מענטשן זיינען באַפאַלן דעם זאַל, אַרויסגעשלעפּט גערריסאָנען אין גאַס, צעריסן אויף אים די קליידער, אים געבונדן און געשלעפּט איבער דער גאַס. אייניקע כוליגאַנעס האָבן געשריען מען

זאל אים שלעפן צום טייך און דערטרינקען אים. אנדערע האבן פארלאנגט מען זאל אים אויסשמירן מיט פעך און פעדערן. דער מעיאר און די פא־ ליציי האבן זיך אריינגעמישט און אים ארעסטירט. דאס האט אים גערא־ טעוועט פון א לינטשעריי. ער האט איבערגענבכטיקט אין טורמע, און אויף מארגן איז ער געבראכט געווארן אין געריכט אויף דער קלאגע פון „שטערן די רו". ער איז באפרייט געווארן, נאר מען האט אים דערביי געראטן צו פארלאזן די שטאט אויף א קורצער צייט. א שעריף האט אים באגלייט צו א באן־סטאנציע אין א דערבייאיקן שטעטל. אבער אין צוויי וואכן ארום איז ער צוריקגעקומען און האט פארגעזעצט זיין קאמף קעגן שקלאפעריי.

דער סקאנדאליעזער „ראיאט" קעגן געריסאן האט ארויסגערופן פרא־ טעסטן קעגן די ראסיסטן. דער „ליבערעיטאר" האט צוגעקראגן צירקולא־ ציע; נייע רעקרוטן פאר דער אנטי־שקלאפעריי „סאסאיעטי" זיינען צוגע־ קומען, צווישן זיי — דער שפעטער בארימטער פרייהייטס־קעמפער און געריסאנס מיטארבעטער וואנדעל פיליפס.

געריסאן האט דערלעבט די אפשאפונג פון נעגער־שקלאפעריי. נאך דעם בירגער־קריג איז ער אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד אויף זיצונגען אין קאנגרעס און סענאט, ווי אויך אויף פארזאמלונגען אין פארשיידענע שטעט אין אמעריקע און אין אויסלאנד. ער האט שפעטער אנטיילגענומען אין דעם קאמף פאר שטים־רעכט פאר פרויען, און בכלל פאר סאציאלע רעפארמען.

געריסאן איז אויך געווען א קעמפער פאר שלום. ער האט דערקלערט: „די ליכטיקסטע שטריכן אין דעם אמעריקאנער כאראקטער וועלן קריגן זייער גלאנץ ניט פון די לארבער־קראנצן, וואס מען וועט אויפקלייבן אויף די פעל־ דער פון בלוט, און ניט פון דער גרויסקייט פון אונדזער ים־פלאט און דעם דערפאלג פון אונדזער ארמיי — נאר פון אונדזער אנשטרענגונג אפצושאפן מלחמה אויף דער וועלט". און זיין גלויבן אין דער גלייכהייט פון אלע ראסן האט ער אויסגעדריקט אין די ווערטער: „מיין ברודער איז דער מענטש, ניט דערפאר וואס ער איז אן אמעריקאנער, אן אנגלא־זאקס, ווייס אדער שווארץ, נאר ווייל ער איז א מענטש".

ער איז געשטארבן דעם 24טן מאי 1879, באליבט און געשעצט דורך גרויסע מאסן. נאך זיין טויט איז אויף דער שענסטער גאס אין באסטאן, קאמאנוועלט עוועניו, אויפגעשטעלט געווארן א בראנזענער דענקמאל נאך אים. זיין לאזונג: „די וועלט איז מיין לאנד, מיינע לאנדסלייט — די גאנצע מענטשהייט" איז אויסגעקריצט אויף דעם דענקמאל.

װענדעל פיליפּס

(1884-1811)

דעם 29טן נאָװעמבער 1811 איז געבוירן געװאָרן אַ מענטש, װעלכער האָט געשפּילט אַ גרױסע ראָל אין דער געשיכטע פון דעם קאַמף קעגן נעגער־שקלאַפעריי אין אַמעריקע. ער איז געװען איינער פון די הערלעכסטע פּערזענלעכקייטן אין דעם צעטל פון אַמעריקעס גרױסע קעמפער פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע. זיין נאָמען איז געװען װענדעל פיליפּס.



אין דעם באָסטאָנער שטאָטישן פּאַרק „פּאַבליק גאַרדן" שטייט אַ סטאַטוע פון דעם גרױסן אַמעריקאַנער. די באָסטאָנער זיינען איצט שטאָלץ מיט דעם באַרימטן זון פון זייער שטאָט. פאַרן פּראָגרעסיװן און רעװאָלוציאָנערן טייל פונעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס איז פיליפּסעס נאָמען צװיי מאָל טייער, װייל פיליפּס האָט זיך ניט באַנוגנט מיט זיין קאַמף קעגן נעגער־שקלאַפעריי, נאָר האָט אויך געקעמפט קעגן דער לוין־סיסטעם און דער עקספּלואַטאַציע פון גרױס־קאַפּיטאַל. און נאָך דעם בירגער־קריג, װען נעגער־שקלאַפעריי איז אָפּגעשאַפט געװאָרן, האָט פיליפּס אָפּגעגעבן זיין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

אין 1870 איז פיליפּס געװען דער קאַנדידאַט פון דער „לעיבאָר פּאַרטי" פאַר גאָװערנאָר פון מאַסאַטשוזעטס. זיין לאָזונג איז געװען: „די אַרבעטער, די באַשאַפער פון רייכטום, זיינען באַרעכטיקט צו אַלץ, װאָס זיי באַשאַפן".

װענדעל פיליפּס איז געװען אַ זון פון אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע אין באָסטאָן. ער האָט געקראָגן אַ גוטע דערציאונג און זיך אויסגעצייכנט אַלס סטודענט אין האַרװאַרד אוניװערזיטעט, װוּ ער האָט שטודירט אויף אַדװאָקאַט. צו 23 יאָר איז ער שוין געװען אַ לאָיער מיט אַן אָפיס אויף

ביקאָן היל, די אַריסטאָקראַטישע געגנט פון באָסטאָן.

באָסטאָן האָט שטאָלצירט מיט דעם יונגן פּיאיקן לאַיער. ער איז גע־וועזן שיין אין אויסזען, פריינטלעך אין כאַראַקטער און פּאָפּולער אין אַלע אַריסטאָקראַטישע קלובן. אָבער קוים אַ יאָר שפּעטער האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דעם יונגן לאַיערס לעבן, און דער ליבלינג פון דער באָסטאָנער רייכער געזעלשאַפט איז געוואָרן ביי די פאַרמעגלעכע לייט דער סאַמע פאַרהאַסטער מענטש, „דער געפערלעכער אַגיטאַטאָר", וועמען מען האָט 20 יאָר נאָכאַנאַנד פאַרפאָלגט און אַטאַקירט.

עס איז געווען דעם 21טן אָקטאָבער 1835. פיליפּס איז געזעסן אין זיין אָפיס און מיטאַמאָל דערהערט אַ גרויסן טומל.

ער איז אַראָפּגעלאָפן אין גאַס און האָט דערזען אַ מאַסע פון פיר, ביז פינף טויזנט מענטשן, וועלכע האָבן געשטורעמט אַ געביידע אויף וואַשינגטאָן סטריט. דאָס האָבן זיי אָפּגעבראָכן דעם מיטינג פון דער פרויען־געזעל־שאַפט, קעגנער פון נעגער־שקלאַפעריי. אַרום דרייסיק פרויען זיינען דורך דער פּאָליציי אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער געביידע. זיי זיינען באַגעגנט געוואָרן פון דער מאַסע מיט אַ פייפעריי און זידל־ווערטער. איבער דער גאַס האָט מען געשלעפּט אַ מאַן אָן אַ הוט, מיט אַ שטריק אַרום קערפּער. זיינע קליידער זיינען געווען צעפליקט.

— „הרגעט אים!" — „הענגט אים!" — „לינטשט אים!" — האָט פיליפּס געהערט, ווי דער המון שרייט נאָך דעם מאַן.

— ווער איז ער? — האָט פיליפּס געפרעגט.

— דאָס איז דאָך געריסאָן, דער פאַרדאַמטער אַבאָליציאָניסט, — האָט ער געקראָגן אַן ענטפער, — מען גייט אים אויפהענגען.

פיליפּס איז ניט געווען באַקאַנט מיט וויליאַם לאָיד געריסאָנען און אויך ניט מיט דער אַבאָליציע־באַוועגונג. אָבער דער פאַקט, וואָס אַ מענטש ווערט אַזוי אומגעזעצלעך און ברוטאַל באַהאַנדלט, האָט דעם יונגן לאַיער אויפ־געערגט. ער האָט דערזען צווישן דער מאַסע דעם קוירנעל דזשאָן פּאַרק, קאָמאַנדיר פון באָסטאָנער אַרמיי־רעגימענט, פון וועלכן אויך פיליפּס איז געווען אַ מיטגליד. האָט ער זיך געווענדט צום קוירנעל:

— פאַרוואָס רופט דער מעיאָר ניט אַרויס די סאָלדאַטן אויף אָפּשטעלן דעם צעיושעטן המון? עס איז דאָך סקאַנדאַליעז!

— זעסט ניט, אַז די סאָלדאַטן זיינען אַליין אַ טייל פון דעם המון? — האָט דער קוירנעל געענטפערט...

געריסאָן איז אַוועקגענומען געוואָרן אין סיטי האָל, און אויף מאָרגן האָט פיליפּס געלייענט אין די צייטונגען, אַז געריסאָן איז גאָר פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמע, ווי אַ „שטערער פון רו און אָרדענונג"...

זינט דעמאָלט האָט פיליפס זיך גענומען נעענטער באַקאַנען מיט די קעמפער קעגן שקלאַפעריי, איז געוואָרן דער בעסטער פריינט פון גאַריסאָנען און אַ הייסער אָנהענגער פון די אַבאָליציאָניסטן.

די נייעס, אַז װענדעל פיליפס, דער ליבלינג פון דער באָסטאָנער אַריס־טאָקראַטיע, איז גאָר געוואָרן אַן אָנהענגער פון די „פאַרדאַמטע אַבאָליציאָ־ניסטן", האָט שאָקירט באָסטאָן. מען האָט צוריקגעצויגן די געשעפט־פאַר־בינדונגען מיט אים. פיליפס האָט צוגעמאַכט זיין אָפיס, אויפגעגעבן זיינע געשעפטן און דערקלערט, אַז ער האָט קיין רעכט ניט אויפצוהאַלטן די קאָנ־סטיטוציע, װען די קאָנסטיטוציע דערלויבט אַזאַ פאַרברעכן, װי מענטש־לעכע שקלאַפעריי.

***

פיליפסעס ערשטער אָפענער אַרויסטריט אַלס אַגיטאַטאָר פאַר דער אָפּ־שאַפונג פון שקלאַפעריי איז געווען אויף אַ מיטינג אין דעם באָסטאָנער היסטאָרישן פענויל האָל, דעם 8טן דעצעמבער 1837. עס איז געווען אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן דער דערמאָרדונג פון עלאַידזשאַ לאָװדזשאָי, אַ רע־דאַקטאָר פון אַ רעליגיעזער צייטונג אין אַלטאָן, אילינאָי. לאָװדזשאָי האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן, װייל ער האָט אַטאַקירט די לינטשינג פון אַ נעגער און די באַפרייאונג פון די לינטשערס.

אויף דעם מיטינג איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו פאַרדאַ־מען די מערדער פון לאָװדזשאָי. דער דעמאָלטדיקער אַטוירני דזשענעראַל פון מאַסאַטשוזעטס, דזשעימס אויסטין, האָט אין אַ דעמאַגאָגישער רעדע אויפגעפאָדערט די צוהערער נידערצושטימען די רעזאָלוציע. זיין רעדע האָט געהאַט אַ װירקונג און עס האָט אויסגעזען, אַז די רעזאָלוציע װעט דורכפאַלן.

פיליפס איז געווען אין זאַל, און כאָטש ער איז ניט געווען אויפן צעטל פון די רעדנער, איז ער אַרויפגעשפרונגען אויף דער פּלאַטפאָרמע און מיט אַ מייסטערהאַפטער רעדע צוריק אַריבערגעוואונען די מאַסע פאַר דער רעזאָלוציע.

אין 1839 װערט פיליפס דערװיילט אַלס דער גענעראַל־אַגענט פון דער „מאַסאַטשוזעטס אַנטי־שקלאַפעריי סאָסאַיעטי", פון װעלכער װיליאַם לאָיד גאַריסאָן איז געווען סעקרעטאַר. ער האָט אַרומגערייזט איבער גאַנץ אַמעריקע, געהאַלטן פייערדיקע רעדעס און צונויפגענומען די קעגנער פון שקלאַפעריי אין אָרגאַניזאַציעס. שפּעטער, אין דער צייט פון בירגער־קריג, איז ער גע־װען אַקטיװ ביים אָרגאַניזירן רעגימענטן פון נעגערס, װעלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון זייער ראַסע.

פיליפסן איז אָפט אויסגעקומען צו ליידן פאַרפאָלגונגען צוליב זיינע מיינונגען און טאַטן. אַזוי האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז אַ נעגער־שקלאַף,

אַנטאָני בוירנס, וועלכער איז אַנטלאָפן פון ריטשמאָנד, ווירדזשיניא, און זיך באַהאַלטן אין באָסטאָן, איז אַרעסטירט געוואָרן, און אַ ריכטער האָט געמשפּט, אַז מען מוז אים אומקערן צו זיין אייגנטימער. די קעגנער פון שקלאַפעריי האָבן פאַררופן אַ מיטינג. פיליפּס האָט געשטורעמט דעם מיטינג קעגן דעם דאָזיקן פאַרברעכן און געפאָדערט אַז די ריכטער זאָלן בטל מאַכן דעם אורטייל. אָבער דער פּרעזידענט פון לאַנד, פּיערס, און דער מעיאָר פון באָסטאָן האָבן מיט דער הילף פון מיליטער אַרויסגעזעצט דעם שקלאַף אויף אַ שיף, אים אָפּצושיקן קיין ווירדזשיניא. אייניקע נעגערס און ווייסע האָבן געמאַכט אַן אומגעלונגענעם פאַרזוך אים צו ראַטעווען. פיליפּס און דער גייסטלעכער טעאָדאָר פאַרקער זיינען דערפאַר אַרעסטירט געוואָרן אויף דער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג צו שטערן די געזעץ־היטער.

אַן אַנדערש מאָל, ווען פיליפּס האָט גערעדט אויף אַ מעמאָריעל־מיטינג נאָך דזשאָן בראַון, איז אַ מחנה אַריסטאָקראַטישע בויאַנעס גרייט געווען אים צו באַפאַלן, און פיליפּס׳ פריינט איז קוים געלונגען אים אַרויסצוגנבבענען דורך אַ הינטער־טיר.

***

דעם 30טן מערץ 1870 האָט פּרעזידענט גראַנט דערקלערט, אַז דער 15טער אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע, וואָס גיט שטים־רעכט יעדן בירגער, אָן אונטערשייד פון ראַסע אָדער קאָליר, איז אָנגענומען געוואָרן. די „אַנטי־שקלאַפעריי סאָסאַיעטי״ האָט געהאַלטן, אַז איר ציל איז שוין דערגרייכט און גערופן דעם 9טן אַפּריל אַ מיטינג אין ניו־יאָרק צו פייערן דעם זיג און אויפלייזן די אָרגאַניזאַציע. פיליפּס האָט דעמאָלט געקראָגן די גרעסטע אָוואַציע אין זיין לעבן. אָבער ער האָט דאָרט דערקלערט: „מיר געזעגענען זיך ניט, מיר לייגן ניט אָוועק די שווערד, נאָר מיר גייען איבער צו אַ נייעם פראָנט״.

דער נייער פראָנט, וואָס פיליפּס האָט געהאַט אין זינען איז געווען דער אַרבעטער־פראָנט. ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ „לעיבאָר פאַרטי״ און זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף צו באַשיצן די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

עס איז ניט באַוואוסט אויף וויפל פיליפּס זאָל האָבן געלערנט, אָדער איז געווען באַקאַנט מיט די אידייען פון קאַרל מאַרקס און אַנדערע סאָציאַליסטן פון זיין צייט. אָבער פון די פּאָסטולאַטן, וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגן אויף דער „לעיבאָר רעפאָרם קאָנווענשאָן״ אין וואָוסטער, מאַסאַטשוזעטס, אין יאָר 1871, איז צו זען, אַז ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון סאָציאַליזם:

„מיר ווילן פעסטשטעלן דעם פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ, אַז אַרבעטער, די באַשעפער פון רייכטום, זיינען באַרעכטיקט צו אַלץ, וואָס זיי באַשאַפן. גע־

שטיצט אויף אַט־דעם אמת, פאַרפליכטן מיר זיך דורכצופירן ראַדיקאַל אונדזער פרינציפ, ביז צום אַרונטערוואַרפן דעם גאַנצן סיסטעם פון פראַ־פיט־מאַכערײַ, אָפּשאַפן אַלע מאָנאָפּאָליעס פון פריווילעגירטע קלאַסן, איינ־פירן אַלגעמיינע דערציאונג... און דער עיקר — ענדגילטיק אָפּמעקן דעם שאַנד־פלעק אויף אונדזער, אַזוי־גערופענער קריסטלעכער ציוויליזאַציע, די אָרעמקייט פון די מאַסן... מיר דערקלערן מלחמה דעם לוין־סיסטעם, וואָס דעמאָראַליזירט דעם דינגער, ווי דעם געדונגענעם, נאַרט־אָפּ ביידן, פאַר־שקלאַפט דעם אַרבעטער און קאַרמעט־אָן קאַפּיטאַל, מאַכט די רייכע נאָך רייכער און די אָרעמע נאָך אָרעמער, און מאַכט פון אונדזער רעפּובליק אַן אַריסטאָקראַטיע פון קאַפּיטאַל".

אין אַ רעדע, געהאַלטן אין אַפּריל, 1872, האָט פיליפּס געזאָגט:

„מיך פרייט יעדער פאַרזוך פון די אַרבעטער־מאַסן צו אָרגאַניזירן זיך. מיך אַרט ניט אויף וואָס פאַר אַ באַזע זיי טוען עס. מען וואַרפט מיר אויף, אַז איך בין אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. זאָג איך: איך ווייס ניט גענוי וואָס אַן אינטערנאַציאָנאַליסט איז, אָבער ווען מען זאָגט מיר, אַז דאָס איז אַ סיס־טעם לויט וועלכן אַרבעטער פון לאָנדאָן ביזן גיבראַלטאַר, פון מאָסקווע ביז פּאַריז, קאָנען זיך ברידערלעך אויסשטרעקן די הענט, — זאָג איך: זאָל גאָט באַגליקן די, אָדער ענלעכע באַוועגונגען! און דערפאַר באַגריס איך אַרבעטער־פאַראייניקונג. מיך אַרט ניט מיט וואָס פאַר אַ נאָמען זיי רופן זיך — צי טרעיד־יוניאָן, קריספּין [אַ יוניאָן־אָרגאַניזאַציע פון יענער צייט], אינטערנאַציאָנאַל, אָדער קאָמונע. יעדער באַוועגונג, וואָס פאַראייניקט די מאַסן, כדי זיי זאָלן קענען שטעלן אַ פאַראייניקטן כוח קעגן דעם אָרגאַ־ניזירטן קאַפּיטאַל, גיב איך מיין ברכה און זאָג צו דעם אָמן".

וועגדעל פיליפּס איז געשטאָרבן דעם 2טן פעברואַר 1884. זיין קערפּער איז געבראַכט געוואָרן אין היסטאָרישן פעניול האָל, וואו גרויסע מאַסן נעַ־גערס און ווייסע זיינען געקומען אים אָפּגעבן זיין לעצטן כבוד. זיין טויט איז געערט געוואָרן פון דער אָפיציעלער שטאָט־רעגירונג, ווי אויך פון רע־גירונגס־באַאַמטע פון לאַנד.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַמעריקע פלעגן אין די פריערדיקע יאָרן אָפּט דערמאָנען זיין נאָמען. אין 1906 האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון מאַסאַטשוזעטס אָרגאַניזירט מעמאָריעל־מיטינגען אין פאַרשיידענע שטעט צו ערן דעם אָנדענק פון וועגדעל פיליפּס. דער שרייבער פון די שורות איז אָנווענזנד געווען אויף אַזאַ מעמאָריעל־מיטינג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 4טן דעצעמבער 1906, אין פעניול האָל, באָסטאָן. דער רעדנער, אַ סאָ־ציאַליסטישער פירער פון יענער צייט, פרענקלין ה. ווענטוואָרט, האָט צי־טירט פיליפּס' רעדעס וועגן אָפּשאַפן דעם לוין־סיסטעם און וועגן דער נויט־ווענדיקייט פאַר אַרבעטער צו אָרגאַניזירן אַן אייגענע פּאַרטיי.

דער מאַרטירער
עלאַידזשא פ. לאָוודזשאָי

דעם 9טן נאָוועמבער 1952 איז אין דעם שטעטל אַלטאָן, אילינאָי, אויפ־געדעקט געוואָרן אַ בראָנזענע פּלאַטע לכבוד דעם אָנדענק פון דעם מאַרטי־רער און פרייהייט־קעמפער עלאַידזשא פ. לאָוודזשאָי צו זיין 150טן געבורטס־טאָג און צום 115 יאָרצייט זינט ער איז אין דעם שטעטל דערמאָרדעט גע־וואָרן פאַר זיין מוטיקן קאַמף פאַר פרייער פּרעסע.

עלאַידזשא לאָוודזשאָי איז געווען אַ קרבן פון דעם מכשפה־געיעג און היסטעריע, וואָס האָט געהערשט קעגן די קעמפער פאַר אָפּשאַפן נעגער־שקלאַפעריי.

פאַרזאַמלונג־פּלעצער פון די אַבאָליציאָניסטן זיינען באַפאַלן געוואָרן, פריידיקער פון די אַבאָליציאָניסטן זיינען, אויסגעשמירט אין פעך און פעדערן, געטריבן געוואָרן דורך די גאַסן. אַ נייע געביידע, וואָס איז אויפגעבויט גע־וואָרן אין פילאַדעלפיע, ווי אַ צענטער פאַר „פרייהייט און ציווילע רעכט״, איז דריי טעג נאָך דער דערעפענונג אונטערגעצונדן געוואָרן פון אַ צע־יושעטן המון.

לאָוודזשאָי איז ניט געווען קיין מיטגליד פון די אַבאָליציאָניסטן. ער איז געווען אַ פרומער קריסט, אַ גייסטלעכער און האָט רעדאַקטירט אַ רע־ליגיעזע צייטונג אין סעינט לואיס, מיזורי. אין 1835 איז ער אין דער צייטונג אַרויסגעטראָטן מיט אַרטיקלען קעגן שקלאַפעריי אין נאָמען פון גערעכ־טיקייט און קריסטנטום. ווען זעכציק ווייסע „חשובע״ בירגער פון סט. לואיס האָבן געכאַפּט צוויי ווייסע מענער און זיי געגעבן 150 שמיץ אויפן הוילן לייב, ווייל זיי זיינען פאַרדעכטיקט געוואָרן, אַז זיי האָבן געפּלאַנעוועט צו באַפרייען מיט געוואַלד עטלעכע נעגער־שקלאַפן, האָט לאָוודזשאָי מיט די שטאַרקסטע ווערטער פאַרדאַמט דעם לינטש־אַקט און אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די בירגער פון סט. לואיס, וואו ער האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג פאַר פרייהייט פון געוויסן פאַר יעדן מענטשן און פאַרן רעכט צו פּריידיקן קעגן שקלאַפעריי.

אַזוי האָט ער אויך פאַרדאַמט אַ ריכטער, וועלכער האָט גערעכטפאַר־טיקט אַ לינטש־אַקט איבער אַ מולאַטאָ, אויף דער באַשולדיקונג אַז ער האָט דערמאָרדעט אַ דעפּיוטי.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע קעגנערשאַפט קעגן לאָוודזשאָיען אין

סט. לואיס. גלויבנדיק, אַז אין שכנישן איליגאַי סטעיט וועט ער האָבן מער פרייהייט, ווי אין מיזורי, האָט לאַוודזשאַי אין יולי, 1836, זיך אַריבערגעצויגן מיט זיין צייטונג „דהי אָבזירווער" אין דער שטאָט אַלטאָן, אילינאַי. אָבער באַלד, ווי עס זיינען אָנגעקומען די דרוק־מאַשינען קיין אַלטאָן זיינען זיי פון אַ צעיושעטער מאַסע אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ טייך.

פריינט האָבן צוזאַמענגעקליבן געלט און איינגעריכטעט אַן אַנדערע דרוקעריי, און לאַוודזשאַי האָט אָנגעהאַלטן די צייטונג אַ יאָר צייט, ביזן 21טן אויגוסט 1837, ווען די דרוקעריי איז ווידער באַפאַלן געוואָרן און די מאַשינען זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין מיסיסיפּי טייך. לאַוודזשאַי אַליין האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן.

אין אָקטאָבער איז לאַוודזשאַי געפאַרן באַזוכן זיין קראַנקע פרוי אין סט. לואיס. ווען כוליגאַנעס זיינען באַפאַלן דאָס הויז איז זיין פרוי געוואָרן היסטעריש און לאַוודזשאַי איז, כדי זי צו באַרואיקן, אַנטלאָפן צוריק קיין אַלטאָן.

דעם 3טן נאָוועמבער 1837 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מיטינג פון בירגער פון אַלטאָן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַטורני דזשענעראַל פון אילינאַי, וואו עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז דער רעדאַקטאָר לאַוודזשאַי זאָל פאַרלאָזן דאָס שטעטל. די רעזאָלוציע האָט כלומרשט אויך געוואָרנט די בירגער פון שטעטל קעגן באַגיין געוואַלדטאַטן אויף דעם רעדאַקטאָר. אָבער דאָס איז געווען מער אַ היפּאָקריטישער וואונק פאַר אַן אַטאַקע אויף דעם אָרנטלעכן פּריידיקער, ווי אַ וואָרענונג אים צו פאַרהיטן.

לאַוודזשאַי האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין אַלטאָן, דערקלערנדיק: „אויב די ציווילע הערשאַפט וועט זיך אָפּזאָגן מיך צו באַשיצן, וועל איך זיך נאָר פאַרלאָזן אויף גאָט. און אויב איך מוז שטאַרבן, בין איך אַנטשלאָסן, אַז מיין קבר זאָל זיין אין אַלטאָן".

ער האָט צום פערטן מאָל פּרובירט איינאָרדענען אַ דרוקעריי. דעם 6טן נאָוועמבער 1837 זיינען אָנגעקומען די דרוק־מאַשינען. ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ סקלאַד (אַ וועורהויז) און זיינע פריינט האָבן וואַלונטירט צו היטן די געביידע קעגן די כוליגאַנעס.

אויף מאָרגן האָט אַ צעיושעטע מאַסע אַטאַקירט דעם סקלאַד און געוואָלט אים אונטערצינדן. לאַוודזשאַיס פריינט האָבן די כוליגאַנעס פאַרטריבן. אָבער עטלעכע פונעם המון האָבן זיך באַהאַלטן, און ווען לאַוודזשאַי האָט נאָר איבערגעטראָטן די שוועל פון סקלאַד, איז ער געטראָפן געוואָרן מיט פינף קוילן און געפאַלן אַ טויטער.

די „גערעכטיקייט" האָט כלומרשט דורכגעפירט אַ משפט: מען האָט אַרעסטירט — די פּאַרטיידיקער פון סקלאַד אויף קלאַגעס פון מאַכן אַ ראַיאָט,

און אויך עלף פון די בוליגאַנעס, וועלכע זיינען דעם סקלאַד באַפאַלן. און — אַלע אַנגעקלאָגטע זיינען באַפרייט געוואָרן...

די דערמאָרדונג פון דעם 35־יאָריקן רעדאַקטאָר אין אַלטאָן, אילינאָי, האָט אויפגעשטורעמט דאָס לאַנד. אין באָסטאָן איז אין פעניועל האָל אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אַ גרויסער פּראָטעסט־מיטינג, ביי וועלכן דער באַרימטער פרייהייטס־קעמפער ווענדעל פיליפּס האָט געהאַלטן זיין היסטאָרישע רעדע וועגן דער דערמאָרדונג פון לאַוודזשאָין.

פרעדעריק דאָוגלאַס

(1895-1817)

פרעדריק דאָוגלאַס, אַבאָליציאָניסט, אָראַטאָר און זשורנאַליסט, איז געווען איינער פון די גרויסע פרייהייטס-קעמפער אין אַמעריקע. אַליין אַ געוועזענער שקלאַף, האָט ער דערוואַרבן בילדונג און געוואָרן אַן איבערגעגעבענער קעמפער צו באַפרייען זיין נעגער-פאָלק פון שקלאַפעריי. ער האָט זיך אָנגעליטן גענוג צרות אין זיין לעבן. ער האָט אָבער דערלעבט צו זען זיינע הויפּט-שטרעבונגען צו ווערן פאַרווירקלעכט און אויף דער עלטער ווערן געשעצט פאַר זיין אומדערמידלעכן קאַמף פאַר פרייהייט.



פרעדריק דאָוגלאַס, אָדער ווי זיין אמתער נאָמען איז געווען פרעדריק אויגוסט וואַשינגטאָן בעיילי, איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל טוהאַהאַ, מערילאַנד. ער איז געווען דער זון פון אַ ווייסן פאָטער, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט געזען, און פון אַ מוטער, אַ נעגער-שקלאַפין, וועלכע ער האָט זעלטן געזען, ווייל זי האָט געשקלאַפט 12 מייל ווייט פון שטעטל. אויף פרעדריקן האָבן אירע עלטערן אויפגעפּאַסט.

די מוטער איז אים אָפּגעשטאָרבן, ווען ער איז אַלט געווען זיבן יאָר. דער באַלעבאָס, קאַפּיטאַן אַנטאָני, צו וועמען ער האָט געהערט, איז געווען דער פאַרוואַלטער פון אַ גרויסן פאַרם. דאָ האָט פרעדריק דריי יאָר צייט געליטן אַזוי פיל הונגער, אַז אים איז אויסגעקומען צו קאָנקורירן מיט דעם באַלעבאָס' הינט — ווער וועט פריער אויסכאַפּן דאָס ביסל עסנוואַרג, וואָס די דינסט פלעגט זיי צואוואַרפן.

דאָוגלאַס באַשרייבט עס אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. און ווי ער דער-

ציילט, האָט ער שוין דעמאָלט איינגעזען דעם „אומגערעכטן מערדערישן כאַראַקטער פון שקלאַפעריי".

ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר, האָט אים זיין „באָס" אַוועקגעשיקט קיין באַלטימאָר צו אַרבעטן ביי זיינעם אַ קרוב — פריער אַלס הויז־אַרבעטער, שפּעטער ביי שיפן. אַזוי זיבן יאָר. אין דער צייט האָט ער דערפילט אַ באַגער צו לערנען לייענען און שרייבן און געבעטן זיין באַלעבאָס׳ פרוי זי זאָל אים לערנען. זי האָט אים געגעבן עטלעכע לעקציעס, אָבער איר מאַן האָט איר פאַרבאָטן דאָס צו טאָן, ווייל „בילדונג וועט קאַליע מאַכן אַ ניגער", האָט ער געזאָגט. אָבער פרעדריק האָט ניט אויפגעגעבן זיין באַגער צו לערנען, און די ערשטע 50 סענט, וואָס ער האָט פאַרדינט פון פוצן שיך, האָט ער אויסגעגעבן צו קויפן אַ שול־ביכל. חברים, מיט וועלכע ער פלעגט זיך שפּילן, האָבן אים צוגעהאָלפן.

דאָוגלאַס דערציילט אין זיין בוך, אַז נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך געפרעגט: „פאַרוואָס בין איך אַ שקלאַף? פאַרוואָס איז עס אַזוי, אַז איניקע מענטשן דאַרפן זיין שקלאַפן און אַנדערע באַלעבאַטים?" אַזוי האָט ער אויך געזוכט אויסצוגעפינען די באַדייטונג פונעם וואָרט „אַבאַלי־ציאָניסטן", וועמען זיין „באָס" האָסט אַזוי. ביז ער האָט געלייענט אין אַ צייטונג, אַז די אַבאָליציאָניסטן האָבן אַריינגעגעבן אַ צאָל פּעטיציעס אין קאָנגרעס מיט דער פאָדערונג, אַז מען זאָל אָפּשאַפן דעם שקלאַפן־האַנדל. „זינט יענעם טאָג, — דערציילט דאָוגלאַס, — האָב איך געזען האָפענונג אין דעם דאָזיקן וואָרט".

צו זעכצן יאָר איז ער געוואָרן דער שקלאַף פון איינעם טאָמאַס אוילדי, וועלכער האָט אים איבערגעגעבן צו אַ פּראָפעסיאָנעלן „נעגער־ברעכער", וואָס לערנט די נעגער־שקלאַפן צו זיין געהאָרכזאַם. דאָוגלאַס איז איצט געצוואונגען געוואָרן צו אַרבעטן איבער זיינע כוחות, דערצו האָט ער נאָך געהונגערט און געוואָרן געשמיסן. נאָך זעקס חדשים פון אַזעלכע באַהאַנדלונגען האָט ער באַשלאָסן, אַז לענגער וועט ער עס ניט דולדן און ער האָט גענומען דער־לאַנגען די קלעפּ צוריק. דאָס האָט איבערצייגט דעם „נעגער־שלעגער", אַז עס איז צו־ריזיקאַליש „איינצוברעכן" דאָוגלאַסן, און ער האָט אים געלאָזן צורו.

דאָוגלאַס טראַכט איצט בלויז וועגן איין זאַך: ווי אַזוי צו אַנטלויפן. נאָכ־דעם ווי ער איז אַנגעקומען אַרבעטן אין אַ דערבייאיקן פלאַץ איז ער מיט נאָך עטלעכע שקלאַפן אַרויף אויף אַ לאָדקע און אַנטלאָפן. אָבער זיי זיינען גע־כאַפּט געוואָרן, און דאָוגלאַסן האָט מען אַוועקגעשיקט קיין באַלטימאָר אַר־בעטן ביי שיפן. דאָ האָט ער זיך באַקענט מיט אַ פרייער נעגער־פרוי און חתונה געהאַט. דאָס האָט ביי אים נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם באַגער

צו זיין אַ פרייער מענטש. דעם 2טן סעפטעמבער 1938 האָט ער ווידער גע־מאַכט אַ פּאַרזוך צו אַנטלויפן, און דאָס מאָל איז עס אים געלונגען. ער איז אַריבער קיין פילאַדעלפיע, דערנאָך קיין ניו־יאָרק, און פון דאָרט, צוזאַמען מיט זיין פרוי קיין ניו־בעדפאָרד, מאַסאַטשוזעטס, וואו ער האָט אָנגענומען דעם נאָמען דאָוגלאַס און געקראָגן אַרבעט.

דאָוגלאַס האָט אָבער געפילט אַז דאָס, וואָס ער אַליין האָט זיך געראַ־טעוועט, איז ניט גענוג. ער האָט נאָך געהאַט דריי שוועסטער און אַ ברודער, — אַלע שקלאַפן. און וואָס איז מיט דער גרויסער צאָל אַנדערע נעגער־שקלאַפן?... ער האָט באַשלאָסן פון איצט אָן זיך אָפּצוגעבן מיט דער באַ־וועגונג פון אָפּשאַפן נעגער־שקלאַפעריי בכלל. ער האָט גענומען לייענען גערריסאָנס צייטונג „דהי ליבערעיטאָר", גיין צו די פאַרזאַמלונגען פון די אַבאָליציאָניסטן און זייער דערפאָלגרייך זיך באַטייליקט אין זייערע דיס־קוסיעס, ביז ער איז אין 1841, נאָך דעם צוזאַמענפאָר פון דער „אַנטי־סלע־ווערי סאָסאַיעטי" פון מאַסאַטשוזעטס, באַשטימט געוואָרן פאַר זייער „אָר־גאַניזאַטאָר און לעקטשורער".

ער איז איצט אַרומגעפאָרן איבער די פאַרשידענע שטאַטן פון לאַנד, אומעטום דערציילט זיינע דערפאַרונגען און גערופן צו אָפּשאַפן נעגער־שקלאַפעריי. דאָס איז אים ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. ניט איין מאָל זיינען אים כוליגאַנעס נאָכגעלאָפן מיט געשרייען: „כאַפּט דעם ניגער! הרגעט דעם ניגער!" אָבער דאוגלאַס האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט און אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט.

כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין בילדונג, האָט ער אָבער מיט אַ קלאָ־רער שפּראַך אַזוי איינדרוקספול איבערגעגעבן די לאַגע פון די פאַרשקלאַפטע נעגערס, אַז ער פלעגט געווינען די הערצער פון זיינע צוהערער. איז קיין וואונדער ניט, וואָס אין 1843 איז ער פון דער זעלבער „סאָסאַיעטי" אויס־געקליבן געוואָרן צו זיין זייער רעדנער אויף אַ הונדערט „קאָנווענשאַנס", וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן איבערן לאַנד.

אין 1845 איז דאוגלאַס אַוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד, וואו ער האָט פאַר־בראַכט צוויי יאָר, דערציילנדיק אויף פאַרזאַמלונגען אין פאַרשידענע שטעט וועגן זיינע דערפאַרונגען אַלס שקלאַף אין אַמעריקע. אַ צאָל ענגלישע פריינט האָבן אין 1846 אים אויסגעקויפט פון זיין „באָס" פאַר 750 דאָלאַר און ער איז געוואָרן געזעצלעך אַ פרייער מענטש. ניט מורא האָבנדיק מען זאָל אים נאָך אַמאָל כאַפּן, האָט ער זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע.

אין 1847 האָט דאוגלאַס געגרינדעט אַ צייטונג אין ראָטשעסטער, ניו־יאָרק, „דהי נאָרט סטאַר", וואָס איז געוואָרן די פּאָפּולערסטע אַנטי־שקלאַפעריי צייטונג. דאוגלאַס אַליין איז געווען איר רעדאַקטאָר. אין 1855

איז דער נאָמען פון דער צייטונג געענדערט געוואָרן אויף „פרעדריק דאוג־לאַס פעיפּער", און שפּעטער־צו אויף „דאוגלאַס מאָנטלי".

דאוגלאַס איז אויך געווען אַ קעמפער פאַר פרויען־שטים־רעכט.

ווען אין 1848 איז אין סענעקא פאָלס, נ. י., אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע „קאָנווענשאָן" פון די פרויען־רעכטלעריגס, איז ער געווען דער איינציקער מאַן אויף דער קאָנווענשאָן צו שטיצן די רעזאָלוציע פון עליזאַבעט קעידי סטענטאָן צו פאָדערן שטים־רעכט פאַר פרויען.

פרעדריק דאוגלאַס איז געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט דזשאָן בראַון, דער באַרימטער אַמעריקאַנער מאַרטירער, וועלכער האָט געזוכט דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד צו באַפרייען די נעגערס און באַצאָלט דערפאַר מיט זיין לעבן. הגם דאוגלאַס האָט בראַונען געוואָרנט קעגן זיין פּלאַן צו פאַר־כאַפּן דעם אַרסענאַל אין האַרפּערס פערי, האָט די רעגירונג געזוכט צו אַרעס־טירן דאוגלאַסן אַלס מיטאַרבעטער מיט בראַונען. דאוגלאַס איז אַנטלאָפן קיין קאַנאַדע און נאָכדעם קיין ענגלאַנד, וואו ער איז 6 חדשים צייט אַרומ־געפאָרן רעדן אויף דער טעמע פון נעגער־שקלאַפעריי אין אַמעריקע.

אויך בעת דעם בירגער־קריג איז דאוגלאַס געווען זייער טעטיק. ווען לינקאָלן האָט אַרויסגעלאָזן די „עמאַנציפּאַציע דעקלאַראַציע", האָט דאוגלאַס פאַרעפנטלעכט אַ פלאַמענדיקן רוף צו די נעגער זיך אַנצושליסן אין דער אַרמיי און ער אַליין איז אַרומגעפאָרן זוכן נעגער־רעקרוטן. זיינע אייגענע צוויי זין זיינען געווען די ערשטע זיך אַנצושליסן אין די צוויי נעגער־רע־גימענטן, וואָס זיינען דעמאָלט אויפגעשטעלט געוואָרן.

נאָך דער מלחמה איז דאוגלאַס געווען טעטיק אין קאַמף פאַר נעגער־שטים־רעכט און קעגן נעגער־דיסקרימינאַציעס. ער איז געשעצט געוואָרן פאַר זיין טעטיקייט און געהאַלטן אַ קורצע צייט אַן אַמט אין וואַשינגטאָן אַלס „יו. עס. מאַרשאַל" פון דעם דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא, „רעקאָרדער אָוו דידס", און 1889 און 1891 געווען דער מיניסטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן קיין האיטי".

דאָוגלאַס איז געשטאָרבן דעם 20טן פעברואַר, 1895.

האָרעיס גרילי, דער רעדאַקטאָר פון „טריביון״

דער נאָמען האָרעיס גרילי איז פּאָפּולער אין אַמעריקע. באַרימט אַלס דער גלענצנדער זשורנאַליסט, אָראַטאָר, רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „ניו־יאָרק טריביון״ און גרויסער רעפאָרמער. זעקס שטעט און שטעטלעך אין אַמעריקע טראָגן דעם נאָמען גרילי, אין זיין אָנדענק. אַ סקווער אין צענטער פון ניו־יאָרק, 32טע גאַס און בראָדוועי, רופט זיך „גרילי סקווער״. איין בראָנזענע סטאַטוע פון דעם דאָזיקן גרויסן אַמעריקאַנער געפינט זיך אויף דעם סקווער און איינע לעבן סיטי האָל.



גריליס נאָמען ווערט אָפט דערמאָנט מיט זיין לאָזונג: „גאָו וועסט, יאָנג מען״ (גיי צו די מערב־געגנטן אין אַמעריקע, יונגערמאַן). דאָס איז געווען זיינע אַן עצה צו די אַרבעטסלאָזע אין די מזרח־שטאַטן, איידער ער האָט זיך דערטראַכט צו אַנדערע מיטלען. אָבער ניט אַלעמען איז באַקאַנט, אַז האָרעיס גרילי איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין אַמעריקע. „אונדזער געזעלשאַפט, ווי מיר געפינען זי איצט, איז אָרגאַניזירטע רויבעריי״, האָט ער געזאָגט אויף דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. קאַרל מאַרקס איז געווען דער אייראָפּייאישער קאָרעספּאָנדענט פאַר גריליס „ניו־יאָרק טריביון״ אין די יאָרן 1850 און שפּעטער.

האָרעיס גרילי איז געבוירן געוואָרן דעם 3טן פעברואַר 1811, ביי אָרעמע עלטערן אויף אַ פאַרם אין אַמהוירסט, ניו־העמפּשיר. ווען ער איז אַלט געווען זיבן יאָר, האָט ער געהאַט אַ דערפאַרונג, וואָס האָט אים עפּעס געלערנט.

דער שעריף פון שטעטל מיט אַ גרופּע פּאָליציאַנטן האָבן פאַרנומען דעם פאָטערס פאַרם מיט אַלע זאַכן, איבערלאָזנדיק גרילים פאַמיליע נאָר די קליי־דער, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זיך.

האָרעיס, דערציילט מען, איז געווען אַזוי אויפגעצאָרנט קעגן די אָנ־פּאַלער, אַז ער האָט גענומען אַ האַק און געוואָלט צעהאַקן אַ באַרן־בוים פון זיין פאָטערס פאַרם, כדי דער בוים זאָל ניט אָנקומען צו די אָנפּאַלער.

די פאַמיליע האָט זיך איבערגעקליבן אין סטעיט ווערמאָנט און געליטן נויט. האָרעיס האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו האָבן אַ סיסטעמאַטישע דערציאונג. ער האָט אָבער אַ סך געלייענט און געהאַט אַ זעלטענעם זכרון און ווען ער איז אַלט געווען 13 יאָר האָט אַ שול־לערער אויף אים געזאָגט, אַז דער תלמיד ווייסט מער פון אים.

האָרעיס איז אָנגעקומען זיך לערנען אַלס אַ דרוקער. ער האָט געקראָגן דערפאַר עסן און 40 דאָלאַר אַ יאָר. נאָך פינף יאָר צייט איז ער אַוועק אַי־בערן לאַנד זוכן אַרבעט. אין עלטער פון 20 יאָר איז ער אָנגעקומען אין ניו־יאָרק מיט אַ „קאַפּיטאַל" פון צען דאָלאַר. ער האָט געאַרבעט אין פאַרשי־דענע פּלעצער, אָנגעהאַלטן אַ קורצע צייט אַ דרוקעריי מיט אַ שותּף, רע־דאַקטירט אַ פּאָר וואָכנבלעטער, ביז ער האָט, 1841, געגרינדעט די „ניו־יאָרק טריביון".

די צייטונג איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ „קאַפּיטאַל" פון געליענע טויזנט דאָלאַר. אונטער גרילים רעדאַקציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין טויט אין 1872, איז די „טריביון" געווען אַן אָרגאַן פון פּראָגרעסיוון געדאַנק.

גרילי איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט נאָך איידער ער האָט געגרינדעט די „טריביון". אויף אים האָבן געמאַכט אַן איינדרוק די צרות, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען צווישן דער באַפעלקערונג אין ניו־יאָרק, ספּעציעל צווישן די אַרבעטלאָזע אין דעם קריזיס־ווינטער פון 1838.

פון פּאַריז איז דעמאָלט געקומען אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, אַלבערט בריסבעין, דער פאָטער פון דעם שפּעטער־באַוואוסטן הירסט־עדיטאָריעל שרייבער אַרטור בריסבעין, און געבראַכט די אידייע פון דעם אוטאָפּיסטישן סאָציאַליסט שאַרל פוריע צו גרינדן סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס. בריסבעין און גרילי זיינען געוואָרן באַפריינדעט און גרילי איז געוואָרן אַן אָנהענגער פון סאָציאַליזם.

אויף דעם צווייטן יאָר ווי די „טריביון" האָט זיך געגרינדעט (אין 1842) האָבן זיך אין דער צייטונג אָנגעהויבן דרוקן אַרטיקלען וועגן פוריעס לערע, געשריבן פון אַלבערט בריסבעין. גרילי איז עפנטלעך אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס און געפּריידיקט די לערע פון אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם. ער האָט אויך געהאָלפן גרינדן אַ פוריעסטישע קאָלאָניע אין רעד בענק, ניו־דזשוירזי.

גרילי איז שטאַרק אַטאַקירט געוואָרן פון די רעאַקציאָנערן און די קעג־נערשע צייטונגען.

דער שפּעטערדיקער גרינדער פון „ניו־יאָרק טאַימס" הענרי רעימאָנד, רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג מיטן נאָמען „קוריער", האָט פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס זיינען זייער ענלעך צו די אַטאַקעס, וואָס די איצ־טיקע רעאַקציאָנערן מאַכן קעגן די קאָמוניסטן. גרילי האָט די סאָציאַליס־טישע אַרטיקלען פון „טריביון" פאַרטיידיקט. די דיסקוסיע האָט אַרויסגע־רופן אַ גרויסן אינטערעס איבערן לאַנד. די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ פון יענער צייט און אַ טייל פון די מאַסן האָבן גרילין געשטיצט. צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, נעטעניעל האָטהאָרן, טעאָדאָר פּאַרקער, טשאַרלס דאַינאַ און אַנדערע.

אין 1848 איז טשאַרלס דאַינאַ, מיטרעדאַקטאָר פון „טריביון", געווען אין אייראָפּע און זיך פּערזענלעך געטראָפן מיט קאַרל מאַרקסן, און אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז מאַרקס אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס רעגולערער קאָ־רעספּאָנדענט פון „טריביון" — פאַר דער סומע פון צען דאָלאַר אַ וואָך... (שפּעטער האָט מען עס פאַרקלענערט צו פינף דאָלאַר אַ וואָך).

די קאָרעספּאָנדענצן פון מאַרקסן אין „טריביון" זיינען אויפגענומען גע־וואָרן מיט גרויס אינטערעס. די רעדאַקטאָרן פון „טריביון", לויט דעם ווי דער ביאָגראַפער פון מאַרקסן, פראַנץ מערינג, גיט איבער, פלעגן זיך אָפט־מאָל באַנוצן מיט מאַרקס' אַ קאָרעספּאָנדענץ און אַריינגעבן עס אַלס אַן עדי־טאָריעל. מאַרקס איז פון דעם געווען צופרידן. דאָס געהאַלט פון „טריביון" איז געווען אַ געוויסע צייט דאָס איינציקע געלט, מיט וואָס די קאַרל מאַרקס־פאַמיליע האָט זיך דערהאַלטן ביים לעבן. ווי לעכערלעך, דעריבער, קלינגט די דערקלערונג פון אַן אַמעריקאַנער שרייבער מיט עטלעכע יאָר צוריק, אַז שולדיק אין דעם, וואָס אויף דער וועלט איז דאָ דער באָלשעוויזם, איז אַמע־ריקע, וועלכע האָט קאַרל מאַרקסן געגעבן אַ געלעגנהייט „צו מאַכן אַ לעבן"...

גרילי איז געווען אַ שלום־קעמפער און איז צוזאַמען מיט אייבערעהעם לינקאָלן, דזשעימס ראַסעל לאָועל און אַנדערע שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אַמעריקעס מלחמה מיט מעקסיקאָ אין יאָר 1848.

איינע פון גרילים הויפּט־פאַרדינסטן איז געווען זיין קאַמף קעגן נעגער־שקלאַפעריי. ער האָט געהאָלפן דערוויילן לינקאָלנען אַלס פּרעזידענט. אָבער ווען לינקאָלן האָט בעת דעם בירגער־קריג דערקלערט, אַז ער וואָלט געמאַכט אַ סוף צום בלוטיקן קאַמף, ניט באַפרייענדיק די שקלאַפן, האָט אים גרילי דערפאַר אין זיין „טריביון" קריטיקירט.

אינטערעסאַנט איז געווען גרילים ענטפער צו אַ יידישן ווייסן שאָווי־ניסט, דעם מאַיאָר מרדכי עמנואל נח (אַ שרייבער און פּאָליטישן פון יענער

צייט, באַרימט אין דער ידישער געשיכטע מיט זיין פראָיעקט צו בויען אַ „יידישע מלוכה" לעבן באַפאַלאָ, ניו־יאָרק). נח האָט גרילין פאַרגעוואָרפן „דעם חטא", אַז מען האָט אים געזען עסן ביי איין טיש מיט נעגערס, אין אַ רעסטאָראַנט אויף באַרקלעי סטריט. גרילי האָט געענטפערט, אַז ווען דאָס וואָלט געווען אַן אמת, וואָלט ער זיך ניט געשעמט מיט דעם. אָבער ער וויל דערמאָנען זיין קעגנער (נחן), אַז אויך יידן ווערן פאַרפאָלגט און דיס־קרימינירט...

גרילי איז פאַר זיינע אידייען אויף פיזיש אַטאַקירט געוואָרן און אפילו געדראָעט געוואָרן מיט טויט. אין 1855 איז ער צעשלאָגן געוואָרן פון אַ קאָנגרעסמאַן פון ארקאַנסאָ, אַלבערט ראָסט, ווייל גרילי האָט קריטיקירט זיין רעאַקציאָנערע האַנדלונג.

די רעאַקציאָנערע צייטונג „ניו־יאָרק העראַלד" האָט געהעצט קעגן גרילין און געשריבן: „אויב מיר וועלן באַשליסן צו הענגען די אַבאָליציאָניסטן, וועט זיך דער אָרעמער גרילי וויגן אויף אַ בכבודיקן סלופּ בראש, אָדער אויפן ברעג פון דער חברה. מיר זאָגן אים צו דעם דאָזיקן הויכן כבוד".

די העצע האָט געבראַכט רעזולטאַטן. אין יולי 1863 איז אַ צעיושעטע מאַסע פון עטלעכע הונדערט באַפאַלן די רעדאַקציע פון „טריביון", צעבראָכן טירן און פענצטער און גרילי האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן.

די „טריביון" איז אויך איינמאָל אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט אין ווירדזשיניאַ פאַר פאַרשפּרייטן אויפרייצנדיקע אַרטיקלען, און דער פּאָסט־אָפיס האָט אויך איינמאָל געדראָעט אָפּצושטעלן פאַנאַנדערצושיקן די „טריב־יון" דורך פּאָסט.

גרילי האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די אַלע דראָאונגען און איז אָנ־געגאַנגען מיט זיין טעטיקייט. ער איז געווען דריי חדשים צייט אַ מיטגליד אין קאָנגרעס, און דאָרט זיך אויסגעצייכנט מיט רעפאָרם־פאָרשלאָגן, וואָס האָבן קעגן אים אַרויסגערופן דעם האַס פון די רעאַקציאָנערן און די ליבע פון די מאַסן. אין 1872 איז ער געווען דער קאַנדידאַט פון דער „ליבעראַל רעפּאָבליקאַן פּאַרטיי" קעגן גרענט. דער קאַמפּעין האָט אים זייער אויס־געמאַטערט. עטלעכע וואָכן נאָך די וואַלן איז ער געשטאָרבן. זיין טויט איז באַדויערט געוואָרן פון די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון לאַנד און פון די אַרבעטער־מאַסן.

גרילים סאָציאַליזם איז ווייט ניט געווען דער סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקסן. אָבער ער איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין אַמעריקע.

העריעט טובמאַן

(1913־1820)

אין דעם קאַמף קעגן נעגער־שקלאַפעריי אין אַמעריקע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אַ נעגער־פרוי. איר נאָמען איז געווען העריעט טובמאַן. דזשאַן בראַון, דער באַרימטער מאַרטירער אין קאַמף קעגן נעגער־שקלאַפעריי, האָט זי אָנגערופן „גענעראַל טובמאַן". די נעגערשע באַפעלקערונג אין איר צייט האָבן זי גערופן „מאָזעס", — ווייל אַזוי ווי דער ביבלישער משה האָט אַרויסגעפירט די יידן פון שקלאַפעריי אין מצרים קיין ארץ־ישראל, אַזוי האָט זי געפירט און אַרויסגעראַטעוועט נעגער־שקלאַפן פון די דרום־שטאַטן צו די פרייע צפון־שטאַטן, אָדער קאַנאַדע.

די שקלאַפן־אייגנטימער האָבן אָנגעבאָטן אַ פרייז פון פערציק טויזנט דאָלאַר פאַר איר קאָפּ, אָבער מען האָט זי ניט געקאָנט כאַפּן. פאַרשטעלטערהייט פלעגט זי פאָרן הין־און־צוריק צווישן די דרום־און די צפון־שטאַטן און יעדעס מאָל מיטברענגען אַ גרויסע צאָל שקלאַפן, וואָס זי האָט אַרויסגעראַטעוועט. זי האָט ריזיקירט מיט איר לעבן און אַרויסגעוויזן גרויסע העלדישקייטן.

דער גרויסער אַבאָליציאָניסטן־פירער טאָמאַס ווענטוואָרט היגינסאָן האָט העריעט טובמאַנען אָנגערופן „די גרעסטע העלדין פון איר צייט".

העריעט טובמאַן איז געבוירן געוואָרן אַלס שקלאַפן־קינד אין אַ שקלאַפן־פּלאַנטאַציע אין באַקטאַן, מערילאַנד. זי האָט פון איר פריעסטער יוגנט געדאַרפט שווער אַרבעטן און איז אָפט געשלאָגן געוואָרן. זי האָט זיך אויך אָנגעזען מיט די אַלע צרות, וואָס איר נעגער־ראַסע האָט זיך אָנגעליטן און איר יונגע נשמה האָט רעוואָלטירט קעגן די דאָזיקע אומגערעכטיקייטן. זי

האט שפעטער געשריבן: „איך האב געזען זייערע טרערן און געהערט זייערע זיפצן און קרעכצן, און געזאגט: איך וואלט אפגעגעבן יעדן טראפן פון מיין בלוט אין מיינע אדערן, זיי צו באפרייען".

ווען העריעט איז אלט געווען פופצן יאר, האט זי זיך שוין געשטעלט קעגן די באפעלן פון אן אויפזעער פון דער פלאנטאציע, וואו זי האט גע־ארבעט. עס האט פאסירט, אז א נעגער־שקלאף האט פארלאזן זיין ארבעטס־פלאץ צו גיין אין א דעבייאיקן דארף און ניט גענומען קיין דערלויבעניש. דער אויפזעער האט אים באלד נאכגעפאלגט אין דארף אריין און דארט אויפגעפאדערט אנדערע שקלאפן, זיי זאלן בינדן דעם נעגער, כדי ער זאל אים קאנען באשטראפן מיט שמיץ. די שקלאפן האבן זיך אפגעזאגט, און דער נעגער־שקלאף האט גענומען אנטלויפן. דער אויפזעער האט אים גע־וואלט נאכיאגן. אבער העריעט האט פארבלאקירט מיט איר קערפער די טיר, און דער שקלאף איז אנטלאפן. דער אויפזעער האט פון כעס געכאפט א צוויי־פונטיקע אייזן־וואג און עס געווארפן אויף העריעטן. דאס אייזן האט איר געטראפן אין קאפ און זי איז געפאלן באוואוסטלאז. זי איז חדשים־לאנג געלעגן קראנק און ס׳איז איר אויפן גאנצן לעבן פארבליבן א שוואכ־קייט אין קאפ, וואס איז געווען די אפטע סיבה פון איר אפטער שלאף־קראנק־הייט. זי איז אבער געווען צופרידן, וואס זי האט געראטעוועט א שקלאף פון ווערן געשמיסן.

העריעט האט געהייראט מיט א פרייען נעגער, דזשאן טובמאן. זי האט אבער געוואוינט מיט אים נאר פינף יאר. זי האט אין דער צייט זיך בא־קענט מיט דער אבאליציאניסטישער באוועגונג, געהערט וועגן וויליאם לאיד געריסאן און וועגן אן „אינטערערדישער באן", דורך וואנען עס ווערן ארויס־געראטעוועט נעגער־שקלאפן פון די דרום־שטאטן. זי האט באשלאסן אויך צו אנטלויפן און גערעדט מיט איר מאן זיי זאלן עס צוזאמען טאן. ער אבער האט ניט געוואלט הערן פון דעם. העריעט האט ליב געהאט איר מאן, אבער זי האט באשלאסן בעסער איבערצולאזן איר מאן, איידער צו פארבלייבן א שקלאף.

אין א געוויסער נאכט, אין 1849, האט העריעט פארלאזן איר וואוינ־ארט אין מערילאנד און זיך געלאזט וואנדערן צו די צפון־שטאטן, שלאפנ־דיק אין שייערן, אדער אין קופעס היי, ביז זי איז אנגעקומען קיין פענסיל־וועניע.

זי האט געקראגן ארבעט אלס א דינסט אין פילאדעלפיער האטעלן. דארט האט זי זיך געטראפן מיט א נעגער־מיטגליד פון דער אבאליציאניסטישער באוועגונג, וועלכער האט אין יענער געגנט אנגעפירט מיט דער אונטער־ערדישער באן צו באפרייען שקלאפן. עס האט גענומען ניט לאנג, און

העריעט האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט אַרויסראַטעווען נעגער־שקלאַפן. צוערשט האָט זי אַרויסגעראַטעוועט אירע אַ שוועסטער מיט צוויי קינדער. נאָכדעם האָט זי גענומען פאָרן הין און צוריק, און יעדעס מאָל מיטגעבראַכט גרויסע גרופּן שקלאַפן. אויך אירע עלטערן האָט זי געראַטעוועט און אַוועקגעפירט קיין קאַנאַדע.

די דאָזיקע אונטערנעמונגען זיינען געווען זייער געפערלעך. די דרום־שטאַטן זיינען געווען פול מיט באַוואָפנטע וועכטער, וועמען די שקלאַפן־האַלטער האָבן אָנגעדונגען צו היטן זייער „אייגנטום“, די שקלאַפן, זיי זאָלן ניט אַנטלויפן. אפּישן אומעטום האָבן אַנאָנסירט אַ גרויסע באַלוינונג פאַר כאַפּן אַנטלאָפענע שקלאַפן. מיט בלוט־הינט און ביקסן פלעגן די שקלאַפן־האַלטער און זייערע אַגענטן נאָכיאָגן אַנטלאָפענע שקלאַפן. אָבער צענדליקער טויזנטער שקלאַפן פלעגן דאָך געראַטעוועט ווערן דורך די אונטערערדישע באַנען, אָנגעפירט פון מענטשן, וועלכע האָבן ריזיקירט מיט זייערע לעבנס.

אין דער דאָזיקער ריזיקאַלער אַרבעט האָט זיך העריעט טובמאַן אויסגעצייכנט. זי האָט געוואוסט ווי אויסצוכיטרעווען דעם שונא, זיך פאַרשטעלן, אַריינקומען אין שונאס לאַגער און אַרויסראַטעווען שקלאַפן. זי האָט געטראָגן אַ ביקס זיך צו פאַרטיידיקן און איז געווען אומדערשראָקן.

ניינצן מאָל האָט זי דורכגעמאַכט די ריזיקאַלע רייזעס הין און צוריק, און קיינמאָל דערביי ניט פאַרלאָרן קיין „פּאַסאַזשיר“.

העריעט טובמאַן האָט אין איר רעטונגס־אַרבעט געקראָגן שטיצע פון קוועיקערס, פרייע נעגערס און אַנדערע ליבעראַלע מענטשן, וועלכע האָבן איר געהאָלפן מיט געלט, שפּייז און קליידער פאַר די אַנטלאָפענע שקלאַפן.

פאַרשידענע העלדישע געשיכטעס ווערן דערציילט וועגן דער דאָזיקער פרוי, ווי זי פלעגט דורכפירן איר רעטונגס־אַרבעט. איין מאָל, אויסהיטנדיק זיך פון נאָכיאָגער, איז זי געקומען צו אַ טייך, וועלכן מען האָט באַדאַרפט אַריבערגיין. ניט וויסנדיק די טיפקייט פון וואַסער, האָבן די שקלאַפן מורא געהאַט צו גיין ווייטער. אָבער העריעט האָט ריזיקירט און די ערשטע דורכגעבראָדזשעט דאָס אייז־קאַלטע, ביזן האַלדז טיפע וואַסער, און ערשט נאָכדעם האָבן די שקלאַפן איר נאָכגעפאָלגט.

נאָך אַ געשיכטע פון העלדישקייט האָט העריעט דורכגעפירט אין 1860, אין שטאָט טראָי, ניו־יאָרק. זי האָט זיך דאָרט דערוואוסט, אַז אַן אַנטלאָפענער שקלאַף איז געכאַפּט געוואָרן, און געפינט זיך אין פּאָליציי־סטאַנציע, פון וואַנען מען וועט אים זיכער אָפּשיקן צוריק צו זיינע באַלעבאַטים. העריעט האָט אויפגעשטורעמט די נעגער־באַפעלקערונג פון שטאָט און אָרגאַניזירט אַ רעטונגס־פּאַרטיי. ווען פּאָליציי האָט געדאַרפט אַריבערפירן דעם אַרעס־

טאַנט אין אַן אַנדערער געביידע, איז זי מיט אירע אַרויסהעלפער באַפאַלן די פּאָליציי, און בעת דעם געשלעג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה, האָט העריעט אַרויסגעריסן דעם שקלאַף פון דער פּאָליציס הענט און אים אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף. און ווען ער איז אויך דאָרט געכאַפּט געוואָרן, האָט זי אָנגעפירט אַ דעמאָנסטראַציע פון נעגערס און סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן איינגעבראָכן די טירן פון דער פּאָליציי־סטאַנציע און ווידער באַפרייט דעם אַרעסטירטן שקלאַף. דאָס מאָל האָבן זיי אים ארויפגעזעצט אויף אַ שיפל, וואָס האָט אים אַוועקגעפירט קיין קאַנאַדע, און אַזוי איז ער גע־ראַטעוועט געוואָרן.

העריעט טובמאַן האָט אויך געאַרבעט צוזאַמען מיט דזשאָן בראַון און האָט געפּלאַנעוועט זיך צו באַטייליקן מיט אים אין זיינע אויפשטאַנד־פּלענער צו באַפרייען די שקלאַפן. זי איז אָבער קראַנק געוואָרן אין דער צייט, ווען בראַון האָט דורכגעפירט זיין ניט־געלונגענע אַטאַקע אויף האַרפּערס פערי.

בראַון האָט זייער געהאַלטן פון העריעט טובמאַן. ביי אַ באַגעגעניש מיט איר אין הויז פון דעם באַרימטן אַבאָליציאָניסטישן אָראַטאָר ווענדעל פיליפס, האָט בראַון פאָרגעשטעלט העריעט טובמאַן מיט די ווערטער: „מיס־טער פיליפס, איך ברענג דיר איינע פון די בעסטע און בראַוועסטע פּערזאָ־נען אויף דעם קאָנטינענט, — גענעראַל טובמאַן רופן מיר זי".

ער האָט דערציילט וועגן איר העלדישער אַרבעט און אַז זי קען פירן אַן אַרמיי „פּונקט אַזוי גוט, ווי וועלכער אַנדערער מיליטערמאַן, וואָס האָט ווען געלעבט".

פיליפּס איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַן איבערגעגעבענער פריינט פון העריעט טובמאַן און זי געשטיצט אין אירע טעטיקייטן.

העריעט האָט זיך געטראָפן מיט אַ סך גרויסע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט, ווי ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן און אַנדערע. זי האָט גערעדט אויף קליינע און גרויסע פאַרזאַמלונגען, דערציילט אירע דערפאַרונגען אַלס שקלאַף און אומעטום געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק.

אין צייט פון בירגער־קריג האָט זי גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער לינקאָלן־אַרמיי אַלס קראַנקן־שוועסטער און אָפט ריזיקירט אַריינצוקומען אין דער טעריטאָריע פון שונא, כדי אויסצושפּירן דעם מלחמה־פּראַנט.

דעם 2טן יוני 1863 האָט העריעט געפירט אַ גרופּע פון דריי הונדערט נעגער־סאָלדאַטן, באַפאַלן און אונטערגעצונדן פּלאַנטאַציעס פון שקלאַפן־האַלטער און מיטגעבראַכט באַפרייטע שקלאַפן.

די דאָזיקע אַקציע האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג אפילו פון מילי־טערלייט און זי איז שטאַרק געלויבט געוואָרן.

נאָך דער מלחמה האָט העריעט פאָרגעזעצט איר טעטיקייט לטובת דעם

נעגער־פאָלק און אויך זיך באַטייליקט אין אַנדערע רעפאָרם־באַוועגונגען. זי איז אויך אויפגעטראָטן אויף איין פּלאַטפאָרמע מיט די באַרימטע פרויען־רעכטלערינס סוזאן ב. אנטאָני, עליזאַבעט קעידי סטענטאָן און אַנדערע, צו רעדן פאַר פרויען־רעכט.

זי האָט אויך געגרינדעט אַ היים פאַר אַלטע לייט. איינע פון אירע לעצטע אַקציעס, ווען זי איז שוין געווען אַ גאַנץ אַלטע פרוי, איז געווען, וואָס זי האָט געקויפט 25 אַקער לאַנד לעבן איר וואוינונג אין אויבורן, ניו־יאָרק, און עס פאַרוואַנדלט אין אַ קאָאָפּעראַטיווער פאַרם, אַנגעפירט פון נעגערס. די פאַרם האָט זיך גערופן „די הערי̇עט טובמאַן היים“.

הערי̇עט טובמאַן איז געשטאָרבן אין 1913, אין עלטער פון 93 יאָר. זי איז באַערדיקט געוואָרן מיט מיליטערישע צערעמאָניעס, און אַ יאָר שפּעטער איז דורכגעפירט געוואָרן אין אויבורן אַ מערמאָריעל־פאַרזאַמלונג וואו עס האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער מענטשן. ביי דער פאַרזאַמלונג (אין שטאָטישן אודיטאָריום) האָט דער מעיאָר פון שטאָט פּראָקלאַמירט דעם מעמאָריעל־טאָג, און בוקער ט. וואַשינגטאָן און אַנדערע פּראָמינענטע מענטשן האָבן גערעדט.

אויך אַ בראָנזענעם פּלאַטע איז אַנגעקלאַפּט געוואָרן אויף דער וואַנט פון דעם „קאָונטי געריכט־הויז“ אין אָנדענק פון דער גרויסער אַמעריקאַנער העלדין הערי̇עט טובמאַן.

עדוואַרד בעלאַמי, דער „פּראָפעט״ פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט

(1898-1850)

עדוואַרד בעלאַמי איז איינער פון די ליכטיקסטע נעמען אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. בעלאַמי איז געווען דער פּאַרפאַסער פון דעם באַרימטן סאָציאַליסטיש־אוטאָפּיסטישן בוך „אין הונדערט יאָר אַרום״ („לוקינג בעקוואַרדס״), וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין איבער אַ מיליאָן קאָפּיעס און איבערזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן. אין אַלע טיילן פון דער וועלט האָבן מאַסן מענטשן געלייענט מיט גרויס אינטערעס די פאַנטאַסטישע געשיכטע פון דעם אַמעריקאַנעם שרייבער, ווי אַזוי אַ יונגערמאַן פון באָסטאָן, דזשוליון וועסט, האָט זיך געלייגט שלאָפן אין יאָר 1887 און איז אויפגעשטאַנען אין דער זעלבער שטאָט אין דעם יאָר 2000 און האָט געפונען אַ נייע וועלט: אָנשטאָט אָרעמקייט, זעלבסטמאָרדן, מלחמות און בלוטיקע עקאָנאָמישע קאַמפן, האָט ער געפונען אַ גליקלעכע מענטשהייט, אָן זאָרג, אָן צרות. אַלע אַרבעטן בשותּפות און געניסן צוזאַמען פרייד און גליק.



ווען בעלאַמיס בוך איז דערשינען האָבן די קאַפּיטאַליסטישע וואָרט־זאָגער שטאַרק אַטאַקירט בעלאַמין פאַר זיין „פאַנטאַזיע״, וואָס האָט אַזוי שטאַרק אָראָפּגעריסן די מאַסקע פון די קאַפּיטאַליסטישע רויבער. די אַריסטאָקראַטישע באָסטאָנער צייטונג, די

„באָסטאָן טראַנסקריפּט" האָט זיך געוויצלט, וואָס בעלאַמי האָט געמאָלן זיין צוקונפטיקע געזעלשאַפט מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער — ער האָט עס געדאַרפט מאָלן מיט 75 הונדערט יאָר שפּעטער", האָט די צייטונג געשריבן.

אָבער טויזנטער מענטשן האָבן, נאָכן איבערלייענען בעלאַמיס בוך, זיך געפרעגט, ווי דער העלד אין דעם בוך: פאַרוואָס קאָן טאַקע אַזאַ חלום ניט זיין אַווירקלעכקייט? פאַרוואָס קאָנען מענטשן ניט לעבן גליקלעך, אַנשטאָט אומגליקלעך? דעבס האָט דערקלערט, אַז בעלאַמיס בוך „אין הונ־דערט יאָר אַרום" האָט געמאַכט מערער אַמעריקאַנער צו ווערן סאָציאַליסטן, ווי וועלכער עס איז אַנדער בוך. אויך העיוואוד בראַון, אין זיין פאָררעדע צו דער לעצטער אויסגאַבע פון „לוקינג בעקוואָרדס" זאָגט, אַז בעלאַמיס בוך האָט אים געמאַכט פאַר אַ סאָציאַליסט.

מאַקסים גאָרקי האָט דערציילט, ווי ער האָט פאַרשפּרייט מאָסן קאָפּיעס פון בעלאַמיס בוך אין צאַרישן רוסלאַנד און וואָס פאַר אַ גרויסע ווירקונג דער בוך האָט געהאַט אויף דער רוסישער יוגנט אין זייער ווענדונג צו סאָציאַליזם.

עדוואַרד בעלאַמי איז געבוירן געוואָרן דעם 26טן מערץ 1850, אין טשיקאָפּי פאָלס, אַ קליין שטעטל אין מאַסאַטשוזעטס, וואו ער איז געגאַנגען אין שול און נאָכדעם שטודירט אין קאָלעדזש אין סקענעקטעדי, ניו־יאָרק. פון זיין יוגנט אָן האָט אים געצויגן צום שרייבן.

ווען ער איז אַלט געווען 18 יאָר האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין אייראָפּע און ווי ער האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט: „עס איז געווען אויף מיין רייזע אין אייראָפּע, צווישן די חורבהדיקע הייזלעך פון פּויערטום, וואו מיינע אויגן זיינען ברייט געעפנט געוואָרן צו זען, ווי ווייט עס איז די אוממענטש־לעכקייט פון מענטש צו מענטש"...

בעלאַמי האָט אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין דעם עדי־טאָריעל־סטעף פון דער צייטונג „ספּרינגפילד יוניאָן" אין ספּרינגפילד, מאַס., נאָכדעם איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „ניו־יאָרק איוונינג פּאָוסט". אין דער זעלבער צייט האָט ער געשריבן קורצע דערציילונגען פאַר פאַר־שיידענע צייטשריפטן.

זיינע דערציילונגען זיינען געווען אָריגינעל און קרעפטיק און האָבן באַלד געצויגן אויפמערקזאַמקייט. ווען זיין ערשטער בוך „דר. העידענהאָפס פּראָסעס" איז דערשינען, אין 1880, האָבן קריטיקער אין ענגלאַנד געזאָגט, אַז בעלאַמי איז דער ריכטיקער ליטעראַרישער יורש פון באַרימטן אַמע־ריקאַנער שרייבער האָטהאָרן.

בעלאַמיס דערציילונגען זיינען מערסטנס פאַנטאַסטישע. אין „דר העי־דענהאָפס פּראָסעס" דערציילט ער וועגן דעם דאָקטאָרס אַ דערפינדונג, לויט

וועלכער מען קאָן צושטעלן אַן עלעקטרישן דראָט צום מאַרך פון אַ מענטשן, און ער וועט פאַרגעסן די זאַכן, וואָס מען וויל, אַז ער זאָל פאַרגעסן. אָבער די גאַנצע געשיכטע שטעלט זיך אַרויס צו זיין אַ חלום. „מיס לודינגסטאַנס סיסטער" איז אַ ראָמאַן וועגן „אומשטערבלעכקייט", וואָס ווערט איינגערעדט דורך אַן עלטער מיידל אַ ספּיריטואַליסטקע, אַ שווינדלערין.

אין זיין דערציילונג „דהי בלאַינד מענס וואָירלד" באַשרייבט ער די איינוואוינער פון מאַרס, וועלכע „ווייסן וואָס די צוקונפט וועט זיין"...

אַזוי זיינען די מערסטע פון זיינע ערשטע ביכער געווען פאַנטאַסטישע.

אָבער זיין נייגונג צו שרייבן פאַנטאַסטישע מעשיות, צוזאַמען מיט זיין באַגער צו זען אַ בעסערע סאָציאַלע סיסטעם, האָט אים באַוועגט צו שרייבן זיין בוך „אין הונדערט יאָר אַרום", וואָס האָט געמאַכט טויזנטער מענטשן צו קוקן מיט אַנדערע אויגן אויף דער וועלט און אויך געמאַכט אַן איבערקערעניש אינעם לעבן פון דעם פאַרפאַסער.

זינט 1888, ווען דער בוך איז דערשינען, האָט בעלאַמי אויפגעהערט צו שרייבן פאַנטאַסטישע מעשיות און ער איז געוואָרן אַ טעטיקער סאָציאַלער רעפאָרמער און געשריבן זיין אידייע פון אַ „קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט", וואו אָרעמקייט זאָל אָפּגעשאַפט ווערן. עס האָבן זיך געגרינדעט קאָלאָניעס איבערן לאַנד, וואָס האָבן געזוכט איינצואָרדענען אַ לעבן לויט די אידעאַלן, ווי בעלאַמי האָט אָנגעצייכנט אין זיין פאַנטאַסטישן בוך.

בעלאַמי איז געווען ניט בלויז אַ טרוימער, נאָר אויך אַ פּראַקטישער טוער. ווען אין 1893 איז געווען דער גרויסער קריזיס אין אַמעריקע, מיט מיליאָנען אַרבעטסלאָזע, שלאָגט ער פאָר אין „באָסטאָנער טראַוולער", אַז אַלע אַרבעטסלאָזע זאָלן אַרבעטן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, זיך בייטן מיט זייערע סחורות, זאָלן האָבן זייער אייגן געלט און זיך דערנערן פון זייער אייגענער אַרבעט. ער פאָדערט אויך, אַז דער פּאָסט־אָפּיס דעפּאַרטמענט זאָל איבערנעמען די טעלעגראַף־פונקציעס און געהערן צו דער רעגירונג.

אָבער זיין הויפּט־אידייע האָט בעלאַמי איבערגעגעבן מיט צען יאָר שפּעטער אין זיין לעצטן בוך „איקוואָלעטי" (גלייכהייט), וואָס איז אַ פאָרזעצונג פון זיין „איבער הונדערט יאָר אַרום", נאָר — ווי ער דריקט זיך אויס: „אַ גרעסערער בוך, אַ גענויע אָפּהאַנדלונג וועגן די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צום צוזאַמענברוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און די בעסערקייט פון דער צוקונפטיקער סיסטעם".

מאָלנדיק די צוקונפטיקע געזעלשאַפט, האָט בעלאַמי אויף אַ זייער איבערעסאַנטן אופן באַשריבן די טעכנישע דערגרייכונגען פון יענער צייט און ווי זיי דינען דער געזעלשאַפט, אָנשטאָט פּריוואַטע אייגנטימער. ער דערציילט (דורך זיין העלד מר. וועסט), אַז קיין קראָמען זיינען ניטאָ, נאָר

אינעם געמיינדע־מאַגאַזין קלויבט מען אויס, וואָס מען דאַרף, און די סחורה קומט שוין דורך דער עלעקטרישער פאַרבינדונג דירעקט אין דער וואוינונג.

קיין רעגן־שירעמס דאַרף מען ניט. ווען עס רעגנט איבער די טראָ־טואַרן לאָזט זיך אַראָפּ אַ צודעק און דער עולם איז באַשיצט פון רעגן.

די קליידער און שיך פון יענער צייט זיינען געמאַכט פון פּאַפּיר, און ווען זיי נוצן זיך אָפּ, פאַרבייט מען זיי מיט נייע.

אינטערעסאַנט איז, ווי בעלאַמי האָט „נביאות געזאָגט" וועגן ראַדיאָ און טעלעוויזיע. מיט אַ דריי פון אַ שרייפעלע קאָן מען הערן אויסגעצייכנטע מוזיק און דען, ווי מען זעט און מען הערט לעקציעס, וואָס קומען פאָר אין אַ צווייטער שטאָט, וואו מען דיסקוטירט וועגן „פּראָפיט־סיסטעם אַלס מעטאָד פון עקאָנאָמישן זעלבסטמאָרד", וועגן דעם אונטערשייד פון פּראָדוקציע און געברויך און וועגן „איבער־פּראָדוקציע".

זיצנדיק אין באָסטאָן, „מאַכט מען אַ רייזע" איבער דער וועלט, מען זעט ניו־יאָרק, סאַן־פראַנציסקאָ, בערלין, לאָנדאָן, פּעטערבורג און אַנדערע שטעט. אין דער זעלבער צייט זעט מען, ווי אין איין שטאָט רעגנט, אין אַנדערע איז זוניק, אין איין פּלאַץ איז נאַכט, אין אַנדערע טאָג.

אַזוי האָט בעלאַמי פאָרגעשטעלט פאַנטאַסטישע דערפינדונגען, וועלכע זיינען שוין איצט טיילוויז, אָדער אינגאַנצן, פאַרווירקלעכט געוואָרן. אָבער הינטער אָט־דער „פאַנטאַסטיק" איז שטענדיק געשטאַנען בעלאַמיס טיפע סאָציאַלע אידייע וועגן אַ בעסערער וועלט, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„זאָל קיינער ניט האָבן קיין טעות צו מיינען, אַז איך חלום פון אַ גליק אָן פּראַצע, פון שפע אָן אַרבעט.

„אַרבעט איז די נויטיקע באַגרינדונג ניט נאָר פאַר גליק, נאָר פאַר דער מענטשלעכער עקזיסטענץ איבערהויפּט.

„איך פאַרלאַנג נאָר, אַז קיינער זאָל ניט אַרבעטן אָן אַ שיעור, כדי אַנ־דערע זאָלן קאָנען פוילענצן. אַז עס זאָל צווישן מענטשן ניט זיין מער קיין הארן און קיין קנעכט.

„איז דאָס צופיל פאַרלאַנגט? ווער קען וואַגן צו זאָגן, אַז דאָס איז אומ־מעגלעך — אַז די דאָזיקע האָפענונג פון מיליאָנען מענטשן פון אַלע דורות איז ניט מער ווי אַ חלום, וואָס קאָן קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן? — — —

אָן אויטאָפּיסטישע פאָרשטעלונג פון אַ הימלישער מלוכה, וואָס די ערד קאָן קיינמאָל ניט אויסהאַלטן, אַז די ווייניקע וועלן אימער לעבן אין גליק און די מערהייט אין קנעכטשאַפט. אַז די האַרעפּאַשניקעס מוזן זיין אייביק די אָרעמע, און די פוילענצער די רייכע, און אַזוי וועט דאָס אָנגיין אויף דער ערד ביז סוף פון די דורות.

„אָ, ניין! די וועלט האָט ניט געחלומט אומזיסט. די שטאַרקע בענק־שאַפט פון די ליבהאָבער פון מענטשן איז ניט געווען צו קיין אומדערגרייכבאַרן גליק. די שטרעבונגען נאָך פרייהייט און גלייכהייט זיינען ניט איינגעפלאַנצט אומזיסט אין דעם גרונט פון אונדזער האַרצן”.

כדי קלאָר צו מאַכן זיינע אידייען פאַר אַלעמען, האָט בעלאַמי זיך באַנוצט מיט וואונדערבאַרע מעשהלעך און משלים, — ווי עס דערקלערט דער העלד פון זיין בוך, מר. וועסט: „כדי איר זאָלט עפּעס פאַרשטיין וועגן וואָס איך רעד, וועל איך אייך צוגלייכן די געזעלשאַפט פון יענער צייט צו אַ גרויסער וואונדערבאַרער קאַרעטע. די גרויסע מאַסע פון דער מענטשהייט איז געווען איינגעשפּאַנט צו שלעפּן די קאַרעטע איבער זאַמדיקע וועגן און משופּעדיקע בערג. דער טרייבער איז — הונגער און ער לאָזט זיך ניט אָפּשטעלן.

„אין דער קאַרעטע זיינען זיך געזעסן אַ קליינע צאָל פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין. — — —

„די אַרבעט פון שלעפּן די קאַרעטע איז געווען זייער שווער און אַ סך פלעגן דערביי פאַלן. — — — און ווען די ליידן פון די איינגעשפּאַנטע איז געווען שוין הימל־שרייענדיק, פלעגן די פּאַסאַזשירן זיך אַראָפּבויגן און האַלטן דרשות פאַר די ליידנדיקע, אַז זיי זאָלן זיין געדולדיק, אָננעמען פאַר ליב זייערע צרות — דערפאַר וועלן זיי ווערן באַלוינט אויף אַן אַנדערער וועלט...”

נאָך אַן אינטערעסאַנט מעשהלע וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם דערציילט בעלאַמי אין זיין בוך „גלייכהייט”. די געשיכטע הייסט: „דער משל פונעם וואַסער־טאַנק”:

„עס איז געווען אין אַ געוויסן געגנט, וואו דאָס לאַנד איז געווען זייער טרוקן און די מענטשן האָבן זיך גענויטיקט אין וואַסער. האָבן עטלעכע „קאַפּיטאַליסטן” באַפוילן די מענטשן צו גראָבן ברונעמער און זיי ברענגען דאָס וואַסער, וואָס זיי האָבן געזאַמלט אין אַ וואַסער־טאַנק. פאַר יעדן עמער וואַסער האָבן זיי באַצאָלט די מענטשן אַ פּעני. אָבער ווען די מענטשן האָבן געוואָלט טרינקען וואַסער, האָבן זיי געמוזט אויפן „מאַרקעט” באַצאָלן פאַר יעדער עמער — צוויי פּעניס”...

און ווען דער טאַנק פלעגט אָנגעפילט ווערן פלעגן די אַרבעטער בלייבן אַרבעטלאָז און ליידן דאָרשט. ביז זיי האָבן אָנגענומען אַ פּלאַן אַליין צו גראָבן ברונימער און אַליין זיי נוצן אַנשטאָט זיי איבערגעבן צו די קאַפּיטאַליסטן.

די ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון בעלאַמיס צייט האָבן אָפּגעדרוקט די מעשהלעך און זיי פאַרשפּרייט אין הונדערטער טויזנטער, און די מעשהלעך זיינען אָפט איבערדערציילט געוואָרן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן.

בעלאַמי איז געשטאָרבן דעם 22טן מאַי 1898.

דזשעק לאָנדאָן

(1916-1876)



דזשעק לאָנדאָן איז אַלט געווען בלויז 40 יאָר ווען ער איז געשטאָרבן. ער האָט אָבער איבערגעלאָזן אַ ירושה פון פופציק בענד — דערציילונגען, ראָמאַנען און עסייען, פון וועלכע די מערסטע ווערן באַטראַכט צווישן די בעסטע אין דער וועלט-ליטעראַטור און זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן. זיי ווערן נאָך איצט געלייענט איבער גאָר דער וועלט.

נאָר לאָנדאָן אַליין האָט גראָד שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער. זיינע בריוו צו פריינט הייבט ער אָן מיט די ווערטער „טייערער חבר" און פאַרענדיקט מיט די ווערטער „דיי-נער פאַר דער רעוואָלוציע".

ווען אַ פאָרזיצער אויף זיינער אַ לעקציע האָט אים פאָרגעשטעלט אַלס דער „טיף-דענקענדיקער פילאָ-סאָף, דער ליטעראַרישער געניע און איינער פון די געלערנטסטע מענטשן אין אַמעריקע", האָט דזשעק לאָנ-דאָן געענטפערט, אַז ער פילט זיך גאָרנישט געשמייכלט פון דעם ווי דער פאָרזיצער האָט אים פאָרגעשטעלט, ווייל „איידער מען האָט מיר געגעבן די דאָזיקע טיטולן, וואָס דער פאָרזיצער האָט מיר דאָ אויסגערעכנט, בין איך געווען אַן אַרבעטער אין אַ ,קענינג׳ [קאָנסערוון]-פאַבריק, אין אַ ,פיקל׳-פאַבריק, אַ וועשעריי, און חדשים-לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן זוכן אַ דזשאַב, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטסלאָזע. און עס איז אָט-דער פּראָלעטאַרישער טייל פון מיין לעבן, מיט וועלכן איך שטאָלציר און וועלכן איך וועל אָנהאַלטן אַזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבן".

דזשעק לאָנדאָנס בוך „דער אייזערנער קנאַפּל“ איז אַ וואונדערלעכע פאַנטאַזיע, וואָס דערציילט מיט 700 יאָר שפּעטער, ווי אַזוי אַ גרופּע ביוראָקראַטן האָבן פאַרכאַפּט די רעגירונג פון אַמעריקע און איינגעפירט אַן „אייזערנעם קנאַפּל“, וואָס האָט אונטערדריקט די מאַסן, ווי אַזוי די מאַסן האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד און עטאַבלירט די שיקאַגער קאָמונע א. אַז. וו.

דער בוך, וואָס איז שפּעטער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נבואה וועגן דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד קעגן דער קערענסקי־רעגירונג, איז אָדער איגנאָרירט געוואָרן, אָדער אַטאַקירט געוואָרן אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, וועלכע האָט אַזוי גערימט דזשעק לאָנדאָנס פריערדיקע ווערק, ווי דעם „ים־וואָלף“, „שטימע פון בלוט“ און אַנדערע ביכער.

אויך די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין יענער צייט האָבן אַטאַקירט דעם בוך. אָבער ערנסטע סאָציאַליסטן, ווי יודזשין וו. דעבס, וויליאַם העיוואוד, מערי מאַרסי און אַנדערע האָבן דעם בוך געלויבט און סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע אַרבעטער־מאַסן האָבן אין „אייזערנעם קנאַפּל“ געזען אַ ווערטפולע פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָציאַליזם, און ברייט פאַרשפּרייט דעם בוך.

דער באַרימטער פראַנצויזישער שרייבער אַנאַטאָל פראַנס האָט אָנגערופן דזשעק לאָנדאָנען „דער אַמעריקאַנער קאַרל מאַרקס“ און אָנגעשריבן אַ פאָררעדע צו דעם בוך. אויך לעניןן האָט זייער אַ סך געהאַלטן פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער שרייבער דזשעק לאָנדאָן. לעינינס פרוי, מאַדאַם קרופּסקאַיאַ, דערציילט אין אירע זכרונות וועגן לענין, אַז פאַר לענינס טויט האָט זי, זיצנדיק ביי זיין בעט, פאַר אים פאָרגעלייענט פון דזשעק לאָנדאָנס בוך „לאָוו אָוו לאַיף“ און לענין האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

לאָנדאָן איז גערופן געוואָרן דער גאָרקי פון אַמעריקע. אַזוי ווי גאָרקי, האָט ער אין זיין יוגנט דורכגעמאַכט אָרעמקייט, דחקות, צרות. געווען אַ באָסיאַק, אַ מאַטראָז און זיך אַ סך אָנגעליטן. זיינע ווערק זיינען דורכגעדרונגען מיט די דערפאַרונגען, וואָס ער האָט אַליין דורכגעלעבט.

לאָנדאָן איז געווען אַ סאָציאַליסט. ער איז פיל מאָל געווען אַ קאַנדידאַט אויף דעם סאָציאַליסטישן וואַל־טיקעט, געהאַלטן סאָציאַליסטישע לעקציעס וועגן רעוואָלוציע, אָרגאַניזירט די „אינטערקאָלידזשיאייט סאָשעליסט סאָסאַיעטי“, אַ סאָציאַליסטישע סטודענטן־אָרגאַניזאַציע איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט רעזיגנירט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1916, אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט, ווייל — ווי ער האָט דערקלערט — „די ס. פּ. האָט פאַרלאָזן די אידייען פון קלאַסן־קאַמף און זיך אָוועקגעלאָזן אויף די וועגן פון אָפּאָרטוניזם“.

איך האָב געהאַט דאָס גליק צו הערן דזשעק לאָנדאָן רעדן אין פּעניועל

האָל, באָסטאָן, און נאָכדעם זיך טרעפן מיט אים אויף אַן אינטימען מיטינג פון אַ גרופּע סאָציאַליסטן אין די סאָציאַליסטישע העדקוואָרטערס אין באָסטאָן. איך האָב זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון זיין פּערזענלעכן מאַגנעטיזם, זיינע טיף־דרינגענדע אויגן, זיין שיינעם געשטאַלט און זיינע פּערלדיקע ווערטער, וועלכע זיינען געווען פול מיט באַגייסטערונג אין פּריוואַטע גע־שפּרעכן, ווי עס זיינען געווען זיינע לעקציעס פון די גרויסע פּלאַטפאָרמעס.

זיין רעדע אין יעיל קאָלעדזש, ניו־היווען, וואָס ער האָט נאָכדעם אי־בערגעחזרט אין אַנדערע פּלעצער, האָט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. ער האָט גערעדט וועגן דער וואַקסנדיקער אַרמיי פון סאָציאַליזם איבער דער וועלט — זיבן מיליאָן שטאַרק — און צווישן אַנדערן געזאָגט:

„אַזאַ רעוואָלוציאָנערע אַרמיי פון זיבן מיליאָן מאַן, איז אַ זאַך וואָס דאַרף מאַכן די הערשנדיקע קלאַסן זיך אַוועקזעצן און זיך גוט פאַרטראַכטן.

„דער קאַמף־געשריי פון דער דאָזיקער אַרמיי איז: מיר ווילן ניט האָבן קיין איינזעעניש — מיר ווילן אַלץ, וואָס איר באַזיצט! מיר וועלן ניט זיין צופרידן מיט עפּעס ווייניקער, ווי אַלץ וואָס איר האָט. מיר ווילן אין אונ־דזערע הענט דעם רודער פון דער מאַכט און דעם שיקזאַל פון דער מענטשהייט. — — —

„מיר וועלן צונעמען אייער רעגירונג, אייערע פּאַלאַצן און אייער באַ־קוועם, גרינג לעבן. און יענעם טאָג וועט איר דאַרפן אַרבעטן פאַר אייער שטיקל ברויט, פּונקט אַזוי ווי עס אַרבעטן דער פּויער אין פעלד, אָדער ווי דער הונגעריקער קלוירק אין אייערע גרויסע שטעט...

„זיי זיינען אַנטשלאָסן ניט ווייניקער, ווי צו צעשטערן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט און איבערנעמען די גאַנצע וועלט. אויב דאָס געזעץ פון לאַנד וועט דערלויבן, וועט דער קאַמף פאַר דעם אָנגיין דורך דעם שטים־קאַסטן אויף אַ פרידלעכן וועג. אויב די געזעצן פון לאַנד וועלן ניט דערלויבן און זיי וועלן נוצן גוואַלדטאַטן, וועלן זיי קריגן אַן ענטפער מיט געוואַלדטאַט. זייערע הענט זיינען שטאַרק און זיי שרעקן זיך ניט אָפּ! — — —

„די רעוואָלוציע איז שוין דאָ! שטעלט זי אָפּ, אויב איר קאָנט!“...

לאָנדאָן האָט אויפגעטרייסלט די רייכע געזעלשאַפט דורך זיינער אַ לעקציע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז די רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד זיינען זיינע ברידער. אייניקע צייטונגען האָבן געמאַכט אַ גוואַלד, אַז לאָנ־דאָן רופט אָן די רוסישע טעראָריסטן זיינע ברידער און געפאָדערט, אַז מען זאָל לאָנדאָנען אַרעסטירן. אים האָט אָבער ניט געקימערט, וואָס די רייכע דענקען וועגן אים.

אין זיין אַרטיקל „וואָס דאָס לעבן מיינט פאַר מיר“ דערציילט ער אָבער, אַז ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו מישן זיך מיט די רייכע:

„איך בין געגאַנגען צוריק צו דעם אַרבעטער־קלאַס, אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן און וואו איך געהער. — — — בין איך צופרידן צו אַרבעטן מיט אַן אייזן־שטאַנג אין האַנט, האַנט אין האַנט מיט די אינטעלעקטואַלן, אידעאַליסטן און קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. און פון צייט צו צייט אַזוי אַ טרייסל טאָן די גאַנצע געביידע! און עס וועט קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן צוקריגן נאָך העלפט און מיר וועלן די גאַנצע געביידע איבערקערן מיט דעם גאַנצן פאַרפוילטן לעבן, מיט די אומבאַגראָבענע פגרים".

דזשעק לאָנדאָן איז געבוירן געוואָרן דעם 14טן יאַנואַר 1876 אין סאַן־פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע, דער זון פון אַן „אומגעזעצלעכער" ליבע צווישן פלאָרא וועלמאַן און פראָפעסאָר וו. ה. טשעני. זיי זיינען געווען פון אירישער אָפּשטאַמונג.

ווען דזשעק איז אַלט געווען אַכט חדשים, האָט זיין מוטער, וועלכע האָט דעמאָלט פּראַקטיצירט ספּיריטואַליזם, זיך באַקענט מיט איינעם דזשאָן לאָנדאָן, אַן אלמן, אַ פאַרמער, מיט וועלכן זי האָט געהייראַט, און ער האָט דזשעקן אַדאָפּטירט אַלס זיין זון.

די פאַמיליע האָט געליטן נויט. דער שטיפפאָטער האָט געטאָן פאַרשיידענע אַרבעט נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעגעבן זיין פאַרם, אָבער עס איז ניט געווען גענוג. און דזשעק, קוים 11 יאָר אַלט, איז געשיקט געוואָרן אַרבעטן צו העלפן פאַרדינען אויף די הוצאות.

ער פלעגט פאַנאַנדערטראָגן צייטונגען פאַר און נאָך דער „סקול", און פון דעם פאַרדינסט 12 דאָלאַר אַ חודש, וואָס ער פלעגט אַוועקגעבן זיין מוטער. שבת האָט ער געאַרבעט אויף אַ וואָגן פון אַן אייז־פּעדלער און שבת־נאַכט און זונטאָגס — אין אַ „באָולינג עלי".

אין שול האָט דזשעק זיך געלערנט זייער גוט און צו 13 יאָר גראַדואירט פון דער „גרעמער סקול" אין אָוקלאַנד, קאַליפאָרניע. אָבער וועגן גיין אין האַי־סקול האָט ער אפילו ניט געקענט טראַכטן. אויסער פאַרקויפן צייטונגען האָט ער געמוזט אָננעמען נאָך אַנדערע אַרבעטן, כדי אַרויסצוהעלפן דער פאַמיליע.

צו 15 יאָר האָט ער געאַרבעט אין אַ „קענינג"־פאַבריק. ער האָט געקראָגן צען סענט אַ שעה און אָפט געאַרבעט 18 און 20 שעה אַ טאָג. זיינע איבערלעבונגען פון יענער צייט זיינען פּראַכטפול געמאָלן אין זיין דערציילונג „דהי אָפּאָסטייט".

די אַרבעט איז פאַר אים געווען אומדערטרעגלעך, און ער האָט געזוכט אַ מער באַצאָלטע באַשעפטיקונג. ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ חברה יונגען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אויפקלייבן אויסטערס אויף די ברעגן פון ים. זיי זיינען געווען שכורים און אַוואַנטוריסטן און זיי פלעגן ביי־

נאַכט מאַכן איבערפאַלן אויף פּריוואַטע אויסטער־פלעצער, צונעמען די אויס־טערס און זיי פאַרקויפן. דזשעק האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיט דער דאָזיקער חברה און באַוויזן, אַז ער קאָן אַריבערשטייגן די דערוואַקסענע, ניט נאָר אין זיין אַרבעט, נאָר אויך אין שיכורן און הולטאַיעווען...

איינמאָל האָט ער זיך אַזוי אָנגעשיכורט, אַז ער איז אַרונטערגעפאַלן פון דער האַפן־וואַנט אין ים אַריין. דאָס איז געווען 1 אַזייגער מיטנאַכט. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אים אויסגעניכטערט. ערשט אינדערפרי האָט אים אַ פישערמאַן געפונען אויפן ברעג אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד און אים אָפּגעראַטעוועט. ער האָט אַ סך יאָרן נאָך דער פּאַסירונג זיך אָפּגעהאַלטן פון שיכורן.

ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר האָט ער זיך פאַרדונגען פאַר אַ מאַטראָז אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין יאַפּאַן און סיביר. אויף דער רייזע האָט ער זיך אָנגעהערט אַ סך מעשיות פון די מאַטראָזן, וואָס זיינען אים שטאַרק צונוץ־געקומען פאַר זיינע שפּעטערע ים־געשיכטעס.

ער איז צוריק געקומען קיין סאַן־פראַנציסקאָ אין 1893. אָני לאַנד האָט געהערשט אַ קריזיס, און ווען מען האָט שוין געאַרבעט, האָט מען זייער ווייניק באַצאָלט. דזשעק האָט געקראָגן אַרבעט אין אַן עלעקטרישער סטאַנציע, וואו ער האָט געדאַרפט אַרבעטן 13 שעה אַ טאָג פאַר 8 סענט אַ שעה. ער האָט נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט וועגן קלאַסן־קאַמף. אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון אַ צווייטן אַרבעטער, אַז אויף דעם זעלבן „דזשאַב“, וואָס ער, איינער, אַרבעט, האָבן פריער געאַרבעט צוויי מענטשן, פאַר וועלכן יע־דער איינער האָט געקראָגן מער באַצאָלט, ווי ער — האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם רידל און באַשלאָסן צו ווערן אַ „טרעמפּ“.

גענעראַל קאָקסי האָט דעמאָלט אָרגאַניזירט אַן אַרמיי פון אַרבעטס־לאָזע צו מאַרשירן קיין וואַשינגטאָן און פאָדערן, אַז די רעגירונג זאָל שאַפן אַרבעט דורך בויען וועגן און אַנדערע עפנטלעכע אַרבעטן. כדי זיך אָנ־שליסן אין דער אַרמיי, האָט דזשעק זיך אַוועקגעלאָזט צופוס און אויף אַ פראַכט־שיף, בעת וועלכן עס איז אים אויסגעקומען אָפט בעטלען איבער די הייזער.

אין ניאַגראַ פאָלס איז ער אפילו אַרעסטירט געוואָרן אַלס אַ וואַגאַבונד און איז פאַרשיקט געוואָרן אויף 30 טעג אין טורמע. זיין דערפאַרונג האָט אים איבערצייגט, אַז מען ווערט אַ „טרעמפּ“ ניט דורך אייגענעם ווילן, נאָר דורך אומשטענדן. און דאָס איז געווען איינע פון זיינע טעמעס אויף זיינעם אַ שפּעטערדיקן לעקציע־טור.

בשעת ער האָט געוואַנדערט איבערן לאַנד האָט ער זיך באַקאַנט מיט איינעם, וועלכער האָט אים דערציילט וועגן אַ פאַמפלעט „דער קאָמוניסטישער

מאַניפעסט״. דזשעק האָט געקראָגן אַ קאָפּיע, און נאָכן איבערלייענען האָט ער פאַרצייכנט די ווערטער: „די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט איז געווען אַ געשיכטע פון קאַמף צווישן די עקספּלואַטירער און עקספּלואַטירטע״ און אַז „אַרבעטער האָבן גאָרניט צו פאַרלירן, נאָר זייערע קייטן, און אַ וועלט צו געווינען״. ער האָט נאָכדעם געלייענט אַ סך ערנסטע ביכער איבער סאָציאַליזם און איז געוואָרן אַן ענטוזיאַסטישער סאָציאַליסט.

ער האָט איצט באַשלאָסן צו קריגן מער בילדונג, און צו 19 יאָר איז ער אַריינגעטראָטן אין אָוקלאַנד (קאַליפ.) האַי־סקול, טוענדיק צוגלייך פאַרשיידענע אַרבעטן צו פאַרדינען אויף הוצאות.

זיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט איז געווען אין אַ צייטונג־קאָנטעסט פאַר קורצע דערציילונגען. ער האָט געוואונען דעם ערשטן פּרייז פון 25 דאָלאַר. אָבער מער האָבן די צייטונגען ניט אָנגענומען. ער האָט אויך זיך באַטייליקט אין דעם ליטעראַרישן זשורנאַל פון שול און שטאַרק אויסגענומען. ער האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין אַ דעבאַטיר־קלוב, געוואָרן פּאָפּולער, און מען האָט אים געגומען איינלאַדן אין דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט און געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ צוקונפטיקן טאַלאַנט.

אָבער באַלד האָט דזשעק פאַרלאָרן זיינע פריינט. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין אויף סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־מיטינגען, און איינמאָל האָט ער אויף אַ סקווער געגומען האַלטן אַ סאָציאַליסטישע רעדע, אַז „קאַפּיטאַליזם איז אַ סיסטעם פון אָרגאַניזירטער רויבעריי, וועלכע האַלט דעם אַרבעטער ביים גאָרגל און שטיקט אים, ביז זי קריגט אַרויס דעם לעצטן דאָלאַר פון אים״.

ער האָט קוים אָפּגערעדט צען מינוט, ווען פּאָליציי איז געקומען און אים אַוועקגענומען אין אַ פּאַטרול־וואָגן פאַר רעדן אַן אַ דערלויבעניש. די צייטונגען און דער „טשעימבער אָוו קאָמערס״ (האַנדלס־קאַמער) האָבן געפאָדערט מען זאָל אים פאַרשיקן אין טורמע.

אַן ענלעכע ליידנשאַפטלעכע סאָציאַליסטישע רעדע, אין וועלכער ער האָט אַטאַקירט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, האָט ער געהאַלטן ביי אַ גראַדואיר־צערעמאָניע אין שול, פאַר וועלכן די שול־פאַרוואַלטונג האָט געפאָדערט מען זאָל אים שטרענג באַשטראָפן.

ער איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרן אין דעם יוניווערסיטי אָוו קאַליפאָרניע, וואו ער האָט אַ סך געלערנט און אין דער פרייער צייט געאַרבעט ביי פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען. ער האָט אויך באַשלאָסן פּרובירן זיין מזל צו פאַרדינען עפּעס דורך שרייבן. האָט ער זיך פאַרשפּאַרט אין זיין צימער 15 שעה אַ טאָג, געשריבן און איבערגעשריבן דערציילונגען און עסייען און געשיקט אין צייטונגען און זשורנאַלן. אָבער מען האָט זיי אים

אָפּגעשיקט צוריק, און ער איז ענדלעך אַוועק אַרבעטן אין אַ וועשערײַ. פֿאַר אַרבעטן 84 שעה אַ וואָך האָט ער געקראָגן עסן, אַ צימער און 30 דאָלאַר אַ חודש, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן זײַן מוטער.

אין 1896 איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ געלאָף צו דעם אינדזל קלאָנדײַק, וואו עס האָט געזאָלט זיך געפֿינען אַ סך גאָלד.

דזשעק האָט פֿון זײַן פֿאַרהייראַטער שטיף־שוועסטער געקראָגן געלט, און אָנהייב 1897 זיך אַוועקגעלאָזן מיט די גאָלד־זוכערס קיין קלאָנדײַק. אָבער נאָך אַ יאָר זוכענישן האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים אָן גאָלד, נאָר מיט אַ הויט־קראַנקהייט, וואָס האָט פֿאַרביטערט זײַן לעבן.

ער האָט אין יענער צײַט אַ סך געשריבן פֿון די דערפֿאַרונגען פֿון זײַנע רייזעס, אָבער מען האָט זײַנע שאַפֿונגען ניט געקויפֿט.

ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַזאַ פֿאַרצווייפֿלונג, אַז ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו זײַן לעבן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען קוים 22 יאָר.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט ער געקראָגן אַ בריוו פֿון דעם זשורנאַל „אָווערלאַנד מאָנטלי״, אַז זיי דרוקן זײַנע אַ דערציילונג. ער איז געוואָרן אויסער זיך פֿאַר פֿרייד. אָבער ער איז געוואָרן אַנטוישט, ווען אין בריוול האָט זיך געשריבן, אַז ער וועט פֿאַר דעם קריגן בלויז 5 דאָלאַר. נאָר באַלד האָט ער געקראָגן אַ ידיעה פֿון נאָך אַ זשורנאַל, אַז מען האָט אָנגענומען זײַנע אַ דערציילונג און מען האָט אים דערפֿאַר צוגעשיקט 40 דאָלאַר, און דאָס האָט אים געגעבן מוט פֿאַרזעצן זײַן שרײַבן.

זײַנע ים־געשיכטעס און אַלאַסקאַ־דערציילונגען זײַנען שפּעטער אויפֿגעכאַפּט געוואָרן פֿון אַמעריקאַנער עולם. ער האָט שוין געקראָגן ניט 5 דאָלאַר פֿאַר אַן אַרטיקל, נאָר טויזנט דאָלאַר און מער. ער איז געשיקט געוואָרן אַלס קאָרעספּאָנדענט קיין דרום־אַפֿריקע און צו „דעקן״ די יאַפּאַנעזיש־רוסישע מלחמה אין 1904. ער האָט איבערגעשטייגט מיט זײַנע באַריכטן אַלע אַנדערע קאָרעספּאָנדענטן.

ער איז דערנאָך געווען אין ענגלאַנד און באַשריבן די אָרעמקייט פֿון לאָנדאָן. ער האָט אַ סך געשריבן און אין 1913 איז ער שוין געווען דער בעסט־באַצאָלטער שרײַבער אין דער וועלט.

דזשעק לאָנדאָן איז געשטאָרבן דעם 22טן נאָוועמבער 1916.

אָפֿיציעל האָבן די דאָקטוירים באַריכטעט, אַז ער איז געשטאָרבן פֿון „בלוט־פֿאַרגיפֿטונג״, אַ קראַנקהייט, פֿון וועלכער ער האָט געליטן אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן. אָבער צײַטונגען איבער דער וועלט האָבן געמאָלדן, אַז דער באַרימטער דזשעק לאָנדאָן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אַזוי איז טאַקע פֿאַרצייכנט אין די ענציקלאָפּעדיעס. זיי האָבן עס געדרונגען פֿון זײַן אויטאָביאָגראַפֿיש בוך „מאַרטין עדען״, וואָס ענדיקט זיך ווי דער העלד

דערטרינקט זיך.

אָבער וועגן „מאַרטין עדען" האָט לאָנדאָן געשריבן צו אַ פּריינט אין 1912: „יאָ, איך בין מאַרטין עדען. אָבער מאַרטין עדען איז געווען אַן אינדי־ווידואַליסט און דערפאַר איז ער געשטאָרבן. איך לעב, וויל איך בין אַ סאָ־ציאַליסט און בין סאָציאַל־באַוואוסטזיניק".

בלויז 16 יאָר האָט געדויערט דזשעק לאָנדאָנס ליטעראַריש שאַפן. אָבער ער האָט געלאָזט נאָך זיך אַ רייכע ליטעראַטור־ירושה פון 50 בענד, וועלכע האָבן אים געמאַכט אומשטערבלעך.

די „ניו מעסעס" האָט אין 1929 געשריבן וועגן דזשעק לאָנדאָן:

„דזשעק לאָנדאָן איז געווען אַן עכטער פּראָלעטאַרישער שרייבער — דער ערשטער און ביז אַהער דער איינציקער פּראָלעטאַרישער געניאַלער שרייבער. אַרבעטער לייענען דזשעק לאָנדאָן. ער איז דער אויטאָר, וואָס זיי האָבן אַלע געלייענט. עס איז אַ ליטעראַרישע דערפאַרונג, וואָס זיי אַלע האָבן אין געמיינשאַפט. פאַבריק־אַרבעטער, פאַרמער־אַרבעטער, מאַטראָזן, מיינערס און ייִנגלעך, וואָס פאַרקויפן צייטונגען, לייענען און לייענען אים אייך מאָל און נאָך אַמאָל. ער איז דער פּאָפּולערסטער שרייבער פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס".

די געשיכטע פון דזשאָו היל

דזשאָו היל האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך קאַמפּס־לידער, וואָס ווערן אַזוי גערן געזונגען אין צייט פון סטרייקס. זיין נאָמען איז אויך פאַראייביקט אין אַ ליד פון אוירל ראָבינסאָן, וואָס פּאָל ראָבסאָן זינגט אַזוי אָפט: „לעצטע נאַכט האָב איך געחלומט, אַז איך האָב געזען דזשאָו היל". — „איך בין ניט טויט, — האָט ער געזאָגט, — דאָרט וואו עס איז נאָר דאָ קאַמף פאַר די אונטערדריקטע, בין איך דאָ".



אַ סך דענקען, אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטער העלד, וואָס דער דיכטער און מוזיקער ראָבינסאָן האָט געמאָלן פון אַ רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קעמפער, וועלכער שטאַרבט קיינמאָל נישט. אָבער דזשאָו היל האָט געלעבט און געקעמפט אין אַמעריקע, און זיין לעבן און טראַגישער טויט איז אַ קאַפּיטל, פון די פאַרשווערונגען, וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אין אַמעריקע האָט געמאַכט קעגן מיליטאַנטע קעמפער צו דערשטיקן זייערע פּראָטעסט־שטימען קעגן אומגערעכטיקייט.

דזשאָו היל (זיין אמתער נאָמען איז געווען דזשאָזעף הילשטראָם) איז געבוירן געוואָרן אין שוועדן, אין 1882. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין

זיינע יונגע יאָרן, געווען אַ וואַנדערער־אַרבעטער, ווי עס זיינען געווען אַלע פון די מיטגלידער פון דער דעמאָלט רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־יוניאָן „דהי אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד". די „אַי־דאַבליו־דאַבליו" האָט דאַן אָנגעפירט אַ סך קאַמפן צו אָרגאַניזירן די ניט־געשולטע אַרבעטער, און דזשאָו היל האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן און פלעגט וועקן און מוטיקן די קעמפער דורך זיינע לידער, וואָס ער פלעגט אַליין פאַרפאַסן און זיי זינגען באַגלייט אויף דער פיאַנאָ, אָדער גיטאַר.

היל איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ בלבול פון מאָרד: דעם 10טן יאַ־נואַר 1914 זיינען עטלעכע באַוואָפנטע באַנדיטן אַריין אין דער גראָסערי־קראָם פון דזש. ב. מאָריסאָן אין סאָלט לעיק סיטי און מיט די ווערטער „איצט האָבן מיר דיך געפּאַקט", האָבן זיי גענומען שיסן. אין קראָם זיינען דעמאָלט געווען מאָריסאָן און זיינע צוויי זין — אַרלין, 17 יאָר, און מאַרטין, 13 יאָר. מאַרטין איז אַריינגעלאָפן אין אַ הינטער־צימער. ווען ער איז צוריק געקומען, האָט ער געפונען זיין פאָטער שטאַרבנדיק, און זיין ברודער טויט. קיין רויבעריי איז ניט פאָרגעקומען, קיין געלט, אָדער זאַכן האָט מען ניט צוגענומען. די באַנדיטן זיינען אַנטלאָפן אָן אַ שפור.

דעמזעלבן אָוונט האָט פּאַסירט, אַז דזשאָו היל איז געקומען צום אָפיס פון דר. פ. ב. מעקהיו, וועלכער האָט געוואוינט אַ פּאָר מייל פון אָרט, וואו דער מאָרד איז פאָרגעקומען, און געבעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל אים היילן פון אַ קוילן־וואונד. ער האָט דערציילט דעם דאָקטאָר, אַז ער איז געשאָסן געוואָרן פון אַ מאַן אין אַ קריגעריי איבער אַ „לינקער ליבע" מיט אַ פרוי, און ער וואָלט וועלן, אַז די זאַך זאָל געהאַלטן ווערן בסוד. אָבער דר. מעקהיו האָט באַריכטעט די געשיכטע צו דער פּאָליציי.

ניט געפינענדיק קיין שפור צו די מערדער פונעם גראָסערימאַן, האָט זיך די פּאָליציי „דערטראַכט", אַז דאָ איז אַ גוטע געלעגענהייט פּטור צו ווערן פון דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־זינגער, וואָס איז אַזוי פאַרהאַסט ביי די באַסעס, און דריי טעג שפּעטער איז דזשאָו היל אַרעסטירט און אָנ־געקלאָגט געוואָרן אין דערמאָרדן דעם קרעמער מאָריסאָן.

קיין דירעקטע באַווייזן זיינען ניט געווען. עדות האָבן געזאָגט, אַז זיי דענקען, אַז היל איז ענלעך צו איינעם פון די מענטשן, וואָס זיי האָבן גע־זען אַנטלויפן נאָכן מאָרד. דאָסזעלבע האָט געזאָגט דער דרייצן־יאָריקער זון פון דערמאָרדעטן.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 10טן יוני. די צייטונגען האָבן געשריבן העץ־אַרטיקלען קעגן דזשאָו היל און געזאָגט, אַז ער איז אַ ביי־שפּיל פון דער טעראָריסטישער טאַקטיק פון דער יוניאָן. זיי האָבן דער־ציילט, געשיכטעס, אַז ער איז שוין אַמאָל געווען אַרעסטירט אַלס אַ וואַ־

גאַבונד אין פאַרבינדונג מיט אַ סטרייק, וואו ער איז געווען סעקרעטאַר פון סטרייק־קאָמיטעט און איז געזעסן אין טורמע דרייסיק טעג.

די לאַיערס, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען צו פאַרטיידיקן אים, האָבן אים פאַרראַטן. ווען ער האָט געזען, אַז זיי האָבן ניט גענומען די רעגירונגס־עדות אויף אַ קרייץ־פאַרהער, נאָכדעם ווי זיי האָבן עדות געזאָגט און זיך ווידערשפּראָכן, האָט ער זיך געווענדט צום ריכטער, אַז ער וויל אָפּזאָגן די לאַיערס. אָבער דער ריכטער האָט עס ניט דערלויבט, כאָטש לויט די געזעצן האָט ער געדאַרפט דערקלערן אַ „מיסטראַיעל" און געבן צייט צו קריגן אַן אַנדער לאַיער.

דער ריכטער אַליין האָט צוזאַמען מיטן פּראָקוראָר אויסגעפרעגט די עדות. קיין עדות האָט ניט געקאָנט זאָגן, אַז ער איז זיכער, אַז דזשאָו היל איז געווען דער מערדער. עס איז אויך ניט געווען קיין מאָטיוו און קיין אורזאַך פאַרוואָס דזשאָו היל, אָדער אַן אַנדערער פון די יוניאָן־מיטגלי־דער, זאָל וועלן הרגענען דעם גראָסערימאַן. דזשאָו היל האָט אים ניט געקענט. דער גראָסערימאַן האָט יאָ געהאַט שונאים צווישן די אונטערוועלט־מענטשן, מיט וועלכע ער האָט שוין געהאַט אַמאָל סכסוכים און עס איז געווען די מיינונג פון אַ סך מענטשן, אַז מאָריסאָן איז געווען אַ קרבן פון אַ „גענג" פון אונטערוועלט־מענטשן.

ווי דער זון פונעם גראָסערימאַן האָט עדות געזאָגט, האָבן די מערדער, איידער זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן, געזאָגט: „איצט האָבן מיר דיך געפּאַקט". דאָס ווייזט, אַז עס איז געווען אַ נקמה־אַקט פון מענטשן, וועלכע האָבן פריער געהאַט אַ שייכות מיטן גראָסערימאַן.

עדות פאַר דזשאָו היל האָבן עדות געזאָגט וועגן זיין אָרנטלעכקייט; אַז ער איז ניט געווען קיין שיכור, קיין פרויען־יעגער.

דער דאָקטאָר, וועלכער האָט באַהאַנדלט דזשאָו הילס וואונד, האָט געזאָגט, אַז ווען היל האָט זיך אָנגעטאָן אין זיין אָפּיס, איז אַרויסגעפאַלן אַ רעוואָלווער פון זיין קעשענע. דאָס איז אויך גענוצט געוואָרן אַלס באַ־וויז קעגן הילן. היל האָט דערקלערט, אַז ער האָט געקויפט דעם רעוואָל־ווער אין אַ „פּאָון שאָפּ" און אַז עס איז ניט פון זעלבן קאַליבער, מיט וועלכן עס איז דערשאָסן געוואָרן דער גראָסערימאַן. די טעאָריע פון דער אָנקלאָגע איז געווען, אַז היל האָט געקראָגן די קויל פון אַ שאָס, וואָס דעם גראָסערימאַנס עלטערער זון האָט אָפּגעפייערט, איידער ער איז געפאַלן טויט.

די „דזשורי" האָט הילן געפונען שולדיק אין מאָרד. אַן אַפּיל איז גע־מאַכט געוואָרן צום סטעיט סופּרים קאָורט. אַ לאַיער, ריכטער הילטאָן, האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרטיידיקן הילן. אָבער דער העכערער גע־ריכט האָט גוטגעהייסן דעם אורטייל. דעם לאַיער האָט מען נאָכדעם פאַר־

ווערט צו פּראַקטיצירן געזעץ אין יוטאַ.

פּראָטעסט־מיטינגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון אַרבעטער, אָן אונטערשיד פון ריכטונגען, — מען האָט געפאָדערט דזשאָ הילס באַפרייאונג.

די „אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר" האָט דורך איר פּרעזידענט, סעמיועל גאָמפּערס, אַפּעלירט פאַר באַגנאַדיגונג פאַר דזשאָ היל. די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן" פון ניו־יאָרק האָט זיך געווענדט צו פּרעזידענט ווילסן, ער זאָל זיך אַריינמישן אין דעם פּראָצעס צוגונסטן דעם אָנגעקלאָגטן און דערלויבן אַ צווייטן פּראָצעס. דער קאָנסול פון דער שוועדישער רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָט זיך געווענדט צו ווילסאָן אין נאָמען פון זיין רעגירונג, אַז ער זאָל זען קריגן אַ נייעם פּראָצעס פאַר דזשאָ היל. ווילסאָן האָט זיך צוויי מאָל געווענדט צום גאָווערנאָר ספּורי פון יוטאַ, אים געבעטן אָפּלייגן די הינריכטונג, ביז אַ נייעם פּראָצעס. אָבער דער גאָווערנאָר איז געווען איינגעעקשנט און איז אפילו געווען אין כעס אויף פּרעזידענט ווילסאָן, למאי יענער מישט זיך אַריין אין זיינע שטאַטס־ענינים. אויף ווילסאָנס צווייטער טעלעגראַמע האָט ער אים אפילו ניט געענטפערט.

דעם 18טן נאָוועמבער 1915, אַ טאָג פאַר דער הינריכטונג, האָט אַן אַרבעטער מיטן נאָמען ברזסקי דערקלערט, אַז ער האָט געזען דזשאָ היל יענעם אָוונט נאָך דער אָנגעגעבענער צייט, ווען דער מאָרד איז פאָרגעקומען, אַז היל איז דאַן ניט געווען פאַרוואונדעט. דאָס ווייזט, אַז היל האָט ניט געקאָנט פאַרוואונדעט ווערן אין דער שיסעריי אויפן גראָסערימאַן. די פאַרטיידיקונג האָט געבעטן דעם גאָווערנאָר, ער זאָל אָפּלייגן די הינריכטונג ביז זי וועט ברענגען דעם עדות. אָבער דער גאָווערנאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן.

היל האָט געקעמפט פאַר אַ נייעם פּראָצעס, זייענדיק זיכער, אַז ער וועט קענען באַווייזן זיין אומשולד. אָבער דאָס איז ניט באַוויליקט געוואָרן, און דעם 19טן נאָוועמבער 1915 איז דזשאָ היל „געזעצלעך" הינגעריכטעט געוואָרן דורך דער סטעיט־רעגירונג פון יוטאַ. ער איז געגאַנגען צום טויט ווי אַ העלד. „שיסט!", האָט ער געזאָגט דער סטעיט־פּאָליציי, ווען מען האָט אים פאַרבונדן די אויגן און צוגעשטעלט צו דער וואַנט פאַר דער הינריכטונג.

עס זיינען ניט געווען קיין באַווייזן קעגן אים. אָבער דאָס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אויסזאָגן דעם נאָמען פון דער פרוי, צוליב וועלכער ער איז געשאָסן געוואָרן אין אַ קריגעריי, איז געניצט געוואָרן אַלס „באַווייז" פון זיין שולד, און ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט.

פאַרן טויט האָט ער נאָך געשריבן אַ בריוו צו דער אַרבעטער־פירערין עליזאַבעטגורלי פלין: „איך האָב לעצטע וואָך פאַרפאַסט נייע לידער מיט מוזיק, געווידמעט דער טויב פון פרידן. שלום וועט קומען. איצט זיי גע־

זונט, טייערע גוירלי. איך האָב געלעבט, ווי אַ קעמפער און וויל שטאַרבן, ווי אַ קעמפער״. און צו וויליאַם ד. העיוואוד, פירער פון דער „אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד״, האָט ער געשיקט אַ טעלעגראַמע: „טרויערט ניט נאָך מיין טויט. אָרגאַניזירט!״.

דאָס אַש פון זיין קערפּער איז געבראַכט געוואָרן קיין שיקאַגאָ, וואו ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסע לויה, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט העכער דרייסיק טויזנט מענטשן. פאָרשטייער פון מאַסן־אָרגאַניזאַציעס האָבן געמאַכט הספּדים אין פאַרשידענע שפּראַכן.

אַזוי איז געשטאָרבן דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־קעמפער, דער פאַר־פאַסער פון די לידער „קעיסי דזשאָונס״, „האַלעלויאַ, אַי עם עי באָם״, „לאָנג העיר פּריטשערס״ (אַ סאַטירע אויף גלחים, וועלכע זאָגן צו „עי פּאַי אין דהי סקאַי״, אַלע גוטע זאַכן אויף יענער וועלט), און אַנדערע לידער, וועלכע די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער האָבן אויפגעכאַפּט און געזונגען אין אַלע אַרבעטער־קאַמפן.

דזשאָו היל איז קוים אַלט געווען 33 יאָר, ווען ער איז הינגעריכטעט געוואָרן. אָבער „דזשאָו היל נעווער דאַיס״ — דזשאָו היל שטאַרבט קיינמאָל ניט! — זינגט פּאָל ראָבסאָן. און דאָס איז ריכטיק.

דזשאַן ריד

(1920-1887)

דזשאַן ריד איז דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערער שרייבער, וועלכער האָט ביגעוואוינט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ער איז געווען דערביי, ווען די רעוואָלוציאָנערע מאַסן האָבן פאַרכאַפּט דעם צאַרישן ווינטער־פּאַלאַץ, ווען זיי האָבן מאַרשירט צו צאַרסקאָיע סעלאָ. ער האָט געזען דעם אויפשטאַנד פון דעם פּראָלעטאַריאַט, די גרויסע וועלט־געשעעניש, און האָט עס פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל, פון וואָס עס איז נאָך דעם אַרויס זיין באַרימט בוך „צען טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט", צו וועלכן לענין האָט געשריבן אַ פאָרוואָרט.

ריד איז צוריקגעקומען קיין אַמעריקע דעם 28טן אַפּריל, 1918, ווען אַמעריקע איז נאָך געווען אין דער מלחמה. די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט, צו פאַרשפּרייטן אַלערליי ווילדע מעשיות וועגן די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך נישט צוגעהערט צו די עצות פון טשאַרלס עדוואַרד ראָסעל, עליהו רוט און אַנדערע פון דער אַמעריקאַנער קאָמיסיע קיין רוסלאַנד, און געשלאָסן אַ באַזונדערן שלום מיט דייטשלאַנד אין ברעסט־ליטאָווסק. מען האָט דערציילט, אַז די באָלשעוויקעס פירן־אָן אַ טעראָר קעגן יעדן איינעם, וואָס טראָגט אַ ווייסן קאָלנער, אָדער וואָס איז אַן אינטעליגענט און ניט קיין אומוויסנדער מוזשיק. מען האָט דערציילט באָבע־מעשיות, ווי מען נאַציאָנאַליזירט פרויען, מען הרגעט די

בעסטע מענטשן, און אַז די באָלשעוויקעס זיינען דייטשע אַגענטן, א. אַז. וו.

ריד איז אַרויסגעטראָטן אויף מאַסן־מיטינגען אין ניו־יאָרק, אין באָסטאָן און אין אַנדערע שטעט פון לאַנד, האָט דערציילט דעם אמת וועגן דער רע־וואָלוציע, און עס האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג.

ריד האָט, צוזאַמען מיט דעם קינסטלער אַרט יאַנג, באַזוכט דעבסן אין טערי האָוט. דעבס איז געווען באַגייסטערט פאַר אים און פאַר זיין באַריכט וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, און אים געזאָגט: „זאָגט די באַיעס איבעראַל, וועלכע פירן־אָן דעם קאַמף, אַז דזשין דעבס איז מיט איך ביז אַרונטער, אָן אַן אָפּהאַלט".

איך געדענק אַ גרויסן מיטינג אין קאַרנעגי האָל. דזשאָן ריד האָט איבערגעגעבן אין אַ באַגייסטערטער שפּראַך, ווי אַזוי די רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען, ווי אַזוי סאָציאַליזם ווערט געבויט אויף אַ זעקסטל פון דער ערד, ווי אַזוי עס אַרבעטן די פאַבריק־קאָמיטעטן און די פאַרשיידענע אינ־סטיטוציעס אין דער נייער רעפּובליק.

עס איז געווען נייעס, אויף וועלכע די אמתע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע האָבן געוואַרט. עס איז געווען אַ געטרייער באַריכט פון איינעם פון די בעסטע אַמעריקאַנער רעפּאָרטערס, וועלכער האָט אַליין צוגעזען, וואָס עס האָט פּאַ־סירט, און אַליין עס איבערגעגעבן אין זיינע ווערטער. און עס האָט געהאַט אַ ווירקונג. אפילו אַב. קאַהאַן איז דעמאָלט געווען געצוואונגען איבערצו־געבן דזשאָן רידס רעדע אין „פאָרווערטס" און אָננעמען פאַר אַ קורצער צייט אַ גינסטיקע שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז ניט געווען צופרידן פון רידס באַריכטן וועגן רוסלאַנד. זשורנאַלן און צייטונגען, וואָס פלעגן פריער גערן דרוקן זיינע אַרטיקלען, האָבן מיטאַמאָל אָפּגעזאָגט זיך אָנצונעמען זיי. פּאָליציי האָט פּרובירט שטערן זיינע מיטינגען. אין פילאַדעלפיע האָט די פּאָליציי אַוועקגענומען דעם „פּערמיט" פון אַן אייגנ־טימער, ווייל ער האָט פאַרדונגען דעם זאַל פאַר אַ מיטינג מיט דזשאָן ריד. און ווען ריד האָט געפּרוּווט רעדן צו די פאַרזאַמלטע אין אַ זייטיקער גאַס, אונטערן פרייען הימל, האָט די פּאָליציי אים אַרעסטירט אויף דער קלאַגע פון אויפרייצן צו ראַיאָטן.

אין דעטראָיט האָט די פּאָליציי, נאָך אַ גרויסער פאַרזאַמלונג מיט דזשאָן ריד, אַרעסטירט 150 מענטשן און זיי געהאַלטן פאַרשפּאַרט איבער נאַכט.

ווען אַמעריקע, צוזאַמען מיט אַנדערע לענדער, האָבן אַריינגעשיקט אַר־מייען קעגן די באָלשעוויקעס, האָט ריד אויפגעשטורעמט די אַמעריקאַנער מאַסן קעגן דעם פאַרברעכן פון אינטערווענציע. אויף אַ גרויסן מיטינג, דעם 13טן סעפּטעמבער 1918, אין האָנטס פּאָינט פּאַלאַס, האָט ריד אין זיין רעדע

אויפגעוויזן, אַז ווילסאָן האָט געקאָנט אָפּהאַלטן די באָלשעוויקעס פון מאַכן אַ באַזונדערן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד אין ברעסט־ליטאָווסק — אַמעריקע האָט בלויז געדאַרפט אָנערקענען די באָלשעוויסטישע רעגירונג און צוזאַמען אויסקעמפן אַ גערעכטן פרידן.

ריד איז פאַר דער דאָזיקער רעדע אַרעסטירט געוואָרן. מ׳האָט אים געשטעלט אונטער פינף טויזנט דאָלאַר „בעיל״ און אָנגעקלאָגט אין רעדן שלעכטס אויף דער אַמעריקאַנער עקספּעדיציע אין סיביר.

די פאַרפאָלגונגען פון דער פּאָליציי האָבן רידן ניט אָפּגעשטעלט פון דערציילן דעם אמת וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פון זיין ערשטן טאָג, וואָס ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, ביז וואַנען ער איז אָפּגעפאָרן צוריק האָט ער מער ווי ווער עס איז אַנדערער אין אַמעריקע אויפגעטאָן צו פאַרשפּרייטן דעם אמת וועגן דער גרויסער היסטאָרישער וועלט־געשעעניש אין רוסלאַנד.

ריד איז געווען דער קוואַל פון אינפאָרמאַציע ניט נאָר וועגן דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד, נאָר אויך וועגן די אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, וועלכע ער האָט דורך דער צייט פון דער מלחמה אַלס מלחמה־קאָרעספּאָנדענט, געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן. סאָציאַליזם איז ניט טויט אין אייראָפּע, האָט ער באַריכטעט. די סאָציאַליסטישע מאַסן אין דער גאַנצער וועלט זיינען אויפגעצאָרנט קעגן זייערע פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע האָבן פאַרראַטן דעם סאָציאַליזם, געוואָרן דינער פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען און געהאָלפן שלעפּן מיליאָנען אַרבעטער אין דער וועלט־שחיטה.

די סאָציאַליסטישע מאַסן אין אַמעריקע, וועלכע זיינען געווען נישט ווייניקער אויפגעבראַכט קעגן די היגע פאַררעטער פון סאָציאַליזם, האָבן געפונען אין דזשאָן רידן אַ נייע קראַפט, אַ גלענצנדיקן רעדנער און שרייבער, וועלכער קאָן זיי העלפן פירן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף דעם אמתן וועג פון סאָציאַליזם. ריד איז אויך באַלד געוואָרן דער פירער פון לינקן פליגל אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און געהאָלפן פאַרפאַסן דעם ערשטן מאַניפעסט, וואָס האָט געלויטעט: „דער לינקער פליגל וויל נישט צעשפּאַלטן די ס. פּ., נאָר וויל זי אַוועקשטעלן אויף דער אמתער הויך פון סאָציאַליזם״. דער מאַניפעסט האָט אויפגעקלערט די סיבה פון דעם צוזאַמענבראָך פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און דערציילט, אַז די ספּאַרטאַקיסטן אין דייטשלאַנד און די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד זיינען די אמתע נאָכפאָלגער פון קאַרל מאַרקס און פון אמתן סאָציאַליזם. אַ סך סאָציאַליסטישע ברענטשעס איבערן לאַנד האָבן „אינדאָרסירט״ דעם מאַניפעסט.

די לינקע האָבן אַרויסגעשטעלט אַ צעטל פון קאַנדידאַטן פאַר באַאַמטע

אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1919, און דזשאָן ריד איז געווען דער קאַנדידאַט פון די לינקע פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן סעקרעטאַר — קעגן מאָריס הילקוויטן, דעם קאַנדידאַט פון די רעכטע.

די אָפּשטימונג דורך אַ „רעפערענדום" האָט געגעבן אַ גרויסע מאַיאָריטעט פאַר דזשאָן רידן און די אַנדערע קאַנדידאַטן פון לינקן פליגל, און די לינקע וואָלטן געווען געקאָנט איבערנעמען די פירערשאַפט פון דער סאָציאַליס־טישער פאַרטיי. אָבער די הילקוויטס, וואַלדמאַנס און אַניעלס האָבן „גע־ראַטעוועט" זייער אָרגאַניזאַציע דורך אויסשליסן זיבן שפּראַך־פעדעראַציעס און אַוועקנעמען די „טשאַרטערס" פון די פּאַרטיי־סטייט־אָרגאַניזאַציעס פון מאַסאַטשוזעטס, מישיגען און אָהאַיאָ. אַזוי איז די ס. פּ. געקומען צו דער קאַנווענשאַן אין שיקאַגאָ, אויגוסט, 1919, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 39 טויזנט, אַנשטאָט די פריערדיקע 109 טויזנט.

דזשאָן ריד איז געווען צווישן די דעלעגאַטן, וועלכע זיינען געקומען צו דער קאַנווענשאַן מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט זיי געלינגען איבערצו־נעמען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַר דער גרויסער מיטגלידערשאַפט. אָבער די פירער האָבן זיך באַנוצט מיט פּאָליציי און ניט צוגעלאָזן אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דזשאָן ריד, צוזאַמען מיט אַ צאָל דעלעגאַטן, האָבן פאַרלאָזן די קאַנווענשאַן, אַוועק אין אַ צווייטן זאַל און גע־גרינדעט די קאָמוניסטישע לעיבאָר־פּאַרטיי אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַראייניקט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז גע־גרינדעט געוואָרן אין דער זעלבער צייט פון דער גרויסער מאַיאָריטעט אויסגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס פון דער ס. פּ.

דזשאָן ריד איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „קאָמיוניסט", געווען רעדאַקטאָר פון „וואָיס אָוו לעיבאָר", אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער לעיבאָר־פּאַרטיי, און האָט געשריבן מאַסן אַרטיקלען אין „רעוואָלושיאָנערי עידזש", דער אָרגאַן פון לינקן פליגל פון יענער צייט, ווי אויך אין דעם זשורנאַל „מעסעס", דער פאַרלויפער פון שפּעטערן זשורנאַל „ניו מעסעס".

פאַר אַרטיקלען אין די „מעסעס" קעגן אַמעריקעס אַריינגיין אין דער וועלט־מלחמה איז ער אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט מיט די איבעריקע מיטאַרבעטער פון די „מעסעס".

ריד האָט באַזעסן אַ בייסנדיקן הומאָר און שאַרפע סאַטירע, מיט וועלכע ער פלעגט אומבארחמנותדיק און מיט דערפאָלג אַטאַקירן זיינע קעגנער, — סיי אין דעבאַטן, סיי אין שריפט, אָדער אויף מיטינגען, אויף אַ באַנקעט, וואָס איז פאַר אים געמאַכט געוואָרן אין ניו־יאָרק באַלד נאָך זיין אָנקומען פון רוסלאַנד, האָט אים אַ רעפּאָרטער פון אַ קאַפּיטאַליסטישער צייטונג גע־פרעגט: „ווי איז דאָס געווען מעגלעך, אַז די פויערן אין רוסלאַנד, וועלכע

קענען ניט לייענען און שרייבן, האבן געקאנט מאכן אזא רעוואלוציע?"

— טאקע דערפאר, — האט ריד באלד געענטפערט, — זיי האבן ניט געקאנט זיך אנלייענען מיט אזעלכע ליגנס, ווי אייערע בלאפערישע צייטונגען גיבן, איז זייער מוח געווען קלאר אויפצונעמען דעם אמת.

ער האט אנגעשריבן א פאראדיע אויף דער פרידן־קאנפערענץ אין ווערסאיל; ער האט אנגעשריבן אן ארטיקל וועגן א קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לעיבאר, וואו ער האט כאראקטעריזירט די ביוראקראטן פון דער א. פ. אוו ל. מיט זייער אפגעפרעמדקייט צו ארבעטער־פראבלעמען. דער ארטיקל איז געווען אילוסטרירט מיט צייכענונגען פון ביל גראפער און עס האט ארויסגערופן גרויס אינטערעס.

אין 1916 האט נאך ריד געשטימט פארן פרעזידענט ווילסאן. ער האט געגלויבט אין זיין לאזונג, אז ער האט אונדז „אויסגעהיט פון מלחמה". אבער ווען ווילסאן האט באלד פארראטן און אריינגעשלעפט אמעריקע אין דער וועלט־מלחמה, האט ריד אים געשיקט א טעלעגראמע: „ווי וואר באנקט" — מיר זיינען באשווינדלט געווארן, און ער האט זיך אריינגעווארפן אין דער טעטיקייט קעגן מלחמה.

ער האט אויך געשריבן א סך ווערק, פאעמען און פיעסן אין פארשיידענע זשורנאלן און צייטונגען און איז באטראכט געווארן, ווי אייגער פון די בעסטע אמעריקאנער שרייבער.

דזשאן ריד איז געבוירן געווארן אין פארטלאנד, ארעגאן, דעם 20טן אקטאבער 1887. זיינע עלטערן, פון מיטלקלאס, האבן אים געגעבן א גוטע דערציאונג און בילדונג, געשיקט אים אין פריוואטע שולן און שפעטער אין אוניווערסיטעט פון הארוואַרד.

פון זיין פריעסטער יוגנט האט דער שפעטערדיקער רעוואלוציאנערער שרייבער ארויסגעוויזן די מעלות פון זיין ליטערארישן טאלאנט און רעבעלירנדיקער נאטור קעגן אונטערדריקונג און אליין־הערשאפט. אין דער צוגרייטונג־שול אין מאריסטאון, ניו־דזשורזי, האט ער געוואונען א פרייז פון דעם פאפולערן סקריבנערס מאגאזין פאר א היסטארישער עסיי. ער האט אליין רעדאקטירט און זיך באטייליקט אין די צייטשריפטן פון מאריסטאון־סקול און שפעטער אין הארוואַרד און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שרייבן.

ער איז געקומען קיין באסטאן און קעימברידזש מיט רעקאמענדאציע־בריוו צו די „בעסטע אריסטאקראטישע פאמיליעס". אבער ער האט די בריוו צעריסן און אין קאלעדזש פארפאסט לידלעך און סקעטשעס, וואו ער האט געמאכט חוזק פון די באסטאנער יחוסדיקע רייכע פאמיליעס.

אין הארוואַרד האט שוין דאן עקזיסטירט א סאציאליסטישער קלוב, וואו מען פלעגט דיסקוטירן סאציאלע פראבלעמען. ריד איז געווען אן אפטער

באַזוכער פון קלוב און פלעגט זיך דאָרט באַטייליקן אין די דיסקוסיעס.

ווען ער האָט גראַדואירט פון האַרוואַרד אין 1910, האָט ער זיך אויף אַן אָקסן־שיף אַוועקגעלאָזן קיין איראָפּע צו „זען די וועלט". ער האָט באַזוכט פאַרשיידענע לענדער, ווי פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליע און אַנדערע. אָבער באַזעצט האָט ער זיך סוף כל סוף אין ניו־יאָרק. ער פלעגט יעדע נאַכט אַרומבלאָנדזשען איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, אוי ף דער איסט סאַיד, אין די מאַרקעטס, אויף דער באָוערי; באַקענט זיך מיט טרעמפּס, מיט די אָרעמסטע און אַרויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט. און אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך געהאַט צוטריט צו די רייכסטע פלעצער, וואו ער האָט געהאַט אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט. ער האָט ליב געהאַט ניו־יאָרק. „די דאָזיקע גרויסע שטאָט מיט אירע מענטשן איז געווען אַן אָפענער בוך פאַר מיר", האָט ער געשריבן. „דאָרט האָב איך געקראָגן מיין ערשטן באַגריף פון דעם לעבן אין מיין צייט".

דער באַרימטער שרייבער לינקאָלן סטעפענס האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין וואוינונג, געגעבן אים אַ צייטווייליקע שטעלע אין „ניו־יאָרק גלאָוב" און אין „אַמעריקאַן מעגעזין". אָבער באַלד האָבן רידס אַרטיקלען זיך גענומען דרוקן אין די זשורנאַלן „קאָליערס", „סאַטורדעי איווינינג פּאָוסט", „סענטשורי" און אַנדערע. מען האָט אים גערן געלייענט, און ער איז געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער דיכטער און זשורנאַליסט.

אין 1913 איז אין פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי, אַנגעגאַנגען אַ גרויסער סטרייק פון די טעקסטיל־אַרבעטער און ביל העיוואָוד האָט געהאַלטן אַ לעק־ציע פאַר ליבעראַלן וועגן דעם פּעטערסאָנער סטרייק. ריד איז געווען ביי דער לעקציע און האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז זען וואָס עס טוט זיך אין פּע־טערסאָן. באַלד ווי ער איז דאָרטן אָנגעקומען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט רעדן מיט אַ גרופּע סטרייקערס לעבן אַ הויז. אַ פּאָליסמאַן האָט גענומען פאַנאַנדערטרייבן די סטרייקערס און ווען ריד האָט זיך אָפּגעזאָגט אַוועק־צוגיין, האָט דער פּאָליסמאַן אים אַרעסטירט און אַ ריכטער האָט אים פאַר־משפּט צו צען טעג טורמע.

די ניו־יאָרקער צייטונגען האָבן געמאַכט אַ גרויסע סענסאַציע וועגן זיין אַרעסט. אָבער ריד אַליין האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס זיי מאַכן אַזאַ גרויסן רעש, ווען מען אַרעסטירט אַ רעפּאָרטער, און עס אַרט זיי ניט, ווען מען אַרעסטירט הונדערטער סטרייקערס יעדן טאָג.

אין טורמע האָט זיך ריד נעענטער באַקאַנט מיט ביל העיוואָודן, וועלכער איז אויך געווען אַרעסטירט מיט עליזאַבעט גורלי פלין און אַנדערע פירער פון סטרייק, און ער האָט געקראָגן אַ גוטע לעקציע אין קלאַסן־קאַמף — „אַז די באַלעבאַטים קריגן אַרויס אַלץ, וואָס זיי קאָנען, פון דעם אַרבעטער,

צאָלן שכירות אַזוי ווייניק, ווי זיי מוזן עס טאָן און אַז די רעגירונג איז אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים קעגן די אַרבעטער".

ער איז געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער פון די סטרייקערס, פאַרפאַסט סטרייק־לידער און געזונגען מיט זיי; גערעדט אויף מאַס־מיטינגען און אָרגאַנזשירט פּעדזשענטס.

אַ צווייטע געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דעם ווירקלעכן קלאַסן־קאַמף האָט ער געהאַט אין דער צייט פון דעם באַרימטן לודלאָו קוילן־סטרייק אין 1914. ער האָט אַליין געזען און נאָכדעם באַריכטעט וועגן די חורבות פון אַר־בעטער־היימען, ווען אַ מחנה באַוואָפנטע אַגענטן פון די קוילן־באַראָנען מיט סטעיט־מיליטער, זיינען באַפאַלן די סטרייקערס און אונטערגעצונדן זייערע געצעלטן, פאַרברענענדיק מענער, פרויען און קינדער. דאָס איז געווען פאַר אים אַ לעקציע אין קלאַסן־קאַמף, וואָס האָט באַשטעטיקט דאָס, וואָס ער האָט פריער געלערנט פון ביכער.

ריד האָט אויך געמאַכט אַ רושם מיט זיינע באַריכטן פון מעקסיקאָ וועגן דעם קאַמף פון די מאַסן קעגן די הערשער. זיינע באַשרייבונגען זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בוך „אינסורדזשענט מעקסיקאָ".

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז דזשאָן ריד אַהין געשיקט געוואָרן אַלס מלחמה־קאָרעספּאָנדענט פון „מעטראָפּאָליטאַן מעגעזין". ער האָט באַלד געשריבן, אַז די אמתע מלחמה האָט זיך שוין אָנגעהויבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק, נאָר די שלאַכטן זיינען ניט געווען אַזוי גוט „אַד־ווערטאַיזט" — עס איז אַ מלחמה פון סוחרים. ער האָט אויפגעוויזן די עקאָ־נאָמישע אינטערעסן פון די פאַרשיידענע פעלקער און האָט אָפּגעלאַכט פון די, וואָס האָבן געזאָגט, אַז עס איז אַ מלחמה פון דעמאָקראַטיע קעגן דייטשן מיליטאַריזם. „וואָס האָט דעמאָקראַטיע צו טאָן אין אַ פאַרבאַנד מיט דער צאַרישער רוסלאַנד? — האָט ער געפרעגט — לאָזט זיך ניט פאַרפירן — עס איז ניט אונדזער מלחמה!"

ריד האָט געזען די מלחמה זייענדיק אַליין אין פראָנט. ער האָט אויך באַזוכט די סאָציאַליסטישע פירער און איז עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן, אַרומפאָרנדיק אין צאַרישן רוסלאַנד. נישט געקוקט אויף די שטרענגע רע־וויזיעס איז אים דאָך געלונגען צו באַהאַלטן נאָטיצן וועגן פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד. געקומען איז ריד צוריק קיין אַמעריקע, ווען די קאַפּיטאַליסטן האָבן גענומען אויפרייצן אַ שטימונג פאַר מלחמה. דער „מעטראָפּאָליטען מעגעזין" האָט גענומען אויסבראַקירן רידס אַרטיקלען, ווייל זיי זיינען „צור־רעוואָלוציאָנער". אָבער ריד האָט געזאָגט זיינע פריינט, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער קיין זאַך ניט שרייבן, וואָס זאָל ניט אויסדריקן זיין קעגנערשאַפט צו מלחמה און האַס צום קאַפּיטאַליזם. ער איז נאָך אַלץ געווען

דער דיקטער, אָבער זיין ציל אין לעבן איז געוואָרן מער, ווי שרייבן לידער.

„איך בין געווען, — האָט ער דערציילט, — מיט די אַרמייען פון כמעט אַלע לענדער, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן. איך האָב געזען, ווי מענטשן זיינען געשטאָרבן, געוואָרן משוגע, פאַרוואונדעט. אָבער עס מיינט נאָך עפּעס ערגערס. דאָס מיינט אַ משוגענע מאַסן־אויפהעצונג, וואָס קריציקט דעם, וואָס דערציילט דעם אמת, דערשטיקט דעם קינסטלער, פאַרוואַרפט אַלע סאָציאַלע רעפאָרמען. ניין, עס איז ניט אונדזער מלחמה, ניט די מלחמה פאַר דעם אַרבעטער".

אויף אַ פאַרהער אין וואַשינגטאָן האָט ער געזאָגט: „איך בין ניט קיין פּאַציפיסט. אָבער איך וועל ניט דינען אין דער דאָזיקער מלחמה. איר קענט מיך שיסן, אויב איר ווילט, מיך שלעפּן אין מלחמה, אָבער עס איז דאָ צען טויזנט אַנדערע, ווי איך."

ער האָט געשריבן אַן אָפענעם בריוו צו די מיטגלידער פון קאָנגרעס, אין וועלכן ער האָט אַטאַקירט „קאָנסקריפּשאָן" און אים געדרוקט אין סאָציאַליסטישן „קאָל". ער האָט אַטאַקירט טשאַרלס עדוואַרד ראַסעל און אַנדערע סאָציאַליסטישע פאַררעטער און האָט געשריבן, אַז „עס איז די מאַכט פון געלט, וואָס האָט געוועלטיקט איבער די לענדער און אַז קאַלטע עקאָנאָמישע חשבונות צינדן פּאַקטיש די פייערן פון מלחמה. עס איז קלאָר, אַז מיט די דאָזיקע עלעמענטן קאָן קיין ליבעראַל זיך ניט פאַרבינדן".

סוף סעפּטעמבער, 1919, איז דזשאָן ריד ווידער אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד. ער איז געוואָרן באַגייסטערט פון דעם דערפאָלג פון די באָלשעוויקעס פאַר דער קורצער צייט און אַליין זיך באַטייליקט אין אַ סך אַרבעטן, געשריבן אַרטיקלען וועגן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און וועגן אַנדערע אַמעריקאַנער פראַגן און געווען אין דער קאָמיסיע וועגן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויפן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין די לעצטע טעג פון סעפּטעמבער, 1920, איז ריד קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל און דעם 17טן אָקטאָבער איז ער געשטאָרבן. ער איז באַערדיקט געוואָרן אין קרעמלין לעבן די העלדן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

זיין טויט האָט אַרויסגערופן טרויער אין דער רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד, וואו ער איז געווען באַליבט, און אויך אין די קרייזן פון דער אויפוואַכנדיקער אַמעריקע.

ער איז אַלט געווען קוים 33 יאָר. אָבער אין זיין קורצן לעבן האָט ער אַזוי פיל אויפגעטאָן, אַז זיין נאָמען וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע.

יודזשין וויקטאָר דעבס

(1926-1855)

(געשריבן צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון יו. וו. דעבס, 5טן נאָוועמבער 1955)

דעבס, איינער פון די גרינדער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און פינף מאָל איר קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, איז געווען איינער פון די באַליבטסטע פּערזענלעכקייטן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג, דער פייערדיקער אָראַטאָר, דער גרויסער אידעאַליסט און אומדערמידלעכער קעמפער האָט באַגייסטערט מיליאָנען מענטשן צום קאַמף פאַר שלום און פאָלקס-רעכט, פאַר אַ בעסערער וועלט.



זיין נאָמען וועט אַלעמאָל לויכטן, ווי אַ ביישפּיל פון עקשנותדיקן אַנטי-מלחמה קאַמף, וואָס ער האָט געפירט אומדערשראָקן, און פאַר וועלכן ער איז געווען פאַרשיקט אין טורמע.

דעבס איז געבוירן געוואָרן דעם 5טן נאָוועמבער 1855 אין דעם שטעטל טערע האָט, אינדיאַנאַ. זיין פאָטער, דעניעל דעבס, און די מוטער, מאַרגאַרעט מערי באַטעריש, זיינען געווען אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געקומען מיט זעקס יאָר פריער קיין אַמעריקע פון דער פראַנצויזישער שטאָט קאָלמער, אין עלזאַס. אין דער פאַמיליע דעבס זיינען געווען צען קינדער, פון וועלכע זעקס זיינען געבליבן לעבן.

דער פאָטער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש. די העראָאישע קאַמפן פאַר פרייהייט און רעכט אין פראַנקרייך זיינען געווען די אידייען, וואָס האָבן

באַהערשט די דעבס־פאַמיליע. דעניעל דעבס האָט אַ נאָמען געגעבן זיין ערשטן זון, דעם צוקונפטיקן אַמעריקאַנער סאָציאַליסט, נאָך זיינע באַליבטע פראַנצויזישע שרייבער: אייזשען (יודזשין) סיו און וויקטאָר הוגאָ — און דער־פון איז געקומען דער נאָמען יודזשין וויקטאָר דעבס.

אין שול איז יודזשין געגאַנגען ביז 14 יאָר. נאָכדעם איז ער אַוועק אַרבעטן. שוין אין זיינע יינגסטע יאָרן האָט ער געפילט די ליידן און נויט פון די אַרבעטער־מאַסן. ער האָט געקראָגן אַ שטעלע ביי אָפּשקראַבן פאַרב פון אַלטע באַן־וואַגאָנען. זיין לוין איז געווען 50 סענט אַ טאָג. שפּעטער האָט ער געקראָגן אַרבעט אַלס אַ לאָקאָמאָטיוו־הייצער. די אַרבעט איז גע־ווען שווער און אויך געפערלעך.

אין זיין פרייער צייט האָט דעבס זיך אַליין געבילדעט. אין זיין פּאָט־זערס ביבליאָטעק זיינען געווען ביכער פון וויקטאָר הוגאָ און וואָלטעיר און ער האָט זיי פלייסיק געלייענט. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן אַ ליטעראַרישן קלוב פון זיין שטעטל, וואו מען פלעגט אָנפירן מיט דיסקוסיעס און דעבאַטן. ווען דעבס איז געוואָרן פּרעזידענט פון קלוב, האָט ער אָרגאַניזירט לעקציעס מיט דעם גרויסן אַבאָליציאָניסט וועגדעל פיליפּס און מיט ראָבערט ג. אינ־גערסאָל. ער האָט איינגעאָרדנט אַ לעקציע מיט דער באַרימטער פּיאָנערין פון קאַמף פאַר פרויען שטים־רעכט, סוזאַן ב. אַנטאָני. ער איז פון זיין יוגנט אָן דורכגעדרונגען געוואָרן מיט די טראַדיציעס פון די אַמעריקאַנער פריי־הייטס־קעמפער, טאָמאַס פּיין, פּעטריק הענרי און דזשאָן בראַון זיינען געווען זיינע באַליבטע אַמעריקאַנער העלדן.

פיר יאָר האָט דעבס געאַרבעט ביי די אייזנבאַנען און שפּעטער פינף יאָר אַלס אַ קלוירק אין אַ שפּייז־קראָם. זיין נשמה איז אָבער געווען ביי די באַן־אַרבעטער. אין זיין פרייער צייט איז ער געווען מיט זיי און ווען עס האָט זיך געגרינדעט אין טערע אָ לאָדזש פון דער „בראָדערהוד אָוו לאָקאָ־מאָטיוו פייערמען“, אזי ער געוואָרן אַ טשאַרטער מיטגליד און איז באַלד דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר.

אין 1879 ווערט ער דערוויילט אַלס שטאָטישער קלוירק אין דער שטאָט־רעגירונג. אָבער ער איז ווייטער טעטיק אין אָרגאַניזירן די באַן־אַרבעטער. אין 1880 ווערט ער דערוויילט אַלס גרענד־סעקרעטאַר און טרעזשורער פון פאַרבאַנד פון די לאָקאָמאָטיוו־אַרבעטער און רעדאַקטאָר פון דער אָפיציעלער צייטשריפט פון דער יוניאָן.

נאָך אין יענע יאָרן האָט דעבס איינגעזען די ריכטיקייט פון אינדוסטריעלן יוניאָניזם און אין 1893 האָט ער געגרינדעט „די אַמעריקאַן רעילוועי יו־ניאָן“ — אַן אָרגאַניזאַציע פון באַן־אַרבעטער, וועלכע האָט איינגעשלאָסן אַלע פאַכן פון אָט־דעם געביט. די יוניאָן האָט באַלד צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל

מיטגלידער און אין איין יאר ארום איז איר געלונגען צו געווינען א גרויסן זיג איבער דער „גרעיטער נארט רעילראוד קאמפאני".

מיט א יאר שפעטער האט אויסגעבראכן א סטרייק פון די שאפ־ארבע־טער ביי דער פולמאן קאמפאני. די „אמעריקאן רעילוועי יוניאן" איז ארויס אין א סימפאטיע־סטרייק. די פעדעראלע רעגירונג האט, קעגן דעם פראטעסט פון ליבעראלן גאווערנאר פון אילינאי, דזשאן אלטגעלד, געשיקט סאל־דאטן צו ברעכן דעם סטרייק. דעבס איז דאן צוויי מאל ארעסטירט געווארן און איז אפגעזעסן זעקס חדשים אין טורמע אין וואודסטאק, אילינאי.

דעבס' ארעסט האט ארויסגערופן א שטורעם פון אויפרעגונג. ארום 20 טויזנט ארבעטער זיינען אויף אייגענער איניציאטיוו ארויס אין סטרייק. דעבס עלטערן האבן אין טאג, ווען זייער זון איז פארשפארט געווארן אין טורמע (18טן יולי 1895) אים צוגעשיקט א טעלעגראמע: „שטיי פעסט פאר דיינע פרינציפן, אפגעזען פון קאנסעקווענצן. דיין פאטער און מוטער". פון טורמע צום וואקזאל. איבער הונדערט טויזנט מענטשן האבן פארבלא־

ווען ער איז באפרייט געווארן, איז ער אויפגענומען געווארן פון די ארבעטער־מאסן מיט טריאומף. מען האט אים געטראגן אויף די אקסלען קירט די גאסן אין שיקאגא און אים געגעבן א שטורעמדיקע אוואציע. וועגן דעבסן איז דעמאלט פארפאסט געווארן א ליד, וואס מען פלעגט זינגען.

זיצנדיק אין טורמע האט דעבס זיך באקאנט מיט די אידייען פון סאצ־יאליזם דורך פארשידענע פאמפלעטן, וואס מען האט אים צוגעשיקט און אויך דורך באזוכן פון דעם שפעטערדיקן סאציאליסטישן קאנגרעסמאן וויקטאר בערגער, וועלכער האט אים געגעבן צו לייענען קארל מארקס „קאפיטאל".

ארויסגייענדיק פון טורמע האט דעבס זיך דערקלערט פאר א סאציא־ליסט און געגרינדעט א פארטיי אונטערן נאמען „סאשעל דעמאקראסי אוו אמעריקע", וועלכע האט שפעטער, צוזאמען מיט אפגעשפאלטענע טיילן פון דער „סאשעליסט לעיבאר פארטיי", געגרינדעט די סאציאליסטישע פארטיי.

אבער דעבסן איז נאך ניט געווען גאנץ קלאר וועגן קלאסן־קאמף. ער איז נאך דעמאלט געווען גענוג נאאיוו איינצולאדן דעם מיליאנער דזשאן ד. ראקפעלער צו שטיצן די נייע ארגאניזאציע.

דער בריוו, דאטירט שיקאגא, דעם 19טן יוני 1897, לייענט זיך, טייל־ווייז, אזוי:

„צו מר. דזשאן ד. ראקפעלער, ניו־יארק,

„ווערטער הער: איך נעם די פרייהייט אייך צו מעלדן, אז מיר האבן היינט ארגאניזירט די ,סאשיעל דעמאקראסי אוו אמעריקע', אן ארגאניזאציע, וואס האט בדעה צו באפרייען די אונטערדריקטע און ליידנדע פון אונדזער לאנד פון דער מאכט פון אינדוסטריעלע אומשטענדן, וועלכע זיי זיינען מאכט־

לאָז צו ענדערן, אָדער צו קאָנטראָלירן. דער צוועק פון דער אָרגאַניזאַציע איז: אויפשטעלן, אַנשטאָט דעם היינטיקן גרויזאַמען אוממאָראַלישן און פאַרניכטנדן סיסטעם, די קאָאָפּעראַטיווע, קאָמאַנוועלט׳, וואו מיליאָנערן און בעטלער, די אוממאָראַלישע פּראָדוקטן פון אַן אוממאָראַלישער ציוויליזאַציע, וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן און מענטשלעכע ברודערשאַפט וועט איינגעפירט ווערן צו בענטשן און פאַרשיינען די וועלט״.

שילדערנדיק אין בריוו אַ בילד פון אָרעמקייט פון מאַסן, וואָס האָבן קיין היים ניט און ליידן הונגער, פאַרענדיקט דעבס אין בריוו אַזוי: „גלויבנדיק, אַז איר וועט געפינען פאַר נויטיק, אין איינקלאַנג מיט אייער אייגענעם גע־פיל פון געזעלשאַפטלעכער און פאַטריאָטישער פליכט, צו רייכן אונדז די האַנט אין אונדזער באַפרייענדער אויפגאַבע, צייכן איך״ א. אַז. וו.

ראָקפעלער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּגערופן זיך, און דעבס האָט זיך גיך אויסגעניכטערט פון אַזעלכע אילוזיעס און געוואָרן אַ מיליטאַנטער סאָציאַליסט, פאַרבלייבנדיק אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ביזן סוף פון זיין לעבן (ער איז געשטאָרבן דעם 20טן אָקטאָבער 1926).

דעבס האָט אַלע מאָל באַקעמפט די רעאַקציאָנערן אין דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי, און דערפאַר האָבן זיי אים קיינמאָל ניט צוגעלאָזן צו זיין אין דער עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי (מיט דער אויסנאַם פון די לעצטע עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט, ווען עס איז געווען פאַר זיי נויטיק אויסנוצן זיין זעלטענע רעדנער־קאַרפט און פּאָפּולאַריטעט ביי די מאַסן). ער האָט באַקעמפט די רעפאָרמיסטישע פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און איז נאָך אין 1911 אַרויס מיט אַ וואָרנונג צו די מיטגלידער קעגן דער „געפאַר פון ווערן אַריינגעשלעפּט אין אַ בלאָטע, וואָס וועט פאַרניכטן דעם סאָציאַליסטישן גייסט פון דער פּאַרטיי״.

דעבס׳ מורא פאַר דער צוקונפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע איז ניט געווען אומזיסט. איבערהויפּט איז דאָס באַשטעטיקט גע־וואָרן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די ס. פּ. פירער, ניט קוקנדיק אויף דער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין סעינט לואיס אין 1917, האָבן פאַרראַטן דעם באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן און געשטיצט די אימפּעריאַליסטישע מלחמה.

די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע און די פּראָ־מלחמה סאָציאַליסטן האָבן שפּעטער גענומען פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז דעבס איז אויך צוגעשטאַנען צו די פּראָ־מלחמה עלעמענטן. דעבס איז געווען שטאַרק אויפגעצאַרנט קעגן דעם, און אין אַן ענטפער צו דער פּרעסע, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער סאָציאַליסטישער צייטונג „ניו־יאָרק קאָל״, דעם 4טן יוני 1918, האָט

ער שאַרף אָפּגעלייקנט דעם בלבול:

„עס איז געווען אַן אַלטער כלל ביי מיר פון יאָרן און יאָרן צו איגנאָ־רירן פאַלשע קלאַנגען און פּאַרפירערישע דערקלערונגען וועגן מיר, וואָס דערשיינען אין קאַפּיטאַליסטישע ציטונגען. אָבער פון צייט צו צייט טרעפט אַן אויסנאַם, וואָס פאָדערט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, און אַזאַ אויסנאַם שיינט צו זיין איצט אין דעם באַריכט, וואָס ווערט איצט פאַרשפּרייט, נאָך מיט עדיטאָריעלע באַמערקונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, אַז איך האָב חרטה געהאַט אויף מיין טעות, אַז איך האָב געביטן דעם פראָנט און בין איצט אַ פּראָ־מלחמה פריידיקער, און אַפּעליר צו שטיצן די אַדמיניסטראַ־ציע אין דער פראַגע פון דער מלחמה ביז דעם ביטערן סוף.

„דער דאָזיקער באַריכט איז אַן אויסגעטראַכטער ליגן פון אָנהייב ביזן סוף, און ווערט אַרויסגעגעבן פאַר ניט קיין אַנדערן צוועק, ווי צו באַשאַפן צעטיילונג און מעגלעכע צעשטערונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי...

„מיט יאָרן צוריק האָב איך דערקלערט, אַז עס איז דאָ נאָר איין מלחמה, אין וועלכער איך וואָלט זיך אַנגעשלאָסן, און דאָס איז די מלחמה פון די אַרבעטער פון דער וועלט קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס פון דער וועלט. נאָך מער, איך האָב דערקלערט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס האָט ניט קיין אינטערעס אין די מלחמות, וואָס ווערן דערקלערט און געפירט פון דעם הערשנדיקן קלאַס אין די פאַרשיידענע לענדער איינע קעגן די אַנדערע, פאַר דעם צוועק פון רויב און דעראָבערונג.

„דאָס איז מיין שטעלונג אויך היינט. איך האָב זיך ניט געענדערט אויף אַ האָר. און יעדער באַריכט, וואָס דערציילט אייך אַנדערש, איז אַ ליגן, און איז מיט דעם געשטעמפּלט אַלס אַזעלכער".

דער „פאָרווערטס", וועלכער האָט געהאָלפן פאַרשפּרייטן דעם מלחמה־בלבול אויף דעבסן, האָט אָבער צוזאַמען מיט די קאַפּיטאַליסטישע ציטונגען זיך אַנטזאָגט צו דרוקן דעבסעס אָפּלייקענונג־בריוו, און האָט דעם ליגן גע־האַלטן אין איבערחזרן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

עס איז געווען דער דאָזיקער פאַלשער בלבול וועגן זיין שטעלונג צו דער מלחמה, וואָס האָט באַוועגט דעבסן צו קומען צו אַן אָפענער סטעיט־קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דעם 16טן יוני 1918, אין קענטאָן, אָהאַיאָ, אינמיטן פון דער מלחמה, און דאָרט אין אַ רעדע איבערחזרן זיין שאַרפע קעגנערשאַפט צו דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. צווישן אַנ־דערן האָט ער געזאָגט: עס איז מעגלעך, אַז איך וועל ניט קאָנען זאָגן אַלץ, וואָס איך דענק, אָבער איך וועל ניט זאָגן קיין זאַך, וואָס איך דענק ניט.

„איך וועל בעסער טויזנט מאָל זיין מיט אַ פרייער נשמה אין טורמע, איידער איין מאָל חנפענען און זיין אַ פייגלינג אויף די גאַסן.

„ווען ניט די מענער און פרויען, וועלכע האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געהאַט דעם מאָראַלישן מוט צו זיין אין טורמע, וואָלטן מיר נאָך אַלץ געווען אין דערווילדערניש“.

ער האָט פּראָטעסטירט קעגן פאַרשפאַרן אין טורמע די סאָציאַליסטישע פירער טשאַרלס רוטענבערג (שפּעטערדיקער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי), אַלפרעד וואגענקנעכט, טשאַרלס בעיקער און ראָז פאַסטאר סטאוקס.

פיר טעג נאָכדעם, ווי ער האָט געהאַלטן די דאָזיקע רעדע, איז דעבס אַרעסטירט געוואָרן אויף דער קלאַגע פון פאַרלעצן דעם שפּיאָנאַזש־געזעץ, און דעם 9טן סעפּטעמבער 1918 געשטעלט געוואָרן צום משפּט.

דעבסעס רעדעס פאַר דער „דזשורי“ און פאַר דעם ריכטער וועלן בלייבן היסטאָריש אַלס אַ ביישפּיל פון אַ מוטיקן קעמפער. דעבס האָט פאַר דער „דזשורי“ דערקלערט, אַז ער נעמט ניט צוריק קיין וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט און וואָס ער האַלט פאַר אמת.

זיין מייסטערהאַפטע רעדע האָט אָבער, צוליב דער מלחמה־היסטעריע, ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף דער „דזשורי“ און אויפן ריכטער. דעבס איז דערקלערט געוואָרן „שולדיק“ און איז, אין עלטער פון 65 יאָר און שוואַך אין געזונט, פאַרשפאַרט געוואָרן אין דער אַטלאַנטער פעדעראַלער טורמע, וואו ער האָט געזאָלט זיצן צען יאָר. אָבער אַ גרויסע באַוועגונג פאַר אַמנעסטיע האָט געווירקט, און נאָך דריי יאָר געפענגעניש איז ער „קריסטמעס“, 1921, באַפרייט געוואָרן דורך פּרעזידענט האַרדינג.

די גאַנצע צייט, וואָס דעבס איז געזעסן אין טורמע האָט ער זיך געהאַלטן מוטיק און איז פעסט באַשטאַנען, אַז ער וועט ניט אָפּטרעטן פון זיינע פּרינציפּן אויף אַ האָר. זיצנדיק אין טורמע איז ער אין 1920 נאָמינירט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און געצויגן נאָענט פון אַ מיליאָן שטימען.

אַרום יענער צייט (אין 1919) איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער ס. פּ. דעבס האָט געהאַט ווייניק אינפאָרמאַציע. ער האָט אָבער דערקלערט זיינע באַזוכער אין טורמע, אַז ער שטימט מיט דער גרופּע, וואָס האַלט, אַז מען דאַרף זיך אָנשליסן אין דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל אָן שום רעזערוואַציעס. ער האָט קריטיקירט די אָנגענומענע וואַל־פּלאַטפאָרמע פון דער ס. פּ., אָנווייזנדיק, אַז זי שטעלט ניט דעם טראָפּ אויפן קלאַסן־קאַמף.

דעבס איז ניט געווען קיין פאַציפיסט. „איך בין ניט קעגן אַלע מלחמות, — האָט ער דערקלערט, — און איך זאָג אויך ניט, אַז מען טאָר זיך ניט שלאָגן אונטער אַלע אומשטענדן. איך וואָלט ניט געווען קיין ריכטיקער רעוואָלוציאָנער, ווען איך וואָלט אַזוי געדענקט“. ער איז אָבער געווען קעגן דער

ערשטער וועלט־מלחמה. „ווען איך וואָלט געווען אין קאָנגרעס, — האָט ער געשריבן, — וואָלט איך בעסער זיך געלאָזט דערשיסן, איידער איך וואָלט געשטימט צו געבן אַ דאָלאַר פאַר אַזאַ מלחמה".

דעבס האָט אָנערקענט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט פאַרווירקלעכט זיין סאָציאַליסטישער אידעאַל און ער האָט באַגריסט די באָלשעוויקעס. ער האָט דערקלערט: „איך בין אַ באָלשעוויק פון קאָפּ ביז די שפּיץ פינגער פון מיינע פיס.

„איך בין באַשולדיקט געוואָרן, אַז איך האָב אויך אויסגעדריקט סימ־פּאַטיע פאַר די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד. איך דערקלער זיך שולדיק אויף דער אָנקלאַגע. איך האָב אַ סך געלייענט וועגן די באָלשעוויקעס, וואָס ס'איז ניט אמת. זיי זיינען מיסרעפּרעזענטירט געוואָרן. לאָמיר איך זאָגן, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעשריבן אַ קאַפּיטל פון גלאָררייכער געשיכטע".

ווען דעבס איז אַרויס פון טורמע, איז ער פאַרבליבן אין דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי. אָבער ער האָט קעגן דעם ווילן פון דער ס. פּ.־פירער־שאַפט געערעדט מיט באַגייסטערונג אויף זיינע מיטינגען וועגן די באָלשע־וויקעס, כאָטש ער האָט אַ פּאָר מאָל קריטיקירט אייניקע האַנדלונגען זייערע. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די „פרענדס אָוו סאָוויעט ראַשיאַ" און איז גע־ווען אין דער עקזעקוטיווע פון דער „אינטערנעשאָנאַל לעיבאָר דעפענס" צו פאַרטיידיקן אַרעסטירטע קאָמוניסטן.

ער האָט אויסגעדריקט פאַרדרוס, וואָס דער סאָציאַליסטישער פירער וויקטאָר בערגער האָט אַטאַקירט קאָמוניסטן.

דעבס איז געווען אַ פאַרערער פון וויליאַם ז. פאָסטער. כאָטש דעבס איז אין אייניקע זאַכן ניט געווען איינשטימיק מיט פאָסטערן און מיט די קאָמוניסטן, האָט ער אָבער הויך געשעצט פאָסטערן. ווען פאָסטער איז אַרעס־טירט געוואָרן אויף אַ מיטינג אין דעטראָיט אין 1922, האָט דעבס אים גע־שריבן פון אַ סאַניטאַריום, דעם 26טן אויגוסט 1922:

„ווען איך וואָלט ניט געווען אין סאַניטאַריום, וואָלט איך באַלד געווען ביי דיר און מיטגעאַרבעט וויפל איך וואָלט נאָר געקאָנט. זיי ווייסן, אַז מען קאָן דיך ניט אונטערקויפן. האָבן זיי אָנגעשיקט זייערע הינט צו פּאַקן דיך... אַזוי גיך ווי איך וועל געזונט ווערן, וועל איך זיין מיט דיר האַנט אין האַנט אין דיין שטעלונג צו דעם אַרבעטער־קלאַס און צו אינדוסטריעלער פרייהייט".

דעבס איז געווען פון די ערשטע צו אָנערקענען די וויכטיקייט פון אינדוסטריעלן יוניאָניזם, און האָט נאָך אין 1893 אָרגאַניזירט די „אַמעריקאַן רעילוועי יוניאָן" און אינדוסטריעלע יסודות. און אין 1905 האָט ער צוזאַ־מען מיט דעם פירער פון דער „סאָשעליסט לעיבאָר פּאַרטיי", דעניעל דעליאָן, געגרינדעט די מיליטאַנטע טרעיד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע „די אינדאַסטריעל

וואַירקערס אָוו דהי וואָירלד״ („אַי. דאַבליו דאָבליו.״). ער איז געווען אַ גרויסער אָראַטאָר. אַ הויכע, שלאַנקע פיגור מיט בלויע אויגן, פלעגט ער שטיין אויף די פּלאַטפאָרמעס פון די גרויסע זאַלן, זיין קערפּער אַביסל איינגעבויגן, זיין האַנט אויסגעשטרעקט צום עולם, ווי ער וואָלט וועלן אַלעמען אַרומנעמען. פון זיין מויל האָבן זיך געשאָטן פּערלדיקע ווערטער, וועלכע האָבן געמוזט פאַנגען די הערצער פון אַלע צוהערער. איך האָב געהערט דעבסן רעדן אַ סך מאָל און אים אויך געזען און געהערט אין פּריוואַטע געשפּרעכן. אַלעמאָל האָט געשטראָמט פון אים אַ וואַרעמקייט, וואָס האָט צוגעצויגן די מענטשן, מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַרירונג.

דעבס איז געווען געליבט און געשעצט פון אַלעמען, אויסער פון די פּלוטאָקראַטן, וואָס האָבן געזען אין אים אַ שונא פון זייער ממשלה. דער באַרימטער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט סווינטאָן, וועלכער האָט נאָך געדענקט לינקאָלנען, האָט צוגעגליכן דעבס׳ רעדעס און גרויסקייט צום אומשטערבלעכן מאַרטירער־פּרעזידענט.

דער באַרימטער לאָיער קלאַרענס דאַראָו האָט געזאָגט: „עס האָט מעגלעך געלעבט ערגעץ אַ פּריינטלעכערער, אידעלערער, מער גוטהאַרציקער מענטש, ווי יודזשין וו. דעבס, אָבער איך האָב נאָך אַזאַ מענטש ניט געזען״.

דער באַרימטער אַמעריקאַנער דיכטער עדווין מאַרקהאַם האָט געשריבן: „דעבס איז איינער פון די גרעסטע נעמען אין דעם יאָרהונדערט״.

דער נאָמען יודזשין וויקטאָר דעבס וועט פאַרבלייבן אַ שטאָלץ פאַר אַמעריקע, צוזאַמען מיט די נעמען פון אַלע גרויסע פרייהייטס־קעמפער, מיט וועלכע אַמעריקע שטאָלצירט״.

ראוז פאַסטאָר סטאָוקס

(1933-1879)

די יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע האָבן אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף פאַרשיידענע געביטן ביים בויען און באַשיינען דעם דעמאָקראַטישן גייסט פון אַמעריקע.

איינע פון די קאָלירפולסטע פּערזענלעכקייטן, וועמעס נאָמען מ'וועט לאַנגע יאָרן געדענקען און דערמאָנען צווישן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון לאַנד, איז געווען דאָס אָרעמע יידישע מיידל פון סואוואַלקער גובערניע, וועלכע איז דאָ געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס.

די לעבנס־געשיכטע פון ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס קלינגט ווי אַן אַמעריקאַנער לעגענדע. געבוירן און דערצויגן אין אָרעמקייט, געאַרבעט אין אַמעריקע יאָרנלאַנג אַלס אַ שאַפּ־מיידל, אַ פּאַרקויפערין אין אַ געשעפט, האָט זיך ראָוז דערשלאָגן צו ווערן אַ זשורנאַליסטקע, אַ דיכטערין, אַ פירערין ביי די פאָלקס־מאַסן. דאָס אָרעמע שאַפּ־מיידל ווערט די פרוי פון אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער. אָבער זי צעשיידט זיך שפּעטער מיט אים און זאָגט זיך אָפּ פון דעם רייכן לעבן, ווען איר מיליאָנערסקער מאַן פּרוואוט שטערן איר טעטיקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דאָס זיינען די הויפּט־שטריכן פון דעם לעבן פון ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס. ווער עס האָט זי געקענט פּערזענלעך, געהערט אירע פייערדיקע רעדעס

אין די אינטערעסן פון די אָרעמע מאַסן און צוגעזען איר פילפאַכע טעטיקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג, געפיל און ליידנשאַפט זי פלעגט אַריינגעבן אין אירע רעדעס, ווען זי פלעגט מאָלן דאָס לעבן פון דער אָרעמקייט.

איך האָב זי געהערט צום ערשטן מאָל אין באָסטאָן, וואו זי, מיט איר מאַן, דזש. פעלפס סטאָוקס, האָבן צוזאַמען גערעדט אויף אַ גרויסן מיטינג. ער, אַ מעסיקער סאָציאַליסט, האָט דערציילט, ווי אַזוי עס לעבן די מיליאָנערן, און זי האָט דערציילט, ווי אַזוי עס לעבן די אָרעמע מאַסן. זיי האָבן ביידע גערעדט פון פערזענלעכער דערפאַרונג, און עס איז געווען אַ לעקציע אין קלאַסן־קאַמף.

איך געדענק אַ צווייטע רעדע אירע אין יאָר 1920 אין פּראָווידענס, ראָוד איילאַנד. ראָוז איז דעמאָלט געווען אויף „בעיל“, נאָכדעם ווי זי איז צום דריטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן פאַר אירע רעדעס קעגן מלחמה. אין צייט פון קריג איז זי פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר טורמע. האָט זי אין איר רעדע אַפּעלירט צו באַפרייען די אַרעסטירטע קאָמוניסטן, זיך אַריינגערעכנט. „איך האָב ניט קיין אַנדערע פריינט אַחוץ אייך, אַרבעטער־מאַסן“, האָט זי אונטערגעשטראָכן. ווען איך האָב נאָכן רעפעראַט באַמערקט, אַז נאָך מיין מיינונג איז ניט ראַטזאַם פאַר איר צו אַפּעלירן וועגן געלט־שטיצע פאַר איר אייגענער באַפרייאונג, ווען אַלע ווייסן, אַז זי איז די פרוי פון אַ מיליאָנער, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי נעמט ניט קיין שטיצע פון איר מאַן, ווייל ער איז קעגן איר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און זי האָט באַשלאָסן בעסער אויפגעבן איר מאַן מיט די מיליאָנען, איידער אויפגעבן איר אידעאַל.

איר גאַנץ לעבן איז געווען געווידמעט די אָרעמע מאַסן. איר איינציקע האָפענונג איז געווען צו זען די וועלט באַפרייט פון מלחמה און אָרעמקייט. פאַר איר לעצטן אָפּפאָרן פון אַמעריקע (קראַנקערהייט, מיט אַ קענסער איז ברוסט, וואָס זי האָט געקראָגן פון אַ קלאַפּ פון אַ פּאָליציי־שטעקן אין אַ ניו־יאָרקער דעמאָנסטראַציע) האָט זי געטרייסט אירע פריינט, וועלכע זיינען געווען באַזאָרגט וועגן איר געזונט: „איך האָף נאָך צו דערלעבן צו זען אַ וועלט, וואו עס וועט נישט זיין קיין אַרבעטסלאָזיקייט, קיין הונגער קיין אָרעמקייט און קיין מלחמה“.

זי האָט באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און איז צוריקגעקומען פול מיט באַגייסטערונג פאַר דער ערשטער סאָציאַליסטישער רעפּובליק. זי האָט אויך געהאַט דעם אומגליק צו זיין אין דייטשלאַנד אין די ערשטע טעג פון היטלערס קומען צו דער מאַכט, און קראַנקערהייט האָט זי דאָרט אָנגעפירט פּראָפּאַגאַנדע קעגן היטלערן.

אין אַ בריוו צו י. דזשעראַם שרייבט זי, כמעט שוין פאַרן טויט: „היט־לער רעדט היינט ביינאַכט אין אַ רייכן געגנט. ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי קראַנק וואָלטן זיי מיך אַרויסגעיאָגט פון לאַנד, ווייל איך אַגיטיר יעדן איינעם קעגן זייער רעזשים".

זי איז געשטאָרבן אין אַ פראַנקפורטער שפּיטאָל דעם 20טן יוני 1933.

ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס' לעבן איז רייך אין פּאַסירונגען, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן און די קאַמפּן פון גרויסע מאַסן פון אַמעריקע. זי איז געבוירן געוואָרן דעם 18טן יולי 1879 אין שטעטל יאַגסטאָוו, סי־וואַלקער גובערניע. איר פאָטער איז געווען אַ שוסטער. נאָך אַלס קינד האָבן אירע עלטערן זי געבראַכט קיין ענגלאַנד, און פון דאָרט קיין אַמעריקע, ווען זי איז אַלט געווען 11 יאָר. זי איז שפּעטער אָוועק אַרבעטן אַלס סי־גאַר מאַכערין אין קליוולאַנד, נאָך דעם אַלס העמדל־נייערין, געווען פאַר־קויפערין אין אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר און געטאָן נאָך מלאכות. ניט האָבנדיק קיין סיסטעמאַטישע בילדונג, האָט זי איר פרייע צייט אָפּגעגעבן פאַר זעלבסט־בילדינג.

שוין אין אירע יינגסטע יאָרן האָט זי זיך באַקענט מיט דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג און איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער אַמעריקאַנער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי. אַרבעטנדיק אין שאָפּ, האָט זי אָנגעהויבן דרוקן לידער און דערציילונגען אין צייטונגען. זי ווערט שפּעטער אָנגעשטעלט אַלס שרייבערין אין „אידישן טאָגעבלאַט", וואו זי גיט אין אַ ענגלישן קאָלום עצות וועגן פּראָבלעמען פון די יידישע אימיגראַנטן־מיידלעך.

די אָרעמקייט אויף דער איסט סאַיד איז דעמאָלט געווען זייער גרויס, און ליבעראַלן און רעפאָרמער פלעגן אָפּט זיך אָפּגעבן מיט זוכן עצות, ווי צו העלפן דער אָרעמער איסט סאַיד. פלעגן זיי זיך אַמאָל „אַראָפּלאָזן" אויף דער איסט סאַיד „סלאָמינג", — באַזוכן די הינטערגעסלעך. איינער פון זיי איז געווען דזש. פעלפּס סטאָוקס, אַ מיליאָנער, פון אַן אַריסטאָקראַטישער אַמעריקאַנישער משפּחה, וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין ראָוז.

דאָס איז געווען אַ גרויסע סענסאַציע פאַר דער אַמעריקאַנער פּרעסע: „אַ מיליאָנער הייראַט אַן אָרעם איסט סאַיד מיידל". אירע לידער און אַר־טיקלען, צוזאַמען מיט איר בילד, זיינען געדרוקט געוואָרן אין די גרעסטע צייטונגען פון לאַנד. אָבער ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס האָט ניט אויפגעגעבן איר פאַרבינדונג מיט די אָרעמע מאַסן. פאַרקערט, זי האָט אויסגענוצט איר נייע לאַגע בעסער צו באַקענען די וועלט מיט די צרות פון דער אָרעמקייט, און אפילו איר מאַן אַריינגענומען אין דער ס. פּ. איר הויז איז געוואָרן אַ טרעף־פּלאַץ פאַר יונגע קינסטלער און ליטעראַטן, וועמען זי האָט אָפּט מאַ־טעריעל אַרויסגעהאָלפן.

ראָוז האָט אויך אָן שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דער „ווימענס סאַפּרעדזש באַוועגונג", צו קריגן שטימרעכט פאַר פרויען, האָלט לעקציעס אין אוני־ווערסיטעטן, איז טעטיק אין דער „אינטערקאָלידזשיעיט סאָשעליסט סאָ־סאַיעטי", פירט אָן אַ סטרייק פון האָטעל־אַרבעטער אין 1912, איז אַקטיוו אין די סטרייקס פון די נאָדל־אַרבעטער און אין אַנדערע סטרייקס.

ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט זי פריער, צו־זאַמען מיט איר מאַן, פאַרכאַפּט פאַר מלחמה. אָבער זי ענדערט באַלד איר מיינונג און ווערט אַ שטאַרקע קעגנערין פון מלחמה. אין פעברואַר, 1919, ווערט זי סעקרעטאַר פון דעם לינקן פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ניו־יאָרק. אין יענעם יאָר ווערט זי אַרעסטירט אין קענזעס סיטי און פאַרמשפּט אויף צען יאָר פאַר לויבן אין אַ רעדע די באָלשעוויסטישע רע־גירונג פון רוסלאַנד.

ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס האָט זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג־קאָנווענ־שאָן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואו זי איז עטלעכע יאָר געווען אַ מיט־גליד אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע. זי איז עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן אין שיקאַגאָ און אויך אין ברידזשמאַן, מישיגען, אין 1922, ווען די פּאָליציי איז באַפאַלן די קאָנווענשאָן פון דער דעמאָלטדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זי איז אויך געווען טעטיק אין אינטערנעשאָנאַל לעיבאָר דעפענס און אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

זי איז געווען אַ זייער באַגאַבטער מענטש — אַ גוטע מאָלערין, האָט איבערגעזעצט אַ בוך לידער פון מאָריס ראָזענפעלד פון יידיש אויף ענגליש, האָט פאַרפאַסט אַ דראַמע מיטן נאָמען „דהי וואומען הו וואודנ'ט", און גע־שריבן אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען אין צייטונגען און זשורנאַלן. זי איז אויך געווען אַ גרינדער און דירעקטאָר פון אַ ראַדיקאַלן טעאַטער.

ראָוז פּאַסטאָר סטאָוקס האָט דערלעבט צו זען די פאַרווירקלעכונג פון פרויען־שטימרעכט און אַ סאָציאַליסטיש לאַנד אין רוסלאַנד. זי האָט אָבער ניט דערלעבט צו זען אַ וועלט אָן הונגער און אָן מלחמות...

מאַרק טוועין — דער הומאַניסט

(1910־1835)

מאַרק טוועין, אָדער ווי זיין אמתער נאָמען איז געווען, סעמיועל לענגהאָרן קלעמענס, איז באַרימט איבער גאָר דער וועלט הויפּטזעכלעך, ווי דער גרויסער אַמעריקאַנער הומאָריסט, וועמענס ווערק זיינען איבערזעצט אין אַ סך שפּראַכן. אָבער אין די מערסטע ביאָגראַפיעס זיינע ווערט ניט אָנגעוויזן, אַז ער איז געווען אַ טיף־דענקענדיקער פילאָסאָף, אַ מענטש מיט גאַנץ ערנסטע געדאַנקען וועגן דער געזעלשאַפט, אַ בונטאַר, וואָס האָט מיט זיין פאָלקסטימלעכן הומאָר אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון די רעאַקציאָנערן אין אַמעריקע און די מלחמה־צינדער פון זיין צייט. מיט דעם פאַרדינט ער אַ בכבודיקן אָרט צווישן די ליכטיקע געשטאַלטן, די העלדן פון פאָלק, וועלכע האָבן געקעמפט צו שאַפן אַ פרייע, דעמאָקראַטישע אַמעריקע.

נאָך אַלס קינד האָט ער זיך באַקענט מיט דער ווירקלעכקייט פון לעבן. געליטן צרות און זיך אָנגעזען אומגערעכטיקייטן פון דער געזעלשאַפט — געזען ווי מען שמייסט נעגער־שקלאַפן, ווי מען שיסט זיי אין די גאַסן. אַ געפיל פון פּראָטעסט האָט זיך אין אים אַנטוויקלט נאָך אין זיין יוגנט, און דאָס האָט באַווירקט זיין געדאַנקענגאַנג אויך אין שפּעטערדיקן לעבן.

סעם קלעמענס איז געבוירן געוואָרן דעם 30טן נאָוועמבער 1835 אין קליינעם שטעטל פלאָרידא, מיזורי. מיט פיר יאָר שפּעטער האָבן זיינע עלטערן זיך אַריבערגעצויגן קיין האניבול, מיזורי. דער פאָטער איז געשטאָרבן, ווען סעם איז אַלט געווען 12 יאָר, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די שול צו העלפן דערנערן די פאַמיליע. ער איז אָנגעקומען אַרבעטן אַלס לערניינגל

אין אַ דרוקעריי, וואו ער האָט געהאַט די געלעגנהייט אַ סך צו לייענען, און דאָס האָט אים געגעבן חשק אַליין אָנהויבן צו שרייבן.

מאַרק טוועין, וועלכער האָט אַ וועלט געמאַכט צו לאַכן, איז אַליין אָפט־מאָל ניט געווען גליקלעך צוליב אומגליקספאַלן אין זיין פאַמיליע: אַ שוועסטער און אַ ברודער זיינען ביי אים געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור. אַ צווייטער ברודער איז פאַרברענט געוואָרן בעת אַן אויפרייס אויף אַ שיף. אויך זיינע צוויי קינדער זיינען געשטאָרבן.

עקאָנאָמיש איז ער אויך ניט שטענדיק געווען פאַרזאָרגט. געאַרבעט אין פאַרשידענע שטעט פריער אַלס דרוקער, נאָכדעם אַלס אַ שיף־פירער, אָפט געווען אַרבעטסלאָז. שוין ביי 30 יאָר איז ער אַמאָל געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד.

מאַרק טוועין איז אַ געוויסע צייט געווען באַשעפטיקט, ווי אַ מיטאַרבעטער אין צייטונגען אין סאַן־פראַנציסקאָ, האָט ער אויסגענוצט זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אויף צו באַקעמפן אומאָרנטלעכקייט אין געשעפטן און קאָרופּציע אין פּאָליטישן לעבן. די קאָרופּטע פּאָליטישנס האָבן אים באַטראַכט אַלס אַן „אַנאַרכיסט", אים פאַרפאָלגט, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט.

ווי אַ פריינט פון נעגער־פאָלק האָט ער אין זיינע באַרימטע דערציילונגען „טאָם סאָיער" און „האָקלבערי פין" געשילדערט די עקספּלואַטאַציע פון נעגערס. ער האָט געהאַסט אימפּעריאַליזם, האָט זיך באַטייליקט אין אַן אַנטי־אימפּעריאַליסטישער ליג און קריטיקירט אַמעריקעס פאַרשקלאַפונג פון די פיליפּינען. ער האָט אַטאַקירט די מעקאַרטיס פון זיין צייט, די סופּער־פּאַטריאָטן, וועלכע דערלויבן ניט קיין פרייען אויסדרוק פון קריטיק קעגן אומגערעכטיקייט. ער האָט אויפגעוויזן, אַז פאַרקערט — מען איז ניט קיין גוטער בירגער, ווען מען זאָגט ניט אַרויס די אייגענע מיינונג, אפילו ווען מען איז אין אַ מינדערהייט. אין זיין בוך „קאָנעטיקוט יענקי" זאָגט זיין העלד וועגן פּאַטריאָטיזם:

„דאָס לאַנד איז די הויפּט־זאַך, די ממשותדיקע, איינציקע זאַך, אויף וועלכער מען דאַרף אַכטונג געבן, זי היטן און אין זיין געטריי. אינסטיטוציעס זיינען אויסערלעכע זאַכן. זיי זיינען נאָר די קליידער, און קליידער קאָנען אָפּגענוצט און צעריסן ווערן. זיי הערן־אויף צו געבן באַקוועמלעכקייט און באַשיצונג צום קערפּער קעגן קעלט, קראַנקהייט און טויט. צו זיין געטריי צו שמאַטעס, צו פאַרגעטערן שמאַטעס, צו שטאַרבן פאַר שמאַטעס, איז אומשכלדיקע געטריישאַפט".

מאַרק טוועין האָט אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע צו די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. אין אַ בריוו צו טשאַיקאָווסקין דריקט ער אויס זיינע סימפּאַטיעס מיט דער רוסישער רעוואָלוציע און האָפט, אַז מען וועט דערלעבן די צייט,

ווען צאַרן און גרויס־פּירשטן וועלן זיין אַזאַ זעלטנהייט אויף דער וועלט, ווי זיי זיינען אַ זעלטנהייט אין גן־עדן.

אויף אַ זייער געלונגענעם אופן מאַלט מאַרק טוועין די שווידערלעכע ליידן פון מלחמה און די היפּאָקריטסטווע פון די פרומע לייט, וועלכע בעטן גאָט זיי צו העלפן דורכפירן זייערע שווידערלעכע מעשים. ער האָט אָנגע־שריבן אַ תפילה פון אַ סאָלדאַט, וועלכער בעט גאָט, ער זאָל העלפן צערייסן אויף שטיקלעך די סאָלדאַטן פון שונא, זאָל העלפן באַדעקן די פעלדער מיט די קערפּערס פון זייערע טויטע, דערטרינקען אין דונער פון די ביקסן די געשרייען פון זייערע פאַרוואונדעטע, וועלכע צאַפּלען זיך אין יסורים, זאָל העלפן חרוב מאַכן זייערע היימען דורך אַ הוריקאַן פון פייער, העלפן אַרויס־רייסן די הערצער פון די הילפלאָזע אלמנות, פאַרפלעקן זייער ווייסן שניי מיט דעם בלוט פון זייערע פאַרוואונדעטע פיס, און ער פאַרענדיקט די תפילה: „דערפיל אונדזער געבעט, אָ, גאָט! און דיין נאָמען וועט זיין געלויבט און פאַרהערלעכט, איצט און אויף אייביק, אָמן".

ער האָט אַזוי געהאַסט די אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט באַגאַנגען פון איין מענטש קעגן צווייטן און פון אַ הייפעלע מענטשן קעגן דער מערהייט, אַז ער איז אָפט אַריינגעפאַלן אין פעסימיזם און געדענקט, אַז עס וואָלט גע־ווען גוט די וועלט זאָל אומקומען. אַ שאָד, האָט ער געשריבן, וואָס אין צייט פון מבול האָט נח מיט זיין סוויטע ניט פאַרזאַמט די תיבה — עס וואָלט געווען בעסער, ווען דער מבול וואָלט געמאַכט אַ סוף פון דער וועלט.

מאַרק טוועין איז געווען אַ קעגנער פון אַנטיסעמיטיזם און אַ פריינט פון יידן. זיין טאָכטער, קלאַראַ, איז געווען פאַרהייראַט צו דעם באַרימטן פּיאַניסט אסיפ גאַברילאָוויטש, אַ ייד. נאָך אַ רייזע אין אייראָפּע האָט ער אין 1898 געשריבן אַן אַרטיקל אין „האַרפּערס מאַגאַזין", וואו ער האָט, צווישן אַנדערן, געשילדערט דעם פּאָגראָם אויף יידן, וואָס איז פאָרגעקומען אין עסטרייך סוף 1897. עס זיינען צו אים אָנגעקומען אַ סך בריוו מיט אָנפראַגן אין וואָס ער זעט די סיבה פון האַס צו יידן. אין זיין ענטפער האָט מאַרק טוועין דערקלערט, אַז ער האָט ניט קיין שום פאָראורטייל קעגן יידן. פאַר־קערט — מען מוז צוגעבן, אַז דער ייד איז ניט קיין שטערער צו פרידן אין קיין שום לאַנד. ער איז ניט קיין ליידיקגייער, ניט קריגעריש און אין דער סטאַטיסטיק פון פאַרברעכנס קומט ער פאַר זייער זעלטן. דער ייד האָט ווייניק צו טאָן מיט מאָרד און גוואַלדטאַטן — דער תליון קען אים ווייניק, און אַזוי אויך די פּאָליציי־באַריכטן פאַר שיכרות און שלעכטער אויפפירונג. די יידישע היים איז אַ היים אין אמתן זין פון וואָרט. דער ייד איז ניט קיין לאַסט אויף דער געזעלשאַפט — יידן האָבן אַ צדקה־סיסטעם, וואָס גיט אַכטונג אויף זייערע אָרעמעלייט. ער דערמאָנט אויך וועגן גרויסן יידישן בייטראָג צו דער וועלט־ליטעראַטור, וויסנשאַפט, מוזיק, פינאַנץ א. אַז. וו.,

און אַז דער ייד האָט עס דערגרייכט טראָץ אַלע שטערונגען, וואָס בינדן זיינע הענט.

אויף דער פראַגע, צי רעליגיעזער פאַנאַטיזם איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יידן־פאַרפאָלגונגען, ענטפערט ער — ניין. נאָך פאַרן קריסטנטום האָט מען געהאַסט יידן. ער האַלט, אַז די הויפּט־סיבה איז אַן עקאָנאָמישע — דאָס אויפהעצן, אַז דער ייד איז אַ קאָנקורענט אויף דעם עקאָנאָמישן געביט.

אָבער, שטייענדיק אונטערן איינפלוס פון די העץ־אַרטיקלען, וואָס פלעגן דערשיינען אין דער פרעסע אין דעם שטעטל, וואו ער איז דערצויגן גע־וואָרן, האָט טווען אויך אָנגעוויזן „חסרונות״: אַז יידן זיינען ניט אָרנטלעך אין געשעפט, קאָנען מאַכן שריפות צוליב געלט און נאָך אַזעלכע אַנטיסעמי־טישע בלבולים. ער פירט אָבער אויס, אַז בעמענדיק אויפן וואָגשאָל, וואויגן די מעלות שטאַרק אַריבער די חסרונות.

אַנטיסעמיטן אין אַמעריקע האָבן שפּעטער (אין 1937) אויסגענוצט טווענס ווערטער קעגן יידן. אָבער אין יידישע קרייזן איז דעמאָלט דערקלערט גע־וואָרן, אַז טווען האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן חרטה געהאַט אויף די עטלעכע שלעכטע באַמערקונגען און צוגעגעבן, אַז ער איז געווען מיסאינ־פאָרמירט.

מאַרק טווען האָט געגלויבט, אַז עס עקזיסטירט אַ גאָט. אָבער ער האָט ניט געגלויבט אין שכר־ועונש, אַז גאָט האָט געשיקט „אַ מעסעדזש״ צו מענטשן, אָדער זיך באַוויזן צו זיי. ער האָט געגלויבט, אַז דער אַלטער און נייער טעסטאַמענט זיינען געשריבן געוואָרן דורך מענטשן און אַז קיין איין שורה איז ניט געווען אינספּירירט פון גאָט. מאָראַלישע געזעצן זיינען געמאַכט געוואָרן אַדאַנק דערפאַרונגען, און ס'איז ניט נויטיק, אַז ערשט גאָט זאָל קומען פון הימל און זאָגן מענטשן, אַז מאָרד, גניבה און אַנדערע אוממאָראַ־לישע זאַכן זיינען שלעכט.

ער האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט: „די זיכערקייט, מיט וועלכער איך ווייס, אַז דעם צווייטנס רעליגיע איז נאַריש, לערנט מיך צו האָבן אַ חשד, אַז מיין רעליגיע קאָן אויך זיין נאַריש״. און בכלל, שרייבט ער, קאָן ער ניט פאַרשטיין אַ גאָט, וואָס האָט געקאָנט באַשאַפן בלויז גוטע מענטשן, און האָט באַשאַפן שלעכטע. ער האָט געקאָנט באַשאַפן גליקלעכע מענטשן, אָנ־שטאָט אומגליקלעכע.

דאָס איז געווען די פילאָסאָפיע פון זיין „רעליגיע״.

מאַרק טווען איז געשטאָרבן דעם 21טן אַפּריל 1910. זיין טויט איז באַדויערט געוואָרן פון דער גאַנצער ליטעראַרישער וועלט און אויך פון גרויסע פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן אין אים פאַרלאָרן אַ גרויסן מענטשנ־פריינט, אַ טיף־דענקענדיקע פערזענלעכקייט און אַ קעמפער פאַר גע־רעכטיקייט.

אַרט יאָנג — גרויסער קינסטלער און קעמפער פאַר גערעכטיקייט

אַרט יאָנג, איינער פון אַמעריקעס בעסטע קינסטלער, האָט אָפּגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון זיינע 77 יאָר לעבן פאַר די אינטערעסן פון אונטערדריקטע מאַסן פון אַלע פעלקער. ער איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע געשעענישן אין אַמעריקע אין די לעצטע 50 יאָר.



זיין לעבן איז רייך מיט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון קאַמף פאַר יושר און פּראָגרעס. ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם טיפּ אַמעריקאַנער ראַדיקאַל און אידעאַליסט, וואָס האָט צוזאַמענגעבונדן די טראַדיציעס פון אַמעריקאַניזם מיט די אידייען פון קאַרל מאַרקס און לענין. ער האָט זיי אַרויסגעבראַכט דורך זיין גרויסן טאַלאַנט אין צייכענונגען, וועלכע האָבן גערעדט מער ווי ווערטער. די גרעסטע צייטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך באַנוצט מיט זיינע באַרימטע קאַרטון־צייכענונגען. אָבער קיינמאָל האָט ער ניט דערלויבט, אַז זיין טאַלאַנט זאָל גענוצט ווערן פאַר צוועקן, וואָס זיינען געווען קעגן זיינע פּרינציפּן. דער זשורנאַל „לאַיף" האָט אַמאָל באַשטעלט ביי אים אַ קאַרטון, וואָס זאָל ווייזן, ווי אַזוי די אַמעריקאַנער דראַמע ווערט געקרייציקט פון די יידישע טעאַטער־אייגנטימער. יאָנג האָט געמאַכט דעם קאַרטון, אָבער ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ באַליידיקונג פאַר יידן, און ער האָט דעם פאַרלעגער פון „לאַיף" צוריקגעשיקט דעם טשעק און פאַרבאָטן צו דרוקן זיין קאַרטון מיט דער דערקלערונג, אַז די אַמעריקאַנער דראַמע ווערט קאָמערציאַליזירט ניט נאָר פון יידן, נאָר אויך פון ניט־יידן און אַז ער וועט ניט דערלויבן צו נוצן זיין טאַלאַנט צו באַליידיקן יידן.

ער האָט אויך באַוויזן, אַז ער שרעקט זיך ניט אָפּ אפילו צו גיין אין טורמע פאַר זיינע אידעאַלן. יאַנג, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט געהערט צו יענעם טייל סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געזען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אַ קריג צווישן אימפּעריאַ־ליסטן, אין וועלכן די אַרבעטער דאַרפן זיך ניט באַטייליקן. האָט ער גע־דרוקט אַנטי־מלחמה קאַרטונס אין דעם זשורנאַל „מעסעס״. ער איז דער־פאַר אַרעסטירט געוואָרן אויף דער קלאַגע פון פאַרראַט.

אַן אַנדערש מאָל איז אַרט יאַנג אַנגעקלאַגט געוואָרן פאַר פאַרלוימדן די נייעס־אַגענטור „אַסאָשיעיטעד פּרעס״. דאָס איז געווען אין 1913, אין אַ צייט פון אַ גרויסן סטרייק אין וועסט ווירדזשיניאַ. די „אַסאָשיעיטעד פרעס״ האָט פּאַנאַנדערגעשיקט „נייעס״ פון סטרייק, וואָס איז געווען געצילט אויפ־צוהעצן דאָס אַמעריקאַנער פאָלק קעגן די סטרייקער. האָט יאַנג געמאָלן אַ קאַרטון אין די „מעסעס״, וואָס האָט פאַרגעשטעלט די „אַסאָשיעיטעד פּרעס״, ווי אַ מאַן, וועלכער בויגט זיך איין איבער אַ וואַסער־רעזערוואואַר, וואָס שטעלט־צו טרינק־וואַסער צו די שטעט, און גיסט אַהין אַריין סם פון שוואַרצע פלעשלעך, באַצייכנט מיט איבערשריפטן: „ליגנס״, „אַרבעטער־האַס״, „פאַר־לוימדונג״, „אונטערדריקטע פאַקטן״. פון דער צווייטער זייט האָט ער גע־מאָלן, ווי אַזוי די שטאָט־איינוואוינער טרינקען דאָס וואַסער, באַפאַרבט מיט די מיאוסע קאָלירן, וואָס דער גיפט־מישער האָט אַריינגעטאָן.

די אייגנטימער פון דער „א. פּ.״ האָבן פאַר דעם קאַרטון אים און די „מעסעס״ אָנגעקלאָגט אין פאַרלוימדונג. די קלאַגע האָט אַרויסגערופן אַזאַ סענסאַציע און שטורעם, אַז די „אַסאָשיעיטעד פּרעס״, אויס מורא, אַז ביי אַן עפנטלעכן פאַרהער קאָנען נאָך אַרויסקומען אַנדערע פאַקטן, האָט די קלאַגע צוריקגעצויגן.

יאַנג, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין אילינאָי אין יאָר 1866, האָט פון קינדוויז אָן געהאַט אַ נייגונג צו צייכענען. ער האָט געצייכנט די טיפּן פון די פאַרמערס, וואָס פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן אין זיין פאָטערס קראָם צו דיסקוטירן פּאָליטיק, און פאַרשידענע טיפּן פון די באַ־לעבאַטים פון זיין שטעטל. קיין גרינטלעכע קונסט־שולונג האָט ער ניט גע־קראָגן. זיין קונסט איז אָבער אָנערקענט געוואָרן. ער איז געווען דער ערשטער צו ווערן אָנגעשטעלט אַלס טעגלעכער קאַרטוניסט אין אַ טעגלעכער צייטונג. דאָס איז געווען אין 1893, אין דער צייטונג „די שיקאַגאָ אינטער־אָשעאַן״.

אין פּאָליטיק איז ער פריער געווען אַ רעפּובליקאַנער. צום סאָציאַליזם איז ער געקומען דורך זיין באַקאַנטשאַפט מיט דער ווירקלעכקייט פון די קאַמפּן פון די אַרבעטער־מאַסן און דורך די רעדעס פון יודזשין וו. דעבס. זיין אַר־בעט אַלס פּאָליטישער קאַרטוניסט האָט אים געבראַכט אין קאָנטאַקט מיטן

לעבן און אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו זען פון דער נאָענט די איבלען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. ער האָט געזען דעם העימאַרקעט פּראָצעס פון די „שיקאַגער אַנאַרכיסטן" אין 1886; ער האָט געזען די אַרבעטסלאָזע מאַרשירן אין דער באַרימטער „קאָקסיס אַרמיי"; געזען, ווי דעבס איז אַרעסטירט געוואָרן אַלס פירער פון באַן־סטרייק און געהערט דעבסן דערקלערן דעם קלאַסן־קאַמף, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז ער אַלס קינסטלער האָט אַ סך מער געמיינשאַפטלעכס מיט דעם טאָג־טעגלעכן אַרבעטער, ווי מיט די רייכע. ער האָט פאַר זיך דערזען אַ צעפוילטע וועלט און האָט אויסגעפונען וועד עס איז שולדיק אין דעם, האָט ער געצייכנט אַן געלט קאַרטונס פאַר סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלן, אין וועלכע ער האָט געוויזן די אָרעמקייט פון די מאַסן און די אומגערעכטיקייט פון קאַפּיטאַליזם. ער האָט גערעדט אויף גאַסן־מיטינגען און אילוסטרירט זיינע רעדעס אין גאַס מיט קאַרטונס אויף אַ לייוונט.

ער האָט געמאָלן בילדער פון קלאַסן־קאַמף, און ווען דער ריכטער האָט אים בעת זיין פּראָצעס געפרעגט, צי ער גלויבט אין קלאַסן־קאַמף, האָט ער אויף זיין הומאָריסטישן שטייגער געענטפערט: „פרעגט אַ קראַנקן אויף מאָזלען, צי ער גלויבט אין מאָזלען".

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די היסטעריע קעגן ראַדיקאַליזם איז געווען גרויס אין אַמעריקע און די צייטונגען און זשורנאַלן, וועלכע פלעגן זיך פריער באַרימען מיט יאָנגס קאַרטונס, האָבן פון אים מער ניט געוואָלט וויסן, האָט יאָנג געצייכנט קאַרטונס פאַר דעם יידישן וויצן־זשורנאַל „דער גרויסער קונדס" אונטער מאַרינאָווס רעדאַקציע. ווי יאָנג דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, איז דאָס צו יענער צייט געווען זיין הויפּט־קוואַל פון חיונה.

אַרט יאָנג איז געווען פון די ערשטע צו באַגריסן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ער האָט געזען אין דער רעוואָלוציע די פאַרווירקלעכונג פון זיינע סאָציאַליסטישע אידעאַלן, און איז, צוזאַמען מיט דזשאָן ריד, געווען אַקטיוו אין פאַרטיידיקן די סאָוועטישע רעפּובליק קעגן אירע אָנגרייפער און איז ביז זיין טויט געווען מיט־רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „ניו מעסעס".

יאָנג איז געשטאָרבן מיט דער האָפענונג, אַז די בעסערע וועלט, פאַר וועלכער ער האָט אַזוי מוטיק געקעמפט, איז נאָענט. ער האָט פאַר זיין טויט אַרויסגעשיקט קאַרטלעך, וואו ער האָט זיך געמאָלן שטייענדיק קעגן דער אויפגייענדיקער זון אין אַן אויפשריפט: „1944 — די פיר פרייהייטן", און אונטן איז געווען אונטערגעשריבן: „עס איז אַ לאַנגער וועג, אָבער איצט וועלן מיר ערגעץ אָנקומען..."

טשאַרלס רוטענבערג

מיטגרינדער פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

טשאַרלס רוטענבערג איז געווען אַן אומדערמידלעכער בויער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און איינער פון די גרינדער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע (אין סעפּטעמבער, 1919). ער האָט געאַרבעט אונטער די שווערסטע אומשטענדן אין אַ פּיינלעכער סביבה, אין אַ צייט, ווען די מיליטאַנטע אַרבעטער זיינען געוואָרן פאַרפאָלגט און אַרעסטירט.

רוטענבערג האָט באַווירקט און באַגייסטערט מענטשן מיט זיין שיינער פּערזענלעכקייט, מיט זיין לאָגישן רעדן און מיט זיין טיפן דענקען. איך האָב געהאַט די גרויסע פרייד צו הערן אים רעדן אויף לעקציעס און אויף אינטימע פּאַרטיי־מיטינגען. אַלעמאָל גערעדט שטיל, געלאַסן, אָבער מיט שאַרפער לאָגיק, וואָס פלעגט אַריינדרינגען אין די מוחות פון די צוהערער.

ער איז געווען אַן אַגיטאַטאָר און אַ לערער, אַן אָרגאַניזאַטאָר, אַ שרייבער און אַ וואַרעמער מענטש, ביי וועמען די אינטערעסן פון די מאַסן איז דער העכסטער אידעאַל. דורך זיין פּערזענלעכן קאָנטאַקט האָט ער איבערגעוואונען מענטשן צו זיינע אידייען.

טשאַרלס רוטענבערג איז געבוירן געוואָרן דעם 9טן יולי 1882, אין קליוולאַנד, אָהאַיאָ. ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין שוועדערלעכער אָרעמקייט. זיין פאָטער איז געווען אַ האַפן־אַרבעטער. טשאַרלס האָט קוים פאַרענדיקט אַן עלעמענטאַרע שול און געגאַנגען אַרבעטן אין אַ פאַבריק. שפּע־

טער האָט ער גענומען אַ קורס אין אַ ביזנעס־קאַלעדזש און געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ גרויסער פירמע, וואו די „באָסעס" האָבן געוואָלט אויסנוצן זיינע פיאיקייטן צו אָרגאַניזירן אַ „קאָמפּאַני"־יוניאָן. רוטענבערג האָט עס צוריקגעוויזן מיט פאַראַכטונג, און אַנשטאָט דעם זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַלע כוחות צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין זייער אייגענער יוניאָן. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָרס פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן אין קליוולאַנד, האָט געהאָלפן אָנפירן סטרייקס, באַזונדערס דעם סטרייק פון די אַרבעטער קעגן די באַלעבאַטים פון דער קליידער־אינדוסטריע און בכלל געהאָלפן בויען די יוניאָן פון די נאָדל־אַרבעטער.

רוטענבערג האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1909. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 26 יאָר און איז באַלד געוואָרן דער פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין קליוולאַנד. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער „סיטי סענטראַל קאָמיטע", און איז געווען קאַנדידאַט פאַר „סטעיט־טרעזשורער" אויף דעם ס. פּ. וואַל־צעטל אין 1910 און שפּעטער קאַנדידאַט פאַרן סענאַט. ער איז אויך עטלעכע מאָל געווען קאַנדידאַט פאַר מעיאָר. ער איז געווען אין פאָדערגרונד פון אַלע קאַמפּן פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער אין קליוולאַנד און האָט רעדאַקטירט דעם „קליוולאַנד סאָשעליסט" און „קליוולאַנד ניוס".

ער איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־אָנפירער אין קאַמף קעגן אַמעריקעס אַריינטריט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויף דער ס. פּ.־קאָנווענשאָן אין סעינט לואיס (אין אַפּריל, 1917) האָט ער אָנגעפירט אַ קאַמף פאַר אַ מער רעוואָלוציאָנערער שטעלונג קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, און אַדאַנק אים און אַנדערע אַזעלכע פירער, איז אויף דער קאָנווענשאָן אָנגענומען געוואָרן די באַרימטע סט. לואיסער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע.

די רעגירונג האָט רוטענבערגן פאַרפאָלגט און ניט איין מאָל אַרעסטירט. אין 1918 איז ער אָפּגעזעסן 10 חדשים אין טורמע אין קענטאָן, אָהאַיאָ.

זיצנדיק אין טורמע איז ער „געלאָפן" פאַר מעיאָר. פון הינטער די גראַטעס האָט ער אָנגעפירט דעם קאַמף פאַר זיינע אידייען און האָט געצויגן 25 פּראָצענט פון אַלע שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אין שטאָט פאַר דעם אמט.

די מיטגלידער פון דער ס. פּ. איבערן לאַנד האָבן געזען אין רוטענבערגן איינעם פון די בעסטע אויסטייטשער פון מאַרקסיזם און דעם אמתן פאַנענטרעגער פון סאָציאַליזם. אויף אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג פאַר מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין פרילינג פון 1919, האָט דער צעטל פון לינקן פליגל, אויף וועלכן רוטענ־

בערג איז געווען פון די הויפּט־פירער, געקראָגן די גרעסטע צאָל שטימען — קעגן הילקוויט, אָ׳ניעל, שיפּלאַקאָוו און זייערע חברים.

אָבער די ס. פּ. פירער האָבן ניט אָנערקענט די רעפערענדום־אָפּשטימונג און צוגענומען די טשאַרטערס פון די סטעיט־אָרגאַניזאַציעס פון מאַסאַטשוזעטס, מישיגען און פון אָהאַיאָ (וואו רוטענבערג איז געווען דער פירער) און אויך אויסגעשלאָסן זיבן שפּראַך־פעדעראַציעס פון דער פּאַרטיי.

דעם 1טן מאַי 1919, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פאַרפאָלגונגען פון דער פּאָליציי אויף ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַנטן איבערן לאַנד, האָט רוטענבערג געפירט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער איבער די גאַסן פון קליוולאַנד. די רעאַקציאָנערן האָבן אַראָפּגעבראַכט געננגסטערס פון שיקאַגאָ און צוזאַמען מיט דער פּאָליציי באַפאַלן די דעמאָנסטראַנטן. 3 מענטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן און אַ סך זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. רוטענבערג איז אַרעסטירט געוואָרן און מ׳האָט אפילו געפּרואווט פאַרפירן קעגן אים אַ מאָרד־פּראָצעס.

אין 1920 איז רוטענבערג ווידער אַרעסטירט געוואָרן אין ניו־יאָרק אונטער די דעמאָלטדיקע „אַנטי־אַנאַרכיע״־געזעצן און פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ טורמע־טערמין פון 5 ביז 10 יאָר. אָבער נאָך 2 יאָר אין סינג־סינג איז ער באַפרייט געוואָרן.

רוטענבערג איז געווען סעקרעטאַר פון דער „וואָירקערס פּאַרטיי״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך דער צווייטער שפּאַלטונג אין דער ס. פּ., און וואָס איז באַשטאַנען פון די אָפּגעשפּאָלטענע ס. פּ.־עלעמענטן און פון די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע זיינען געטריבן געוואָרן אונטערערדיש דורך די פּאַלמער־איבערפּאַלן.

רוטענבערג האָט געטראָגן דעם יאָך פון דער פּאַרטיי אין אירע אָנהויב־יאָרן און אירע שווערסטע צייטן.

געווען אַ צייט, ווען אין דער פּאַרטיי זיינען אָנגעגאַנגען פראַקציאָנעלע קאַמפן. רוטענבערג איז געווען דער, וואָס האָט געקעמפט פאַר אייניקייט פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות און דורך אַ גרויסער צאָל פּאַמפלעטן און אַרטיקלען אַריינגעבראַכט קלאָרקייט איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען.

טשאַרלס רוטענבערג איז געשטאָרבן דעם 2טן מערץ 1927, אינעם סאַמע בלי פון זיין לעבן, — אָבער שוין אַלס איינער פון די שענסטע פיגורן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „זאָג די חברים צו שליסן זייערע רייען און בויען די פּאַרטיי... לאָמיר ווייטער פאָרזעצן דעם קאַמף״. ער איז געווען אַ פּראָמינענטע פיגור ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

דאָס שטורעמדיקע לעבן פון ביל העיוואוד

דער באַרימטער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־פירער וויליאַם ד. העיוואוד, אָדער ווי די אַרבעטער פלעגן ליב האָבן אים צו רופן ביל העיוואוד, איז פאַרבונדן מיט די וויכטיקסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.



העיוואודס נאָמען פלעגט יאָרן נאָכאַנאַנד אַרויפּוואַרפן אַ שרעק אויף די יוניאָן־פּרעסערישע קאַפּיטאַליסטן פון אַמעריקע, ווי אויך אויף די רעאַקציאָנערע יוניאָן־פירער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער פאַר די אַרבעטער אין די מאַינס און אין די פאַבריקן איז העיוואוד געווען דער סימבאָל פון אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף, פון אַנטשלאָסנקייט און מסירת־נפש.

די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען פּטור צו ווערן פון אים. מ'האָט אים שטענדיק פאַרפאָלגט, געוואָרפן אין פּריזאָן און געדראָעט מיט טויט. די אָרעמע אַרבעטער פלעגן העיוואודן פּשוט טראָגן אויף די הענט פאַר ליבשאַפט און זיך מקריב זיין צו פאַרטיידיקן אים פון זיינע אָנגרייפער.

די לעבנס־געשיכטע פון דעם דאָזיקן אַרבעטער־פירער איז רייך מיט אַ סך אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון ערנסטע אַרבעטער־קאַמפן אין אַמעריקע.

העיוואוד איז געבוירן געוואָרן דעם 4טן פעברואַר 1869, אין סאָלט לעיק סיטי, יוטאַ. פון זיין קינדהייט אָן האָט דער שפּעטערדיקער רעוואָלוציאָנערער פירער צוגעזען דחקות און נויט ביי זיך אין דער פאַמיליע און ביי זיינע שכנים.

זיין פאָטער, אַ קוילן־גרעבער, איז געשטאָרבן, ווען העיוואוד איז אַלט געווען דריי יאָר. העיוואודס מוטער האָט געהייראַט אַ צווייטן מאָל, אויך

מיט אַ קוילן־גרעבער, וועלכער האָט דעם 9־יאָריקן ביל גענומען מיט זיך אין קוילן־גרוב אים אַרויסצוהעלפן.

שפּעטער האָט העיוואוד געטאָן פאַרשיידענע מלאכות: געאַרבעט אויף אַ פאַרם פאַר 1 דאָלער אַ חודש מיט עסן, געווען אַ שיק־יינגל א. דגל. אַנדערע „דזשאָבס".

ווען ער איז אַלט געווען 12 יאָר, האָט ער צוגעזען, ווי מען האָט גע־לינטשט אַ נעגער און זיין געפּיל פון יושר האָט אין אים אַרויסגערופן אַ טיפן פּראָטעסט קעגן אַזאַ אומגערעכטיקייט.

צו 15 יאָר איז העיוואוד ווידער אַנגעקומען אַרבעטן אין אַ קוילן־גרוב. ער שליסט זיך אָן אין דער מאַינערס יוניאָן אין 1886 און אין צוויי יאָר שפּעטער, אין 1888, איז ער אַ דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן פון דער „וועס־טערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס", וועלכע האָט זיך ניט לאַנג צוריק געהאַט אָרגאַניזירט. ער ווערט דערוויילט אין דער עקזעקוטיווע און מיט נאָך צוויי יאָר שפּעטער, אין 1900, ווערט ער דערווילט אַלס פינאַנץ־סעקרעטאַר. ער גיט אויף זיין אַרבעט אין די קוילן־גריבער און גיט זיך אָפּ אינגאַנצן מיט דער אַרבעט פון דער יוניאָן אַרום די ביטערע קאַמפן, וואָס די יוניאָן האָט דאַן אָנגעפירט מיט די מאַין־מאַגנאַטן.

אין 1901 האָט יודזשין וו. דעבס גערעדט אויף דער „קאָנווענשאָן" פון די מאַינערס, וואו ער האָט אַגיטירט, אַז די מאַינערס זאָלן אָננעמען די פּרינ־ציפּן פון סאָציאַליזם. העיוואוד האָט דעמאָלט זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און די פעדערעישאָן האָט אָנגענומען די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם.

די וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס, אונטער דער פירערשאַפט פון העיוואודן, איז געוואָרן די איניציאַטאָרין צו פאַררופן אַ קאָנווענשאָן אין שי־קאַגאָ, אין 1905, צו גרינדן די ערשטע גרויסע אינדוסטריעלע יוניאָן אין אַמעריקע — „דהי אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד". אָדער ווי מען פלעגט זי רופן מיט די ראשי־תיבות „אַי דאָבליו דאָבליו". מען האָט אַרויסגעלאָזן אַ מאַניפעסט, אין וועלכן עס איז אָנגעוויזן געוואָרן די פאַלש־קייט פון פאַך־יוניאָניזם און די נוצן פון אינדוסטריעלן יוניאָניזם. דער מאַניפעסט איז געווען אונטערגעשריבן פון יודזשין וו. דעבס, מוטער דזשאָונס, ביל העיוואוד און אַ צאָל אַנדערע. העיוואוד איז געווען דער ערשטער פאָר־זיצער פון דער קאָנווענשאָן און די הויפּט־פיגור אויף דעם צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון אַ נייעם סאָרט יוניאָניזם. די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ.

די „אַי דאָבליו דאָבליו" האָט נאָכדעם דורכגעמאַכט שפּאַלטונגען. די וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס איז אַרויס פון דער נייער אָרגאַני־

זאָציע. דער פירער פון דער „סאָשעליסט לעיבאָר פּאַרטי״ (עס־על־פּי) דע־ליאָן מיט אַ צאָל נאָכפאָלגער האָבן זיך אויך אָפּגעשפּאָלטן און געגרינדעט אַן אָפּאָזיציע. אָבער העיוואוד איז פאַרבליבן דער פירער פון דער „איי־דאַבליו דאַבליו״ און אונטער זיין פירערשאַפט זיינען דורכגעפירט געוואָרן די גרויסע רעוואָלוציאָנערע מאַסן־קאַמפּן, מיט וועלכע די „איי דאַבליו דאַבל־יו״ איז געווען באַרימט.

באַלד נאָכדעם, ווי די „איי דאַבליו דאַבליו״ איז געגרינדעט געוואָרן האָבן די מאַין־איינגנטימער זיך פאַרמאָסטן פּטור צו ווערן פון די רעוואָ־לוציאָנערע יוניאָן־פירער און דערהויפּט פון דעם סעקרעטאַר פון דער מאַינערס יוניאָן און גרינדער פון דער „איי דאַבליו דאַבליו״, ביל העיוואוד.

העיוואוד, צוזאַמען מיט טשאַרלס מאַיער, פּרעזידענט פון דער וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס, און דזשאָרדזש פּעטיבאָן, איינער פון דער עק־זעקוטיווע, זיינען אין פעברואַר, 1907, אַרעסטירט געוואָרן אויף דער קלאָגע פון מאָרד. די קלאָגע איז געווען, אַז זיי האָבן אָרגאַניזירט די דערמאָרדונג פון דעם געוועזענעם גאָווערנאָר שטעוענבורג פון איידאַהאָ, וועלכער איז געפונען געוואָרן טויט, ווען אַ באָמבע האָט עקספּלאָדירט אונטער זיין הויז.

דער פּראָצעס, וואָס איז באַקאַנט אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־גע־שיכטע אונטער דעם נאָמען „דער מאָיער־העיוואוד פּראָצעס״, האָט אַרויס־גערופן גרויס אינטערעס איבערן גאַנצן לאַנד. די אַרבעטער־מאַסן פון אַמעריקע זיינען געווען זיכער, אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען אומשולדיק. גרויסע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַלע גרעסערע שטעט פון אַמעריקע. דער באַרימטער לאָיער קלאַרענס דאַראָו איז געווען דער פאַרטיידיקער, און סענאַטאָר באָרא — דער אָנקלאָגער. פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט האָט געשטאַרקט די כוחות פון די אָנקלעגער קעגן די אַרבעטער־פירער מיט דעם, וואָס ער האָט די אָנגעקלאָגטע באַצייכנט מיטן נאָמען „אָנדעזייראַבל סיטיזנס״ (אומגעווינטשטע בירגער).

דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן לאַנג. אָבער אַדאַנק די פּראָטעסטן און דער גלענצנדיקער פאַרטיידיקונג פון קלאַרענס דאַראָו זיינען די אָנגע־קלאָגטע געפונען געוואָרן אומשולדיק. העיוואוד איז באַלד אַרויסגעפאָרן אויף אַ טור איבערן לאַנד און איבעראַל זיינען טויזנטער געקומען אים הערן און באַגריסן.

העיוואוד איז דערווייל געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אויף דער ס. פּ. קאָנ־ווענשאָן אין 1908 האָבן אַ צאָל דעלעגאַטן געוואָלט אַרויסשטעלן העיוואודן אַלס קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. העיוואוד האָט זיך אָפּגעזאָגט לטובת דעבסן, און ער, צוזאַמען מיט דעם שפּעטער באַרימטן אַרבעטער־מאַרטירער טאָם

מוני זיינען אַרומגעפּאָרן מיט דעבסן אויף דעם באַרימטן „רעד ספּעשל" און אַגיטירט פאַר דעבס' דערוויילונג.

העיוואוד איז אויך געווען איינער פון די דעלעגאַטן פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין קאָפּענהאַגען אין 1910. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט לענינען, קלאַרא צעטקין, ראָזא לוקסעמבורג און אַ סך אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע פיגורן. ער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו באַזוכן פאַרשיידענע לענדער אין אייראָפּע. ער האָט געהאַלטן לעקציעס אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, און איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. מען האָט אין אים געזען אַ נייעם טיפּ פון אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער.

צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, האָט העיוואוד באַלד זיך אַריינגעוואָרפן אין דער טעטיקייט פון דער „אַי דאַבליו דאַבליו". צוויי פון די באַרימטע סטרייקס, וועלכע העיוואוד האָט באַלד נאָך דעם אָנגעפירט, זיינען געווען: דער גרויסער טעקסטיל סטרייק פון לאָרענס, מאַסאַטשוזעטס, אין יאָר 1912, און דער צווייטער גרויסער סטרייק פון טעקסטיל־אַרבעטער אין פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי. די אַרבעטער פון די דאָזיקע שטעט וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן די אַרבעט פון העיוואודן אין די דאָזיקע סטרייקס.

אין דער צייט וואָס העיוואוד איז געווען פאַרנומען מיט אָרגאַנאַזירן די אַרבעטער און פאַרטיידיקן די מאַסן אַרעסטירטע אין פאַרבינדונג מיט די סטרייקס, בעת וועלכע ער אַליין איז עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן, — האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן אין אינדיאַנאַפּאָליס (אין 1912) באַשלאָסן אויסצושליסן וויליאַם העיוואודן פון דער עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי. דער באַשלוס האָט געזאָגט, אַז דער יעניקער, וועלכער פּירט־אָן מיט אַנטי־פּאָליטישע אַקציעס, אָדער פּריידיקט סאַבאָטאַזש, קאָן ניט זיין קיין מיטגליד אין דער פּאַרטיי.

העיוואוד האָט באַטראַכט די ס. פּ.־אַטאַקעס אויף אים און אויף דער „אַי דאַבליו דאַבליו", ווי אַ מעסער אין רוקן פון די סטרייקערס. און כאָטש ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זינט זי האָט זיך געגרינדעט, האָט ער פון דעמאָלט אָן אַליין זיך מער ניט גערעכנט פאַר קיין מיטגליד אין דער ס. פּ.

די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען געווען זייער שווערע פאַר דער „אַי דאַבליו דאַבליו". מאַסן אַרעסטן זיינען געמאַכט געוואָרן איבערן לאַנד. נאָך בלוטיקע אַטאַקעס אויף דער אָרגאַניזאַציע, איז אויך העיוואוד, צוזאַמען מיט דער גאַנצער פירערשאַפט פון דער „אַי דאַבליו דאַבליו" אַרעסטירט געוואָרן.

העיוואוד איז פארמשפט געוואָרן צו 20 יאָר טורמע. פריינט און סימ־פּאַטיקער האָבן אים אַרויסגענומען אויף „בעיל" (ערבות) און דערוויל אַפּע־לירט אין אַ העכערן געריכט.

נאָך זיצנדיק אין טורמע האָט העיוואוד געליִיענט דזשאָן רידס בוך „צען טעג וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט". ער איז געווען גוט באַ־פריינדעט מיט רידן נאָך פון די צייטן פון פּעטערסאָנער סטרייק. העיוואוד איז באַגייסטערט געוואָרן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע און איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער ניי־געגרינדעטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואו ער איז געווען טעטיק, ביז זיין אַפּפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס מעשהלע, וואָס העיוואוד האָט דעמאָלט דער־ציילט די אַרעסטאַנטן, מיט וועלכע ער איז געזעסן:

די באַלעבאַטים פון די פּרוכט־פּלאַנטאַציעס אין קאַליפאָרניע האָבן באַשלאָסן, אַז זיי מוזן פּטור ווערן פון זייערע מיליטאַנטע יוניאָן־אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן דאַן געהערט צו דער „אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד", וועלכע האָט דאַן אָנגעפירט אַן ענערגישן קאַמף קעגן די געלט־גייציקע באַלעבאַטים.

האָבן די באַלעבאַטים פון אָנהויב גענומען אַריינברענגען יאַפּאַנעזישע אַרבעטער אין פּרוכט־סעדער און ווייִנגערטנער, מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך לייכטער לאָזן עקספּלואַטירן.

האָבן אָבער אַ היפּשע צאָל פון די „קליינע מענטשעלעך" אַליין זיך אָנ־געשלאָסן אָן דער יוניאָן. די באַלעבאַטים האָבן פון זיי קיין נחת ניט גע־האַט. די יאַפּאַנעזער האָבן זיך ניט געלאָזט עקספּלואַטירן. נאָך מער, אַ טייל פון די יאַפּאַנאַזער, וואָס די באַלעבאַטים האָבן אַליין אימפּאָרטירט, כדי זיך גרינגער צו מאַכן דעם לעבן, זיינען גאָר געוואָרן געפערלעכע קאָנקו־רענטן. זיי האָבן גענומען קויפן לאַנד פאַר זיך, געגרינדעט קאָאָפּעראַטיוון און קאָנקורירט מיט זייערע פריערדיקע באַלעבאַטים.

די באַלעבאַטים האָבן געזען, אַז ספּעציעלע געזעצן זאָלן געשאַפן ווערן, וואָס זאָלן פאַרבאָטן צו פאַרקויפן לאַנד צו די יאַפּאַנעזער. אַ פעדעראַלער געזעץ איז דורכגעפירט געוואָרן צו באַגרענעצן די אימיגראַציע פון יאַפּאַ־נעזער קיין אַמעריקע.

די אייגנטימער פון די פּרוכט־פּלאַנטאַציעס זיינען ווידער געצוואונגען געוואָרן צו באַשעפטיקן ווייסע אַרבעטער, ביז אַ גוניאַלער געדאַנק האָט זיך אַנטפּלעקט אויף אַ קאָנווענשאָן פון די פּרוכט־פּלאַנצערס.

איינער פון די דעלעגאַטן האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַרגעלייגט אַ פּלאַן, אַז עס וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט אויסצולערנען מאַלפּעס צו אַר־בעטן ביים אַראָפּרייסן די פּרוכט. מאַלפּעס ווייסן דאָך ניט פון קיין יוניאָן

און פון קיין סטרייקס און דורכדעם וועלן די באַלעבאַטים פּטור ווערן פון די אַלע „אַרבעטער־אומרועןּ, פון וועלכע זיי ליידן.

די קאָנווענשאָן האָט באַלד באַשלאָסן אָנצונעמען דעם פּלאַן און אימ־פּאָרטירן אַ גרויסע צאָל מאַלפּעס. די שימפּאַנזע־מאַלפּע איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דער מער אינטעליגענטער מין פאַר דער אַרבעט.

מען האָט אויסגעבויט אַ גרויסע צאָל שיינע, קליינע הייזער, שיין אָפּ־געפאַרבט און באַפּוצט מיט באַקוועמלעכקייטן פאַר די מאַלפּעס. מען האָט די מאַלפּעס געשפּייזט און געלערנט די אַרבעט פון אויפקלייבן פּרוכט פון די ביימער.

ווען די פּרוכט איז געוואָרן צייטיק האָבן די באַלעבאַטים געבראַכט זייערע פריינט פון שטאָט צו זען, ווי אַזוי גענויאַל זיי לייזן אַזאַ שווערע פּראָבלעם.

די מאַלפּעס זיינען געווען אומרואיק אין זייערע הייזער, די לופט איז געווען פול מיט דעם ריח פון צייטיקע פּרוכטן. און אַזוי גיך ווי מען האָט זיי אַרויסגעלאָזן פון די הייזער, זיינען זיי באַלד אַרויפגעקלעטערט אויף די ביימער.

אָבער אַנשטאָט צו טאָן וואָס מען האָט זיי געלערנט — אַראָפּרייסן די פּרוכט און עס אַריינוואַרפן אין אַ קעסטל, האָבן די צעלאָזענע חברה אויס־געקליבן די בעסטע פּרוכט און עס געגעסן, אָדער פאַרזוכט און דאָס איבע־ריקע אַוועקגעוואָרפן. אַזוי זיינען זיי געגאַנגען כסדר. זיי האָבן אָנגעטאָן אַ סך שאָדן און קיין אַרבעט ניט אויפגעטאָן.

האָבן די קלוגע פּרוכט־באַלעבאַטים גענומען זוכן אַן אַנדער מיטל. זיי האָבן אָנגעטאָן אַ צוים אויף דעם מויל פון דער מאַלפּע. אויף מאָרגן איז יעדע מאַלפּע געקומען צו דער אַרבעט מיט אַ צוים אויף דעם מויל. זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף די בוימער, אָבער אַנשטאָט צו אַרבעטן האָבן זיי געמאַכט אַ „סיט־דאַון" סטרייק און זיך אָפּגעגעבן מיט זוכן מיטלען, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער מאַכערייקע, וואָס לאָזט זיי ניט עסן און געניסן פון די פּרוכטן.

די באַלעבאַטים האָבן זיך געפונען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. אַזוי פיל מאַלפּעס, וועלכע מען דאַרף אויסהאַלטן און זיי אַרבעטן נישט. זיי זיינען ניט קיין מענטשן, וועמען מען קען לאָזן הונגערן אויב זיי אַרבעטן נישט. זיי האָבן זיך געווענדט צו דעם גאָווערנאָר פון סטעיט ער זאָל זיי העלפן. דער גאָווערנאָר האָט געענטפערט, אַז עס טוט אים זייער לייד, וואָס ער קען גאָרניט טאָן. ווען די סטרייקערס וואָלטן געווען מענטשן, „אַי דאָבליו דאָבליוקעס", אָדער אַנדערע, וואָלט ער זיי אַרעסטירט און די אָנפירער מעג־לעך דערשאָסן. אָבער אויף מאַלפּעס האָט ער ניט קיין יוריסדיקציע.

די צער בעלי חיים־סאָסאַיעטי, וועלכע האָט זיך קיינמאָל ניט אינטע־רעסירט ווען די „אַי דאַבליו דאַבליו״, אָדער די יאַפּאַנעזער, זיינען שלעכט פאַרהאַנדלט געוואָרן, האָבן אָבער באַלד געוואָרנט די באַלעבאַטים, די פּרוכט־אייגנטימער, אַז זיי וועלן נעמען געזעצלעכע שריט און פאַרפאָלגן די יע־ניקע באַלעבאַטים, וועלכע וועלן ניט געבן גענוג אַכטונג, אַז די שטומע באַ־שעפענישן זאָלן באַקומען באַזאָרגט ווערן מיט אַלע זייערע באַדערפענישן.

מען האָט אָנגעהויבן צו האַסן די מאַלפּעס נאָך מער ווי די מיליטאַנטע מענטשן־סטרייקערס און מען האָט געזוכט מיטלען וואָס צו טאָן מיט זיי.

איניקע פּרוכט־אייגנטימער זיינען אויך געווען אייגנטימער פון קאָטן (בוימוואָל)־פּלאַנטאַציעס, וואו זיי האָבן געהאַט גרויסע צרות מיט ווייסע און שווארצע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך ניט געלאָזן עקספּלואַטירן. האָבן די באַלעבאַטים באַשלאָסן, זיי וועלן פּרובירן באַשעפטיקן אָט די ליידיק־גייענ־דיקע מאַלפּעס צו אויפקלייבן די קאָטן. זיי זיינען געווען זיכער, אַז די מאַל־פּעס וועלן קענען אַרבעטן דערביי, און עס איז דאָך ניטאָ קיין געפאַר, אַז זיי זאָלן עס עסן.

האָט מען באַלד גענומען און אַוועקגעשיקט די מאַלפּעס אויף די קאָטן־פעלדער.

טשיקאַווע איז געווען, וואָס די מאַלפּעס האָבן געטאָן די אַרבעט גוט און מיט אַ שנעלקייט, פון וואָס די באַלעבאַטים האָבן געקוועלט פון נחת. ענדלעך, האָבן זיי געזאָגט, איז געלייזט געוואָרן די פאַרפלוכטע אַרבעטער־פּראָבלעם אין דער קאָטן־אינדוסטריע.

אָבער זייער נחת האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

אין איין טאָג, ווען די מאַלפּעס האָבן צוזאַמען געאַרבעט און זיך דורכ־געשמועסט אויף זייער לשון, קלויבנדיק די קנוילן פון קאָטן, האָט אַ פריי־שער ווינט אַ בלאָז געטאָן און אַרויסגעבלאָזן אַביסל קאָטן פון אַ מאַלפּעס האַנט. די מאַלפּע האָט הנאה געהאַט צו זען, ווי אַזוי די קאָטן פליט אַרום אין דער לופטן און דער שפּיל איז איר געפעלן געוואָרן. האָט זי גענומען נאָך אַ הויפן און נאָך אַ הויפן און עס געוואָרפן און געקוקט, ווי אַזוי דאָס דרייט זיך אינעם ווינט. די איבעריקע מאַלפּעס האָבן עס באַלד נאָכגעטאָן. די לופט איז געוואָרן פול מיט פליענדיקן קאָטן, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי אַ שניי־שטורעם וואָלט צום ערשטן מאָל באַפאַלן קאַליפאָרניע.

די באַלעבאַטים זיינען געוואָרן אויפגעקאָכט. זיי האָבן זיך ניט געקענט געבן קיין עצה, ווי אַזוי אָפּצוהאַלטן די מאַלפּעס פון דעם שפּיל.

מאַלפּעס אין אַנדערע פּלאַנטאַציעס האָבן זיך דערוואוסט פון דעם שפּאַ־סיקן שפּיל און זיי האָבן עס נאָכגעטאָן און דורכדעם צעשטערט די דאָרטיקע קאָטן־פּלאַנטאַציעס.

די פּרוכט־און קאָטן־אייגנטימער האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די מאַלפּעס, וועלכע האָבן אָפּגעקאָסט אַ סך געלט. ענדלעך האָבן זיי באַשלאָסן, אַז מען זאָל די מאַלפּעס דעפּאָרטירן קיין אַפריקע, פון וואַנען מען האָט זיי געבראַכט.

די מאַלפּעס לעבן איצט ווידער פריי, אָן באַלעבאַטים. זיי קלייבן זיך אָפּט צוזאַמען און די עלטסטע מאַלפּעס דערציילן די יינגערע דורות, ווי אַזוי מאַלפּעס האָבן געוואונען אַ סטרייק אין קאַליפאָרניע.

***

ווען דער „סופרים קאָורט“ האָט צוריקגעוויזן דעם „אַפּיל“, האָבן העיוואודס פריינט אים געראַטן צו לאָזן פאַלן די „בעיל“ און אַוועקפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיין געזונט איז געווען געבראָכן און טורמע וואָלט געמיינט טויט פאַר אים. האָט העיוואוד געפאָלגט זייער עצה און איז אַוועק פון אַמעריקע.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד מצד די פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מצד די גרויסע מאַסן. ער האָט געשריבן אַרטיקלען פאַר דער סאָוועטישער פּרעסע, געהאַלטן לעקציעס און האָט אויך זיך אָפּגעגעבן מיט העלפן דער סאָוועטישער אינדוסטריע און אין גרינדן די קוזבאַס־קאָלאָניע.

די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע, דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס“ אַריינגערעכנט, האָט איין מאָל דערציילט אַ געשיכטע, אַז העיוואוד איז אַנטלאָפן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, און אַז מען האָט אים געפונען בעטלען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער האָט געזאָגט: „אַז ער וואָלט בעסער זיצן אין אַמעריקע אין טורמע, איידער זיין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד“. אָבער דער „טאַימס“־קאָרעספּאָנדענט האָט געזען העיוואודן אין מאָסקווע באַלד אויף מאָרגן און האָט אָפּגעלייקנט די ליגנס וועגן אים. העיוואוד אַליין האָט אַריינגעשיקט אַן אַרטיקל, וואו ער האָט זיך געוויצלט וועגן די בלאָפס פון די צייטונגען. דער „פאָרווערטס“ האָט אָבער דעם ליגן קיינמאָל ניט צוריקגעצויגן.

העיוואוד איז געשטאָרבן דעם 18טן מאַי 1928 נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט. די סאָוועטישע אַרבעטער האָבן געטרויערט אויף זיין טויט און אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד. אַ טייל פון זיין אַש איז באַהאַלטן געוואָרן אין קרעמלין און אַ טייל איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע און איז באַהאַלטן געוואָרן אויף דער וואַלדהיים סעמעטערי אין שיקאַגאָ, וואו עס ליגן די מאַרטירער פון דער היימאַרקעט טראַגעדיע.

די „אַי דאַבליו דאַבליו“, וואָס ער האָט געגרינדעט, איז צעפאַלן. אָבער העיוואודס ירושה איז פאַרבליבן צווישן די מיליאָנען אָרגאַניזירטע אינדוסטריעלע אַרבעטער פון אַמעריקע, וועלכע זעצן־פאָר דעם קאַמף פאַר זיינע פּראָגרעסיווע אידייען.

מוטער בלור

(1951-1862)

צווישן די פרויען פערזענלעכקייטן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר פרויען-פרייהייט און פאַר אַ בעסערער, שענערער געזעלשאַפט פאַרנעמט עלאַ ריוו בלור, אָדער ווי זי איז געווען באַקאַנט — „מוטער בלור" — איינעם פון די חשובסטע פּלעצער.

מוטער בלור, וועלכע איז געשטאָרבן אין עלטער פון 89 יאָר (דעם 10טן אויגוסט, 1951) האָט כמעט איר גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן אין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער-מאַסן. זי איז געגאַנגען אין „פּיקעט-לאַין" מיט די קוילן-גרעבער, טעקסטיל-אַרבעטער, נאָדל-אַרבעטער, האָט געקעמפט פאַר פרייער רעדע און קעגן אַרעסטן און בלבולים אויף אומשולדיקע אַרבעטער-פירער, און איז אַליין געווען אַרעסטירט איבער 35 מאָל, זיצנדיק אין פאַרשידענע טורמעס פון לאַנד. זי איז געווען אַ קעמפערין פאַר סאָציאַליזם און איז עס פאַרבליבן ביז איר טויט.

עלאַ ריוו בלור איז געבוירן געוואָרן דעם 8טן יולי, 1862, אין סטעטן איילאַנד, ניו-יאָרק. אירע אור-עלטערן האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. איר פאָטער, טשאַרלס ריוו, און זיינער אַ ברודער האָבן זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פון בירגער-קריג.

נאָך אַלס קינד פון 12 יאָר האָט זי אָפּט באַגעגנט דעם גרויסן אַמעריקאַנער פרייהייטס-דיכטער וואָלט וויטמאַן, וועלכער האָט געוואוינט אין קעמדן, ניו-דזשוירזי, אויף דער זעלבער גאַס וואו עלאַס אַ מומע האָט געוואוינט, און עלאַ האָט עס געדענקט דעם גאַנצן לעבן.

אַדאַנק איר עלטער-פעטער דען וויג, אַן אַבאָליציאָניסט און אַ פריידענקער, וועלכער האָט אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער יונגער עלאַ ריוו, האָט זי זיך באַקענט מיט דער לערע פון טשאַרלס דאַרווין און אַנדערע וויסנשאַפטסלייט. אַנקל דען האָט פאַר איר אויך געלייענט די לעק-

ציעס פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער פריידענקער ראָבערט אינגערסאָל. זי האָט נאָכדעם אַליין „געשלונגען" אַלץ, וואָס דער „גרויסער אגנאסטיק" האָט געשריבן, און דאָס האָט געווירקט, אַז איר געדאַנק איז פריי געוואָרן פון די רעליגיעזע אַבערגלויבנס און דאגמעס, אין וועלכע זי האָט פריער געגלויבט.

עלאַ איז אַרויסגענומען געוואָרן פון שול, ווען זי איז אַלט געווען 14 יאָר. זי האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן חשק צו לערנען. האָט זי אַליין שטודירט און אַ סך געלייענט. ווען זי איז שוין געווען אַ מוטער פון פיר קינדער, איז זי אָנגעקומען אין פענסילוועיניע אוניווערסיטעט, און אין עלטער פון 38 יאָר האָט זי געקראָגן אַ קאָלעדזש־דיפּלאָם און גענומען שרייבן ביכער פאַר קינדער.

עלאַ האָט זיך אַלעמאָל אינטערעסירט אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן. ווען איר פאַמיליע ציט זיך אַריבער קיין פילאַדעלפיע, ווערט זי טעטיק אין דער דאָרטיקער אָפּטיילונג פון דער „עטיקל קאַלטשור סאָסאַיעטי", וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לעקציעס און דיסקוסיעס איבער פאַרשידענע פראַגן.

די „עטיקל סאָסאַיעטי" האָט געהאַט אַן אָפּטיילונג אויך אין הענינגטאָן, אַ שטעטל לעבן פילאַדעלפיע, וואו עס האָבן געוואוינט אַ צאָל וועבער־אַרבעטער. אויף זייער פאַרלאַנג נעמט זי איבער די פירערשאַפט פון דער קענסינגטאָנער אָפּטיילונג, אינטערעסירט זיך מיט דעם לעבן און די קאַמפּן פון די וועבער, ווערט אַ מיטגליד אין זייער יוניאָן און קעמפט פאַר זייערע אינטערעסן. דאָ באַקענט זי זיך מיט טשערנישעווסקיס באַרימטן בוך „וואָס זאָל מען טאָן", און זי נעמט אויך לייענען ביכער פון קאַרל מאַרקס, ענגעלס און ווערט אַן אָנהענגער פון סאָציאַליסטישן אידעאַל.

אַריבערגעצויגן זיך מיט איר פאַמיליע קיין ניו־יאָרק, הערט זי צום ערשטן מאָל יודזשין וו. דעבסן רעדן אויף אַ מאַסנמיטינג. זי ווערט אַזוי באַגייסטערט פון זיין רעדע, אַז זי שליסט זיך אָן אין דער „סאָשיאַל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקע", אַ גרופּע, אָרגאַניזירט און אָנגעפירט פון יודזשין וו. דעבס, און פירט־אָן אַ קאָלום אין זיין ציטונג „דהי סאָשיאַל דעמאָקראַט". אָבער באַלד קומט זי צום געדאַנק, אַז דעבס' דעמאָלטדיקע אידייען וועגן בויען קאָלאָניעס פאַר אַרבעטער איז ניט די ריכטיקע לייזונג. זי פאַרלאָזט די „סאָשיאַל דעמאָקראַסי גרופּע" און ווערט אַ מיטגליד אין דער „סאָשיאַליסט לייבאָר פּאַרטיי", געפירט פון דעניעל דע־לעאָן.

עס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ סטרייק פון טעקסטיל־אַרבעטער אין סלעטערוויל, ראוד־איילאַנד. דער סטרייק איז געפירט געוואָרן פון סאָציאַליסטן און די ס. ל. פּ. האָט געשיקט עלאַ ריוו צו העלפן אָנפירן דעם סטרייק. עלאַ, צו יענער צייט אַ מוטער פון אַ זויג־קינד, האָט מיטגענומען מיט זיך איר עופהלע צוזאַמען מיט איר עלטערן, 12־יאָריקן קינד און איז אַוועק

קיין סלעטערוויל. מיטן זויג־קינד און יינגעלע, אויף וועלכן חברים האָבן אַכטונג געגעבן. האָט עלאַ באַגייסטערט די סטרייקערס מיט איר אויפ־ברויזנדיקער רעדע. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אויף אַ מיטינג אין באָסטאָן קאַמאַן.

דאָס ווייזט, ווי עלאַ ריוו האָט אַלעמאָל געשטעלט די אינטערעסן פון די מאַסן העכער, ווי אירע פּערזענלעכע אינטערעסן, הגם זי האָט צוגלייך ניט פאַרנאַכלעסיקט קינדער און זיי דערצויגן צו זיין ניצלעכע און פּראָגרע־סיווע מענטשן.

ווען עלאַ מיט איר פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין איסט־אָרענדזש, ניו־דזשוירזי, וואו עס האָט עקזיסטירט אַ גרויסע מיטגלידער־שאַפט פון דער ס. ל. פּ., איז זי אין אַ פּאָר חדשים אַרום דערוויילט געוואָרן אַלס „קאַונטי אָרגאַנייזער" פון דער פּאַרטיי. זי האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן די טראַמוואַי־אַרבעטער אין פילאַדעלפיע און אַנדערע טרעיד־יוניאָן אַרבעט. זי האָט אָבער אויסגעפונען, אַז דע־לעאָנס פּאַרטיי, מיט איר אָרגאַניזירן „דועל יוניאָנס", העלפט ניט ברענגען די אַרבעטער צום סאָציאַליזם און איז ניט דער ריכטיקער וועג צו העלפן די אַרבעטער. זי איז אויך געווען קעגן דער ס. ל. פּ., וועלכע האָט ניט געגלויבט אין באַל־דיקע פאָדערונגען פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער אַרבעטער־לאַגע. פאַר־לאָזט זי די ס. ל. פּ. און ווערט אין 1902 אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין 1900 פון אַן אָפּגעשפּאָלטענעם טייל פון דער ס. ל. פּ. צוזאַמען מיט דעבס' „סאָשיאַל דעמאָקראַסי גרופּע".

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט באַלד אָנערקענט אירע פעיִקייטן און זי דערוויילט אַלס „סטעיט אָרגאַנייזער" פון דער פּאַרטיי אין פענסילוועיניע. עלאַ פאָרט אַרום צווישן די קוילן־גרעבער, אָרגאַניזירט לאָקאַלן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, העלפט סטרייקערס דורך געלט־זאַמלונגען און אַנדערע טעטיקייטן. זי איז אויך געווען טעטיק אין קאַמף קעגן קינדער־אַרבעט, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין פענסילוועיניע.

איר מאַן, לואיס קאָהען, איז געווען סעקרעטאַר פון פילאַדעלפיער לאָקאַל פון דער פּאַרטיי. אָבער ער האָט זיך גענומען אינטערעסירן מער מיט געשעפטן, ווי מיט דער פּאַרטיי, האָט פאַרלאָרן דעם אינטערעס אין סאָציאַ־ליזם, און עלאַ גט זיך מיט אים. כדי צו דערנערן אירע צוויי יינגערע קינ־דער, ווערט זי אַ לערערין אין פענסילוועניער אוניווערסיטעט.

אויף דער אויפפאָדערונג פון חברים ווערט זי אין 1905 „סטעיט אָר־גאַנייזער" פון דער פּאַרטיי אין קאָנעטיקוט, ציענדיק חיונה פון שרייבן אַ קאָלום וועגן מאָדעס אין אַ צייטונג אין וואָטערבורי, קאָנעטיקוט. אָבער צוליב איר פּאָליטישער טעטיקייט פאַרלירט זי די שטעלע און ווערט אַ מיטאַרבעטערין אין אַ מוזיק־זשורנאַל.

ווען אַפּטאָן סינקלער האָט אָנגעשריבן זיין באַרימטן בוך „דהי דזשאָנגל“ וועגן די שלאַכט־הייזער אין שיקאַגאָ, וואָס האָט געמאַכט די רעגירונג אין וואַשינגטאָן צו באַשטימען אַ קאָמיסיע צו אונטערזוכן די לאַגע אין די שלאַכט־הייזער, באַשליסט עלאַ זיך צו באַקאַנען מיט דער לאַגע פון די דאָרטיקע אַרבעטער. צוזאַמען מיט אירן אַ חבר, ריטשארד בלור, קומען זיי אָן אַרבעטן אין די שלאַכט־הייזער, וואו זיי זאַמלען מאַטעריאַל און שטעלן־צו דער רעגירונגס־קאָמיסיע. צוגלייך שרייבט עלאַ אַרטיקלען אין די צייטונגען „ניו־יאָרק וואָירלד“, „ניו־יאָרק טאַימס“ און „אַמעריקאַן“, וואו זי דעקט־אויף די שוידערלעכע לאַגע אין די דאָזיקע שלאַכט־הייזער.

צוליב איר צוזאַמען־אַרבעט מיט ריטשארד בלור האָט עלאַ דעמאָלט אָנגענומען דעם נאָמען בלור, — כאָטש, ווי זי שרייבט אין איר אויטאָביאָגראַפישן בוך „ווי אַר דהי מעני“, האָבן זיי קיינמאָל ניט געלעבט ווי מאַן און ווייב.

עלאַ ריוו בלורס נאָמען איז פאַרבונדן מיט די וויכטיקסטע אַרבעטער־קאַמפן אין אַמעריקע אין משך פון איבער 50 יאָר. זי איז געווען אַן „אָרגאַנייזערן“ פאַר דער היטל־מאַכער יוניאָן, געהאָלפן די עלעקטריק־סטרייקערס אין סקענעקטעדי אין 1911, די קופּער־מאַינערס אין קאַלומעט, מישיגען, אין 1913; די סטרייקערס אין לודלאָ, קאָלאָראַדע, אין 1914 און אַ סך אַנדערע. אין פאַרבינדונג מיט דער אַרבעט האָט זי דורכגעמאַכט זייער אינטערעסאַנטע, אָבער אויך טראַגישע דערפאַרונגען. אין סקענעקטעדי, ניו־יאָרק, בעת עס איז דאָרט אָנגעגאַנגען דער סטרייק פון די עלעקטריק־אַרבעטער, איז די שטאָט געווען אונטער אַ סאָציאַליסטישער אַדמיניסטראַציע מיט דר. טשאַרלס ר. לאַן אַלס מעיאָר. די פּאָליציי, וועלכע איז פאַרבליבן פון דער אַלטער אַדמיניסטראַציע, האָט גענומען באַהאַנדלען די סטרייקערס מיט איר געוויינלעכער גרויזאַמקייט. מוטער בלור איז באַלד מיט אַ קאָמיטעט פון די סטרייקערס אַוועק צום מעיאָר און פאַרלאַנגט, אַז אָנשטאָט פּאָליציי זאָל די יוניאָן אַליין אַכטונג געבן אויף דער סטרייק־אָרדענונג. דער סאָציאַליסטישער מעיאָר האָט דאַן געגעבן מוטער בלור און אַ צאָל סטרייקערס פּאָליציי־אָפּצייכנס און זיי האָבן אַכטונג געגעבן אויף דער „פּיקעט־לאַין“. זיי האָבן אויך באַלד אַרעסטירט אָקומענדיקע סטרייק־ברעכער פון אַנדערע שטעט, און דער פּאָליציי־קאָמיסאַר, וועלכער איז אויך געווען אַ סאָציאַליסט, האָט די סטרייק־ברעכער פאַרהאַלטן אויף דער גאַנצער צייט פון סטרייק, וועלכער איז אין ווייניקער ווי אַ וואָך געוואונען געוואָרן.

אין קאַלומעט, מישיגען, איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער סטרייק פון קופּער־מאַינערס. מוטער בלור האָט זיך פאַרבונדן מיט דער „פרויען־אויקזילערי“ און געהאָלפן אָרגאַניזירן הילף־קאָמיטעטן. זי איז אויך אַרומגע־

פארן אין די דערביאיקע שטעט און געזאמלט געלט פאר די סטרייקערס. יענער סטרייק איז אויך באקאנט צוליב דער שרעקלעכער טראגעדיע, וואס איז פארגעקומען בעת א „קריסטמעס־פארטי״ פאר די קינדער פון די סטריי־קערס. 73 ארבעטער־קינדער זיינען דעמאלט דערשטיקט געווארן צוליב א פאלשן פייער־אליארם.

מוטער בלור איז אויסגעקומען צו זיין אינמיטן פון נאך א בלוטיקער געשעעניש. אין 1914 איז אין קאלאראדא אנגעגאנגען א סטרייק אין ראק־פעלערס קוילן־מינען פאר אנערקענען די יוניאן „די יונאיטעד מאין וואיר־קערס או אמעריקא״. דער הויפט־קאמף איז אנגעגאנגען אין שטעטל לודלאו, קאלאראדא. דער גאווערנאר פון קאלאראדא האט אריינגעשיקט מיליטער צו ברעכן דעם סטרייק. קודם האבן די ראקפעלער־אגענטן ארויסגעזעצט די סטרייקערס פון זייערע היימען, וואס האבן געהערט צו דער ראקפעלער־געזעלשאפט. האט די יוניאן אויפגעשטעלטביידלעך פאר די סטרייקערס.

אבער אויך דארט האט די מיליץ טעראריזירט די סטרייקערס און געשאסן אויף זיי. כדי צו באשיצן די פרויען און קינדער קעגן די גוואלדטאטן פון מיליטער און גענגסטערס, האבן די סטרייקערס אויסגעגראבן א גרוב, וואו פרויען און קינדער זאלן קאנען זיך באהאלטן. האט די מיליץ אין דער נאכט פון 20טן אפריל דורכגעפירט א בלוטיקן פאגראם אויף די סטרייקערס און זייערע פרויען און קינדער: ווען אלע זיינען געשלאפן, האט די מיליץ באג־גאסן די ביידלעך מיט קעראסין און אונטערגעצונדן. און ווען די פארצווייפלטע סטרייקערס מיט זייערע פאמיליעס האבן גענומען לויפן צום גרוב זיך צו ראטעווען, האט די מיליץ אויף זיי געשאסן. 13 קינדער און א שוואנגערע פרוי זיינען אין יענער נאכט דערשאסן געווארן.

דער שענדלעכער מאסן־מארד, וואס באלעבאטים זיינען באגאנגען קעגן ארבעטער פאר וועלן ארגאניזירן זיך, האט אויפגעשטורעמט דאס לאנד. מוטער בלור, וועלכע האט זיך די גאנצע צייט געפונען אויפן פלאץ, ארבעטנ־דיק מיט די סטרייקערס, האט גערופן פראטעסט־מיטינגען און געפירט א פראטעסט־דעמאנסטראציע פון טויזנט פרויען צום גאווערנאר פון קאלאראדא.

„די יונאיטעד מאין וואירקערס או אמעריקע״ האט אויפגעשטעלט אן אנדענקמאל אויף דעם פלאץ ביים גרוב, און יעדן יאר, דעם 20טן אפריל, קומען־פאר מעמאריאל־מיטינגען אויף יענעם פלאץ.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מוטער בלור געבליבן געטריי דעם פרינציפ פון קעגנערשאפט צו אימפעריאליסטישע מלחמות און איז גע־ווען טעטיק אין די ארגאניזאציעס, וואס האבן געקעמפט פאר פרידן. זי איז שפעטער אויך געווען אקטיוו אין העלפן ארגאניזירן אפטיילונגען פון לינקן פליגל פון דער סאציאליסטישער פארטיי, פון וועלכער עס איז ארויסגעוואקסן די קאמוניסטישע פארטיי, וואו זי איז געווארן א גרינדונג־מיטגליד און אנ־

געפירט איבערן לאַנד אָרגאַניזאַציע־און פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייטן. אין על־טער פון עטלעכע־און־זעכציק יאָר האָט מוטער בלור צוויי מאָל דורכגע־רייזט דאָס לאַנד פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק, צו זאַמלען פאָנדן פאַרן „אינ־טערנעשיאָנאַל לעיבאָר דעפענס" צו פאַרטיידיקן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַמעריקע, ווי אויך צו מאַכן אַבאַנענטן פאַרן „דעילי וואָירקער".

זי איז אויך געווען טעטיק אין די גרויסע סטרייקס אין פּאַסעיק אין 1926־1927, דערנאָך אין גאַסטאָניע און אין אַנדערע געגנטן.

זייענדיק אין די דאַקאָטאַס אין די אינטערעסן פון די וואָלן פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַראינטערעסירט זי זיך מיט די פּראָבלעמען פון די פאַרמערס. זי אָרגאַניזירט אַ פאַראייניקטע „פּאַרמער ליג" און ווערט אויסגעקליבן אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרמער ליג אין די דאַקאָטאַס, אײַאָוואַ, נעבראַסקאַ און מאָנטאַנאַ. זי איז דעמאָלט שוין 70 יאָר אַלט, אָבער זי פירט־אָן ענערגיש איר אַרבעט. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די „אַמעריקאַן ליג" קעגן מלחמה און פאַשיזם, ברענגט זי צו דער ערשטער קאָנווענשאָן אין ניו־יאָרק אַ גרויסע פאַרמער־דעלעגאַציע פון דער וועסט.

מוטער בלור האָט געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון טאָם מוני, דעבס, סאַקאָ און וואַנזעטי און אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטירטע. ערב דער הינריכ־טונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי איז זי געקומען קיין באָסטאָן און צוזאַמען מיט טויזנטער אַרבעטער דעמאָנסטרירט פאַרן „סטעיט הויז", פאָדערנדיק די באַפרייאונג פון די צוויי מאַרטירער. אַ פּאָר שעה פאַר דער הינריכטונג אַד־רעסירט זי נאָך דורכן פענצטער פון אַ קלוב אַ גרויסע מאַסע, וועלכע איז געשטאַנען אין גאַס און זיך צוגעהערט צו איר רעדע. אָבער די פּאָליציי שלעפּט זי אַרויס פון קלוב און אַרעסטירט זי.

זי האָט עטלעכע מאָל באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און איז צוריקגע־קומען אַ באַגייסטערטע.

איר 75טער געבוירנטאָג איז געפייערט געוואָרן דעם 18טן יולי 1937 אין אַ פּאַרק אין סטעטן איילאַנד, ניו־יאָרק, ניט ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו די באַרימטע קעמפערין איז געבוירן געוואָרן. טויזנטער זיינען געקומען צו באַגריסן און אויסדריקן זייער באַגייסטערונג פאַר דער מיליטאַנטער פירערין. באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון פּראָמינענטע פערזענלעכקייטן פון אַמע־ריקע, איינשליסנדיק אַ פּאָר סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט, באַרימטע שרייבער און קינסטלער.

מוטער בלור איז געווען טעטיק כמעט ביזן סוף פון אירע 89 יאָר. תמיד פריילעך, פול מיט האָפענונג אין דער פאַרווירקלעכונג פון אירע אידייען.

זי איז געשטאָרבן דעם 10טן אויגוסט 1951, און איז, לויט איר וואונטש אין איר צוואה, באַערדיקט געוואָרן אין סטעטן איילאַנד, נאָענט צום קבר פון גרויסן אַמעריקאַנער דיכטער וואָלט וויטמאַן.

דער מאָרד איבער מאָריס לאַנגער

מאָריס לאַנגער וועט פאַראייביקט ווערן, ווי אַ סימבאָל פון מסירת־נפשדיקן קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט, אַ מוסטער פון אַן אמתן, ערלעכן יוניאָן־פירער. זיין אָנדענק וועט זיין אַן אייביקע אָנקלאַגע קעגן די באַלעבאַטים און זייערע משרתים אין די רעאַקציאָנערע יוניאָנס, קעגן די גוואַלד־מעטאָדן, וואָס זיי נוצן צו דערשטיקן די שטימען פון אַרבעטער־פּראָטעסט.



אַ שוידערלעכער מאָרד איז אויסגעפּלאַנירט און דורכגעפירט געוואָרן.

אין דער נאַכט פונעם 22טן מערץ 1933 האָבן זיך מערדער אַריינגעגנבעט אין לאַנגערס וואוינונג, אין טשעטהעם, ניו־דזשוירזי, און אַריינגעלייגט אַ באָמבע אין מאָטאָר פונעם אויטאָמאָביל, אין וועלכן לאַנגער האָט געדאַרפט אינדערפרי אָפּפירן זיינע צוויי קינדער אין שול פונעם דערביייאיקן שטעטל.

אינדערפרי, ווען לאַנגער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל, האָט די באָמבע אויפגעריסן און אָנגעפילט לאַנגערס קערפּער מיט בליי. אים טויטלעך פאַרוואונדעט. דורך אַ צופאַל זיינען די קינדער געבליבן לעבן.

לאַנגער האָט זיך געמאַטערט עטלעכע טעג אין שרעקלעכע יסורים. דאָקטוירים האָבן אים אַמפּוטירט אַ פוס מיט דער האָפענונג צו ראַטעווען זיין לעבן, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. שבת ביינאַכט, דעם 26טן מערץ, איז ער געשטאָרבן.

ביזן לעצטן אָטעם־צוג האָט ער גערעדט וועגן זיין באַליבטער יוניאָן און וועגן דעם קאַמף פון די אַרבעטער. „זאָלן זיך די שונאים ניט פרייען, — האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי, — מיט איין פוס וועל איך אויך קאָנען אָנפירן דעם קאַמף פאַר דער יוניאָן קעגן די באַלעבאַטים און רעקעטירס“.

צענדליקער טויזנטער אַרבעטער פון ניו־יאָרק און ניו־דזשוירזי האָבן זיך באַטייליקט אין דער לוויה פונעם העלדישן קעמפער.

ביז איצט האָט נאָך די פּאָליציי ניט אויסגעפונען ווער עס זיינען געווען די באַנדיטן, וועלכע האָבן דערמאָרדעט דעם יונגן אַרבעטער־פירער

אין סאַמע בלי פון זיין לעבן, אָדער ווער ס'האָט געפּלאַנעוועט דעם קאַלט־בלוטיקן מאָרד. אָבער די אַרבעטער־מאַסן ווייסן ווער עס איז געווען פאַר־אינטערעסירט אָפּצוראַמען לאַנגערן פון וועג.

די פאַר (פוטער)־אינדוסטריע איז אין יענער צייט געווען באַהערשט דורך שווינדלער רעקעטירערס. די טרויעריק־באַרימטע לעפּקע־גוראַ באַנדע, צוזאַמען מיט די גרעסטע באַלעבאַטים און עטלעכע „סאָציאַליסטישע" פּי־רערס פון דער רעכטער יוניאָן האָבן געגרינדעט אַ מין „פאַר־אַסאָסיעישאָן", וועלכע האָט עקספּלואַטירט די אַרבעטער און די קלענערע באַלעבאַטים.

די „אַסאָסיעישאָן" האָט געדאַרפט צווינגען אַלע „באָסעס" צו ווערן מיט־גלידער און צאָלן „דיוס" אין דער „באָסעס־אַסאָסיעישאָן", און ניט דערלאָזן, אַז נייע שעפּער זאָלן געעפנט ווערן. זיי האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן די גאַנצע פאַר־אינדוסטריע. אָבער דאָ האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן.

די מערסטע ניו־יאָרקער פוטער־אַרבעטער האָבן געהערט צו אַ קעמפנ־דיקער ערלעכער יוניאָן, די „אינדאַסטריעל יוניאָן", אָנגעפירט פון אַזעלכע אומדערשראָקענע יוניאָן־פירער, ווי בען גאָלד, אירווינג פּאָטאַש, דזשעק שניידער, יוסף ווינאָגראַדסקי, מאָריס לאַנגער, סעם בוירט און אַנדערע. מיט זיי האָט מען ניט געקאָנט „טאָן קיין ביזנעס", ווי מיט די רעכטע יוניאָן־ביוראָקראַטן. האָבן די באַלעבאַטים באַשלאָסן אָפּצוראַמען פון וועג די פירער און פאַרניכטן די יוניאָן.

די לעפּקע־גוראַ גענג איז אין 1930 באַפאַלן מיט מעסערס אַ גרופּע פאַריער־סטרייקערס (אויף זיבעטער עוועניו), וועלכע זיינען געווען אָנגע־פירט פון אירווינג פּאָטאַש. די באַנדע האָט דורכגעפירט אַ בלוט־באָד אויף די סטרייקערס, און זיבן אַרבעטער, צווישן זיי פּאָטאַש, זיינען שווער פאַר־וואונדעט געוואָרן. פּאָטאַש איז געווען אַזוי צעשניטן, אַז ס'האָט געהאַלטן ביים אויפגעבן זיין לעבן.

פּאָטאַש איז געזונט געוואָרן און ווייטער אָנגעפירט מיט דער יוניאָן. אין 1932 האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פאַרצוזעצן אַ קאָנפערענץ מיט די באַלע־באַטים, ווען זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער יוניאָן־פירער זאָל פאַרהאַנדלען מיטן באַנדיט־פירער גוראַ.

ערשט אין 1936 איז די באַנדע ענדלעך פאַרמשפּט געוואָרן — אַדאַנק דעם אומדערשראָקענעם עדות־זאָגן פון אירווינג פּאָטאַש און סעם בוירט וועגן די „מעשים־טובים" פון דער באַנדע. די „ניו־יאָרק פּאָוסט" האָט דעמאָלט אין אַן עדיטאָריעל געלויבט די יוניאָן־פירער פאַר זייער העלדי־שער טעטיקייט. אָבער איידער עס איז געקומען צו דעם, זיינען געווען קרבנות און מאָריס לאַנגער איז געווען איינער פון זיי.

מאָריס לאַנגער איז געווען דער „מענעדזשער" פון דעם „רעביט־דרעסינג און דאַיינג דערפּאַרטמענט" (איינאַרבעטונג פון האָזן־פעלצלעך) פון דער „פאַריערס יוניאָן". ער איז געווען אַ פּיאָנער אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט איינגענומען „אָפּען־שאָפּ פעסטונגען" פאַר דער יוניאָן און געהאָלפן פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער. אַדאַנק אים האָבן די אַרבעטער געוואונען אַ לוין־העכערונג פון 25 ביז 40 פּראָצענט און אַ פאַרקירצונג אין די אַרבעט־שטונדן.

די „רעביט־דרעסינג"־געשעפטן זיינען דעמאָלט געווען קאָנטראָלירט דורך דער „באָסעס אַסאָסיעישאַן", וועלכע האָט געפאָדערט פון לאַנגערן, אַז ער זאָל אַרויסרופן אַ סטרייק אין אַ שאָפּ אין גלאָסטוערסוויל און אין אַנדערע שעפּער, וועלכע האָבן ניט געוואָלט געהערן צו דער „אַסאָסיעישאַן". און ווען לאַנגער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, האָט ער געקראָגן וואָרנונגען, אַז אויב זיין לעבן איז אים טייער, זאָל ער אויפגעבן זיין פּלאַן צו אָרגאַניזירן די פאַר־אַרבעטער אין די ניט־יוניאָן שעפּער.

אָבער ביי לאַנגערן זיינען די אינטערעסן פון די אַרבעטער געשטאַנען העכער, ווי זיין אייגן לעבן, און ער האָט זיין אַרבעט ניט אויפגעגעבן. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויך נאָכדעם, ווי אַגענטן פון די „באָסעס" האָבן דערמאָרדעט אַן איטאַליענישן יוניאָן־טוער, לאַבאַרדע, פאַר זיין טעטיקייט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער. אָבער באַלד נאָכדעם איז לאַנגער געפאַלן אַ קרבן...

מאָריס לאַנגער איז געווען אַקטיוו ניט נאָר אַלס געטרייער יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט אין ניו־דזשוירזי באַקעמפט די רעכטע „סאָציאַליסטישע" פירער אין אַרבעטער־רינג און געקעמפט פאַר פרייער רעדע אין פאַרשידענע שטעט, וואו ער איז ניט איין מאָל אַרעסטירט געוואָרן. ער איז געווען איינער פון די פירער פון דער באַוועגונג פאַר אַרבעטסלאָזע־פאַרזיכערונג אין ניו־דזשוירזי און איז, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער־טוער, אַרעסטירט געוואָרן אין 1930 אויף פאַלשע קלאָגן.

אַ חודש נאָך לאַנגערס דערמאָרדונג האָבן געדונגענע מערדער דורכגעפירט אַ פאַרברעכערישן איבערפאַל אויף דער „פאַר ווּאירקערס אינדאַסטריעל יוניאָן". באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן און מעסערס, האָבן זיי דערמאָרדעט אַ גוטן יוניאָן־טוער, הערי גאָטפריד, און פאַרוואונדעט 16 אַנדערע אַרבעטער.

די שונאים פון דער יוניאָן זוכן נאָך אַלץ מיטלען, ווי אַזוי צו צעברעכן די אָרגאַניזאַציע. דאָס פאַרשיקן אין טורמע דעם באַליבטן יוניאָן־פירער אוירווינג פּאָטאַש, און דער פּאַרזוך צו דעפּאָרטירן דזשעק שניידערן זיינען אַ טייל פון די מיטלען. אָבער די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פאָלגן נאָך די טראַדיציעס פון זייער דערמאָרדעטן פירער מאָריס לאַנגער, וועמענס נאָמען וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין זכרון פון די אַרבעטער־מאַסן.

וויליאַם ז. פאָסטער

(צו זיין 75סטן געבוירנטאָג)

אַ גרויסער אַמעריקאַנער פון היינטיקן דור, אַ געטרייער אַרבעטער־פירער און קעמפער פאַרן פאָלק איז וויליאַם ז. פאָסטער, וועמענס 75טער געבוירנטאָג עס ווערט געפייערט. ער איז באַרימט מיט זיין העלדישער פירערשאַפט פונעם גרויסן שטאָל־סטרייק אין אַמעריקע אין 1919 און מיט זיין אַנטייל אין פאַרשיידענע קאַמפן פאַר דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט אַלס וויכטיקער אָרגאַניזאַטאָר, לעקטאָר, שרייבער און פאַרפאַסער פון פיל ווערק איבער סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן. ווי אַ פירער און וואָרטזאָגער פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פאַרטיי, איז ער עטלעכע מאָל געווען קאַנדידאַט פאַר פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.



וויליאַם ז. פאָסטער איז געבוירן געוואָרן דעם 25טן פעברואַר 1881 אין שטעטל טאָונטאָן, מאַסאַטשוזעטס. זיין פאָטער, דזשעימס פאָסטער, אַן עמיגראַנט פון אירלאַנד, וואו ער איז געווען אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָט געפירט אַן אָרעם לעבן, אַרבעטנדיק אין אַ שטאָל ביים וואַשן קאַרעטן. וויליאַמס מוטער האָט געאַרבעט אין אַ טעקסטיל־פאַבריק. די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין פילאַדעלפיע, ווען וויליאַם איז אַלט געווען זעקס יאָר.

ביזן עלטער פון צען יאָר איז ער געגאַנגען אין שול און אין די פרייע שעה'ן פאַרקויפט צייטונגען אויף די גאַסן. דערנאָך האָט ער געמוזט זוכן אַרבעט צו העלפן דערנערן די פאַמיליע. דער פאָטער און עלטערער ברודער זיינען געווען אַרבעטסלאָז, האָט דער יונגער וויליאַם גענומען אַרבעטן ביי שטיין־שלייפעריי און פאַרדינט אַנדערהאַלבן דאָלאַר אַ וואָך. אויפן דריטן יאָר האָט ער זיך „אַרויפגעאַרבעט" צו 2 דאָלאַר אַ וואָך, און שפעטער, אַרבעטנדיק אין אַ אייזן־גיסעריי, האָט ער באַקומען דריי דאָלאַר אַ וואָך.

אַזוי האָט פאָסטער שוין אַלס יינגל זיך באַקענט מיט דער לאַגע פון די אַרבעטער און ער האָט גענומען זיך אינטערעסירן מיט די קאַמפן פון אַר־

בעטער קעגן עקספּלואַטאַציע. ער האָט געהערט וועגן דער שיקאַגער היי־מאַרקעט־טראַגעדיע, וועגן די דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטסלאָזע אין קאָקסעיס אַרמיי, וועגן פּולמאַן־סטרייק, געפירט פון דעבס, און אַנדערע קאַמפן, און דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף אים.

די ערשטע ערנסטע לעקציע אין קלאַסן־קאַמף האָט ער געלערנט אין עלטער פון 14 יאָר, ווען אין 1895 האָט אין פילאַדעלפיע אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון די טראַמוואַי־אַרבעטער קעגן אַ שניט אין שכירות. די טראַמוואַי־געזעלשאַפט האָט זיך באַנוצט מיט פּראָפעסיאָנעלע סטרייק־ברעכערס און פּאָליציי־ברוטאַליטעט צו צעברעכן דעם סטרייק. די סטרייקערס האָבן זיך געהאַלטן מוטיק. דער יונגער פאָסטער האָט זיך באַטייליקט אין דער פּיקעט־ליין און דעמאָנסטראַציעס פון די סטרייקערס, און שוין דעמאָלט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פּאָליצייאישן שטעקן.

„דאָס איז געווען מיין ערשטע דערפאַרונג אין קלאַסן־קאַמף — שרייבט פאָסטער אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך „פון בראַיען ביז סטאַלין" — איך בין געוואָרן אַ טרעיד־יוניאָניסט, ווייניקסטנס אין טעאָריע, ווייל צו קיין אָרגאַניזאַציע האָב איך דאַן ניט געהאַט די געלעגנהייט צו געהערן. איך האָב געלערנט די עלעמענטאַרע לעקציע, אַז דער אינדיווידועלער אַרבעטער איז הילפלאָז קעגן זיין אַרבעטס־געבער, און נאָר דורך פאַראייניקן זיך מיט אַנדערע אַרבעטער קאָן ער אויסאיבן אַן איינפלוס אין פּרט פון שכירות".

אויך מיט פּאָליטיק האָט זיך פאָסטער גענומען אינטערעסירן, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל פון קוים 15 יאָר. עס איז דאַן געווען די באַוועגונג פון וויליאַם דזשענינגס בראַיען, דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט פאַר פּרעזי־דענט, וועלכער האָט געהאַט אַ פּלאַטפאָרמע פון געוויסע רעפאָרמען אין קאַמף קעגן די גרויסע טראַסטן. האָט פאָסטער מיט באַגייסטערונג נאָכגע־פאָלגט די בראַיען־קאַמפּעין־דעמאָנסטראַציעס.

אונטערגעוואַקסן, איז פאָסטער געווען אַ וואַלד־אַרבעטער, אַ באַן־אַר־בעטער, אַ טראַמוואַי־אַרבעטער. ער האָט אַ סך געלייענט, אָבער צום סאָ־ציאַליזם איז ער געקומען ערשט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל, אין 1900, געהערט אין פילאַדעלפיע אַ גאַסן־רעדנער פון דער סאָציאַליסטישער אַר־בעטער־פּאַרטיי:

„איך האָב זיך צוגעהערט מיט אינטערעס, — דערציילט פאָסטער. — איך האָב געפילט, אַז איך שטים מיט אים איין. זיינע אַרגומענטן און זיין אַנאַליזירן זאַכן האָבן געגעבן אַ זין צו מיינע דערפאַרונגען אין קלאַסן־קאַמף... איך בין אַוועק פונעם מיטינג פול מיט באַגייסטערונג. איך האָב געלייענט די פּאַמפלעטן, וואָס איך האָב דערנאָך געקויפט. פון יענער צייט אָן האָב איך זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן אַלס סאָציאַליסט. דער דאָזיקער גאַסן־מיטינג

האָטווירקלעך פאַרצייכנט אַ גרויסע ענדערונג אין מיין לעבן״.

אין 1901 איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וואו יודזשין דעבס, הילקוויט און בערגער זיינען געווען די פירער.

דאָס אַרבעטן קליינערהייט ביי שווערע מלאכות האָט געווירקט שלעכט אויף זיין געזונט. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ער ליידט פון שווינדזוכט און אַז ער טאָר ניט אַרבעטן אין פאַבריקן. ער איז אַוועק קיין גאַלוועסטאָן, טעקסאַס, וואו ער האָט אין אַ קעמפּ געאַרבעט אַלס געהילף צום קוכער. פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן. ווי אַ וואַנדערנדיקער אַר־בעטער האָט ער זעקס מאָל אַריבערגעשפּרייזט אַמעריקע הין־און־צוריק, אַרויפכאַפּנדיק זיך אויף פראַכט־באַנען, פּאַסאַזשיר־באַנען, אינגעווייניק און אויף די דעכער פון די וואַגאָנען. געהונגערט, אָפט שיעור ניט פאַרפראָרן געוואָרן און ניט זעלטן אַרעסטירט געוואָרן. עטלעכע יאָר האָט ער געאַרבעט אַלס מאַטראָז אויף שיפן אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן און צוגעזען די שרעק־לעכע עקספּלואַטאַציע פון די שיף־אַרבעטער. ער האָט עס שפּעטער באַ־שריבן אין זיין בוך „בלעטער פון אַן אַרבעטערס לעבן״.

אין ספּאָקעין, וואַשינגטאָן, איז סוף 1909 אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פון דער „אַי דאַבליו דאַבליו״ פאַר פרייער רעדע. פאָסטער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם קאַמף. אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט אין טורמע אויף 2 חדשים, האָט ער, זיצנדיק אין טורמע, זיך אָנגעשלאָסן אַלס מיטגליד אין דער „אַי דאַבליו דאַבליו״.

פאָסטער האָט שפּעטער געמאַכט אַ רייזע איבער אייראָפּע, וואו ער האָט שטודירט די אָרטיקע אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט באַזוכט פראַנקרייך, שפּאַ־ניע, דייטשלאַנד און איטאַליע; געהאַט געשפּרעכן מיט די פירער פון דער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג; געווען אָנוועזנד אויף אַ צוזאַ־מענפאָר פונעם אינטערנאַציאָנאַלן טרעיד־יוניאָן סעקרעטאַריאַט אין בודאַ־פּעסט, אין אויגוסט, 1911.

צוריקגעקומען פון אייראָפּע, האָט פאָסטער ביי אַ קאָנווענשאָן פון דער „אַי דאַבליו דאַבליו״ אין שיקאַגאָ, אין סעפּטעמבער, 1911, פאָרגעשלאָגן, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל אויפגעבן איר פאַרזוך צו שאַפן אַ „נייע״ אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אויפקלערונג־ליגע, אַריינגיין אין דער אָרגאַניזירטער־באַוועגונג, אָרגאַניזירן קאַמפּס־גרופּן אין די אַלטע יוניאָנס, און אויף אַזאַ אופן פאַרשטאַרקן די דאָזיקע יוניאָנס.

די „אַי דאַבליו דאַבליו״ האָט ניט אָנגענומען זיין פאָרשלאָג. ניט צו־פרידן אויך מיט דער אַנטי־פּאָליטישער שטעלונג פון דער „אַי דאַבליו דאַבליו״, האָט פאָסטער אין 1912, אַרבעטנדיק דעמאָלט אויף אַ באַן, זיך אָנ־געשלאָסן אין דער „בראָדערהוד רעילוועי־קאַרמען יוניאָן״ פון דער אַ. פ.

און ל.. און ווערט נאך אין זעלבן יאר דערוויילט אלס „ארגאנאיזער״ פו־נעם שיקאגער דיסטריקט קאונסיל פון דער יוניאן.

פאסטער האט געהאט א געלעגנהייט צוזעזן די שווידערלעכע ארבעטס־באדינגונגען פון די פלייש־ארבעטער אין די שיקאגער שלאכט־הייזער, וועלכע די א. פ. און ל. האט פארנאכלעסיקט צו ארגאניזירן. צוזאמען מיטן מילי־טאנטן ארבעטער־פירער דזשעק דזשאנסטאן, האט זיך פאסטער גענומען צו ארגאניזירן די צווי הונדערט טויזנט פלייש־ארבעטער אין לאנד, און ארויס־געשטעלט פאדערונגען צו פארבעסערן זייערע ארבעטס־באדינגונגען און העכערן זייערע שכירות.

די פלייש־קאמפאני האט געזוכט צו פארשפרייטן ראסן־האס צווישן די ווייסע און נעגערישע ארבעטער. אבער פאסטערן איז געלונגען צו באקעמפן די ראסן־העצע און פאראייניקן די ארבעטער, וועלכע האבן מאסנווייז זיך אנגעשלאסן אין דער יוניאן אונטער דער פירערשאפט פון דזשאן פיטצפעטריק פון דער שיקאגער פעדערעישאן או לעיבאר אלס פארזיצער, און וויליאם ז. פאסטער אלס סעקרעטאר.

די דורכגעפירטע אפשטימונג פאר א נאציאנאלן סטרייק איז געווען הונדערט פראצענט. אונטערן דרוק פון דער א. פ. און ל.־פירערשאפט און דער רעגירונג איז דער סכסוך איבערגעגעבן געווארן צו דער פעדעראלער פארמיטלונגס־קאמיסיע, וועלכע האט דורכגעפירט פארהערן וועגן דער לאגע פון די ארבעטער. אויף די פארהערן האט פאסטער אויף א דראמאטישן אופן ארויסגעבראכט, ווי די ארבעטער ווערן עקספלואטירט דורך די באלעבאטים.

די פעדעראלע קאמיסיע, און שפעטער דער אדמיניסטראטאר פון דער פלייש־אינדוסטריע, ריכטער אלטשולער, זיינען געצוואונגען געווען ארויס־צוגעבן אנטשיידונגען, וואס זיינען געווען א גרויסער זיג פאר די ארבעטער: 85 פראצענט פון די יוניאן־פאדערונגען זיינען נאכגעגעבן געווארן.

באלד נאכן גרויסן זיג פון די פלייש־ארבעטער, האט זיך פאסטער גע־נומען ארגאניזירן די שטאל־ארבעטער, וועלכע האבן געארבעט אונטער אומ־דערטרעגלעכע באדינגונגען. אין אפריל, 1917, האט ער פארגעבראכט א רעזאלוציע אין דער שיקאגער פעדערעישאן או לעיבאר צו רופן א נאציא־נאלע קאנפערענץ וועגן דער לאגע פון די שטאל־ארבעטער. אזא קאנפערענץ איז גערופן געווארן, און מ׳האט אנגענומען פאסטערס פארשלאג אנצוהויבן אן ארגאניזיר־אקציע צווישן די שטאל־ארבעטער. צו דעם צוועק איז צו־זאמענגעשטעלט געווארן א קאמיטעט מיט פארשטייער פון 24 יוניאנס. סע־מועל גאמפערס, פרעזידענט פון דער א. פ. און ל., איז געווארן פארזיצער, און וויליאם ז. פאסטער — סעקרעטאר־קאסירער פון דעם קאמיטעט.

נאך א רעפערענדום זיינען דעם 22טן סעפטעמבער 1918, ארום 365

טויזנט אַרבעטער אין פופציק שטעט אַרויס אין סטרייק.

דער שטאָל־טראַסט האָט מיט דער הילף פון דער פּאָליציי, שפּיאָנען און „גענגסטערס" איינגעפירט אַ טעראָר אין די סטרייק־געגנטן. די סטרייקערס האָבן ניט געקענט אָפּהאַלטן קיין מיטינגען; פּיקעטינג האָט מען פאַרבאָטן. סטרייקערס זיינען באַפאַלן געוואָרן אין זייערע היימען. אין העמאָנד, אינדיאַנאַ, האָבן געדונגענע גענגסטערס דערמאָרדעט פינף סטרייקערס און פאַרוואונדעט צענדליקער אַנדערע. די פּרעסע און באַסישע אַגענטורן האָבן געהעצט קעגן דעם סטרייק און קעגן דעם פירער פאָסטער.

ראַבאַי סטיפען וואַיז איז געקומען רעדן אויף אַ מיטינג פאַר פרייער רעדע אין דעם שטעטל דוקווענס, פּענסילווייניע, האָט דער דאָרטיקער מעיאָר דערקלערט, אַז ווען אפילו יעזוס אַליין זאָל קומען רעדן פאַר דער א. פ. און ל., וועט ער אים ניט לאָזן.

אויך די פירער פון דער א. פ. און ל., צוזאַמען מיט גאָמפּערס, האָבן סאַבאָטאַזשירט דעם סטרייק. און אין אייניקע פאַלן פּשוט געצוואונגען אַר־בעטער צו זיין סטרייק־ברעכער.

די סטרייקערס האָבן געליטן הונגער, טעראָר, פאַרפאָלגונגען. 20 אַר־בעטער האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס; אַ צאָל זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

די יידישע נאָדל־אַרבעטער האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן מיט זייער שטיצע. די אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן האָט גע־שטיצט מיט 60 טויזנט דאָלאַר. אָבער נאָך דריי מיט אַ האַלב חדשים איז דער העראָאישער סטרייק אויפגעגעבן געוואָרן. נאָר ער איז פאַרבליבן אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אַלס אַ העלדישער קאַמף פון אַרבעטער קעגן דעם מעכטיקן שטאָל־טראַסט פאַר דעם רעכט צו אָרגאַניזירן זיך. ער האָט געדינט, ווי אַ לעקציע פאַר אַרבעטער אין שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די סי־איַ־אָ האָט אָרגאַניזירט די שטאָל־אַרבעטער.

פאָסטערס ראָל אין דעם סטרייק איז אָנערקענט געוואָרן דורך די פּראָגרעסיווע אַרבעטער אין אַמעריקע. עליזאַבעט גורלי פלין גיט־איבער אין איר ביכל וועגן פאָסטערן, אַז אויך פיליפּ מאַרעי, פּרעזידענט פון דער „יונאַיטעד סטיל וואָירקערס יוניאָן" און פון דעם סי־איַ־אָ, האָט הויך גע־שאַצט פאָסטערס פּיאָנערן־אַרבעט צווישן די שטאָל־אַרבעטער.

דער פאַרלאָרענער שטאָל־סטרייק האָט ניט פאַרמינערט פאָסטערס גלויבן אין די מעגלעכקייטן צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער און אין דער ריכטיקייט פון אינדוסטריעלן יוניאָניזם. אין 1920, אין די צייטן פון די פּאַלמער־איי־בערפאַלן אויף ראַדיקאַלע אַרבעטער, האָט זיך פאָסטער אומגעקערט קיין שיקאַגע און האָט צוזאַמען מיט דזשעק דזשאַנסטאָן, דזשאָו מענלי און אַנ־דערע, געגרינדעט „די טרעיד יוניאָן עדיוקעישאָנאַל ליג" — אַן אָרגאַניזאַ־

ציע פון פראגרעסיווע עלעמענטן אין די עקזיסטירנדיקע יוניאנס, מיטן ציל ארויסצופירן די יוניאנס פון זייער אלטמאדישן און פארגליווערטן צושטאנד און פארוואנדלען זיי אין מעכטיקע מאדערנע ארבעטער־ארגאניזאציעס.

די ליג, אונטער פאסטערס פירערשאפט, האט געשטרעבט צו פאראייניקן די באזונדערע פאך־יוניאנס אין איין גרויסער קערפערשאפט, געבויט אויף דער גאנצער אינדוסטריע.

שפעטער האט די עדיוקעישאנאל ליג געענדערט איר נאמען אויף „טרעיד יוניאן יוניטי ליג" מיט א ברייטער פראגראם פון ארגאניזירן די ניט־ארגאניזירטע ארבעטער. די ליג האט אויך דורכגעפירט זיגרייכע סטרייקס אין פארשידענע פאכן.

די גרויסע דערציאונגס־ארבעט, די אומדערמידלעכע טעטיקייט און אפּערוויליקייט פון פאסטערן און זיינע אנהענגער, האבן געלייגט דעם פונדאמענט פאר דער שפעטערדיקער דערפאלגרייכער יוניאן־ארגאניזאציע — „קאנגרעס אוו אינדאסטריעל ארגאניזעישאן" (סי־אי־א), אין וועמענס פירערשאפט עס האבן זיך געפונען א סך דערפארענע יוניאניסטן, וועלכע האבן געקראגן זייער דערציאונג אין די יוניאן־ארגאניזאציעס, אנגעפירט דורך פאסטערן.

די יוניאן־ביוראקראטן פון די פארשיידענע טרעיד־יוניאנס האבן זיך באנוצט מיט אויסשליסונגען און מיט גענגסטערס צו טעראריזירן די לינקע מיליטאנטע מיטגלידער.

אין 1921 האט פאסטער זיך אנגעשלאסן אין דער קאמוניסטישער פארטיי. מיט א יאר שפעטער (1922) איז אפגעהאלטן געווארן א קאנווענשאן פון דער פארטיי לעבן ברידזשמאן, מישיגען. פאליציי איז באפאלן די קאנווענשאן און ארעסטירט 40 פערזאן אויף דער קלאגע פון פארלעצן דעם מישיגען „קרימינאל סינדיקאליסט־געזעץ", צווישן זיי אויך פאסטערן. אין זעלבן יאר איז פאסטער געווען א קרבן פון פאליציי־אטאקעס און גענגסטערס, בעת ער איז געפארן אויף א טור פאר דער „טרעיד־יוניאן עדיוקעישאנאל ליג". מען האט אים געקידנעפּט און אוועקגעשלעפט צו א שטעטל אין נעבראסקא. אבער פאסטער האט זיך צוריקגעקערט קיין דענווער און דארט אפגעהאלטן א מיטינג. אין 1923 איז, אויף א מיטינג אין שיקאגא קעגן אויסשליסן עלף מיליטאנטע מיטגלידער פון דער „אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט וואירקערס יוניאן", א גענגסטער פלוצים אריין אין זאל און אפגעפייערט דריי קוילן אויף פאסטערן. גליקלעכערווייז האבן זיי געטראפן אין סטעליע און פאסטער איז ארויס אומבאשעדיקט.

אין 1930, אין צייט פון גרויסן עקאנאמישן קריזיס אין אמעריקע, איז פאסטער געווען איינער פון די קעמפער פאר די אינטערעסן פון די ארבעטס־

לאַזע. אַ דעמאָנסטראַציע פון הונדערט טויזנט אַרבעטסלאָזע איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן דעם 6טן מערץ 1930 אויף יוניאָן־סקווער, צו פאָדערן אַרבעט און הילף פאַר אַרבעטסלאָזע. פאָסטער, איזראעל אַמטער, ראָבערט מאַינער און הערי רעימאָנד, וועלכע האָבן געפירט די דעמאָנסטראַציע צום „סיטי האָל", זיינען אַרעסטירט און פאַרשפאַרט געוואָרן אויף זעקס חדשים טורמע אויף וועלפעיר אינדזל אין ניו־יאָרק.

די פאַרפאָלגונגען און דער טורמע האָבן ניט אָפּגעשוואַכט פאָסטערס גייסט. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין געזונט. אין 1932 האָט ער געקראַגן אַ האַרץ־אַטאַקע און האָט דריי יאָר צייט זיך ניט געקאָנט באַ־טייליקן אין דער אַרבעט. אָבער ער האָט דעמאָלט פלייסיק געשריבן ביכער און פאַמפלעטן.

וו. ז. פאָסטער איז געווען קאַנדידאַט פאַר גאָווערנאָר פון ניו־יאָרק אויפן קאָמוניסטישן וואַל־צעטל אין 1930, און עטלעכע מאָל קאַנדידאַט פאַר פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט דורכגעפירט רייזעס איבערן לאַנד, רעדנדיק צו טויזנטער אַרבעטער, און איז אויך געווען עטלעכע מאָל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ער איז דער מחבר פון אַ צאָל וויכטיקע ווערק, ווי „דער אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָניזם"; „דער גרויסער שטאָל־סטרייק"; „בלעטלעך פון אַן אַר־בעטערס לעבן"; „פון בראַיען ביז סטאַלין"; „די נייע אייראָפּע"; „גע־שיכטע פון דריי אינטערנאַציאָנאַלן"; „געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן"; „דאָס נעגער־פאָלק אין דער אַמע־ריקאַנער געשיכטע", א. אַנד.

אַן איבערגעגעבענער קעמפער קעגן מלחמה און פאַשיזם, איז ער אין יולי, 1948, צוזאַמען מיט אַנדערע פירער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, אַרעסטירט געוואָרן אויף דער קלאַגע פון פאַרלעצן דעם סמיט געדאַנקען־קאָנטראָל־געזעץ. ער איז אָבער ניט געמשפּט געוואָרן, ווייל דאָקטוירים האָבן באַשטעטיקט, אַז זיין געזונט־צושטאַנד קאָן ניט אויסהאַלטן די אָנ־שטרענגונג פונעם געריכט־פּראָצעס.

צווישן די יידישע מאַסן איז פאָסטער באַקאַנט מיט זיינע רעדעס אויף פאַרזאַמלונגען אין די קאַמפּן פון די נאָדל־אַרבעטער, אויף מיטינגען קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם. ער איז אין 1930 געווען איינער פון די הויפּט־באַגריסער אויף דער פייערונג פונעם 75טן געבוירנטאָג פון מאָריס ווינטשעווסקי.

פאָסטער האָט אויך גרויסע פאַרדינסטן אין קאַמף פאַר דער פאַרטיי־דיקונג פון פאָליטישע פאַרפאָלגטע, פון פרעמד־געבוירענע, פון די רעכט פונעם נעגער־פאָלק. ער איז געווען אַ פירער אין דער „סיוויל ליבערטיס

יוניאָן", „אינטערנעשאַנאַל לעיבאָר דעפענס" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון בירגערלעכע רעכט, און דער עיקר פון די אַר־בעטער. אין זיין בוך „דער בין־השמשות פון וועלט־קאַפּיטאַליזם" שרייבט ער: „זינט מיין פריסטער יוגנט האָב איך תמיד געפילט אַ גרויסן שטאָלץ, וואָס איך בין אַן אַרבעטער. עס איז פאַר מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן צו אידענטיפיצירן זיך אַזוי נאָענט מיט די קאַמפן פונעם אַרבעטער־קלאַס".

פאָסטער גיט גרויס אָנערקענונג זיין פרוי אסתר אַבראַמאָוויטש, אַ גע־בוירענע פון קאָוונע, וועלכע איז געקומען קיין אַמעריקע אין אירע יונגע יאָרן און האָט דאָ אויך פאַרזוכט דעם טעם פון סוועט־שאַפּ. זי האָט גע־הייראַט מיט פאָסטערן אין 1912. „זי איז געווען מיין שטענדיקע חברטע און אַ פעסטונג פון קראַפט פאַר מיר און אַלע מיינע אַרבעטער־טעטיקייטן די אַלע יאָרן", שרייבט פאָסטער אין זיין בוך „פון בראַיען ביז סטאַלין".

צו זיין 75טן געבוירנטאָג אין פעברואַר, 1956, איז פאָסטער געערט גע־וואָרן דורך צענדליקער טויזנטער אַמעריקאַנער, וועלכע געדענקען זיינע גרויסע פאַרדינסטן אין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון פאָלק.

עליזאַבעט גוירלי פלין —
אַ לעבעדיקע לעגענדע

דער נאָמען עליזאַבעט גוירלי פלין איז געוואָרן אַ לעגענדע צווישן די אַמעריקאַנער פאָלקס־מאַסן. זי האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין די גרעסטע אַרבעטער־קאַמפן פון אַמעריקע אין משך פון לעצטן האַלבן יאָר־הונדערט. זי, מיט אַ צאָל אַנדערע קאָמוניסטישע פירער און שלום־קעמפער, זיינען פאַראורטיילט געוואָרן אונטער דעם סמית־אַקט, וואָס האָט איינגעפירט געדאַנקען־קאָנטראָל ביי אונדז אין לאַנד.

עס איז ניט דאָס איינציקע מאָל וואָס זי האָט פאַרזוכט דעם טעם פון טורמע. זי איז אַ סך מאָל אַרעסטירט געוואָרן און איז געזעסן אין פאַרשיידענע טורמעס פון לאַנד אין פאַרבינדונג מיט אירע קאַמפן צו העלפן סטרייקערס, צו אָרגאַניזירן אַרבעטער אין קאַמף פאַר פרייער רעדע און אַנדערע דעמאָקראַטישע רעכט.

עליזאַבעט גוירלי פלין שטאַמט פון אַן אירלענדישער רעוואָלוציאָנערער פאַמיליע. איר עלטער־זיידע פון דער מוטערס צד איז געפאַלן אין קאַמף קעגן די בריטישע אונטערדריקער. איר זיידע פון פאָטערס צד איז געקומען קיין אַמעריקע נאָכדעם, ווי די בריטישע רעגירונג האָט באַשטימט אַ פרייז פאַר זיין קאָפּ. איר פאָטער, טאָמאַס פלין, אַ שטיין־האַקער, איז געווען טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און אין אַנדערע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין קאָנקאָרד, ניו־העמפשיר, וואו עליזאַבעט איז געבוירן געוואָרן.

איר קעגנערשאַפט צו קאַפּיטאַליסטישע מלחמות האָט עליזאַבעט געירשנט פון איר פאָטער, וועלכער איז געווען אין 1898 אַ שטאַרקער קעגנער

פון אַמעריקעס מלחמה מיט שפּאַניע. זי האָט זיך אָנגעזען מיט אָרעמקייט סיי ביי זיך אין דער היים און סיי ביי די שכנים, די טעקסטיל־אַרבעטער אין ניו־העמפּשיר. שפּעטער האָבן זיך אירע עלטערן אַריבערגעצויגן קיין ניו־יאָרק.

ווען עליזאַבעט איז אַלט געווען 12 יאָר, האָט זי זיך שוין אינטערעסירט מיט די אַרבעטער־פּראָבלעמען אין לאַנד און האָט געוואונען אַ מעדאַל אין אַ דעבאַטע איבער דער פראַגע, צי די קוילן־מינען זאָלן געהערן צו דער רע־גירונג. דאָס איז געווען אין 1902, אין דער צייט פון גרויסן קוילן־סטרייק אין אַמעריקע.

צו 15 יאָר איז זי שוין געווען אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרין, האָט גע־האַלטן רעדעס אויף גאַסן־מיטינגען, און איז אַרעסטירט געוואָרן „פאַר שטערן דעם גאַסן־פאַרקער" אויף דער 38טער גאַס און בראָדוועי, וואו אַ גרויסער עולם האָט זיך צוגעהערט צו אירער אַ סאָציאַליסטישער רעדע.

אין 1906, ווען זי איז אַלט געווען זעכצן יאָר, האָט זי זיך שוין אָנגע־שלאָסן אָן דער מיליטאַנטער יוניאָן־אָרגאַניזאַציע „דהי אינדאָסטריעל וואָיר־קערס אָוו דהי וואָירלד" („אײַ־דאַבליו־דאַבליו"), וואו זי איז איבער צען יאָר געווען איינע פון די אָנפירער פון דעם גרויסן טעקסטיל־סטרייק. אירע סטרייקס פון דער דאָזיקער יוניאָן.

דער שרייבער פון די שורות האָט זיך פערזענלעך געטראָפן מיט דער באַרימטער קעמפערין אין 1912 אין לאָרענס, מאַסאַטשוזעטס, וואו זי איז געווען איינער פון די אָנפירער פון דעם גרויסן טעקסטיל־סטרייק. אירע פלאַמיקע רעדעס האָבן געצונדן די הערצער פון די טויזנטער אַרבעטער און זיי באַגייסטערט פאַר דעם סטרייק.

די שרייבערין מערי היטאָן וואָרס האָט דעמאָלט כאַראַקטעריזירט די יונגע קעמפערין מיט די ווערטער:

„ווען עליזאַבעט גורלי פלין האָט גערעדט, האָט מען ממש גע־קאָנט שפּירן די אויפרודערונג פון די סטרייקערס. זי איז דאָרט גע־שטאַנען — אַ יוגנטלעכע מיט אירלענדישע בלויע אויגן. איר פּנים ווי אַ שיינע בלום, מיט אַ שיינעם קאָפּ שוואַרצע האָר, — אַן עכט בילד פון אַ יוגנטלעכער רעוואָלוציאָנערער פירערין. זי האָט די סטרייקערס אויפגעשטורעמט מיט איר רוף צו סאָלידאַריטעט".

עליזאַבעט פלין האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן אַרבעטער פון אַנדערע שטעט, און אין 1913 איז זי ווידער געווען איינע פון די אָנפירער פון אַ גרויסן טעקסטיל־סטרייק אין פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי.

די מיליטאַנטע יוניאָן פון „אײַ־דאַבליו־דאַבליו" איז שטאַרק פאַרפאָלגט

געוואָרן פון דער רעגירונג איבערן גאַנצן לאַנד. עליזאַבעט איז אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקע, זיך אָנגענומען די קריוודעס פון די פאַרפאָלגטע, געקעמפט מיט זיי צוזאַמען פאַר פרייער רעדע און פאַר דעם רעכט פון די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך. זי איז אַ סך מאָל צוליב דעם אַרעסטירט געוואָרן. מ׳האָט זי ניט געשאַנעוועט אַפילו אין דער צייט פון איר שוואַנגערשאַפט מיט איר זון פרעד.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זי געווען אַקטיוו אין פאַרטיידיקן די מלחמה־קעגנער, וועלכע האָבן געליטן פון פאַרפאָלגונגען און אַרעסטן.

עליזאַבעט פלין איז גוט באַקאַנט צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן מיט איר טיכטיקן אָנטייל אין די קאַמפן פון די נאָדל־אַרבעטער און מיט אירע אָפטע אַרויסטרעטונגען אויף מיטינגען אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציעס.

אין צייט פון דער מלחמה האָט זי אָנגעשריבן אַ ליד, געווידמעט אַ יידישן סאָלדאַט, וואָס קעמפט אין שלאַכט קעגן די נאַציס.

זי איז געווען איינע פון די גרינדער פון דער „סיוויל ליבערטיס יו־ניאָן", וואו זי איז געווען טעטיק איבער צוואַנציק יאָר, ביז זי איז אויסגע־שלאָסן געוואָרן אין 1940 פאַר זיין אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דאָס איז אַדאַנק דער „רויטער היסטעריע" און דער מלחמה־שטי־מונג, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד. די „רעד בעיטערס" הויפּט־אַרגומענט איז געווען, אַז די אָרגאַניזאַציע וועט פאַרלירן געלט־שטיצע פון סימפּאַטי־קער צוליב דעם, וואָס אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי איז צווישן די דירעקטאָרן. זיי האָבן אויך געסטראַשעט, אַז זיי וועלן רעזיגנירן, אויב זי וועט פאַרבלייבן. און אַזוי איז מיט אַן אָפּשטימונג פון 9 קעגן 9 (און דער פאָרזיצער איז צוגעשטאַנען צו די „רעד בעיטערס") עליזאַבעט פלין אויס־געשלאָסן געוואָרן פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס זי האָט געהאָלפן גרינדן.

קיינער האָט אָבער ניט געוואַגט צורעדן קעגן איר איבערגעגעבנקייט צום קאַמף פאַר ציווילע רעכט אין דער אָרגאַניזאַציע.

לוסיל מילנער, געוועזענע עקזעקוטיוו־סעקרעטאַרין פון דער „אַמערי־קאַן סיוויל ליבערטיס יוניאָן", האָט געווידמעט עליזאַבעט פלין אַ גאַנץ קאַפּיטל אין איר בוך „דהי עדיוקעישאַן אָוו אַמעריקאַן ליבעראַל" („די אויסבילדונג פון אַן אַמעריקאַנעם ליבעראַל"), וואו זי שרייבט:

„איין זאַך איז זיכער — עליזאַבעט פלין האָט געוואונען די אַכטונג פון אַלע, וואָס האָבן מיט איר געאַרבעט. אין די יאָרן, ווען איך בין געווען מיט איר אין דער „אַמעריקאַן סיוויל ליבערטיס יוניאָן", האָט זי געטאָן מער, ווי איר חלק אין אונדזער אַרבעט. זי איז געווען אַלעמאָל אינמיטן פון יעדן

,סיוויל ליבערטיס׳־קאמף, וואס מיר האבן אנגעפירט... זייער וויכטיק פון דער ,סיוויל ליבערטיס׳־באארד קענען פארגלייכן זייער רעקארד מיט אירן אין פרט פון געטריישאפט צו דער ,סיוויל ליבערטיס׳־יוניאן און דעם ציל, וואס מיר האבן פארטראטן״.

מיס פלין האט אבער דעם קאמף צו פארטיידיקן די פארפאלגטע צוליב זייערע פאליטישע מיינונגען פארגעזעצט אין אנדערע ארגאניזאציעס. זי איז אין די פריערדיקע יארן געווען אקטיוו אין פארטיידיקן דעם ארבעטער־דיכטער און רעוואלוציאנער דזשאו היל, וועלכער איז הינגעריכטעט געווארן אויף א מארד־בלבול אין 1915. היל האט געווידמעט א ליד צו איר מיטן נאמען „דהי רעבעל גוירל״ (דאס רעבעלירנדיקע מיידל). זי האט געקעמפט פאר דער באפרייאונג פון טאם מוני און בילינגס, יודזשין וו. דעבס, סאקא און וואנזעטי און א סך אנדערע קרבנות פון פארשווערונגען, וואס די רע־אקציע האט געמאכט קעגן אומשולדיקע מענטשן.

אין 1926 האט עליזאבעט באשלאסן אריינצוטרעטן אין דער קאמוניסטי־שער פארטיי. זי איז אבער באלד קראנק געווארן אויף א הארץ־אטאקע און צען יאר צייט ניט געקאנט זיך באטייליקן אין קיין שום טעטיקייט. אבער אין 1936 האט זי זיך אפיציעל אנגעשלאסן אין דער קאמוניסטישער פארטיי, וואו זי איז באלד געווארן אקטיוו און איינע פון די אנערקענטע פירער. שפע־טער איז זי געווארן א מיטגליד אין נאציאנאלן קאמיטעט פון דער פארטיי.

זי האט געשריבן א צאל פאמפלעטן און ארטיקלען אין „פאליטיקל אפעירס״ און אין „דעילי ווארקער״, וועלכע זיינען געלייענט געווארן מיט גרויס אינטערעס.

ווען די ערשטע עלף פירער פון דער קאמוניסטישער פארטיי — יודזשין דעניס, בען דעיוויס, אווירווינג פאטאש און אנדערע — זיינען פארשפארט געווארן אין די פעדעראלע טורמעס, איז אויף עליזאבעט פלין געפאלן די שווערע ארבעט אנצופירן מיט דער פארטיידיקונג פון דער פארטיי און קעמפן פאר אמנעסטיע פאר די ארעסטירטע. אבער אין יוני 1951 האט די אמעריקאנער רעגירונג אויך זי, צוזאמען מיט 14 אנדערע אזוי־גערופענע „צווייט־ראנגיקע פירער״ פון דער קאמוניסטישער פארטיי, ארעסטירט און אנגעקלאגט געווארן אונטער דעם סמית־אקט.

זי האט אין געריכט אליין אנגעפירט מיט איר פארטיידיקונג און האט ארויסגערופן אכטונג און באוואונדערונג מיט איר מוט און שארפזיניקייט אין אויפדעקן די פאלשקייטן פון דער אנקלאגע. די רעגירונג האט איר געמאכט ספעציעלע שוועריקייטן, זי געהאלטן פארשפארט אין טורמע אין די טעג, ווען דער פראצעס איז אנגעגאנגען און זי האט געמוזט צוגרייטן איר

פאַרטיידיקונג, זיצנדיק אין טורמע. זי האָט אָבער וואונדערבאַר דורכגעפירט איר פאַרטיידיקונג און די קרייץ־פאַרהערן קעגן די מיאוסע בלבולים פון דער אַנקלאַגע.

עליזאַבעט פלין איז צווישן די זיבן, וועלכע זיינען פאַרמשפט געוואָרן אויף דריי יאָר טורמע און 6 טויזנט דאָלאַר שטראָף. די איבעריקע האָבן געקראָגן שטראָף פון 1 יאָר, ביז צוויי יאָר טורמע און 2 זיינען באַפרייט געוואָרן. די פאַראורטיילטע האָבן אַפּעלירט ביזן העכסטן געריכט און עליזאַבעט האָט דערוויל ווידער אומדערמידלעך געקעמפט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אירע חברים. זי האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן טאָג־פּראַגן, אַרויסגעטראָטן אין פאַרשיידענע קאַמפּן קעגן דיסקרימינאַציע און קעגן אונטערדריקונג. אין די וואַלן פון 1954 איז זי אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט פאַרן קאָנגרעס אין 24טן דיסטריקט אין די בראָנקס. ניט קוקנדיק אויף די העצערייען פון דער פּרעסע, האָט זי געקראָגן איבער פיר טויזנט אונטערשריפטן און געצויגן אַ באַדייטנדיקע צאָל שטימען אין די וואַלן.

אָבער דאָס העכסטע געריכט פון לאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען דעם אַפּיל פון עליזאַבעט פלין און די אַנדערע אָנגעקלאָגטע און זיי אַלע איבערגעשיקט אין פאַרשיידענע טורמעס פון לאַנד. עליזאַבעט פלין איז פאַרשיקט געוואָרן אין דער טורמע פון אַנדערסאָן, וועסט־ווירדזשיניע.

ווען דער דאָזיקער בוך גייט צום דרוק (אויגוסט, 1956) געפינט זיך נאָך די באַליבטע קעמפערין אין טורמע.

פּיט קאַטשיאָני

(ערשטער קאָמוניסטישער „קאָונסילמאַן" אין ניו־יאָרק)

אין אַ צייט פון היסטעריע קעגן קאָמוניזם און מכשפה־יעגעריי, וואָס ווערט אָנגעפירט קעגן מענטשן מיט פּראָגרעסיווע אידייען, איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אין אַמעריקע זיינען קאָמוניסטן געווען דערוויילט צו פּאָליטישע אַמטן. עס איז אָבער אַ פאַקט: אין שטאָט־ראַט פון ניו־יאָרק זיינען עטלעכע יאָר געזעסן צוויי קאָמוניסטן.



דער ערשטער דערוויילט צו ווערן צו אַזאַ אַמט איז געווען פּיטער קאַטשיאָני.

אַ זון פון אָרעמע עלטערן, אימיגראַנטן פון איטאַליע, האָט ער אַלס אַרבעטער דורכגעליטן אַלע צרות פון עקספּלואַטאַציע און אַרבעטסלאָזיקייט. אַ קעמפער, וואָס האָט זיך באַליבט געמאַכט פאַר זיין אָנפירערשאַפט און שווערע קאַמפן פאַר די אינטערעסן פון די מאַסן, איז ער געשיקט געוואָרן פון די ברוקלינער אַרבעטער און פאָלקסמאַסן צו פאַרטרעטן זייערע אינטערעסן אין „סיטי האָל". און ער האָט עס ערלעך דורכגעפירט, ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. דאָס האָבן געמוזט צוגעבן אפילו די שונאים פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

פּיט איז געבוירן געוואָרן דעם 1טן נאָוועמבער 1897 אין סיראַקיוז, ניו־יאָרק. די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין סעיר, פּענסילוועניע, ווען פּיט איז נאָך געווען אַ קינד און ער האָט זיך דאָרט דערצויגן.

שוין אין היי־סקול האָט פּיט אַרויסגעוויזן זיין קעמפערישן כאַראַקטער. דער „פּרינציפּאַל" פון היי־סקול, אַ „קלו־קלוקס־קלעניק", האָט אויף אַ צייניש אופן אָפּגעלאַכט פון איטאַליענער. ווען פּיט האָט פּראָטעסטירט קעגן דער באַליידיקונג, האָט דער לערער אים באַפוילן אַרונטערצוגיין מיט אים אין קעלער, וואו ער איז אים באַפאַלן שלאָגן. פּיט האָט ניט געשוויגן און גוט צעשלאָגן דעם לערער. אַלס רעזולטאַט איז פּיט אויסגעשלאָסן געוואָרן פון שול.

פון דעמאָלט אָן האָט פּיט איבערגעטאָן פאַרשידענע אַרבעטן. אין פּאָ־ליטיק איז ער פריער געווען אַ רעפּובליקאַנער, נאָכדעם אַן אונטערשטיצער פון אַל סמיט, וועלכער האָט אין 1928 קאַנדידירט אַלס פּרעזידענט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

דער פינאַנציעלער קראַך אין 1929 האָט געטראָפן אויך פּיטן. צוזאַמען מיט מיליאָנען אַנדערע אַרבעטער איז אויך ער געוואָרן אַרבעטסלאָז. ער לאָזט זיך אַוועק קיין ניו־יאָרק אויף אַ פּראַכט־באַן. אין די שטאָטישע נאַכט־לעגער־הייזער, וואו אים קומט־אויס צו נעכטיקן צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע אַרבעטסלאָזע, הערט ער זיך איין צו זייערע צרות און דיסקוטירט מיט זיי זייערע פּראָבלעמען.

צו יענער צייט האָט שוין עקזיסטירט „אַרבעטלאָזע קאָונסילס", אָרגאַ־ניזירט פון די מער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון קאַמף — צו פאָדערן פון דער שטאָט־און לאַנד־רעגירונג אַר־בעט און הילף פאַר די אַרבעטלאָזע. לעבן זייערע „וואוינונגס־פּלעצער" און „ברעד לאַינס", וואו מען האָט זיי געשענקט אַ שטיקל ברויט און קאַווע, האָבן רעדנער אויפגעקלערט די אַרבעטלאָזע. פּיט, אַליין שטייענדיק אין די ברויט־רייען, האָט אפילו ניט געוואָלט זיך צוהערן צו די רעדעס. ער האָט באַ־טראַכט דעם קאָונסיל פאַר אַ ראַדיקאַלער אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער ער, אַ פרומער קאַטאָליק, דאַרף נישט האָבן קיין שום שייכות. אָבער ווען איינ־מאָל אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג האָט איינער פון די אַרבעטלאָזע דערציילט וועגן אַ פאַמיליע, וואָס מען האָט אַרויסגעזעצט פון אַ דירה פאַר ניט צאָלן דירה־געלט, און ער האָט געבעטן מען זאָל גיין העלפן צוריק אַריינטראָגן די אַרויסגעוואָרפענע מעבל, איז פּיט געווען איינער פון די ערשטע זיך פריי־וויליק צו מעלדן. שפּעטער האָט ער זייער אָפט זיך געמאָלדן צו אַזעלכע פונקציעס. געשלאָפן איז ער אַליין אויפן דיל פון די קעלער־צימערן, געגעסן וואָס מען האָט צוזאַמענגעבעטלט פון די שכנישע קראָמען, געגרן זיך צו־געהערט צו די דעבאַטן צווישן די אַרבעטלאָזע, — אָבער זיין איבערגעבנקייט צו דער קירכע האָט אים אַלץ צוריקגעהאַלטן פון אָננעמען נייע פּאָליטישע אידייען. נאָר אַז די אַרבעטלאָזע זיינען באַרעכטיקט צו הילף, אין דעם האָט ער שוין ניט געצווייפלט. ער ווערט קאַפּיטאַן פון אַן אַרבעטלאָזע־אָפּטיילונג (אויף איסט 3טע גאַס, ניו־יאָרק), און ווען עס ווערט אין 1930 דורכגעפירט דער גרויסער הונגער־מאַרש קיין וואַשינגטאָן, ווערט פּיט אַן אָנפירער פון אַ גרופּע פון 600 אַרבעטלאָזע.

אויפן וועג און אין וואַשינגטאָן האָט פּיט צוגעזען, ווי די פּאָליציי טע־ראָריזירט די מאַרשירנדע. ער האָט געזען, ווי מען האָט די וועטעראַנען, וועלכע זיינען געקומען קיין וואַשינגטאָן פאָדערן אַ באָנוס, אַרויסגעטריבן פון

זייערע לאַגערן און די לאַגערן פאַרברענט. ערשט איצט האָט ער גענומען באַ־גרייפן, אַז די פּאַרטייען פון די פינאַנצירן און פאַבריקאַנטן ווילן גאָרניט טאָן צו לינדערן די נויט פון די הונגעריקע. ער האָט געזען, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איינציקע, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פאַר אַר־בעטלאָזע־פאַרזיכערונג. און ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי. ער איז אויך באַלד אַריינגעטראָטן אין אַ פּאַרטיי־שול, וואו ער האָט פלייסיק שטודירט די לערע פון מאַרקסיזם און לעניניזם. די פּאַרטיי האָט אָנערקענט זיין פיאיקייט און ערלעכקייט, און אים אָנגעשטעלט אַלס „דיסטריקט אָרגאַניזער" אין בראָנקס.

קאַטשיאַני האָט אויסגענוצט זיינע פינף יאָר דערפאַרונג אין אָרגאַניזירן און פירן קאַמפן פון די אַרבעטלאָזע, צו אָרגאַניזירן איצט די מאַסן אין קאַמף קעגן נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם, פאַר ביליקערע גאַז־, עלעקטריציטעט־און טראַנספּאָרטאַציע־פּרייזן א. אַז. וו.

שפּעטער איז פּיט קאַטשיאַני געוואָרן פאַרזיצער פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי פון ברוקלין (דאָ איז זיין פיאיקע סעקרעטאַרין, דאָראַטי ראָזענ־פעלד, געוואָרן זיין פרוי). ער האָט זיך איצט פאַרנומען מיט העלפן די מאַטראָזן־אַרבעטער און נעגער־מאַסן, געאַרבעט פאַר בעסערע וואוינונגען און אַנדערע רעפאָרמען, און איז געוואָרן זייער באַליבט ביי די מאַסן. צוויי מאָל (אין 1937 און 1939) האָט אים די פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט צום שטאָטישן „קאָונסיל". נישט געקוקט אויף דער ביטערער קאַמפּאַניע מצד די רעאַקציאָנערע עלעמענטן, האָט קאַטשיאַני געקראָגן צענדליקער טויזנטער שטימען. אָבער ערשט אין 1941, ווען ער איז געווען אַ קאַנדידאַט צום דריטן מאָל, איז ער דערווילט געוואָרן מיט 48 טויזנט און 629 שטימען.

אַ כוואַליע פון פרייד האָט אַרומגענומען די איינוואוינער פון ברוקלין. די אָרעמע מאַסן, נעגער און ווייסע, זיינען איצט זיכער געווען, אַז צום ערשטן מאָל וועלן זיי האָבן אַן אייגענעם מענטשן, וועלכער וועט פאַרטרעטן זייערע אינטערעסן. און פּיט האָט זיי ניט אַנטוישט. ער האָט אין „סיטי האָל" אָנ־געפירט אַ קאַמף קעגן העכערן טראַנספּאָרטאַציע־פּרייזן, האָט פאָרגעשלאָגן בילס צו אונטערדריקן אַנטיסעמיטישע און פאַשיסטישע גרופּעס אין ניו־יאָרק (צווישן זיי אויך דעם אַנטיסעמיטישן פּאָליציימאַן דריד אין בראָנזוויל), האָט באַשיצט די אינטערעסן פון סטרייקנדע אַרבעטער, און אַליין זיך אָנגעשלאָסן אין אַ „פּיקעט־לאַין", ווען די טעלעגראַפיסטן זיינען געווען אין סטרייק פאַר בעסערע באַדינגונגען.

אין 1943 ווערט קאַטשיאַני צום צווייטן מאָל דערווילט צום שטאָטישן קאָונסיל — מיט 65 טויזנט 226 שטימען, און אין 1945 צום דריטן מאָל מיט 75 טויזנט שטימען — די העכסטע צאָל שטימען, וואָס אַ קאַנדידאַט פאַר

דעם שטאַטישן קאָונסיל האָט ווען עס איז פריער געקראָגן אין ניו־יאָרק.

אַדאַנק קאַטשיאַניס „גוטן רעקאָרד" ווערט אין 1943 אַ צווייטער קאָמו־ניסט דערוויילט אַלס "קאָונסילמאַן" — דער נעגער־קעמפער בענדזשאַמין דעוויס פון מאַנהעטן, ניו־יאָרק. ביידע צוזאַמען צייכענען זיך אויס מיט זייער פליסיקער טעטיקייט פאַר די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן.

דאָס פריערדיקע לעבן אין אָרעמקייט, אַרבעטלאָזיקייט און זיין אויסער־געוויינלעכע טעטיקייט האָט געווירקט אויף קאַטשיאַניס געזונט. ער האָט געקראָגן אַ האַרץ־קראַנקהייט. שפּעטער זיינען זיינע אויגן קאַליע געוואָרן. ער האָט כמעט פאַרלאָרן די מעגלעכקייט צו זען און זיין פרוי פלעגט דאַרפן פאַר אים פאַרלייענען. אָבער ניט אַכטנדיק די וואָרנונג פון דאָקטוירים און פריינט, האָט ער פאַרגעזעצט זיין טעטיקייט.

זיין 50טער געבוירנטאָג איז געפייערט געוואָרן „לייבאָר־דעי" 1947 אויף אַ גרויסן פּיקניק אין ראָקאַוועי ביטש, וואו ער איז באַגריסט געוואָרן פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און פון פראָמינענטע פירער פון דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־באַוועגונג. און דעם 6טן נאָוועמבער 1947 איז ער געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע.

איבער אַכט טויזנט מענטשן זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד צו זיין לוויה. רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן פון שטאָט־באַאַמטע אין נאָמען פון דער שטאָט־רעגירונג פון ניו־יאָרק, און פון פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פּראָגרעסיווע מאַסן, צווישן זיי דער אַמעריקאַנער לייבאָר־קאָנגרעס־מאַן וויטאָ מאַרקאַנטאָני. זיי האָבן גערעדט וועגן זיין לעבן און איבערגעגעבנ־קייט צו די אַרבעטער־מאַסן.

ער וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון אַמעריקע, ווי איינער פון פּשוטן פאָלק, וועלכער האָט געקעמפט פאַר די אינטערעסן פון די אָרעמע.

**
*

נאָך קאַטשיאַניס טויט האָבן די רעאַקציאָנערן ניט דערלאָזט, אַז אַן אַנדער קאָמוניסט זאָל פאַרנעמען זיין אָרט אין „סיטי האָל". אויך דער נעגער־פירער בען דעיוויס איז שוין ניט לאַנג פאַרבליבן אין שטאָטישן „קאָונסיל". אין 1949 איז ער אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ צאָל אַנ־דערע קאָמוניסטישע פירער אויף דער קלאַגע פון „פאַרלעצן דעם גערדאַנקען־קאָנטראָל סמיט־געזעץ", איז אָפּגעזעסן עטלעכע יאָר אין תּפיסה און איז נאָך דער באַפרייאונג אין 1956, ווידער אַרעסטירט געוואָרן פאַר זיין אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

וויטאַ מאַרקאַנטאָניאָ

(1954-1902)

איינער פון די הערלעכסטע פיגורן אין אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן, אַן אומדערמידלעכער קעמפער פאַר די אינטערעסן פון די אָרעמע מאַסן, פאַר שלום און ציווילע רעכט פון יעדן איינעם איז געווען דער ניו־יאָרקער קאָנג־מאַן וויטאָ מאַרקאַנטאָניאָ.

מאַרקאַנטאָניאָ איז געבוירן געוואָרן דעם 10טן דעצעמבער 1902 אין איסט האַרלעם, ניו־יאָרק, אַ זון פון אָרעמע איטאַליענישע אימיגראַנטן.

פון זיין פריסטער יוגנט האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם לעבן פון די אָרעמע מאַסן, זיך פאַראינטע־רעסירט אין זייערע פּראָבלעמען און זיי געזוכט צו העלפן מיט ראָט און טאָט. ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער שילער אין „היי־סקול" האָט ער, צוזאַמען מיט זיינע שול־חברים, אָרגאַניזירט קלאַסן פאַר עלטערע פרעמד־שפּראַכיקע אימיגראַנטן צו לערנען זיי ענגליש, ווערן בירגער א. אַז. וו.

ווען ער איז אַלט געווען 18 יאָר, איז ער געווען אַן אָנפירער פון אַן אָרגאַניזאַציע פון שכנים — „די איסט האַרלעם טענענטס ליג", וואו ער האָט אָנגעפירט מיט אַ „רענט־סטרייק", וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג פאַר די שכנים. זיין נאָמען איז באַלד געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט אין דער איסט האַרלעם־געגנט.

אין פּאָליטיק האָט זיך דער יונגער מאַרקאַנטיאָניע גענומען אינטערע־סירן אין יאָר 1924, ווען דער שפּעטערדיקער „מעיאָר" פון ניו־יאָרק, פּיאָ־רעלאָ לאַגוואַרדיאַ האָט קאַנדידירט פאַרן קאָנגרעס אין יענעם דיסטריקט.

לאַגוואַרדיאַ האָט זיך דעמאָלט געווענדט צו דעם פּאָפּולערן יונגנמאַן מאַרקאַנטיאָניא, וואָס האָט שטודירט אויף „לאָיער", אַז ער זאָל אים העלפֿן אין דער דערוויילונג. מאַרקאַנטיאָניא האָט אָנגענומען און לאַגוואַרדיאַ איז דערוויילט געוואָרן. אין די ווייטערדיקע וואַלן, אין יאָר 1926, 1928 און 1930 איז מאַרקאַנטיאָניא אַליין געווען דער אָנפֿירנדער פֿאַרוואַלטער פֿון לאַגוואַרדיאַס וואַל־אַגיטאַציע.

אין 1932, אַרבעט מאַרקאַנטאָניא צוזאַמען מיט לאַגוואַרדיאַן צו אָרגאַניזירן אַ שטאָטישע פּאָליטישע פּאַרטיי, צו באַקעמפֿן די קאָרופּטיווע „טעמעני" און רעפּובליקאַנער פּאַרטייען: די „פֿיוזשאָן פּאַרטיי", האָט זי זיך גערופֿן, און אין 1933 ווערט לאַגוואַרדיאַ דערוויילט אַלס דער „מעיאָר" פֿון דער שטאָט ניו־יאָרק.

צווישן מאַרקאַנטאָניא און לאַגוואַרדיאַן האָט זיך פֿאַרבונדן אַן אינטימע פֿריינדשאַפֿט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז לאַגוואַרדיאַס טויט אין 1944. ווען מאַרקאַנטאָניא האָט גראַדויִרט אַלס לאָיער אין 1925, איז ער אָנגעקומען אַרבעטן אין לאַגוואַרדיאַס „לאָ אָפֿיס". לאַגוואַרדיאַ פֿלעגט אים רופֿן „מיין זון" און אים געשטיצט אין די וואַלן צום קאָנגרעס ניט קוקנדיק, וואָס מאַרקאַנטאָניא איז פֿאַרשריִען געוואָרן אַלס „קאָמוניסט".

מאַרקאַנטאָניאַ האָט פֿאַרטראָטן דעם איסט האַרלעם־דיסטריקט אין קאָנגרעס און איז דערוויילט געוואָרן זיבן מאָל נאָכאַנאַנד.

אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון אַמעריקאַנער קאָנגרעס זיינען געווען זייער ווייניק קאָנגרעסלייט, וועמעס רעפּוטאַציע מען האָט געקענט צוגלייכן צו מאַרקאַנטאָניאָס. באַלד ווי ער איז צום ערשטן מאָל דערוויילט געוואָרן אין קאָנגרעס, האָט ער איינגעפֿירט אַ פּלאַן, לויט וועלכן ער איז געשטאַנען אין שטענדיקע פֿאַרבינדונג מיט די איינוואוינער פֿון זיין דיסטריקט. ער האָט געעפֿנט אַ צענטער אויף 247 איסט 116טע גאַס און אַ צווייטן אין 1484 צווייטע עוועניו, וואו יעדן טאָג אין וואָך פֿלעגן זיינע געהילפֿן אויפֿנעמען מיט די איינוואוינער פֿון יענע געגנטן זייערע פּראָבלעמען. יעדע סוף־וואָך, שבת און זונטיק, פֿלעגט מאַרקאַנטאָניא אַליין קומען און געבן זיין פּערזענלעכע הילף און עצות צו די, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין דעם. ער פֿלעגט זיי אויך באַריכטן וועגן זיין טעטיקייט אין קאָנגרעס.

מאַרקאַנטאָניא האָט געקעמפֿט אין קאָנגרעס, פֿאַר פֿעדעראַלע אַרבעטס־פּראָיעקטן פֿאַר אַרבעטסלאָזע, פֿאַר דער אָפּשאַפֿונג פֿון דיסקרימינאַציעס קעגן מענטשן צוליב זייער ראַסע, אָדער פּאָליטישע מיינונגען און פֿאַר שווערע שטראָפֿן אויף לינטשערס. ער איז אויך אויפֿגעטראָטן אויף אַ גרויסער צאָל מאַס־מיטינגען אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט, וואו ער האָט גערעדט קעגן פֿאַרפֿאָלגונגען אויף ראַדיקאַלן, קעגן דעפּאָרטאַציעס און פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון

פרעמד־געבוירענע צוליב זייערע פּאָליטישע מיינונגען. ער האָט אויך אַלס לאַיער פאַרטראָטן אין געריכט פרעמד־געבוירענע, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר דעפּאָרטאַציע, אָדער גלאַט פאַרפאָלגונגען פון מכשפה־יעלגער. ער איז געווען אַ קעמפער קעגן אַנטיסעמיטיזם; און ווען דער ראַסיסטישער קאָנגרעס־מאַן פון מיסיסיפּי ראַנקין האָט, אין אַ רעדע אין קאָנגרעס דעם 24טן אָק־טאָבער 1945, באַליידיקט דעם יידישן קאָנגרעסמאַן עמאַנועל סעלער פון ברוקלין, איז דער איינציקער קאָנגרעסמאַן, וועלכער האָט שאַרף אָפּגע־ענטפערט ראַנקינען, געווען מאַרקאַנטאָניא.

עס איז געווען אַ היסטאָרישע רעדע, וואָס האָט געהאַט אַ ווירקונג. צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט:

„לאָמיר זיין רעאַליסטיש. עס איז די פּראַקטיק פון די פריידיקער פון ראַסיזם צו דערמאָנען עמעצנס ראַסע מיט דעם צוועק, אַרויסצורופן דיס־קרימינאַציע און האַס צו דער פּערזאָן, איבערהויפּט אויב ער איז פון אַ מינאָריטעט־ראַסע. ווען איר באַצייכנט אַ מענטשן דורך זיין ראַסע, הויט־קאָליר, אָדער גלויבן, איבערהויפּט ווען איר זייט אויף דער קעגנערישער זייט אין אַ דעבאַטע מיט אים, טוט איר דאָס ניט בלויז פאַר דעם צוועק צו באַצייכענען, אַז יענער איז אַ ייד, אָדער אַ נעגער, אָן, ניין. איר העצט קעגן אים צוליב זיין ראַסע, קאָליר, אָדער גלויבן, כדי צו דיסקרימינירן און וועקן האַס צו אים".

מאַרקאַנטאָניא האָט אָנגעוויזן אין זיין רעדע, אַז אַזעלכע האַנדלונגען, ווי ראַנקינס, איז אין קעגנזאַץ צו אמתן אַמעריקאַניזם. בעת יידן האָבן ניט וואָס זיך צו שעמען מיט דעם נאָמען „ייד" — אַז זיי האָבן אַלע רעכט צו זיין שטאָלץ אויף דעם גרויסן ביישטייער, וואָס זיי האָבן געבראַכט צו אַמעריקע, כדי צו געווינען די מלחמה. בייזוויליקע באַצייכענונגען פון עמעצנס ראַסע, קאָליר, אָדער רעליגיע איז פאַשיזם. ער האָט געבראַכט ביישפּילן פון נאַצי־דייטשלאַנד, וואו זיי האָבן פריער גענומען נוצן ווערטער, ווי „די יידישע מיטגלידער פון רייכסטאַג", נאָכדעם, „יידישע ריכטער", „יידישע סוחרים", ביז דאָס וואָרט „ייד" איז אָנגעשריבן געוואָרן אויף טירן און פענצטער פון יידישע וואוינונגען, און שפּעטער אויף זייערע קליידער, ווען מען האָט זיי פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די ווערטער: „אין די אינטערעסן פון אַ פאַראייניקטער אַמעריקע האָף איך, אַז קיינמאָל מער וועט ניט זיין קיין נויטווענדיקייט אין קאָנגרעס צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ מין דיסקו־סיע. איך וואָלט ניט דערפילט מיינע פליכטן צו מיין לאַנד, ווען איך וואָלט געבליבן שטיל".

אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין קאָנגרעס דעם 16טן מאַי 1935,

האָט ער צווישן אַנדערן געזאָגט: „מיסטער פּאַרזיצער: דער הער פון טעקסאַס [מר. בלענטין] האָט מיך געפרעגט, אויב איך וואָלט זיך אָנגע־שלאָסן צו דעפּאָרטירן קאָמוניסטן פון לאַנד, און מיין ענטפער איז געווען „ניין". און דאָס איז אויך איצט מיין ענטפער: „ניין". איך גלויב ניט אין דעפּאָרטירן סיי וועלכן מאַן, אָדער פרוי צוליב זייערע פּאָליטישע פּרינציפּן, אָדער צוליב דעם וואָס זיי פּרעדיקן. קיינער טאָר צוליב דעם ניט באַלעס־טיקט ווערן, וויל אונדזער רעגירונג איז געבויט געוואָרן אויף דעם פּרינ־ציפּ פון פרייער רעדע, פרייער פּרעסע, פרייהייט פון רעליגיע און פרייהייט פון געדאַנקען.

„איך שטים ניט איין מיט די קאָמוניסטן. איך שטים זייער שטאַרק ניט איין מיט זיי. אָבער זיי האָבן דאָס פולע רעכט צו רעדן און צו פּרעדיקן קאָמוניזם. איך באַהויפּטע, אַז די מינוט, וואָס מיר באַרויבן דאָס רעכט פון פרייע רעדע פון די, מיט וועלכע מיר שטימען ניט איין, וועט אין קורצן פּאַסירן, אַז אונדזער אייגן רעכט פון פרייער רעדע וועט פון אונדז אַוועק־גענומען ווערן.

„פרייע רעדע, אויב עס מיינט עפּעס, מיינט פרייהייט פון רעדן פאַר יעדן איינעם און ניט נאָר פאַר די, וועלכע שטימען איין מיט אונדז, אָדער זיינען אין דער מערהייט. די גרינדער פון אונדזער לאַנד האָבן געצילט, אַז פרייהייט פון רעדע זאָל דינען אַלעמען, ספּעציעל די קליינע מינדערהייטן. זיי האָבן זייער שאַרף געפילט די נויטווענדיקייט צו באַשיצן דאָס רעכט פון דער מינדערהייט. זיי זיינען געווען פאַרפאָלגט פון די ,טאָריס' און רע־אַקציאָנערן. מען האָט זיי אָנגערופן ,רעבעלס'" און זיינען פאַרפאָלגט גע־וואָרן פון היפּאָקריטן און אונטערדריקער פון יענע צייטן. היינט ווילן די ברידער פון די ,טאָריס' פון 1776 אַוועקנעמען פון אונדז דאָס, וואָס די בונ־טאָרן פון 1776 האָבן אונדז געגעבן — פרייהייט פון ריידן".

מאַרקאַנטאָניא האָט געפאָדערט מען זאָל זיך האַלטן ביי די פּרינציפּן פון „די ביל אָוו ראַיטס"". אין אַ רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער ראַדיאָ דעם 30טן יולי 1940 וועגן דעם געזעץ צו רעגיסטרירן פרעמד־געבוירענע, האָט ער געזאָגט:

„דער ניט־בירגער־איינוואוינער איז אַ פולשטענדיקער טייל פון אַמע־ריקע. דער ניט־בירגער אין די פּאַראייניקטע שטאַטן איז, אין דער גרוי־סער מערהייט, אַ ניט־בירגער ניט צוליב זיין אייגענער שולד. ווען ער מאַכט אַ פּאַרזוך צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער, האָט ער אויסצושטיין אַ סך שטערונגען. מען פאַרלאַנגט פון אים אָפט צו ענטפערן פראַגן, וואָס אפילו אַ ריכטער פון העכסטן געריכט קען ניט ענטפערן. אָפט ווערט ער גע־שטערט דורך פאַרשידענע מאַכינאַציעס. ער איז אַ גוטער אַמעריקאַנער

ניט אַכטנדיק אויף דעם, וואָס אים פעלט דער סטאַטוס פון בירגערשאַפט״.

מאַרקאַנטאָניאָ האָט אָנגעוויזן, אַז ווען אין דער דעקלאַראַציע פון אומ־אָפּהענגיקייט זאָגט זיך, אַז „אַלע מענטשן זיינען געבוירן געוואָרן גלייך״, זאָגט זיך ניט — אויסער איטאַליענער, יידן, נעגער, אָדער ניט־בירגער. עס זאָגט זיך אַלע מענטשן זיינען געבוירן געוואָרן גלייך. דאָס מיינט: קיינע דיסקרימינאַציעס, קיינע סעגרעגאַציעס, קיינע פאַרפאָלגונגען פון פרעמד־געבוירענע.

מאַרקאַנטאָניאָ האָט געקעמפט פאַר דעם „פעיר עמפּלאָימענט פּראַקטיס־געזעץ״ און באַקעמפט אַנטי־יוניאָן־געזעצן. ער האָט געקעמפט פאַר הילף פאַר אַרבעטסלאָזע און אַנדערע פאַרבעסערונגען.

ער האָט זיך אַליין באַטייליקט אויף די „פּיקעט־לאַינס״ צו העלפן סטריי־קערס געווינען זייער קאַמף. אויף איין מיטינג אין פעברואַר, 1936, אין ניו־יאָרק, וואו מאַרקאַנטאָניאָ האָט אַדרעסירט אַרום צוועלף טויזנט אַר־בעטסלאָזע, האָט אַ מחנה פּאָליציי אַטאַקירט די פאַרזאַמלטע און אַרעסטירט די אָנפירער, צווישן זיי אויך דעם קאָנגרעסמאַן מאַרקאַנטאָניאָ. די פּאָליציי האָט באַלד געוואָלט באַפרייען מאַרקאַנטאָניאָן זיך רעכנדיק, וואָס ער איז אַ מיטגליד פון קאָנגרעס. אָבער מאַרקאַנטאָניאָ האָט זיך אַנטזאָגט אַרויס־צוגיין פון טורמע, ביז וואַנען די אַנדערע פירער פון די אַרבעטסלאָזע וועלן באַפרייט ווערן. און זיי זיינען אויך באַפרייט געוואָרן.

מאַרקאַנטאָניאָ איז אַ לאַנגע צייט געווען פאָרזיצער פון „אינטערנע־שאָנאַל לעיבאָר דעפענס״ — די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרטיידיקן פּאָליטישע פאַרפאָלגטע אין אַמעריקע. ער האָט אָנגע־פירט „קאַמפּאַניעס״ און גערעדט אויף מיטינגען צו באַפרייען טאָם מוני און אַנדערע קרבנות פון פאַרשווערונגען.

די פּאָרטאָ־ריקאַנער אין פּאָרטאָ־ריקאָ און אין אַמעריקע האָבן גע־פונען אין מאַרקאַנטאָניאָן זייער בעסטן פריינט און פאַרטיידיקער.

מאַרקאַנטאָניאָ איז געווען דער לאָיער צו פאַרטיידיקן פּראָפעסאָר וויליאַם דובאָיס קעגן די קלאַגעס און פאַרפאָלגונגען פון די רעגירונגס מכשפה־יע־גער.

מאַרקאַנטאָניאָ איז געווען דער לאָיער פון וויליאַם ל. פּעטערסאָן, פירער פון „סיוויל ראַיטס קאָנגרעס״, וועמען די „אומאַמעריקאַנער קאָמיטעט״ האָט געשטעלט אונטער קלאַגן פון „קאָנטעמפּט״ דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין אַ מסור און אַרויסגעבן די פּראָטאָקאָלן פון דעם „סיוויל ראַיטס קאָנגרעס״.

ער איז געווען דער פאַרטיידיקונגס־לאָיער פון בען גאָלד, דעמאָלטדיקער פירער פון די פאַריערס יוניאָן, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר פאַר־

לעצטן דעם „טעפּט־האַרטלי־געזעץ".

אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, אין 1954, האָט מאַרקאַנטאָניאָ צו־געגרייט אַן אַפּיל צום געריכט קעגן דער אַנטשיידונג פון דעם „מעקאַרן באָארד", אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דאַרף זיך רעגיסטרירן. ער איז גע־ווען דער לאָיער פאַר אַ גרויסער צאָל אַנדערע קרבנות פון פאַרשווערונגען.

מאַרקאַנטאָניאָ איז געווען דער איינציקער וואָס האָט געוואָרנט אין קאָנג־רעס און געשטימט קעגן אַריינטריט פון אַמעריקע אין דער קאָרעיער מלחמה.

מאַרקאַנטאָניאָ איז געווען פערצן יאָר אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס, וואו ער האָט געלאָזט הערן זיין שטים פאַר אַלץ, וואָס איז יושרדיק און פּראָגרע־סיוו. דעם ערשטן מאָל איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס קאָנגרעסמאַן פון „20טן קאָנגרעסאָנאַל דיסטריקט" אין ניו־יאָרק, אין נאָוועמבער, 1934. ער איז דערוויילט געוואָרן אויף די צעטלען פון די רעפּובליקאַנער און „סיטי פיוזשאָן" פּאַרטייען. אין 1936 האָבן די דעמאָקראַטן געוואונען דעם דיסטריקט אין אַ נאַציאָנאַלן זיג פאַר פּרעזידענט רוזוועלט. אָבער מאַרקאַנטאָניאָ איז צוריק דערוויילט געוואָרן מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1938.

ער איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון דער ניי־אָרגאַניזירטער „אַמעריקאַן לעיבאָר פּאַרטיי", וועמענס פּרינציפּן זיינען געווען מער צום האַרצן דעם פּראָגרעסיוון קאָנגרעסמאַן, ווי די פון די אַלטע פּאַרטייען. די פירער פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי האָבן אים ניט געוואָלט נאָמינירן. אָבער זיין פּאָפּולאַריטעט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געוואונען די נאָמינאַציע פון דער פּאַרטיי קעגן דעם ווילן פון דער פירערשאַפט. אין 1940 איז ער ווידער דערוויילט געוואָרן אויף דעם צעטל פון דער א. ל. פּ. און די רע־פּובליקאַנער. אין 1942 האָבן ווידער די פירער פון דער רעפּובליקאַנער אים ניט נאָמינירט, אָבער ער האָט געקראָגן די נאָמינאַציע דורך דער מיט־גלידערשאַפט. דאָס מאָל אויך פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און, נאַ־טירלעך, פון דער א. ל. פּ. און ער איז ווידער דערוויילט געוואָרן.

אין 1944 האָבן די רעפּובליקאַנער פּאָליטישנס צעטיילט דעם דיסטריקט, כדי צו שעדיקן מאַרקאַנטאָניאָס דערוויילונג, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. ווידער האָט ער געקראָגן די נאָמינאַציעס פון אַלע דריי פּאַרטייען, און איז דערוויילט געוואָרן אויף די צעטלען פון די אַמעריקאַן לעיבאָר פּאַרטיי און די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

אין 1947 האָט ניו־יאָרק סטעיט אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס פאַרבאָט אַ קאַנדידאַט צו לויפן אויף צעטלען פון אַ פּאָליטישע פּאַרטיי אויב זיי זיינען ניט קיין ענראָלטע מיטגלידער אין יענע פּאַרטיי, סיידן מיט דער צו־שטימונג פון דער פירערשאַפט פון די דאָזיקע פּאַרטייען. מאַרקאַנטאָניאָ איז אין 1948 „געלאָפן" בלויז אויף דעם צעטל פון דער אַמעריקאַן לעיבאָר

פּאַרטיי. די אַנדערע פּאַרטייען האָבן אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן אים, אָבער ער איז דאָס מאָל אויך דערוויילט געוואָרן.

אין 1950 אָבער האָבן די רעפּובליקאַנער, דעמאָקראַטן און די ליבעראַל פּאַרטיי, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זיך פּאַראיי־ניקט ניט צו דערלאָזן דעם „רויטן" מאַרקאַנטאָניא דערוויילט ווערן צום קאָנגרעס. די „ניו־יאָרק טאַימס" און אַנדערע צייטונגען האָבן געשריבן אַר־טיקלען און געהעצט קעגן דעם פּראָגרעסיוון קאָנגרעסמאַן און דערוויילט איינעם, אַ דזשאָן דאָנאָוואַן, אויף זיין פּלאַץ. דאָנאַוואַן איז געווען אַ רע־אַקציאָנער און זיינע האַנדלונגען אין קאָנגרעס האָט אַרויסגערופן אַנטריסונג פון אַ סך ווילער, וועלכע האָבן געשטימט פאַר אים. און אין פּאָליטישע קרייזן האָט מען גערעדט, אַז מאַרקאַנטאָניא האָט אַ געלעגנהייט ווידער צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין קאָנגרעס אין 1954. צוגרייטונגען פאַר אַ שטאַרקן קאַמפּיין איז שוין אָנגעגאַנגען אין דעם דיסטריקט ווען דער טויט האָט פּלוצלינג אַוועקגעריסן דעם דינאַמישן פירער. ער איז געשטאָרבן אין גאַס דעם 9טן אויגוסט 1954.

זיין טויט איז באַדויערט געוואָרן פון הונדערטער טויזנטער מענטשן אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד. זיין לוויה איז געווען איינע פון די גרעסטע, וואָס איז געווען אין ניו־יאָרק. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן באַ־לאַגערט די גאַסן. ער איז באַדויערט געוואָרן אין קאָנגרעס פון אַ צאָל קאָנגרעסלייט, וועלכע — ווי זיי האָבן געזאָגט — האָבן ניט איינגעשטימט מיט אים פּאָליטיש, אָבער אים געלויבט פאַר זיין ערנסטקייט און איבערגע־געבנהייט צו זיינע אידייען. דער באַרימטער געלערנטער פּראָפעסאָר דובאָיס האָט צו זיין לוויה, צווישן אַנדערן, געזאָגט: „ער איז געווען אַן אַמעריקאַ־נער אין דעם ערנסטן זין פון וואָרט. ער האָט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן געטראָגן הויך און מוטיק די פאָן פון דזשעפערסאָן, לינקאָלן און רוז־וועלט. זיינע פערצן יאָר אין קאָנגרעס זיינען געווען פערצן יאָר פון מסירת־נפש פאַר די פאַרפאָלגטע און אונטערדריקטע. מיט זיין מוט, קוראַזש און אָפּערוויליקייט האָט זיך מאַרקאַנטאָניא געשטעלט אַ מאָנומענט ביי זיין לעבן".

צווייטער טייל

היסטאָרישע פּאַסירונגען

דזשעפערסאָנס און וואַשינגטאָנס בריוו צו די יידן אין אַמעריקע

אין דער צייט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז די צאָל יידן אין אַמעריקע געווען קליין אין פּראָפּאָרציע צו דער גאַנצער באַפעלקערונג. אָבער די פירער פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך גערעכנט מיט זיי. יידן האָבן פאַרנומען וויכטיקע שטעלעס אין דער אַרמיי און אין רעגירונגס־אָנ־שטאַלטן. יידן זיינען אויך געווען צווישן די אינטימע פריינט פון די צוויי גרעסטע פיגורן פון יענער צייט, וואַשינגטאָן און דזשעפערסאָן. דאָס איז צו זען פון די בריוו, וואָס זיי האָבן געשריבן צו יידישע אָרגאַניזאַציעס.

די בריוו געפינען זיך אין די אַרכיוון פון קאָנגרעס. דאָס זיינען דאָקו־מענטן, מיט וועלכע אַמעריקע קאָן שטאָלצירן און וואָס קאָנען באַנוצט ווערן אין אונדזער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

אין אַן ענטפער אויף אַ בריוו פון דר. לאַמאַטאַ, אַ פּראָמינענטער יידי־שער דאָקטאָר און פירער פון דער יידישער קהילה אין סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיאַ, שרייבט אים טאָמאַס דזשעפערסאָן (אין 1820), אַז עס רופט אין אים אַרויס אַ גרויסע צופרידנקייט, וואָס זיין לאַנד איז געווען דאָס ערשטע צו ווייזן דער וועלט צוויי אמתן: אַז דער מענטש קאָן זיך אַליין רעגירן, און אַז גלויבנס־פרייהייט איז דער ווירקזאַמסטער היילונגס־מיטל קעגן רעליגיעזער מחלוקת". ער פילט זיך גליקלעך, וואָס די יידן האָבן צוריקגעקראָגן זייערע בירגערלעכע רעכט, און ער האָפט, אַז מיט דער צייט וועלן יידן פאַרנעמען אַן אָרט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער רעגירונג.

טאָמאַס דזשעפערסאָן איז געווען דער ערשטער פאָרצושלאָגן אַ געזעץ פאַר אָפּטיילן די קירך פון שטאַט און דערמיט געבן רעליגיעזע פרייהייט אַלע גלויבנס. די שייכות פון אַ מענטש צו זיין רעליגיע, האָט ער געהאַלטן, איז אַ פּריוואַט־זאַך, אין וועלכער קיינער האָט ניט קיין רעכט זיך אַריינ־צומישן.

דאָס איז געווען אין 1779, ווען דזשעפערסאָן איז נאָך געווען אַ מיטגליד פון דער אַסעמבלי אין ווירדזשיניאַ.

דער פאָרשלאַג האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם, און דזשעפערסאָן איז געוואָרן דאָס ציל־ברעט פאַר אַטאַקעס פון אַלע רעאַקציאָנערן. אָבער עטלעכע יאָר שפּעטער. אין 1786, איז אין ווירדזשיניאַ אָנגענומען געוואָרן דאָס גע־זעץ פון רעליגיעזער פרייהייט. קאָפּיעס פון דעם געזעץ זיינען אין אַ פראַנ־צויזישער און איטאַליענישער איבערזעצונג פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן צו רעגירונגען אין פאַרשיידענע לענדער. דזשעפערסאָן איז דעמאָלט געווען אין פּאַריז. אין אַ בריוו פון דאָרט דערציילט ער, וואָס פאַראַ גרויסן איינדרוק

דאָס האָט געמאַכט אין איראָפּע.

קיין ספק ניט, אַז דער ביישפּיל פון אַמעריקע האָט דעמאָלט אויך גע־האָלפן פאַרבעסערן די יידישע לאַגע אין איראָפּע.

דזשעפערסאָן איז געווען צופרידן מיט דער רעפאָרם־באַוועגונג צווישן יידן. אין אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן צו איזיק הארבי, אַ פּיאָניר פון רעפאָרם־יידנטום, זאָגט ער: „איך בין ווייניק באַקאַנט מיט דעם גאַטעסדינסט פון די יידן, אָבער די פאָרשלאָגן פון רע־פאָרם זעען־אויס לאָגיש. עס איז זייער קלוג צו שטרעבן, אַז אונדזערע אינסטיטוציעס זאָלן גיין מיטן פאָרשריט פון דער צייט און פאַרבעסערט ווערן מיטן וואוקס פון מענטשלעכן געדאַנק״.

אין דער זאַמלונג פון בריוו, וואָס די „אַמעריקאַן דזשואיש היסטאָריקל סאָסאַיעטי״ האָט אַרויסגעגעבן, איז דאָ אַ צאָל פּריוואַטע בריוו, וואָס דזשעפער־סאָן האָט געשריבן צו פאַרשיידענע יידן, מיט וועלכע ער איז געווען אינטים באַפריינדעט. אין אַ תשובה צו איינעם, דזשאָסעף מאַרקס, וועלכער האָט אים צוגעשיקט אַ בוך וועגן די פאַרהאַנדלונגען פון די סנהדרין אין פראַנקרייך, דריקט־אויס דזשעפערסאָן זיין פאַראַכטונג צו די יעניקע, וועלכע פאַרפאָלגן מענטשן צוליב זייער רעליגיע: „ווי פאַרדריסלעך עס איז צו זען, אַז אַ סעקטע, וואָס איז דער פאָטער און דער פונדאַמענט פון דעם גאַנצן קריסטנטום, זאָל אויסגעקליבן ווערן צו ווערן פאַרפאָלגט. דאָס ווייזט, אַז זיי [די קריסטן] האָבן גאָרניט געלערנט פון דער גוטער לערע פון דעם יעניקן, וועמען זיי פּרעטענדירן צו מאַכן פאַר אַ ביישפּיל פון זייערע פּרינציפּן און מעשים״.

דער ייד קוירנעל דעיוויד ס. פראַנקס, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי און האָט פאַרנומען וויכטיקע אַמטן אין דער רעגירונג, איז געווען אַן אינטימער פריינט פון טאָמאַס דזשעפערסאָן, און האָט קאָרעספּאָנדירט מיט אים.

ווען דזשעפערסאָן איז געוואָרן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער באַשטימט דעם יידישן סאָלדאַט רובין עטינג צום אַמט פון יונאַיטעד סטעיטס מאַרשאַל פון מערילאַנד.

צוליב די ליבעראַלע מיינונגען און זיין פריינטשאַפט צו יידן, איז דער גרויסער פּרעזידענט דזשעפערסאָן, דער פאַרפאַסער פון דער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט״, באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער איז אַ ייד, וואָס ער האָט, נאַטירלעך, אָפּגעלייקנט. אין אַ בריוו צו דר. סטיל פון יעיל קאָלעדזש, דאַ־טירט דעם 25טן יוני, 1819, שרייבט ער: „איך בין אַ סעקטע פאַר זיך אַליין. איך בין ניט קיין ייד און נעם ניט אָן זייער גלויבן, אַז גאָט רעכנט זיך אָפּ פאַר די זינד פון די עלטערן ביזן דריטן און פערטן דור״.

דער באַרימטער יידישער קאָמאַנדיר יוריה פּ. ליוואַי, אַ העלד פון דער רעוואָלוציע און אַ פערזענלעכער פריינט פון טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט גע־

שענקט דעם קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן אַ סטאַטוע פון דזשעפערסאָנען, און די ליוואַי־פאַמיליע האַלט הייליק דעם פּלאַץ אין מאָנטיסעלאָ, ווירדזשיניאַ, וואו דזשעפערסאָן האָט געוואוינט.

**
*

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, דער גענעראַל פון דער אַמעריקאַנער רעוואָ־לוציע און ערשטער פּרעזידענט פון אַמעריקע, האָט ביי דער גרינדונג פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק קלאָר געמאַכט, אַז אין די פּאַראייניקטע שטאַטן טאָר ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר יידן־האַס.

וואַשינגטאָן האָט געהאַט אין זיין אַרמיי אַ צאָל יידן, וועלכע האָבן גע־קעמפט צוזאַמען מיט אַנדערע און באַוויזן העלדישקייט אין קאַמף פאַר פרייהייט.

אין אַ דאַנק־בריוו צו דער יידישער קהילה פון ניופּאָרט, ראָוד איילאַנד, פאַר דעם קבלת־פּנים, וואָס זיי האָבן אים געגעבן בעת דעם באַזוך ביי זיי אין שטאָט, האָט וואַשינגטאָן געשריבן: „די בירגער פון אַמעריקע האָבן אַ רעכט זיך צו אַפּלאָדירן פאַר געבן דער מענטשהייט אַ ביישפּיל פון אַ פּראָגרעסיווער און ליבעראַלער ,פּאָליסי', וואָס איז ווערט נאָכגעפאָלגט צו ווערן. צום גליק פון דער רעגירונג פון אַמעריקע, גיט זי ניט קיין הסכמה צו פאַנאַטיזם און ניט קיין הילף צו פאַרפאָלגונגען. זי פאָדערט נאָר, אַז די יעניקע, וועלכע וואוינען אונטער איר שוץ, זאָלן זיך באַמיען צו זיין גוטע בירגער און געבן איר די פולע שטיצע צו יעדער געלעגנהייט.

„עס וואָלט ניט געווען אויסגעהאַלטן פון מיר, ווען איך זאָל ניט מודה זיין, אַז איך בין צופרידן מיט אייער גוטער מיינונג, וואָס איר האָט וועגן מיין אַדמיניסטראַציע."

אין אַ בריוו צו די יידן אין סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיאַ, שרייבט וואַשינגטאָן:

„איך בין גליקלעך, וואָס דער גייסט פון פרייהייט און פילאַנטראָפּיע הערשט איצט מער, ווי ווען עס איז פריער צווישן די אויפגעקלערטע פעל־קער פון דער וועלט. וואָס מער די פרייהייט־געדאַנקען וועלן זיך פאַר־שפּרייטן, אַלץ־מער וועלן אייערע ברידער געניסן דערפון."

און אין אַ בריוו, דאַטירט דעם 13טן דעצעמבער, 1790, אַדרעסירט צו די יידישע „קאָנגרעגעישאָנס" פון פילאַדעלפיע, ניו־יאָרק, ריטשמאָנד און טשאַרלסטאָן, וועלכע האָבן אים באַגריסט, שרייבט וואַשינגטאָן:

„די ליבעראַלע געפילן פון איינעם צום צווייטן, וואָס זיינען די אייגנ־שאַפט פון יעדער פּאָליטישער און רעליגיעזער גרופּע אין אונדזער לאַנד, זיינען אומפאַרגלייכבאַר אין דער געשיכטע פון פעלקער."

די דאָזיקע טראַדיציעס פון אַ דזשעפערסאָן און וואַשינגטאָן וואָלטן גע־מעגט דינען, ווי אַ ביישפּיל פאַר די הויפּט־דעה־זאָגער פון דער היינטיקער אַמעריקע.

די ערשטע „מכשפה־געיעג״ אין אַמעריקע

דער געיעג, וואָס ווערט איצט אָנגעפירט קעגן פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אַמעריקע, ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען „מכשפה־געיעג״. דער נאָמען „מכשפה־געיעג״ איז ניט קיין אויסגעטראַכטער, נאָר איז געבויט אויף אַ טרויעריק־באַרימטן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אַמעריקע.

עס איז געווען אַ צייט אין אַמעריקע, ווען הונדערטער אומשולדיקע מענטשן זיינען אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט געוואָרן אין געפענגעניש, גע־מאַטערט געוואָרן, און צענדליקער מענטשן זיינען היגגעריכטעט געוואָרן אויף קלאַגעס, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט „כישוף־מאַכעריי״.

דער גלויבן אין „כישוף־מאַכעריי״ איז ניט געווען קיין אַמעריקאַנער אַנטדעקונג. אין 16טן יאָרהונדערט איז אָט־דער גלויבן געווען שטאַרק פאַר־שפּרייט אין אייראָפּע. די פינצטערע הערשער פון יענער צייט האָבן אויף מער־פאַרגעשריטענע מענטשן אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל, אַז זיי גיבן זיך אָפּ מיט „כישוף־מאַכעריי״, אַז שדים און ווילדע רוחות געוועלטיקן אין זיי. צענדליקער טויזנטער מענטשן זיינען אַזוי־אַרום היגגעריכטעט געוואָרן דורך פאַרברענען זיי לעבעדיקערהייט. אין דייטשלאַנד, ווערט געשאַצט, פלעגט מען אין 16טן יאָרהונדערט יעדן יאָר פאַרברענען אַרום אַ טויזנט מענטשן אויף קלאַגעס פון „כישוף־מאַכעריי״. אויך אין ענגלאַנד פון יענער צייט זיינען אַ גרויסע צאָל מענטשן אומגעבראַכט געוואָרן אויף די דאָזיקע קלאַגעס.

ווען די „פּילגרימס״ זיינען געקומען קיין אַמעריקע, האָבן זיי מיטגע־בראַכט דעם דאָזיקן ווילדן גלויבן, און האָבן באַלד אין דעם נייעם לאַנד אָנגענומען געזעצן צו באַשטראָפן מיט דער האַרבסטער שטראָף די מענטשן, וועלכע ווערן באַשולדיקט אין כישוף. די הויפּט־גלויביקע און פאַרשפּריי־טער פון דעם דאָזיקן אַבערגלויבן זיינען געווען די גלחים, און איינער פון זייערע אָנפירער איז געווען דער גלח קאָטאָן מאַטהער. ער האָט געהאַלטן לעקציעס, געשריבן ביכער און פּאַמפלעטן, און פאַרזיכערט זיינע צוהערער און לייענער אין דער עקזיסטענץ פון „כישוף־מאַכעריי״.

אין יאָר 1688 האָט אַ 12־יאָריק מיידל, די טאָכטער פון איינעם דזשאָן גודווין, באַשולדיקט זייער דינסט אין גנבענען וועש פון איר עלטערנס היים.

די מוטער פונעם דינסט־מיידל, מרס. גלאָווער, האָט דערפֿאַר אויסגעזידלט גודווינס טעכטערל, וועלכע איז דערביי געפֿאַלן חלשות, אָדער זיך געמאַכט, ווי געחלשט. אירע ברידער און שוועסטער האָבן איר נאָכגעטאָן און דערצו געמאַכט פֿאַרשיידענע העוויות: זיך געמאַכט טויב, בלינד, געבילט ווי אַ הונט און נאָך אַזעלכע שטיק. אויסער אַט־די „שטיק" האָבן די קינדער גע־האַנדלט נאַרמאַל.

די עלטערן האָבן געדענקט, אַז דאָס איז אַ „כישוף" אַריין אין די קינדער, און אַז די שולדיקע איז די אַלטע מרס. גלאָווער. דער גלח קאָטאָן מאַטהער איז געקומען אין הויז פֿון די גודווינס „אַרויסצוטרייבן די ווילדע רוחות" פֿון די קינדער און האָט מיט נאָך גלחים געהאַלטן אין איין תּפֿילה־טאָן. איין קינד איז „געראַטעוועט" געוואָרן. אָבער די איבעריקע קינדער האָבן נאָך אַלץ געמאַכט די פּוילע שטיק. די גלחים האָבן געזאָגט, אַז עס איז ניט אַנדערש, ווי די אַרבעט פֿון דער „מכשפה" מרס. גלאָווער. די פֿרוי איז געמשפּט און אויפֿגעהאַנגען געוואָרן. ערשט איצט האָט דער גלח מאַטהער גענומען שרייבן פּאַמפֿלעטן וועגן דער „געפֿאַר פֿון די מכשפֿים". און ווען איינער האָט געוואָלט דערקלערן די גאַנצע געשיכטע פֿון די קינדערשע פּוילע שטיק אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן, האָט קאָטאָן מאַטהער אים באַשולדיקט אין גאָט־לעסטערונג.

די הויפּט־היסטעריע וועגן מכשפֿים האָט אַרומגעכאַפּט דאָס שטעטל סעילעם, מאַסאַטשוזעטס, אין יאָר 1691 און 1692. דאָרטן זיינען ניינצן מענטשן הינגעריכטעט געוואָרן אויף דער תּליה.

אָנגעהויבן האָט זיך די היסטעריע, ווען דעם גלח סעמיועל פּאַרישעס טאָכטער, בעטי, 11 יאָר אַלט, האָט איינגעלאַדן אַ גרופּע מיידלעך צו זיך אין הויז. די אַטמאָספֿערע אין שטעטל איז דורך די רעליגיעזע דערציער געווען אָנגעפּילט מיט אַלערליי אַבערגלויבישע געשיכטעס פֿון „שדים און רוחות". די דינסט אין הויז, אַ שקלאַפֿין, אַ האַלבע נעגערין און אַ האַלבע אינדיאַנערין, האָט אַמוזירט די מיידלעך מיט „טרעפֿעניש" אין „לייענען די צוקונפֿט" און „טרעפֿן דעם מזל" אויף די הענט. די קינדער האָבן גע־טראַכט, אַז זיי באַגייען דערמיט אַ גרויסע עבֿירה: זיי גיבן זיך אָפּ מיט „שוואַרץ־קונסט", קעגן וועלכער די גלחים האָבן אַזוי שטאַרק געוואָרנט, און זיי זיינען געוואָרן נערוועז און היסטעריש.

די עלטערן האָבן גערופֿן אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט דערקלערט, אַז די קינדער „ליידן פֿון אַ כישוף".

מער האָט מען ניט געדאַרפֿט. מען האָט די אָרעמע שקלאַפֿין געשלאָגן און אַזוי לאַנג געפּייניקט, ביז זי האָט זיך „מודה־געווען", אַז זי האָט „פֿאַר־כישופֿט" די קינדער. דער גלח פּאַריש האָט געקענט אַ פֿרוי, אויף וועלכער

ער איז געווען אין כעס, האָט ער געפרעגט די קינדער, צי זיי האָבן געקוקט אויף דער דאָזיקער פרוי, און ווען די קינדער האָבן געענטפערט „יאָ“, איז אויך די פרוי פאַרמשפט געוואָרן צו דער תליה.

אין סעילעם האָט געוואוינט אַן אַלטער מאַן, גילעס גאַרעי, וועלכער איז געווען זייער אַ היציקער, אָבער קיין פאַרברעכער איז ער ניט געווען. מען האָט קעגן אים געבראַכט פאַרשיידענע קלאַגעס, און ער איז געפונען געוואָרן אומשולדיק. האָבן זיינע שונאים באַשלאָסן אָפּצורעכענען זיך מיט אים דורך אָנקלאָגן אים אין „כישוף־מאַכעריי“. ער איז געווען איינגעעקשנט און האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דערקלערן זיך „שולדיק“, אָדער „אומשולדיק“.

האָבן די ריכטער באַשלאָסן, אַז הענגען איז אַ צו גרינגער טויט פאַר אים, און זיי האָבן אים פאַרמשפט היגעריכטעט צו ווערן דורך אַריינלייגן זיין לעבעדיקן קערפּער צווישן צוויי טירן און אים צעקוועטשן אויף טויט. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס אַזאַ שרעקלעכער טויט איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַמעריקע.

די היסטעריע אין סעילעם איז מיט דער צייט געוואָרן אַן עפּידעמיע. מען האָט זיך געשראָקן פאַר די „מכשפים“, און אומעטום האָט מען געזוכט די „פאַרברעכער“. אָנקלאָגן עמיצן אין כישוף האָט פּשוט געמיינט יענעם פאַרמשפּטן. מענטשן, וועלכע האָבן געטראָגן אַ האַס אויף עמעצן, פלעגן דאָס אויסנוצן און באַשולדיקן אים אין כישוף. ווען דער אָנגעקלאָגטער פלעגט פּרוּוון לייקענען זיין שולד, האָט מען אים געמאַטערט מיט שרעקלעכע פּייניקונגען, ביז ער האָט זיך „מודה געווען“. אויב דער באַשולדיקטער האָט זיך ניט מודה געווען און האָט אַלץ געשריגן, אַז ער איז אומשולדיק, איז עס געווען דער בעסטער „באַווייז“, אַז דער „ניט־גוטער“ שטאַרקט אים און העלפט אים צו פאַרלייקענען. די, וואָס האָבן זיך „מודה געווען“, האָבן אַמאָל געראַטעוועט זייערע לעבנס און זיינען אָפּגעקומען מיט טורמע־שטראָף.

אויב איינער האָט געוואַגט צו צווייפלען אין דער גאַנצער עקזיסטענץ פון כישוף, איז ער באַלד אָנגעקלאָגט געוואָרן, ווייל דאָס איז געווען אַ באַווייז, אַז ער איז אַליין אַ מכשף, — און ער פלעגט פאַרמשפּט ווערן.

דער גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוזעטס אין יענער צייט, סיר וויליאַם פהיפּס, איז געווען אינגאַנצן אונטערן איינפלוס פונעם גלח קאַטאָן מאַטהער. ער האָט באַשטימט אַ ספּעציעלן געריכט (די ריכטער סטאַוטאָן, סאַנטאַנסטאַל און סועל) זיך אָפּצוגעבן מיט משפּטן די אָנגעקלאָגטע אין „כישוף־מאַכעריי“. די פרוי ברידזשעט בישאָפּ איז געווען דער ערשטער קרבן אויפגעהאַנגען צו ווערן דורך דעם נייעם געריכט, כאָטש זי האָט געשריגן, אַז זי איז אומשולדיק.

צוויי משפחות אין סעילעם, די ענדיקאָטס און די נאַרסעס, האָבן גע־

האָט צווישן זיך אַ סכסוך איבער לאַנד. האָט איין מאָל פּאַסירט, אַז די ענ־דיקאָט־קינדער האָבן זיך גענומען קייקלען אין קאָנוואולסיעס. די ענדיקאָטס האָבן באַלד באַשולדיקט מרס. פּרענסיס נאָרס אין נוצן כישוף קעגן די קינדער. און הגם מרס. נאָרס, אַן איידעלע, פיינע פרוי, האָט געווירקט אויף דער „דזשורי", און זי איז דערקלערט געוואָרן „אומשולדיק", האָבן די ריכ־טער געצוואונגען די דזשורי אַרויסצוגעבן אַן אורטייל „שולדיק", און מרס. נאָרס איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף דעם „כישוף־באַרג".

דער דערמאָנטער גלח פּאַריש האָט אָנגעקלאָגט אפילו אַ צווייטן גלח אין „כישוף", און דער גלח איז אויפגעהאָנגען געוואָרן.

אין משך פון יענעם יאָר (ביזן סוף סעפּטעמבער, 1692) זיינען צוואַנציק מענטשן הינגעריכטעט געוואָרן; 55 זיינען אַזוי געפּייניקט געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך „מודה געווען"; 150 מענטשן האָבן געוואַרט אין טורמע אויף זייער משפּט; און נאָך העכער 200 זיינען געווען אָנגעקלאָגט.

אָבער ענדלעך האָט די היסטעריע געפּלאַצט. מענטשן האָבן גענומען פּראָטעסטירן. ריכטער סאָנטאָסטאָל האָט רעזיגנירט. דער גאָווערנאָר האָט באַפרייט פון טורמע אַלע אָנגעקלאָגטע אין כישוף. די אַסעמבלי פון מאַ־סאַטשוזעטס האָט באַשטימט אַ תענית צו בעטן „פאַרגעבונג ביי גאָט פאַר די ביטערע טעותן". דער גלח פּאַריש האָט געמוזט פאַרלאָזן סעילעם מחמת דעם צאָרן פון דער באַפעלקערונג און דער ריכטער סועל האָט זיך עפנט־לעך געשלאָגן „על חטא" פאַר זיינע זינד.

די כישוף־משפּטים פון סעילעם זיינען פאַרבליבן אַ מיאוסער פלעק אויף דער אַמעריקאַנער געשיכטע. סעילעם האָט געקראָגן דעם נאָמען די „כישוף־שטאָט".

ס'איז צו האָפן, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען אונדזער לאַנד וועט זיך שעמען מיט די משפּטים אויף קאָמוניסטן און שלום־קעמפער, ווי זי שעמט זיך מיט די געשעענישן אין סעילעם אין יאָר 1692.

פאַרפאָלגונגען אויף „קוועיקערס״

די „קוועיקערס״, אָדער ווי זיי רופן זיך אַליין „די סאָסאַיעטי אָוו פרענדס״, זיינען אַ רעליגיעזע סעקטע, וועלכע האָט אָפּטיילונגען אין די פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד און פירט־אָן איר טעטיקייט אומגעשטערט. אָבער די געשיכטע פון די „קוועיקערס״ איז פול מיט שרעקלעכע פייני־קונגען און פאַרפאָלגונגען. די „קוועיקערס״ וואָלטן שוין לאַנג געווען אונ־טערגעגאַנגען, ווען ניט זייער פאַרעקשנטער גלויבן אין זייערע אידייען. זייערע פיאָנערן האָבן זיך מוסר־נפש געווען, זיינען געגאַנגען שטאָלץ צו דער תליה און זיך נישט אונטערגעגעבן. און וויפל דעפּאָרטאַציע־געזעצן און קערפּערלעכע שטראָף עס זיינען נישט אָנגעווענדט געוואָרן קעגן זיי, האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי זייער גלויבן.

די „קוועיקערס״ האָבן זיך געגרינדעט אין ענגלאַנד אינמיטן פון 16טן יאָרהונדערט. זייער אָרגאַניזאַטאָר איז געווען אַן אָרעמער שוסטער, דזשאָרדזש פאַקס. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די אָפיציעלע קירך האָט גע־הערשט מיט איר פולער מאַכט, און די גלחים זיינען געווען די באַלעבאַטים איבער די לעבנס פון דער באַפעלקערונג. פאַקס האָט רעוואָלטירט קעגן דער הערשאַפט פון דער קירך, און האָט געפּריידיקט צווישן די מאַסן דעם געדאַנק, אַז דער גייסט פון גאָט געפינט זיך אין יעדן מענטשן, אַז עס זיינען ניט נויטיק קיין גלחים און קיין קירכן צו דינען גאָט, נאָר יעדער איינער קאָן פערזענלעך תפילה־טאָן צו גאָט. די אָנהענגער פון דזשאָרדזש פאַקס האָבן אָנגענומען אַ פּרינציפּ זיי זאָלן ניט אַראָפּנעמען זייער הוט פאַר קיינעם, מעג עס זיין דער קעניג אַליין. יעדער מענטש דאַרף גערופן ווערן „פריינט״. יעדן מענטשן האָבן זיי גע„דו״צט אָנשטאָט גע„איר״צט. זיי האָבן זיך אַלע געקקליידט אין פשוטע מלבושים.

אָנשטאָט קירכן האָבן זיי געהאַט „פאַרזאַמלונג־הייזער״, וואוהין זיי פלעגן קומען אָפּריכטן גאָטעס־דינסט. אפילו חתונה־צערעמאָניעס האָבן זיי דורכ־געפירט אָן רעליגיעזע פאַרמיטלער. דער חתן מיט דער כלה פלעגן קומען אין דעם פאַרזאַמלונג־הויז, און פאַר אַלעמען אינדערהויך לאָזן וויסן, אַז זיי נעמען זיך פאַר מאַן און ווייב. זיי פלעגן אונטערשרייבן זייערע נעמען, און די אָנוועזנדע האָבן אונטערגעשריבן זייערע נעמען אַלס עדות. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אַ שבועה דערקלערנדיק, אַז אַן ערלעכער מענטש דאַרף ניט שווערן, אַז ער זאָגט אמת, און אַ ליגנער וועט שווערן פאַלש. זיי האָבן אויך געפּריידיקט קעגן מלחמה.

די ענגלישע רעגירונג האָט זיי באַלד גענומען פאַרפאָלגן און פאַרבאָטן זייערע פאַרזאַמלונגען. עטלעכע טויזנט „קוועיקערס״ זיינען איינגעזעצט געוואָרן, פון זיי זיינען דריי הונדערט געשטאָרבן אין תפיסה.

די פֿאַרפֿאָלגטע „קוועיקערס“ אין ענגלאַנד האָבן געהאָפֿט, אַז אין אַמעריקע וועלן זיי קענען פֿריי אָנגיין מיט זייער גלויבן. אין 1656 זיינען די ערשטע צוויי „קוועיקערס“, די פֿרויען ען אָסטין און מערי פֿישער, געקומען קיין באָסטאָן. אָבער אין אַמעריקע האָט מען שוין געהערט פֿון דער „געפֿערלעכער“ סעקטע: איינע פֿון די פֿרויען האָט אויף דער שיף אַדרעסירט דעם קאַפּיטאַן מיט „דו“, אָנשטאָט „איר“, און דאָס איז געווען גענוג צו דערוויסן זיך, אַז דאָס זיינען „קוועיקערס“. מען האָט די צוויי פֿרויען אַרעסטירט באַלד ביים אָנקומען און געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט פֿינף וואָכן. דער ריכטער האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע פֿרויען זיינען געפֿערלעכע אַפּיקורסים, גאָט־לעסטערער, וועלכע זיינען געקומען אַהער פֿאַרשפּרייטן זייערע שעדלעכע געדאַנקען און מען האָט זיי דעפּאָרטירט צוריק קיין ענגלאַנד.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען נאָך אַ שיף מיט ניין „קוועיקערס“. אויך זיי זיינען באַלד אַרעסטירט געוואָרן, און נאָך עלף טעג אין טורמע האָט מען זיי צוריקגעשיקט קיין ענגלאַנד.

כדי צו מאַכן זיכער, אַז עס זאָלן מער ניט קומען קיין „קוועיקערס“ קיין אַמעריקע, האָט דער געריכט אין מאַסאַטשוזעטס אָנגענומען אַ געזעץ אַרויפֿצולייגן אַ גרויסע שטראָף אויף די שיף־באַאַמטע און אַנדערע, וועלכע וועלן געפֿינען ווערן שולדיק אין ברענגען „קוועיקערס“ אין דער קאָלאָניע פֿון מאַסאַטשוזעטס. דאָס געזעץ האָט אויך געזאָגט, אַז די „קוועיקערס“, וואָס וועלן קומען, זאָלן באַלד אַרעסטירט און געשמיסן ווערן; קיינעם איז ניט דערלויבט צו רעדן מיט זיי; ווער עס וועט פֿאַרטיידיקן זיי, אָדער זייערע ביכער, זאָל באַשטראָפֿט ווערן מיט 40 שילינג און שפּעטער מיט טורמע. אָבער דאָס איז געווען אַ „צו־שוואַכע“ שטראָף, און מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, דעם 14טן אָקטאָבער, 1657, איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, אַז אַ „קוועיקער“, וועלכער קומט קיין אַמעריקע, זאָלן מען פֿאַר זיין ערשטן פֿאַרברעכן אָפּשניידן אַן אויער, און פֿאַר זיין צווייטן פֿאַרברעכן — דעם צווייטן אויער. „קוועיקערס“ פֿרויען זאָלן באַשטראָפֿט ווערן דורך שמיץ אויפֿן נאַקעטן לייב און דערנאָך זאָל מען זיי אַרויסשיקן פֿון לאַנד. אויב זיי קומען נאָכאַמאָל, זאָל מען זיי אויך אָפּשניידן די אויערן; און פֿאַר אַ דריטן מאָל קומען אין לאַנד זאָל מען זייער צונג אויסבויערן מיט אַ הייסן אייזן. די־זעלבע שטראָף זאָל געגעבן ווערן צו געבוירענע אַמעריקאַנער, וועלכע וועלן אָננעמען דעם גלויבן פֿון די „קוועיקערס“.

די שטראָפֿן זיינען דורכגעפֿירט געוואָרן מיט דער גאַנצער ברוטאַליטעט. פֿרויען זיינען אויסגעטאָן געוואָרן האַלב־נאַקעט, מען פֿלעגט זיי געבן שמיץ, צובינדן צו אַ וואָגן און זיי שלעפּן נאַקעטערהייט איבער די גאַסן, כדי אָנצוּוואַרפֿן אַ שרעק אויף אַנדערע. מ׳פֿלעגט אויך באַשטראָפֿן „קוועיקערס“ דורך

אויסברענען אויף זייער לייב אַן אות. אין ניו־העיווען פלעגט מען אויס־ברענען דעם בוכשטאַב „ה", וואָס האָט געמיינט „הערעטיק" (אפּיקורס).

די „קוועיקערס" קריסטאָפער האָלדען, דזשאָן קאָפּלאַנד און דזשאָן רוס, וועלכע זיינען צום צווייטן מאָל אַריינגעקומען אין לאַנד, האָט מען יעדן מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן דעם רעכטן אויער.

אָבער די אַלע שטראָפן און געזעצן האָבן ניט אָפּגעשטעלט די אימיגראַ־ציע פון „קוועיקערס". און דעם 19טן אָקטאָבער 1658 איז אין מאַסאַטשוזעטס אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, וואָס האָט באַשטראָפט די „קוועיקערס", וועלכע וואָגן צו קומען צוריק אין מאַסאַטשוזעטס.

די „קוועיקערס" וויליאַם ראָבינסאָן און מאַרמאַדוק סטיוועַנסאָן זיינען אין 1659 אָנגעקומען קיין באָסטאָן. זיי זיינען באַלד אַרעסטירט געוואָרן און געקראָגן אַ באַפעל צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע. זיי האָבן דאָס געטאָן, אָבער זיי זיינען באַלד געקומען צוריק. זיי זיינען ווידער אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפּט געוואָרן צו שטאַרבן אויף דער תּליה.

מערי דייער, אַ „קוועיקער"־פּריידיקערין, וועלכע איז געקומען אין טורמע צו געבן דערמוטיקונג צו די צוויי פאַרמשפּטע, איז אויך אַרעסטירט גע־וואָרן און געפירט געוואָרן צו דער תּליה צוזאַמען מיט זיי. אין דער צייט, ווען מען האָט די אַנדערע צוויי „קוועיקערס" אַרויפגעפירט צו דער תּליה, האָט מערי דייער צו זיי אויסגערופן צו האַלטן זיך שטאַרק ביי זייער גלויבן. די פּאָליציי האָט באַפוילן צו פאַרטומלען אירע ווערטער דורך קלאַפּן אין פּויקן. נאָכדעם האָט מען מערי דייער פאַרבונדן די אויגן, געבונדן הענט און פיס, און זי געפרעגט: „ווילסטו זיך אָפּזאָגן פון די ,קוועיקערס'? „קיינ־מאָל ניט" — האָט די מאַרטירערין אויסגעשריען, — מיר זיינען פאַר דעם אמת".

פון צווישן דעם עולם האָבן זיך דערהערט אויסרופן, מען זאָל אָפּלייגן די הינריכטונג. גאָווערנאָר ענדיקאָט האָט דאַן באַפוילן, אַז מען זאָל זי אַרויסשיקן פון באָסטאָן, נאָר זי טאָר מען ניט צוריקקומען.

אָבער מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז מערי דייער ווידער געקומען קיין באָסטאָן. מען האָט זי געבראַכט פאַר גאָווערנאָר ענדיקאָט. „דו ווייסט, אַז דו ביזט פאַראורטיילט צום טויט?" — האָט דער גאָווערנאָר געפרעגט. „איך ווייס" — האָט זי געזאָגט — „און איך בין געקומען דיך דערמאָנען וועגן דער אומגערעכטיקייט פון דיינע געזעצן און דיך וואָרענען, אַז דו זאָלסט תּשובה טאָן".

„ביזט נאָך אַלץ אַ ,קוועיקער'?"

„מען רופט מיך נאָך אַזוי".

„מיין באַפעל איז, אַז מאָרגן, 9 אַזייגער אינדערפרי, זאָל מען דיך אויפ־הענגען".

„די ווערטער קלינגען ווי עפּעס, וואָס דו האָסט שוין פריער אַמאָל גע־זאָגט", האָט זי געענטפערט.

אינדערפרי האָט מען זי געבראַכט אויף באָסטאָן קאָמאָן. אַ גרויסער עולם איז געקומען צוזען די גרויל־סצענע. באָסטאָן האָט יענעם טאָג גע־האַלטן יום־טוב.

ווען מען האָט מערי דייער אַרויפגעפירט צו דער תליה, האָט איינער צו איר אויסגערופן: „האָב חרטה, מערי דייער! זאָג זיך אָפּ פון דיינע אפיקורסות".

„קיינמאָל ניט!" — האָט זי געענטפערט. — „איך האָב ניט אויף וואָס חרטה צו האָבן".

און דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער פון דער „קוועיקער"־מאַר־טירערין מערי דייער.

נאָך אַ „קוועיקער", וויליאַם לעדראַ, איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אין 1661.

די דאָזיקע טויט־אורטיילן האָבן אויפגערודערט די באַפעלקערונג פון באָסטאָן. אַלץ מער איינוואוינער האָבן גענומען פאָדערן אָפּצושאַפן די אומ־מענטשלעכע געזעצן. אין 1661 זיינען די אַלע געזעצן צוריקגעצויגן גע־וואָרן, און מען האָט זיך גענומען באַציען מער טאָלעראַנט צו די „קוועי־קערס". אייניקע „קוועיקערס" האָבן געפונען שוץ אין ראָוד־איילאַנד, וואו דער פרייהייטס־ליבנדער ראַדזשער וויליאַמס האָט זיי פריינטלעך אויפגענו־מען. אַנדערע האָבן אַוועקגעוואַנדערט קיין וועסט ניו־דזשוירזי, וואו זיי האָבן געקויפט לאַנד פון די אינדיאַנער און זיך דאָרט באַזעצט. אין קעגנ־זאַץ צו די פריערדיקע אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן, האָבן די „קוועיקערס" אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט צו די אינדיאַנער און געלעבט מיט זיי בשלום.

די „קוועיקערס" האָבן דערנאָך געפונען אַ מקום־מקלט אין אַן אייגענער קאָלאָניע, געגרינדעט דורך וויליאַם פען, אַן ענגלישער „קוועיקער", וועל־כער האָט שוין לאַנג געזוכט אַ פּלאַץ פאַר אַ קאָלאָניע פאַר די אונטער־דריקטע „קוועיקערס".

דער ענגלישער קעניג איז געווען אַ בעל־חוב צו וויליאַם פענס פאָטער, אַן ענגלישער אַדמיראַל, און ער האָט דעם זון אָפּגעצאָלט דורך געבן אים אַ שטיק לאַנד אין אַמעריקע אין דעם געגנט, וואו עס געפינט זיך פּענסיל־וועניע. פען האָט געגרינדעט דעם שטאַט פּענסילוועניע, וואָס טראָגט זיין נאָמען, און ער האָט אויסגעפּלאַנירט די שטאָט פילאַדעלפיע, וואָס ווערט גע־רופן „ברידערלעכע ליבע". דאָרט האָבן די „קוועיקערס" געפונען פרייהייט, און אין דערזעלבער צייט איז זייער לאַגע פאַרבעסערט געוואָרן איבערן לאַנד.

די געשיכטע פון די „קוועיקערס" איז אַ וויכטיקער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר פרייהייט פון גלויבן אין אַמעריקע, אַ ביישפּיל פון מאַרטירערטום און אַנטשלאָסנקייט פון קעמפער פאַר אַן אידייע.

פאַרפאָלגונגען אויף קעגנער פון שקלאַפעריי

יעדע נייע פּראָגרעסיווע אידייע אין אַמעריקע איז באַקעמפט געוואָרן דורך די מאַכט־האָבער. עס האָט געקאָסט אומצאָליקע קרבנות צו ברענגען די נייע אידייען צום פאָלק. אַזוי, למשל, האָט אין 1828 אין שטעטל לעב־קעסטער, אָהאַיאָ, געזאָלט פאָרקומען אַ דעבאַטע איבער דער פראַגע צי אייזנ־באַנען זיינען פּראַקטיש פאַרן פאָלק, אָדער ניט. די אָרגאַנזשירער פון דער דעבאַטע האָבן זיך געווענדט צו די שול־באַאַמטע פון שטעטל נאָך אַ דער־לויבעניש צו נוצן אַ שול־געביידע פאַר דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג. די שול־באַאַמטע האָבן באַטראַכט אַזאַ דעבאַטע פאַר אַ לעסטערונג פון גאָט און אָפּ־געזאָגט זיך צו געבן די געביידע מיט דער דערקלערונג: „ווען גאָט וואָלט געוואָלט, אַז זיינע באַשעפענישן זאָלן פאָרן מיט אַזאַ שרעקלעכער שנעלקייט, ווי פופצן מייל אַ שעה, וואָלט ער עס אָנגעזאָגט אין דער ביבל“.

גאָר גרויסע צרות און פאַרפאָלגונגען זיינען זיך אויסגעשטאַנען די פריי־הייט־ליבנדיקע מענטשן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן געוואַגט אַרויסצוזאָגן זיך קעגן שקלאַפעריי פון די נעגער־מאַסן. די „אַבאָליציאָניסטן“ זיינען געלינטשט געוואָרן דורך די אָנהענגער פון שקלאַפעריי.

לויט אַ באַריכט אין „ליבערעיטאָר“ פון 19טן דעצעמבער 1856, זיינען אין 20 יאָר צייט געלינטשט געוואָרן העכער דריי הונדערט ווייסע מענטשן אין די דרום־שטאַטן פון אַמעריקע פאַר פריידיקן זייערע אידייען. און די מערסטע געלינטשטע זיינען געווען פרידלעכע מענטשן, וועלכע האָבן גע־זוכט צו אַפּעלירן צו דער אינטעליגענץ און געוויסן פון די שקלאַפן־האַלטער וועגן דער אומגערעכטיקייט פון שקלאַפעריי.

אייניקע היסטאָריקער ווילן מילדער מאַכן דעם פאַרברעכן דורך דער־ציילן, אַז די געלינטשטע זיינען געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן אַרויסגנבענען שקלאַפן, אָדער זיי רופן צו אַן אויפשטאַנד. עס איז אָבער די מיינונג פון פיל אַנדערע, אַז אַזאַ באַהויפּטונג איז מיינסטנס פאַלש.

אַ לאָיער, וואָס האָט געוואַגט צו פאַרטיידיקן אַ שקלאַף אין די דרום־שטאַטן, האָט מען געדראָעט מיט טויט. כמעט אין יעדער שטאָט פון די דרום־שטאַטן זיינען דערנאָך אָנגענומען געוואָרן געזעצן צו אַרעסטירן און באַ־שטראָפן מיט אַ יאָר טורמע און מיט 500 דאָלאַר געלט־שטראָף יעדן איינעם,

וואָס אַגיטירט מינדלעך אָדער דורך שריפט, אַז די אייגנטימער האָבן ניט קיין רעכט צום אייגנטום פון זייערע שקלאַפן.

אין ווירדזשיניע איז געווען אין אַ געזעץ אַ צוגאָב, אַז פאַר אויפרייצן שקלאַפן צום אויפשטאַנד קומט טויט־שטראָף.

פאַר פאַרקויפן די אַנטי־שקלאַפעריי צייטונג, „די ליבערעיטאָר", איז דזשאָן לעמב אין פעטערסבורג, ווירדזשיניע, אויסגעשמירט געוואָרן מיט פעך און פעדערן און געשמיסן געוואָרן.

אַ סטודענט מיטן נאָמען אַמאָס דרעסנער, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרקויפן ביכער, איז אין יולי 1835 אַרעסטירט געוואָרן אין טענעסי אַלס אַן „אַגענט פון די אַבאָליציאָניסטן", ווייל מען האָט אין זיין רענצל געפונען דריי ביכער פון אַבאָליציאָניסטן. די ריכטער האָבן צוגעגעבן, אַז דרעסנער האָט ניט איבערגעטראָטן קיין אָנגענומענעם געזעץ. אָבער, האָבן זיי געזאָגט, כדי צו באַשיצן די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי מוז מען אָננעמען אַ געזעץ צו דער געלעגנהייט. מען האָט אים געפונען שולדיק אין געהערן צו אַן אַנטי־שקלאַפן־געזעלשאַפט און פאַר האָבן ביכער פון אַן אַנטי־שקלאַפעריי טענדענץ. האָט מען אים פאַרמשפּט צו 24 שמיץ אויפן הוילן קערפּער און אים באַפוילן צו פאַרלאָזן די שטאָט.

די גוואַלדטאַטן קעגן די „אַבאָליציאָניסטן" זיינען פאָרגעקומען ניט נאָר אין די דרום־שטאַטן, נאָר אויך אין די צפון־שטאַטן, ווי דער פאַל מיט די באַרימטע פריהייטס־קעמפער וויליאַם ללאָיד געריסאָן און על. לאַוודזשאָי.

איינע פון די העסלעכסטע מעשים פון דער צעיושעטער באַנדע קעגן דער אַנטי־שקלאַפעריי פּראָפּאַגאַנדע איז געווען דאָס פאַרברענען די געביידע פון אַ פאָלקס־אינסטיטוט „פענסילוועניע האָל" אין פילאַדעלפיע.

די געביידע איז אָפּגעקויפט געוואָרן דורך פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון פאַרשידענע ריכטונגען, מיטן צוועק צו האָבן אַ פּלאַץ, וואו די פּרינציפּן פון פריהייט, גלייכהייט און ציווילע רעכט זאָלן דיסקוטירט ווערן און דער איבל פון שקלאַפעריי זאָל אָפּן אַרויסגעבראַכט ווערן.

די געביידע, וואָס האָט געקאָסט 40 טויזנט דאָלאַר, איז געעפנט געוואָרן דעם 14טן מאַי 1838 מיט אַ גרויסן מיטינג. אין דריי טעג אַרום איז די געביידע פאַרברענט געוואָרן דורך אַ צעיושעטער באַנדע. זיי האָבן אויך פאַרברענט אַ דערבייאיקע געביידע, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ יתומים־הויז פאַר נעגער־קינדער, און האָבן אַטאַקירט אַ נעגער־קירך.

איניקע „אַבאָליציאָניסטן" האָבן ניט געגלויבט אין פּאָליטישער אַקציע. אַ שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען, און פאַרשידענע אַנטי־שקלאַפעריי פאַרטייען זיינען געגרינדעט געוואָרן. ביז ערשט אין 1854 האָבן זיי פאַראייניקטערהייט געגרינדעט די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי.

אָבער אויך די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז דעמאָלט פאַרשריען געוואָרן דורך דער רעאַקציע אַלס „געפערלעך“ פאַרן די אינטערעסן פון לאַנד. אַ באָסטאָנער צייטונג, די „באָסטאָן קוריער“, האָט געשריבן: „דער אמת איז, אַז רעפּובליקאַניזם איז ניט מער, אָדער ווייניקער, ווי ראַדיקאַליזם. מיר מיינען ניט צו זאָגן, אַז אַלע רעפּובליקאַנער זיינען ראַדיקאַלן. זייער וויט פון דעם. אָבער די דורכפירונג פון איר לערע איז פאַר דעם ציל פון ראַדיקאַליזם. ער איז אַ קאַמף פאַר דעם ציל זיך אַרויסצודרייען פון אַלע שטערונגען פון געזעץ און דערפאַר געפינט איר אין די רייען פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אַלע, וועלכע ספּעקולירן וועגן מאָראַל, רעליגיע, רעגירונג און סאָציאַלער רעוואָלוציע“.

גוואַלד־טאַטן קעגן אַנטי־שקלאַפעריי אַגיטאַטאָרס זיינען דורכגעפירט געוואָרן ניט נאָר דורך אויפגעהעצטע כאַפּטעס, נאָר אויך אין קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן. דער באַרימטער שטאַטסמאַן פון מאַסאַטשוזעטס, סענאַטאָר טשאַרלס סאָמנער, האָט דעם 22טן מאַי 1856 געקראָגן צעשפּאָלטן דעם קאָפּ אין סענאַט־הויז, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַלטן אַ רעדע קעגן שקלאַפעריי.

דער שלעגער איז געווען אַ קאָנגרעסמאַן, פּרעסטאָן ס. ברוקס, פון סאָוט־קאַראָלאַינאַ. דער סענאַטאָר איז באַלד געפאַלן אַ צעבלוטיקטער, באַוואוסט־לאָז, אויפן דיל פון סענאַט. עס האָט גענומען פיר יאָר צייט, ביז דער סענאַטאָר איז געזונט געוואָרן.

ברוקס איז באַשטראָפט געוואָרן מיט דריי הונדערט דאָלאַר. זיינע אָנהענגער האָבן באַצאָלט פאַר אים די שטראָף, און ער איז דערנאָך אָן אָפּאָזיציע ווידער דערוויילט געוואָרן אַלס קאָנגרעסמאַן.

אין אַ סך פלעצער זיינען אַגיטאַטאָרן קעגן שקלאַפעריי געשלאָגן געוואָרן און אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטאָט. צייטונגען פון די קעגנער פון שקלאַפעריי זיינען געשטערט געוואָרן אין זייער צירקולאַציע. די „ניו־יאָרק טריביון“ האָט דעם 2טן דעצעמבער 1859 געקראָגן אַ נאָטיץ פונעם פּאָסט־אָפיס פון לינטשבורג, ווירדזשיניע, אַז אין דער צוקונפט וועט דער פּאָסט־אָפיס זיך אָפּזאָגן צו ברענגען די צייטונג צו די אַבאָנענטן פון שטעטל, ווייל לויט דער מיינונג פונעם פּאָסט־מייסטער, איז די „טריביון“ אַ צייטונג „פון אַן אויפרייצנדיקן כאַראַקטער“ קעגן דער זיכערקייט פון לאַנד.

אויך קאַטאָליקן קרבנות פון „מכשפה־געיעגן״

אין די לעצטע העצע־קאַמפּאַניעס קעגן פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אַמעריקע שפּילן די פירער פון דער קאַטוילישער קירך אַ באַדייטנדיקע ראָל. עס איז אָבער געווען אַ צייט אין אַמעריקע, ווען די קאַטאָליקן אַליין זיינען געווען קרבנות פון היסטעריע־העצעס און זיינען געווען פאַרפאָלגט אויף אַ שרעקלעכן אופן.

קאַטוילישע קירכן און מאָנאַסטירן זיינען באַפאַלן געוואָרן, פאַרגראַמירט און פאַרברענט געוואָרן. אומשולדיקע מענטשן זיינען געשלאָגן און גע־טויט געוואָרן. ספּעציעלע „אויספאָרשונג־קאָמיסיעס״ זיינען באַשטימט גע־וואָרן צו „אונטערזוכן״ קאַטוילישע אינסטיטוציעס, און אַ קאַמפּאַניע פון האַס איז קעגן זיי אָנגעפירט געוואָרן.

געווען איז עס אין די יאָרן פון 1830 ביז 1860. עס איז דעמאָלט אָנ־געגאַנגען אַ גרויסער עמיגראַציע־שטראָם קיין אַמעריקע. פון יאָר 1825 ביז 1845 זיינען אין לאַנד אָריינגעקומען מער ווי אַ מיליאָן אימיגראַנטן. דער גרויסער הונגער אין אירלאַנד האָט געבראַכט קיין אַמעריקע מאַסן איר־לענדישע אימיגראַנטן. אין די פינף יאָר פון 1845 ביז 1850 זיינען געקומען מער ווי צוויי מיליאָן אייַנוואַנדערער. די באַלעבאַטים פון די נייע וואַקסנ־דיקע אינדוסטריעס אין אַמעריקע האָבן אויסגענוצט די נייע אימיגראַנטן צו אַרבעטן פאַר קליינע שכירות, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שנאה ביי די אַמע־ריקאַנער־געבוירענע צו די פריש־אַריינגעקומענע.

האַס קעגן פרעמד־געבוירענע איז אַלעמאָל געווען אַ העץ־מיטל צו פאַרטומלען די מוחות פון די אַמעריקאַנער מאַסן, אַז די קריזיסן און אַלע צרות קומען ניט פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, נאָר אַז שול־דיק איז אין דעם דער „פרעמדער״.

אין אַמעריקע איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען די גרויסע באַוועגונג קעגן נעגער־שקלאַפערייַ. די פאַגראַמען און איבערפאַלן אויף די „אַבאָליציאָניסטן״ (קעמ־פער קעגן נעגער־שקלאַפערייַ) זיינען אַ טרויעריק קאַפּיטל אין דער אַמערי־קאַנער געשיכטע. כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם איבל פון מענטשן־שקלאַפערייַ, האָבן די שקלאַפן־אייגנטימער אויפגעהויבן אַ העצע קעגן קאַטאָליקן.

עס זיינען געגרינדעט געוואָרן אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געפירט אַגי־טאַציע קעגן פרעמד־געבוירענע און פאַר דער הערשאַפט פון הי־געבוירענע אַמעריקאַנער. אין ניו־יאָרק איז אין 1844 דערוווילט געוואָרן דער גאַ־

ווערנאָר דזשעימס האַרפּער אויף אַ וואַל־צעטל פון „נעיטיוו אַמעריקאַנס" (געבוירענע אַמעריקאַנער). אין 1852 האָט זיך געגרינדעט די פּאָליטישע „אַמעריקאַן פּאַרטיי", וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „נאָו נאָ־טהינג פּאַרטי". דעם נאָמען האָט זי געקראָגן דערפאַר, וואָס אירע מיט־גלידער פלעגן אויף אַלע פראַגן וועגן זייער אָרגאַניזאַציע ענטפערן: „איך וויס גאָרנישט".

די „נאָו נאָטהינג פּאַרטיי" האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אָנ־צופירן אַ „קאַמפּאַניע" קעגן קאַטאָליקן, וועלכע זיינען פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס אַזעלכע, וואָס „נעמען באַפעלן פון רוים", זיינען „ניט־לאָיאַל" צו אַמע־ריקע און אַז הונגעריקע אירלענדער קלייבן זיך צו „פאַרכאַפּן דאָס לאַנד".

אין 1833 איז אַ מאַנאַשקע אַנטלאָפן פון אַ מאַנאַסטיר אין טשאַרלס־טאַן, לעבן באָסטאָן. אָבער זי האָט זיך אומגעקערט צוריק. ציַיטונגען האָבן דאַן פאַרשפּרייט געשיכטעס, אַז מען האַלט זי דאָרט קעגן איר ווילן. די שטאָט־באַאַמטע פון באָסטאָן האָבן דעם 11טן אויגוסט 1834 באַזוכט דעם מאַנאַסטיר, דורכגעזוכט פון קעלער ביזן בוידעם, און נאָך דעמזעלבן אָוונט איז אַ באַנדע פון פינף ביז זעקס הונדערט באַפאַלן דעם מאַנאַסטיר, צעבראָכן דאָס מעבל, די טירן און פענצטער, און אונטערגעצונדן די געביידע. די שטאָטישע פייערלעשער האָבן ניט געמאַכט קיין פאַרזוך אָפּצולעשן די שריפה און די מאַנאַשקעס זיינען קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן.

אַ פּראָטעסט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באָסטאָן, און מען האָט אַרעס־טירט דרייצן פון די אָנפאַלער, אָבער מען האָט זיי אַלעמען געפונען „אומ־שולדיק", אויסער איינעם, וועלכער איז גראָד געווען ניט קיין שולדיקער.

כוליגאַנישע איבערפאַלן זיינען אויך געמאַכט געוואָרן אויף קאַטוילישע קירכן אין פילאַדעלפיע. צוויי קירכן זיינען דאָרט צעשמעטערט געוואָרן.

אין 1853 זיינען פאָרגעקומען ווילדע אויסברוכן קעגן קאַטאָליקן אין טשעלסי, מאַס., און אין סינסינעטי. אין דאָרטשעסטער האָט מען אויפגעריסן אַ קירך מיט דינאַמיט. בויאַנעס האָבן אויך געמאַכט פּאָגראָמען אויף קאַטוילישע קירכעס אין מאַנטשעסטער, ניו־העמפּשיר.

אין עלסוואָירט, מעין, איז געכאַפּט געוואָרן אַ קאַטוילישער גלח און אויסגעשמירט געוואָרן מיט פעך און פעדערן. אין סעינט לואיס איז פאָר־געקומען אַ „ראַיאָט", וואו צען מענטשן זיינען געטויט געוואָרן. אַ סך „ראַיאָטן" פלעגן פאָרקומען אין צייט פון די וואַלן פאַר פּאָליטישע אַמטן. אין קענטאַקי, ווען עס איז באַוואוסט געוואָרן, אַז די „נאָו נאָטהינג פּאַרטיי" האָט געזיגט, זיינען די „זיגער" באַפאַלן דעם קוואַרטאַל פון די קאַטוילישע איינוואוינער, און 22 לעבנס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. אין באַלטימאָר האָבן די „נאָו נאָטהינגס" אַזוי טעראָריזירט די קאַטאָליקן, אַז נאָר אין איין קוואַרטאַל איז

מען געוועזן זיכער צו שטימען. אין די איבעריקע טיילן פון שטאַט זיינען די אַנטי־„נאָו נאַטהינגס" ניט צוגעלאָזן געוואָרן צו שטימען.

איין ווילד מיטל אין צייט פון וואַלן איז געווען — צו פאַרכאַפּן בירגער פון דער קעגנערישער פּאַרטיי און זיי פאַרשפּאַרן ביז איבער די וואַלן אויף עטלעכע טעג. עס איז געווען אַ פאַל, ווען 150 מענטשן זיינען געווען פאַרשפּאַרט דריי טעג אין אַ קליינעם, שמוציקן פּלאַץ אָן סאַניטאַרישע באַדינגונגען.

„ראַיאָטן" זיינען אויך פאָרגעקומען אין מאָביל, אַלאַבאַמאַ, וואו אייגנטום פון קאַטוילויקן איז פאַרברענט געוואָרן דורך פאַנאַטישע „נאָו נאַטהינג"־מיטגלידער.

עס פלעגן געגרינדעט ווערן פאַרשידענע קלובן צו טעראָריזירן די פרעמדגעבוירענע קאַטאָליקן. אין די דרום־שטאַטן פלעגט די „נאָו נאַטהינג"־פּאַרטיי אָנפירן טעראָר קעגן דייטשישע אימיגראַנטן און זיי באַשולדיקן, אַז זיי סימפּאַטיזירן מיט די קעמפער קעגן שקלאַפעריי.

אין באָסטאָן איז פאָרגעקומען אַ סקאַנדאַל מיט אַ „מאַסאַטשוזעטס סמעלינג קאָמיטעט", אָן „אויסשפּיר־קאָמיטעט", וועלכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ מאַנאַסטיר זוכן חטאים. די קאָמיטעט אַליין האָט דערווייל הולטאַיעוועט אויפן חשבון פון דעם שטאַט, פאַרבראַכט אין די בעסטע האָטעלן, געשיכורט און אַריינגעבראַכט אין חשבון פון זייערע הוצאות די אויסגאַבן פון אַן אויסגעלאַסענער פרוי, וועלכע איז געווען מיט זיי. אָט־די קאָמיטעט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ מאַנאַסטיר, איבערגעקערט די מלבושים־אַלמערס פון מאַנאַשקעס און געמאַכט סקאַנדאַלן.

די האַנדלונג פון דער קאָמיטעט האָט געפירט דערצו, אַז מען האָט געדאַרפט באַשטימען אַ קאָמיסיע צו אונטערזוכן די „אונטערזוכונג קאָמיטע". דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער הויפּט פון דער „אונטערזוכונגס קאָמיטע" איז אויסגעשלאָסן געוואָרן.

אין 1855 האָט די פּאַרטיי דערוויילט גאָווערנאָרס און אַנדערע באַאַמטע אין די שטאַטן מאַסאַטשוזעטס, ניו־יאָרק, ראָוד־איילאַנד, קאָנעטיקוט, קענטאָקי און קאַליפאָרניע. אין מאַסאַטשוזעטס, וואו אָט־די פּאַרטיי האָט געקראָגן קאָנטראָל איבער דעם סטעיט־סענאַט און דער „אַסעמבלי", איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געזעץ, אַז נאָר אַמעריקאַנער־געבוירענע מעגן אָננעמען אַן אַמט און אַז 21 יאָר דאַרף אַן עמיגראַנט וואוינען אין לאַנד צו ווערן אַ בירגער.

די מעשים פון די „נאָו נאַטהינג" האָט זיי אַליין פאַרניכטעט. די פּאַרטיי האָט זיך אויפגעלייזט נאָך פאַר דעם בירגער־קריג, און די מיטגלידער זיינען אַריין אין אַנדערע עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען.

די אַגיטאַציע קעגן קאַטאָליקן האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט. אין אַ געוויסער מאָל עקזיסטירט זי נאָך איצט אויך און ווערט אָנגעפירט דורך דעם „קלו־קלוקס־קלען״.

אין יאָר 1860 האָט דאָס ביסל קאַטאָליקן, וואָס האָבן דאָן געוואוינט אין פּיקסוויל, ניו־יאָרק, גענומען בויען אַ קירך. זיינען זיי געשטערט געוואָרן פון די אַנטי־קאַטאָליקן. אויפגעבויטע טיילן פון דער געביידע פלעגן ביינאַכט צעשטערט ווערן; די שטיינער און ציגל פלעגן צעוואָרפן ווערן. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען, ביז די קאַטאָליקן האָבן געקראָגן צוהילף זייערע גלויבנס־גענאָסן פון אַ דערבייאיקן שטעטל און אוועקגעשטעלט אַ וואַך אויף דער גאַנצער נאַכט, ביז די קירך איז פאַרענדיקט געוואָרן.

אין 1887 האָט זיך געגרינדעט אין באָסטאָן אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „אַמעריקאַן פּראָטעקטיוו אַסאָסיעישאָן״, אָדער ווי מען פלעגט זי רופן פאַרקירצט: „עי־פּי־עי״. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַן אייגענע צייטונג, און אין יאָר 1895 האָט זי געציילט איבער צוויי מיליאָן מיטגלידער.

די „עי־פּי־עי״ פלעגט באַשולדיקן די קאַטאָליקן אין „אומטרייהייט״ צו אַמעריקע, אין זוכן „צו צעשטערן די אַמעריקאַנער רעגירונג און „פאַרכאַפּן אַמעריקע״. מען פלעגט מאַכן דיסקרמינאַציעס קעגן קאַטאָליקן ביים קריגן אַרבעט, און פאָדערן אויסנאַם־געזעצן קעגן זיי.

אפילו אַזוי שפּעט, ווי אין יאָר 1928 האָט דער „קלו־קלוקס־קלען״ פּלאַנירט צו פאַרברענען אַ צלם לעבן דער קאַטוילישער סעינט מעריס קירך אין ווערפּלענק, נעבן פּיקסקיל. די קאַטאָליקן האָבן זיך אָבער אָרגאַניזירט באַצייטנס און זיי פאַרטריבן פון שטאָט.

אַזוי זיינען מינדערהייטן, קעמפּער פאַר אַ נייער אידייע פאַרפאָלגט געוואָרן. אָבער אַלע מאָל האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע זיינען געווען בראַוו און זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון דער היסטעריע, און אַדאַנק דעם האָט דאָס לאַנד פּראָגרעסירט. די מינדערהייטן זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער טעטיקייט, און די צייטווייליקע היסטעריע איז אַריבער.

די „נאָו נאָטהינג״־פּאַרטיי און די „עי־פּי־עי״ זיינען איצט אַ שאַנדפלעק אין אַמעריקע און אַ זידל־וואָרט צו באַצייכענען אַן אַמעריקאַנער שאָוויניסט.

דענקמאָל נאָך די העימאַרקעט-מאַרטירער אויף וואַלדהיימ
בית-עולם, שיקאַגאָ



די העימאַרקעט־טראַגעדיע

דעם 11טן נאָוועמבער 1887 האָט די סטעיט־רעגירונג פון אילינאָי אויפ־געהאָנגען אויף דער תליה די וואָרט־זאָגער און פירער אין קאַמף פאַר דעם 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג און פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער־מאַסן — די קעמפער אויגוסט שפּיז, אַדאָלף פישער, דזשאָרדזש ענגעל און אַלבערט פּאַרסאָנס. דער פינפטער קרבן, לואיס ליגג, איז מיט אַ טאָג פריער געטויט געוואָרן דורך אַ באָמבע־אויפרייס אין דער טורמע, וואו ער איז געזעסן.

אַנדערע דריי אַרבעטער־פירער, מאַיקל שוואַב, סעמיועל פילדן און אָס־קאַר נעבע, זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף פופצן יאָר טורמע.

די געשיכטע פון די דאָזיקע מאַרטירער איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „די העימאַרקעט טראַגעדיע" און איז איינער פון די בלוטיקסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון אַמעריקע.

די העימאַרקעט טראַגעדיע איז פאָרגעקומען אין די יאָרן, ווען דער אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע האָט אָנגעהויבן דערוואַכן, גענומען זיך אָר־גאַניזירן און קעמפן קעגן די מעכטיקע טראַסטס, וואָס האָבן אָן רחמנות עקספּלואַטירט די אַרבעטער־מאַסן, געטראָטן מיט די פיס די לעבנס פון מע־נער, פרויען און קינדער אין דעם גייעג נאָך געלט און מאַכט.

די אַרבעטער האָבן אויף דעם געענטפערט מיט סטרייקס. שיקאַגאָ איז געווען דער שטורעם־צענטער פון דער סטרייק־באַוועגונג. די אָרגאַניזירטע באַוועגונג פאַר אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג האָט געקראָגן דעם גרעסטן אויסדרוק אין יאָר 1886. די „פעדעראַציע פון אָרגאַניזירטע טרעיד און לעי־באָר יוניאָנס פון אַמעריקע" האָט אויף אַ קאָנווענשאָן מיט צוויי יאָר פריער אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אָנגעהויבן מיט דעם 1טן מאַי 1886 איז 8 שעה אַ געזעצלעכער אַרבעטס־טאָג, און די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זען, אַז דער געזעץ זאָל דורכגעפירט ווערן אין לעבן. די אַרבעטער אין לאַנד האָבן אָרגאַניזירט סטרייקס, און אַ סך אינדוסטריעס זיינען געצוואונגען גע־וואָרן נאָכצוגעבן צען שעה געצאָלט פאַר 8 שעה אַרבעט. פאַר דעם צוועק זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן גרויסע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס און פּאַראַדן.

דעם גרעסטן פּאַראַד האָט די באַוועגונג געהאַט אין שיקאַגאָ. אַרבעטער פון די באַנען, פון דער „געז־קאָמפּאַני", פלייש־אינדוסטריע און אַנדערע פאַכן, זיינען אַרויס אין סטרייק־דעמאָנסטראַציעס איבער די גאַסן. די אַר־בעטער האָבן דריי טעג נאָכאַנאַנד פשוט אָפּגעשטעלט די גאַנצע אינדוסטריע פון שטאָט.

די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט געהאַלטן אין איין העצן קעגן די אַרבעטער, און פּאָליציי האָט זיך מאָביליזירט „צו האַלטן אָרדענונג".

דעם 3טן מאַי ביטאָג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסער מיטינג, פאַר־רופן פון דער „לאַמבער שאָווערס יוניאָן”, וואו עס האָבן זיך אויך באַטייליקט אַ גרויסע צאָל פון די סטרייקנדיקע אַרבעטער פון דער „מעקאָרמיק האַר־וועסטער קאָמפּאַני”. אויגוסט שפּיז איז געווען אַ רעדנער אויף דעם מיטינג, געשיקט פון דער „סענטראַל לעיבאָר יוניאָן”. דער מיטינג איז געהאַלטן געוואָרן ניט ווייט פון דער מעקאָרמיק פאַבריק, און אַ צאָל פון די סטרייק־קערס זיינען אַוועק פון מיטינג צו באַגעגענען די סטרייק־ברעכער. עס איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס. אַ מחנה פּאָליציי איז אָנגעקומען און גענו־מען אַטאַקירן די סטרייקערס מיט דער גרעסטער רציחה. איין סטרייקער איז באַלד געפאַלן טויט און פופציק זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. די פּאָ־ליציי האָט זיך באַנוצט מיט ביקסן און „קלאָבס”.

דער איבערפאַל פון דער פּאָליציי האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם צווישן די אַרבעטער פון שיקאַגאָ. אויגוסט שפּיז, אַ מיטאַרבעטער פון דער „אַר־בעטער־צייטונג”, האָט אָנגעשריבן אַ פּראָטעסט־ליפלעט.

אַ צירקולאַר איז פאַרשפּרייט געוואָרן מיט אַ רוף צו אַ גרויסן פּראָ־טעסט־מיטינג אויף מאָרגן, דעם 4טן מאַי, 7 אַזייגער אָוונט, אויף העימאַרקעט סקווער. דער צירקולאַר איז געווען אונטערגעשריבן: „אַרבעטער, באַ־וואָפנט זיך!”

אויגוסט שפּיז האָט געפאָדערט מען זאָל אויסשטרייכן די שורה „אַר־בעטער, באַוואָפנט זיך”. די שורה איז אויסגעשטראָכן געוואָרן. אָבער אַ פּאָר הונדערט צירקולאַרן זיינען צעטיילט געוואָרן מיט דער שורה, און דאָס האָט די פּאָליציי שפּעטער באַנוצט קעגן שפּיזן אין זיין פּראָצעס.

דער מיטינג איז געווען אַ גרויסער און איז אָנגעגאַנגען פרידלעך, אָבער אַ גרויסער ווינט און רעגן האָט צעטריבן די מערסטע פאַרזאַמלטע און עס איז געבליבן אַ קליינע צאָל מענטשן. נאָך אויגוסט שפּיז און אַל־בערט פּאַרסאָנס האָט גערעדט סעמיועל פילדען. ווען פילדען האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיין רעדע, איז אָנגעקומען אַ מחנה פּאָליציי און האָט גע־געבן אַ באַפעל אויפצוגעבן דעם מיטינג.

פילדען און שפּיז האָבן דערקלערט, אַז דער מיטינג ווערט געפירט אויף אַ פרידלעכן אופן, אָבער זיי האָבן דאָך גענומען אַראָפּגיין פון וואָגן, אויף וועלכן זיי האָבן גערעדט. פּלוצלינג האָט געפּלאַצט אַ באָמבע אויף דעם פּלאַץ, וואו די פּאָליציי איז געשטאַנען. עטלעכע פּאָליסלייט זיינען געהרגעט געוואָרן. ווער עס האָט געוואָרפן די באָמבע ווייסט מען ניט ביז היינטיקן טאָג.

אַנשטאָט צו זוכן דעם שולדיקן, האָט די פּאָליציי אויסגעקליבן די בעסטע פירער און שרייבער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין שיקאַגאָ און זיי אָנגעקלאָגט אין וואַרפן די באָמבע.

ניין פירער זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן. איינער, שנאבל, איז פאַרשוואונדן

געוואָרן. אַלבערט פּאַרסאָנס איז אַוועקגעפאָרן פון שיקאַגאָ באַלד נאָך דעם העימאַרקעט־מיטינג. נאָר ווען ער האָט געזען, ווי זיינע חברים ווערן גע־משפּט, איז ער דעם 21טן יוני געקומען אין געריכט, זיך אַליין איבערגעגעבן און געפאָדערט מען זאָל אים געבן אַ געלעגנהייט אויפצואווייזן זיין אומשולד.

חוץ דעם, וואָס די צייטונגען האָבן אָנגעפירט אַ לינטש־העצע קעגן די ראַדיקאַלן, האָט אַ „סיטיזנס קאָמיטע" פון דריי הונדערט אינדוסטריאַליסטן זיך געגרינדעט צו באַקעמפן אַנאַרכיזם.

דער באַאַמטער, וועלכער האָט געהאַט צו טאָן מיט צונויפשטעלן די „דזשורי", הענרי ל. רייס, האָט פּאַראויסגעזאָגט: „די חברה וועלן ווערן גע־האַנגען אַזוי זיכער, ווי דער טויט. איך קלייב אויס מענטשן פאַר דער דזשורי. וויפל דער אַנדערער צד זאָל ניט קעמפן, וועלן די דזשורי־לייט זיין אַזעלכע, וואָס וועלן זיין צופרידנשטעלנד פאַר דעם סטעיט..."

דער ריכטער גערי, וועלכער האָט פּרעזידירט די אָנגעקלאָגטע, האָט אָפן געוויזן זיין פּאַרטייאישקייט און פאַראורטייל קעגן די אָנגעקלאָגטע. צו־ריקווייזנדיק אַן אויסזעצונג קעגן אַ דזשורימאַן, האָט דער ריכטער געזאָגט:

„איך ווייס די צילן פון סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן. זיי זיינען אַזוי שעדלעך און פאַרברעכעריש, ווי פערד־גנבים".

די רעגירונג האָט געבראַכט אַלס „עדות" אַ פּאָר געוועזענע „ראַדיקאַלן", וועלכע זיינען געוואָרן פאַררעטער און האָבן דערציילט, אַז מיט אַ פּאָר טעג פאַר דער העימאַרקעט־געשיכטע איז פאָרגעקומען אַ מיטינג, וואו איניקע פון די אַרעסטירטע זיינען געווען, און דאָרט זיינען געפּלאַנעוועט געוואָרן גוואַלדטאַטן.

די פּאַרטיידיקונג האָט געבראַכט עדות, וועלכע האָבן דאָס אָפּגעלייקנט. אַנדערע האָבן אָפּגעלייקנט, אַז די רעדנער האָבן אין זייערע רעדעס אויף העימאַרקעט געפּריידיקט גוואַלדטאַטן. די אָנגעקלאָגטע אַליין האָבן געהאַלטן מייסטערהאַפטע רעדעס, אין וועלכע זיי האָבן אויפגעוויזן זייער אומשולד און אָנגעקלאָגט די סטעיט־רעגירונג אין מאַכן אַ פאַרשווערונג צו דערמאָרדן אומשולדיקע מענטשן. שפּיז האָט געזאָגט אין זיין רעדע:

„אויב טויט איז די שטראָף פאַר פּראָקלאַמירן דעם אמת, וועל איך מיט שטאָלץ באַצאָלן דעם קאָסטבאַרן פּרייז! רופט אייערע הענקער. דער אמת, וועלכן מען האָט געקרייציקט דורך סאָקראַטעס, קריסטוס, ברונאָ, הוס און גאַלילײ לעבט נאָך אַלץ. מיר זיינען גרייט זיי נאָכצופאָלגן!"

די „דזשורי" האָט זיי געפונען שולדיק.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַפילו צום העכסטן געריכט און צו גאָ־ווערנאָר אָגלעסבי פאַר באַגנאַדיגונג. אונטערגעשריבן פון פּראָמינענטע

מענטשן, צווישן זיי סעמועל גאמפערס, פּרעזידענט פון „אַמעריקען פּעדע־רעישאַן אָוו לייבאָר", אָבער גאָרניט האָט געהאָלפן.

אין לאָנדאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פּראָטעסט־מיטינג, וואו עס האָבן גערעדט באַרימטע פּערזענלעכקייטן — וויליאַם מאָריס, סטעפּניאַק, פּיטער קראָפּאָטקין, דזשאָרדזש בערנאַרד שאָ און אַנא בעסאַנט. מען האָט געשיקט פּעטיציעס, דורכגעפירט פּראָטעסט־מיטינגען און געפאָדערט זייער באַפרייאונג. אָבער די אילינאָי רעגירונג האָט זיך ניט צוגעהערט צו קיינעם. דעם 11טן נאָוועמבער 1887 איז דער טויט־אורטייל דורכגעפירט געוואָרן.

די מאַרטירער זיינען געגאַנגען מוטיק צו דער תליה, מיטן פולן גלויבן אין זייערע אידייען. שפּיז האָט, מיטן שטריק אויפן האַלדז, פון אונטערן צודעק איבער זיין קאָפּ, אויסגעשריען זיינע לעצטע ווערטער:

„די צייט וועט קומען, ווען אונדזער שטילשווייגן וועט זיין מעכטיקער, ווי די שטימען, וועלכע איר דערשטיקט איצט".

פּישער האָט אויסגערופן: „הורא פאַר אַנאַרכיזם!" ענגעל האָט דערקלערט: „דאָס איז דער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן". אַלבערט פּאַרסאָנס האָט מיט די לעצטע כוחות, צוויי מינוט פאַר זיין טויט, געזאָגט: „מענטשן פון אַמעריקע, לאָזט מיך רעדן, זאָל די שטימע פון פאָלק געהערט ווערן".

אַז די אַלע פאַראורטיילטע זיינען געווען אומשולדיק און אומגערעכט פאַראורטיילט געוואָרן האָט זיך אַרויסגעוויזן ערשט מיט זעקס יאָר שפּעטער, ווען אין אילינאָי איז דערוויילט געוואָרן פאַר גאָווערנאָר דזשאָן פּ. אַלטגאָלד, אַ מענטש מיט פּראָגרעסיווע אידייען און אַ קעמפער פאַר אמת. ער האָט שטודירט די געריכטס־אַקטן פון פּראָצעס און אויף דעם סמך באַפרייט די אַרעסטירטע שוואַב, פילדען און נעבע. אין זיין דערקלערונג פאַר זייער באַפרייאונג האָט דער גאָווערנאָר באַטאָנט, אַז די דריי און די פינף, וועלכע לעבן ניט מער, זיינען אומשולדיקערהייט פאַראורטיילט געוואָרן, אַז די דזשורי איז געווען אומגעזעצלעך, אַז די רעגירונג האָט ניט געהאַט קיין באַווייזן קעגן די פאַראורטיילטע און אַז „קיין ריכטער אין אַ ציוויליזירט לאַנד וואָלט קיינמאָל ניט אַרויסגעגעבן אַזאַ משפּט".

אין די קאָנסערוואַטיווע קרייזן האָט מען אַלטגעלדן אַטאַקירט, אָנגערופן אים „אַנאַרכיסט". אָבער די פּראָגרעסיווע וועלט האָט אָנגענומען זיין אַנטשיידונג אַלס די ריכטיקע, און אַלטגעלדס נאָמען ווערט געערט, ווי דער פאָרטרעטער פון אמתן אַמעריקאַנער גייסט.

דער באַוואוסטער שרייבער האָוואַרד פּעסט, אַליין אַ קרבן פון דעם מכשפה־געיעג אויף רויטע, האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „דער אַמעריקאַנער", וואו אַלטגעלד ווערט פאָרגעשטעלט אַלס דער אמתער אַמעריקאַנער אידעאַליסט.

די היימאַרקעט־געשיכטע דערמאָנט, אַז מען קאָן נישט דערשטיקן די שטימע פון פאָלק. דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיך ניט לאָזן אָפּשרעקן און ער וועט פאָרזעצן דעם קאַמף פאַר אַ שענער און בעסער לעבן.

דער האָמסטעד שטאָל־סטרייק

דער גרויסער סטרייק פון די שטאָל־אַרבעטער פון האָמסטעד, פענ־סילווייניע, איז איינער פון די בלוטיקסטע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון דעם אַרבעטער־קאַמף אין אַמעריקע. אין מאַי, 1942, איז אין קליוולאַנד פאָרגעקומען די היסטאָרישע „קאָנווענשאָן" פון די שטאָל־אַרבעטער, וואו פאָרטרעטער פון זעקס הונדערט טויזנט אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער שטאָל־אַרבעטער האָבן געגרינדעט אַ מעכטיקע יוניאָן אונטער דעם נאָמען „יונאַי־טעד סטיל וואָירקערס אָוו אַמעריקאַ". פריער זיינען די שטאָל־אַרבעטער גע־ווען פאַרטראָטן בלויז דורך אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער „סי. אַי. אָ.", די „סוואָק".

דער צוזאַמענפאָר אין קליוולאַנד האָט זיך באַצייכנט, ווי אַ „יובילייִ־קאָנווענשאָן" אין אָנדענק פון דעם האָמסטעד שטאָל־סטרייק פון מיט פופציק יאָר צוריק.

האָמסטעד, אַ קליין שטעטל אין פּענסילווייניע, זיבן מייל פון פּיטסבורג, האָט אין צייט פון דעם סטרייק פאַרמאָגט צוועלף טויזנט איינוואוינער, באַ־שעפטיקטע אין די אָרטיקע גרויסע שטאָל־פאַבריקן. די שטאָל־מאַגנאַטן האָבן שוין אין יאָר 1881 גענומען באַוואָרענען זיך קעגן יוניאָנס. האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, אַז יעדער אַרבעטער, וואָס וויל אַרבעטן אין שטאָל־פאַבריק, מוז אונטערשרייבן, אַז ער וועט קיינמאָל נישט געהערן צו אַ יוניאָן, און אויב ער געהערט שוין צו אַ יוניאָן, מוז ער פאַרלאָזן אָדער די יוניאָן, אָדער דעם דזשאָב.

די יוניאָן פון די שטאָל־אַרבעטער איז דעמאָלט געווען זייער שוואַך, אָבער אירע מיטגלידער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן אַזאַ שענד־לעכן „יעלאָו דאָג"־קאָנטראַקט און 475 אַרבעטער זיינען אַרויס אין סטרייק.

די סטרייקערס זיינען תיכף אַרויסגעזעצט געוואָרן פון זייערע דירות, און דער סטרייק האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס די אַרבעטער האָבן אַנגענומען אַ שניט אין שכירות. מען האָט ביי זיי אָבער ניט אויסגעפירט, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן די יוניאָן און זיי האָבן שטילערהייט ווייטער געהאַלטן אין אָרגאַניזירן זיך.

אַרום 1889 האָט די שטאָל־אַרבעטער יוניאָן, „די אַמאַלגאַמעיטעד אַסאָ־סיעישאָן אָוו סטיל ענד אייראָן וואָירקערס אָוו אַמעריקע" שוין געהאַט אַ

באַדייטנדיקע מיטגלידערשאַפט, און אַ קאָנטראַקט מיט דער שטאָל־קאָמפּאַני. די אַרבעטער האָבן אויך אויסגעפירט, אַז דאָס אַרבעטס־יאָר זאָל זיך ענדיקן אין יוני, אָנשטאָט אין דעם לעצטן טאָג פון דעצעמבער.

דער דאָזיקער פּונקט איז געווען זייער אַ וויכטיקער, ווייל ווינטער איז געוויינלעך געווען ווייניק אַרבעט. דערצו איז ווינטער געווען שווערער דורכ־צופירן אַ סטרייק, איידער אום זומער, ווען די פאַבריקן אַרבעטן און דער וועטער איז וואַרעם. די שטאָל־מאַגנאַטן האָבן אויך פאַרגעשלאָגן אַ נייעם קאָנטראַקט: ערשטנס, אַ נייעם שניט אין די שכירות, וועלכע זיינען אַזוי אויך געווען מיזערנע קליין (פערצן סענט אַ שעה פאַר דער גרויסער מער־הייט אַרבעטער!) און צווייטנס, אַז דער קאָנטראַקט זאָל זיך ענדיקן אין יאַנואַר, 1892.

די יוניאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט נאָכצוגעבן אַלע פאָדערונגען פון די באַלעבאַטים, הגם זי איז גרייט געווען איינצוגיין אויף קאָמפּראָמיסן. אָבער די באַלעבאַטים זיינען געווען איינגעשפּאַרט, און דעם 1טן יולי 1889 זיינען די שטאָל־אַרבעטער אַרויס אין סטרייק.

די שטאָל־קאָמפּאַני האָט אָנאָנסירט פאַר סטרייק־ברעכער, און דער „שע־ריף" האָט געבראַכט אַ גאַנצן וואַגאָן פון אַנדערע שטעט. די סטרייקערס האָבן אָבער אַזוי אַרומגערינגלט די פאַבריק, אַז די „סקעבס" האָבן מורא געהאַט אַריינצוקומען. ס'האָבן אפילו ניט געהאָלפן די 125 „דעפּיוטיס", וואָס מ'האָט געבראַכט זיי צו באַשיצן. זיי האָבן זיך געמוזט צוריקציען.

דער סטרייק איז ענדלעך פאַרענדיקט געוואָרן דורך אַ פשרה. די אַר־בעטער האָבן אָנגענומען אַ שניט אין שכירות, אָבער וועגן דאַטום פון דעם אָפּמאַך האָבן זיי אויסגעפירט, אַז ער זאָל זיין אין יוני, און ניט אין יאַנואַר.

דריי יאָר האָבן די שטאָל־אַרבעטער אַזוי געאַרבעט און האָבן זיך גע־גרייט צום זומער פון 1892, ווען זיי וועלן צוריק פאָדערן אַ העכערונג אין שכירות.

אין 1892 האָט די „אַמאַלגאַמעיטעד אייראָן וואָירקערס יוניאָן" שוין געהאַט איבער 24 טויזנט מיטגלידער און איז דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע יוניאָן אין לאַנד. זי האָט אויך געהאַט אַ סטרייק־פאָנד פון 32 טויזנט דאָלאַר. ביים שליסן דעם נייעם קאָנטראַקט האָט די יוניאָן אַרויסגעשטעלט די פאָ־דערונג פון אַ העכערונג אין שכירות.

די שטאָל־פאַבריקן פון האָמסטעד האָבן דעמאָלט געהערט צו דער „קאַר־נעגי סטיל קאָרפּערעישאָן", אין וועלכער דער מיליאָנער ה. ס. פריק איז געווען אַ שותף און פאַרוואַלטער.

פריק איז שוין פון פריער געווען באַוואוסט אַלס פאַרביסענער יוניאָן־פרעסער. איצט האָט ער זיך אונטערגענומען צו צעברעכן די יוניאָן פון די

שטאָל־אַרבעטער. אַנשטאָט נאָכצוגעבן די פאָדערונג פון אַ העכערונג אין שכירות, האָט ער ווידער אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען פון פאַרקלענערן שכירות און צו ענדערן דעם דאָטום פונעם אָפּמאַך.

די אַרבעטער זיינען גרייט געווען איבערצוגעבן דעם סכסוך צו אַן אויס־גלייך־פאַרמיטלער, אַן „אַרביטרעישאַן”, אָבער פריק האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון.

פריק האָט גענומען בויען אַ גרויסן אייזערנעם פּאַרקאַן אַרום דער שטאָל־פאַבריק, כלומרשט אַלס „באַשיצונג קעגן גוואַלדטאַטן מצד די סטרייקערס”. ער האָט אויך אַרויסגעשטעלט אַ באַדינג, אַז אויב זיינע פאָדערונגען וועלן ניט אונטערגעשריבן דעם 24טן יוני, אַ וואָך איידער דער אַלטער אָפּמאַך האָט זיך געענדיקט, וועט ער מיט דער יוניאָן מער ניט האָבן וואָס צו טאָן און וועט פאַרהאַנדלען מיט יעדן אַרבעטער באַזונדער.

און נאָך איידער די יוניאָן האָט אים געענטפערט, האָט פריק גענומען פאַרהאַנדלען מיט דער טרויעריק־באַרימטער „פינקערטאָן דעטעקטיוו אַגענ־טור”, אַז זי זאָל צושטעלן „גענגסטערס”, כדי צו צעברעכן דעם קומענדיקן סטרייק.

איבער 300 „פינקערטאָן־גענגסטערס” זיינען צונויפגעקליבן געוואָרן פון שיקאַגאָ, ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט, און דעם 6טן יולי פאַרטאָג זיינען זיי אָנגעקומען קיין האָמסטעד.

דאָס גאַנצע שטעטל מיט זיינע צוועלף טויזנט איינוואוינער איז געווען אויף דער וואַך אַ גאַנצע נאַכט און איז אַרויס באַגעגענען דעם שונא, וואָס איז געקומען אוועקרויבן זייער ברויט. זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט ביים ברעג פון טייך און ניט געוואָלט אַרונטערלאָזן פון שיף די געדונגענע באַנדיטן.

די גענגסטערס האָבן גענומען סטראַשען מיט זייערע ביקסן. אָבער די האָמסטעדער איינוואוינער זיינען ניט אָפּגעטראָטן. האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף די גאַסן פון האָמסטעד און האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. צען מענטשן זיינען דערביי געהרגעט גע־וואָרן, דריי פון דער פינקערטאָן־חברה און זיבן סטרייקערס. מאַסן מענטשן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן, צווישן זיי אַ סך פרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיך העלדיש געשלאָגן צו באַשיצן די יוניאָן און די סטרייקערס.

די „פינקערטאָנס” האָבן גאָרניט געקאָנט אויפטאָן. דאַן האָט די פאַבריק געקראָגן די הילף פון דער סטעיט־רעגירונג. סטעיט־„קאַזאַקן” האָבן אַריינ־מאַרשירט אין שטעטל און האָמסטעד איז דערקלערט געוואָרן אונטער קריגס־צושטאַנד. האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן אַרעסטן פון די סטרייקערס און זייערע פירער: אַגוסט היו אָ׳דאָנעל, דזשאָן מעק׳לוקי, היו ראָוז און פיר אַנדערע. זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויף דער קלאָגע פון מאָרד אין פאַרבינדונג

מיט דעם „ראַיאָט“, וואָס די פינקערטאָנער גענגסטערס האָבן פּראָוואָצירט.

שפּעטער האָט זיך דער „סופּרים־קאורט“ פון פּענסילווייניע אַריינגעמישט און דערלויבט צו אַרעסטירן 27 אַרבעטער, מיטגלידער פון דער „אַד־וואַיזאָרי באָארד“ פון דער יוניאָן, אויף דער קלאַגע פון „מלוכה־פאַררעטעריי“.

אין דער צייט פון סטרייק איז אויך פאָרגעקומען אַן אָנפאַל אויף דעם מיליאָנער פריק. דער אַנאַרכיסט אַלעקסאַנדער בערקמאַן איז געקומען פון ניו־יאָרק און האָט אַלס נקמה־אַקט געשאָסן און פאַרוואונדעט פריקן, פאַר וועלכן ער איז דערנאָך אָפּגעזעסן פערצן יאָר.

די אַרבעטער האָט עס קיין נוצן ניט געבראַכט. דער טעראָר קעגן זיי איז נאָר פאַרשטאַרקט געוואָרן. די שווערע „בעיל“, די גרויסע קאָסטן פון פאַרטיידיקונג און דאָס, וואָס די פירער פון סטרייק זיינען געווען פאַרשפאַרט אין טורמע, האָבן געבראָכן דעם סטרייק.

די שטאָל־אַרבעטער האָבן זינט דעמאָלט ניט איין מאָל אָנגעפירט שווערע קאַמפן פאַר זייער רעכט צו אָרגאַניזירן זיך. דער גרויסער היסטאָרישער שטאָל־סטרייק פון 1919, אָנגעפירט פון וויליאַם ז. פאָסטער, איז ביז איצט איינגעקריצט אין זכרון פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. די קאַמפן, וואָס די „סי. אַי. אָ“־סטיל־אָרגאַניזעישאָן קאָמיטע“ האָט געהאַט אויסצושטיין ביים אָרגאַניזירן די שטאָל־אַרבעטער, זיינען געווען אויך זייער שווערע און האָט געקאָסט שווערע, בלוטיקע פאַסירונגען, אָבער די אַרבעטער האָבן זיך פאָרט אָרגאַניזירט און זייער שטאָל־אַרבעטער יוניאָן איז געוואָרן אַ גרויסע מאַכט אין דער אינדוסטריע.

דער היסטאָרישער האָמסטעד־סטרייק איז פאַרצייכנט אין דער געשיכטע אַלס דער ערשטער גרויסער קאַמף, וואו די אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן זיך געשטעלט קעגן דער באַוואָפנטער מאַכט פון די באַלעבאַטים.

דריי יידן — דזשאָן בראַונס מיטקעמפער

ס'איז גוט באַקאַנט די געשיכטע פון דזשאָן בראַון, דער גרויסער אי־דעאַליסט און קעמפער, וועלכער האָט נאָך פאַר דעם בירגער־קריג אויפגעהויבן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער סיסטעם פון נעגער־שקלאַפעריי. ער איז געמשפּט געוואָרן אַלס פאַררעטער און איז אויפגעהאַנגען געוואָרן.

זיין נאָמען איז פאַרהייליקט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. באַלד נאָך זיין טויט איז געוואָרן פּאָפּולער אַ ליד, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „דזשאָן בראַונס קערפּער ליגט אין קבר, אָבער זיין גייסט מאַרשירט פאָראויס".

אָבער זייער ווייניק איז באַקאַנט, אַז אין דער קליינער גרופּע פון בראַונס נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין זיינע קאַמפן, האָבן זיך געפונען דריי יידן: טעאָדאָר ווינער, אַ געבוירענער פון פּאָזען, פּוילן; דזשעיקאָב בענדזשאַמין פון באָהעמיע און אויגוסט באָנדי, פון ווין.

אין די בריוו, וואָס דזשאָן בראַון האָט איבערגעלאָזן און אין די אַרכיוון פון דער „קענזעס סטעיט היסטאָריקל סאָסייעטי", אין דעם סטעיט, וואו די יידן האָבן געוואוינט און וואו די קאַמפן זיינען פאָרגעקומען, געפינען זיך דאָקומענטן און באַשרייבונגען פון די דאָזיקע ערשטע יידישע קעמפער פאַר דער אָפּשאַפונג פון נעגער־שקלאַפעריי.

עס איז געווען עטלעכע יאָר פאַר דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג. די דרום־שטאַטן האָבן געוואָלט אויסברייטערן זייער מאַכט און פאַרשפּרייטן די סיסטעם פון שקלאַפעריי. די צפון־שטאַטן האָבן געקעמפט קעגן דעם. קענזאַס און נעבראַסקאַ זיינען געווען נייע טעריטאָריעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

דער קאָנגרעס האָט דורכגעפירט אַ באַשלוס, אַז די פראַגע, צי די דאָזיקע סטעיטס זאָלן זיין שקלאַפן־שטאַטן, אָדער פרייע שטאַטן, זאָל איבערגעגעבן ווערן צו אַן אָפּשטימונג פון די דאָרטיקע איינוואוינער.

קענזעס איז געווען אינדיאַנישע טעריטאָריע און אַזוי גיך, ווי מען האָט די טעריטאָריע געעפנט פאַר ווייסע איינוואוינער, האָבן זיך אָהין אַ לאָז געטאָן עמיגראַנטן סיי פון דרום־שטאַטן, סיי פון צפון, אין אַ געוועט צו מאַיאָריזירן דעם שטאַט, כדי צו געווינען די אָפּשטימונג פאַר, אָדער קעגן שקלאַפעריי.

די מערהייט איז געווען פון צפון. האָבן די אָנהענגער פון שקלאַפעריי אַריינגעשיקט כוליגאַנעס פון מיזורי צו טעראָריזירן די איינוואוינער. אין טאָג פון די וואַלן האָבן באַוואָפנטע כוליגאַנעס פאַרטריבן די ריכטער פון די

וואַל־פלעצער, און כאָטש עס איז געווען אינגאַנצן אַרום 9 הונדערט רע־גיסטרירטע וויילער, האָבן זיי אָפּגעציילט 6,307 שטימען פאַר שקלאַפעריי.

דער גאָווערנאָר פון קענזעס האָט געוואָלט באַשטימען נייע וואַלן, האָבן די כוליגאַנעס אים געגעבן 15 מינוט צייט צו דערקלערן זייערע „דער־ווילטע" אַלס די באַאַמטע, אָדער — מען וועט אים דערשיסן. האָט ער צו־געשטימט, און די אָנהענגער פון שקלאַפעריי האָבן פאַרנומען די רעגירונגס־פלעצער.

די נייע באַאַמטע האָבן באַלד דורכגעפירט אַ צאָל פרישע געזעצן:

א) יעדער, וואָס וועט דורך רעדן, שרייבן, אָדער דרוקן רופן שקלאַפן צו רעוואָלט, זאָל באַשטראָפט ווערן מיט טויט.

ב) פאַר דערקלערן דורך רעדן אָדער שרייבן, אַז שקלאַפעריי איז ניט געזעצלעך אין קענזעס, זאָל מען פאַרמשפּט ווערן אויף ניט ווייניקער ווי צוויי יאָר טורמע.

ג) אַלע באַאַמטע, אַלע לאָיערס און בירגער מוזן שטיצן דעם „פיודזשי־טיוו סלעיוו"־געזעץ, וואָס זאָגט, אַז ווען אַ שקלאַף אַנטלויפט אין אַ פרייען שטאַט, בלייבט ער נאָך אַלץ דאָס אייגנטום פון זיין באַלעבאָס, וועלכער קאָן אים צוריקברענגען.

די מערסטע איינוואוינער פון קענזעס זיינען געווען קעגן שקלאַפעריי. האָבן די שקלאַפעריי־אָנהענגער אָרגאַניזירט אַ „מיליציע" און די פרידלעכע איינוואוינער זיינען געוואָרן קרבנות פון אָפטע איבערפאַלן און פּאָגראָמען. געזעצלאָזיקייט און מאָרד זיינען געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין קענזעס. ריכטיק האָט דער באַרימטער שרייבער ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן געשריבן וועגן דער לאַגע אין קענזעס: „דער פּרעזידענט הייסט די פּאָ־גראָמירטע זיך ווענדן אין געריכט. אָבער ער ווייסט, אַז ווען דער אָרעמער פּאָגראָמירטער פאַרמער קומט אין געריכט, געפינט ער אויפן ריכטער־שטול דעם גענג־פירער, וואָס האָט אים באַרויבט".

דער טעראָר אין קענזעס האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד.

אין אָקטאָבער, 1855, האָט אין קענזעס, אין שטעטל אָסוואַטאָמיע, זיך באַזעצט דזשאָן בראַון. ער איז באַלד באַרימט געוואָרן אין גאַנצן געגנט אַלס דער מאַן, וועלכער נעמט זיך אָן די קריוודע פון די, וועלכע גלויבן, אַז קענ־זעס דאַרף זיין אַ פרייער שטאַט.

אין שכנות מיט בראַונען האָבן אין דער זעלבער געגנט געוואוינט אַ גרופּע שקלאַפן־טרייבער, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט מיט זייער ברו־טאַליטעט. ניט ווייט פון זיי האָט זיך געפונען דער ישוב פון „פרייע שטאַט־ניקעס", וועלכע האָבן געגלויבט, אַז אין קענזעס זאָל ניט זיין דערלויבט אָנ־צוהאַלטן שקלאַפעריי. צווישן די „פרייע שטאַטניקעס" האָבן זיך געפונען די דריי יידן: באָנדי, ווינער און בענדזשאַמין.

באַנדי איז געווען דער ערשטער פון די דריי זיך צו פאַרבינדן מיטן אידעאַליסט דזשאָן בראַון. ער איז געווען אַ פרייהייטס־קעמפער נאָך פון דער אַלטער היים. זיין אמתער נאָמען איז געווען יום־טוב. זיין פאָטער הערץ עמאַנועל באַנדי, וועלכער האָט אָפּט באַזוכט איטאַליע, האָט אָנגע־נומען דעם נאָמען „באַנדי", וואָס מיינט דאָס זעלבע, ווי יום־טוב — „אַ גוטער טאָג".

אויגוסט באָנדי איז געבוירן געוואָרן אין ווין. נאָך אַ יינגל פון פופצן יאָר האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אַ סטודענטן־לעגיאָן פון ניין טויזנט, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד קעגן דייטשלאַנד אין עסטרייך. דער יונגער באַנדי, וועלכער איז געווען צווישן דער קליינער צאָל, וואָס זיינען געבליבן לעבן, איז אין 1848, באַלד נאָך דעם אויפשטאַנד, אַוועק קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין סט. לואיס. ער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער פּאָליטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט דאָרט געקעמפט קעגן שקלאַפעריי — די „פרי סטעיט דעמאָקראַטיק פּאַרטי". אין 1855 האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין קענזעס, וואו עס האָבן זיך אויך באַזעצט ווינער און בענדזשאַמין.

האָט געטראָפן, אַז איינער פון די שקלאַפן־טרייבער האָט געסטראַשעט מיט טויט באַנדין און בענדזשאַמין, אויב זיי וועלן ניט באַלד פאַרלאָזן די געגנט.

באַנדי איז אַוועק נאָך אַן עצה צו פרעדריק בראַון, אַ זון פון דזשאָן בראַון, און יענער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים באַשיצן. און ווען אַ צווייטער זון פון דזשאָן בראַון האָט אָרגאַניזירט אַ מיליטערישע גרופּע זיך צו באַשיצן קעגן די קוליגאַנעס, האָבן בענדזשאַמין און באַנדי זיך אָנ־געשלאָסן אָן דער גרופּע.

דער טעראָר קעגן די „פרייע שטאַטניקעס" איז אָנגעגאַנגען מיטן פולן ברען. נאָכדעם ווי די שקלאַפן־אָנהענגער האָבן „געוואונען" די וואַלן, האָבן זייערע קוליגאַנעס פאַרגראַמירט די שטאָט לאָורענס. בראַון האָט באַשלאָסן צו גיין ראַטעווען די שטאָט און באַנדי האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די וואָלונ־טירן. ווינער, וועלכער האָט געהאַט אַ שפּייז־קראָם, האָט צוגעשטעלט פּראָוויאַנט. דערפאַר האָבן די קוליגאַנעס פאַרברענט זיין געשעפט.

די שטאָט לאָורענס איז פאַרברענט געוואָרן אײדער בראַונס גרופּע איז דאָרט אָנגעקומען. דערוויל האָט בראַון געקראָגן די נייעס, אַז קוליגאַנעס אַטאַקירן דאָס שטעטל פּאָטאָוואַטאָמיע. האָט ער גערופן וואָלונטירן צו גיין פאַרטיידיקן דאָס שטעטל. זיבן האָבן זיך אָפּגערופן, צווישן זיי דער ייד ווינער.

בראַון איז אין יענער נאַכט באַפאַלן די קאָלאָניע פון שקלאַפן־טרייבער און האָט דערהרגעט זייערע אָנפירער.

די צווייטע שלאַכט, אין וועלכער די יידן ווינער און באַנדי האָבן זיך באַטייליקט, איז באַקאַנט אַלס „די שלאַכט פון בלעק־דזשעק".

דאָס שטעטל פּרעירי סיטי איז אַטאַקירט געוואָרן פון כוליגאַנעס. די איינוואוינער האָבן געשיקט אַ שליח צו דזשאָן בראַון, ער זאָל זיי קומען העלפן.

בראַון איז אָנגעקומען מיט זיין גרופּע און זיך באַזעצט ניט ווייט פון שטאָט.

צווישן די אָנפירער פון די כוליגאַנעס איז געווען אַ קאַפּיטאַן מיט דעם נאָמען פּעיט, דער זעלבער וועלכער האָט אָנגעפירט די אַטאַקע אויף דער שטאָט לאָורענס און וועלכער האָט פאַרברענט ווייגערס הויז.

אין דער נאַכט פון 31טן מאַי 1856 האָט זיך פּעיט באַזעצט לעבן דעם טייכל „בלעק־דזשעק". ער האָט שוין געהאַט דורכגעפירט אַ פּאָגראָם אויף דעם שטעטל פּאַלמירא, וואו ער איז באַגאַנגען גוואַלדטאַטן און מיטגענומען רויב.

די „פריי־שטאַטניקעס" זיינען געווען איינגאַנצן דרייסיק אין צאָל, און מיט זייער אָרעמער באַוואָפענונג. אָבער מיט זיין קליינער צאָל קעמפער האָט בראַון געצוואונגען פּעיטן זיך אונטערצוגעבן. בראַונס אַרמיי האָט אַריינגעקראָגן נייע אַמוניציע, גענומען 26 געפאַנגענע און צוריקגעקראָגן אַ סך פון דעם רויב, וואָס די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן ביי זיך געהאַט, איינגעשלאָסן וועגענער מיט פּראָוויאַנט.

באַנדי האָט דערנאָך באַשריבן, ווי אַזוי ער און זיין פריינט ווייגער האָבן, מיט בראַונען אָן דער שפּיץ, אויף אַלע פיר געפּויזעט באַרג־אַרויף אין דער שלאַכט פון „בלעק־דזשעק". קוילן פון שונא האָבן געהאָגלט איבער זייערע קעפּ. ווייגער — דערציילט באַנדי — איז געווען אַ שווערער מענטש, געוואויגן 250 פונט. ער האָט שווער געסאָפּעט, נאָכקריכנדיק אים באַרג־אַרויף. באַנדי זאָגט צו אים אין יידיש: „נו, וואָס טראַכט איר איצט?"... „וואָס זאָל איך טראַכטן?" — האָט ווייגער געענטפערט, — „סוף אָדם למות" („דער סוף פון מענטשן איז צו שטאַרבן").

דערויף האָט באַנדי אים געזאָגט אין שפּאַס, אַז „דער אַלטער מאַן", בראַון, „וועט זיין ברוגז אויב זיי וועלן שטאַרבן".

בראַון האָט דערנאָך, אין אַ בריוו צו זיין פריינט עדוואַרד ווייטמאַן דערמאָנט די נעמען פון די מענטשן, וועלכע האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט, איינגעשלאָסן באַנדי און בענדזשאַמין.

נאָך דער שלאַכט פון „בלעק־דזשעק" האָט בראַון ווידער אָרגאַניזירט אַ מיליטערישע גרופּע, און צווישן די 35 נעמען מיט די דאַטומס, ווען זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן, געפינען זיך די נעמען דזש. בענדזשאַמין (אָנגעשלאָסן אויגוסט 24טן) און אויגוסט באַנדי (אויגוסט 25טן).

אַ גרויסע שלאַכט איז פאָרגעקומען צווישן די נאָכפאָלגער פון בראַון און די כוליגאַנעס ביי דעם שטעטל אָסוואַטאָמיע דעם 30טן אויגוסט 1856, ווען 400 כוליגאַנעס האָבן אַטאַקירט דאָס שטעטל. אין דער שלאַכט זיינען

31 פון די כוליגאַנעס געוואָרן דערהרגעט און פון 40 ביז 50 פאַרוואונדעט. דאָס שטעטל איז פאַרברענט געוואָרן. אין יענער שלאַכט, אין וועלכער עס איז געפאַלן בראַונס זון פרעדעריק, האָבן אויך זיך באַטייליקט באָנדי און בענדזשאַמין.

שפּעטער האָט בראַון ווידער אָרגאַניזירט אַ גרופּע קעמפער, 15 אין צאָל, און צווישן זיי איז ווידער געווען טעאָדאָר ווייִנער.

דעם 16טן אָקטאָבער 1859 האָט בראַון מיט אַ קליינער גרופּע מענטשן פאַרכאַפּט דעם רעגירונגס־אַרסענאַל פון האַרפּערס פערי, ווירדזשיניאַ, באַפרייט אַ צאָל שקלאַפן און צעשיקט וואַפן צו נעגער־שקלאַפן, אַז זיי זאָלן רעוואָלטירן. ער האָט געהאַלטן די שטאָט 24 שעה צייט. אָבער טרופּן מיט קוירנעל לי אין דער שפּיץ זיינען אָנגעקומען און אַטאַקירט בראַונען. ער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, ביז ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן און איז גענומען געוואָרן אַ געפאַנגענער. צוויי פון זיינע זין זיינען דאָרט דערהרגעט געוואָרן.

בראַון און זעקס חברים זיינען געמשפּט געוואָרן און דעם 2טן דעצעמבער 1859 אויפגעהאַנגען געוואָרן.

די דריי יידן, באָנדי, ווייִנער און בענדזשאַמין, האָבן נאָך בראַונס טויט ניט אויפגעגעבן דעם קאַמף. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער יוניאָן־אַרמיי און געקעמפט אין בירגער־קריג אויף דער זייט פון די קעמפער קעגן שקלאַפעריי.

בענדזשאַמין האָט זיך באַטייליקט אַלס סאָלדאַט אין דער 11טער אַרמיי פון קענזעס און איז געשטאָרבן אין יאָר 1866. ווייִנער איז געשטאָרבן אין סט. לואיס אין 1906.

באָנדי איז געווען פון די ערשטע צו וואָלונטירן אין דער אַרמיי פון בירגער־קריג. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע שלאַכטן פון זיין רעגימענט. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין סאַלון קאַונטי, קענזעס, וואו ער האָט זיך באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, געווען דירעקטאָר פון „סטעיט באָרד אָוו טשאַריטיס" און אָנגעהאַלטן עטלעכע שטאַטישע אַמטן, בלייבנדיק, ווי ער שרייבט אַליין, אַלעמאָל אַן אויסגעהאַלטענער ייד.

באָנדי איז געשטאָרבן דעם 9טן סעפּטעמבער 1907, און איז באַערדיקט געוואָרן אין סאַלינאַ, קענזעס.

יידן האָבן זיך באַטייליקט אין בירגער־קריג אויף ביידע זייטן. אָבער די יידן אין אַמעריקע קאָנען מיט שטאָלץ אָנווייזן אויף די יידן באָנדי, ווייִנער און בענדזשאַמין, וועלכע האָבן נאָך פאַר דעם בירגער־קריג אַזוי העלדיש געקעמפט צוזאַמען מיט דזשאַן בראַון פאַר דעם גרויסן אידעאַל — אָפּצושאַפן נעגער־שקלאַפעריי.

די קאָמונע ברוק־פאַרם

פון די פיל סאָציאַליסטישע קאָמונעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַמעריקע אין דעם פאַבריקן יאָרהונדערט איז די „ברוק־פאַרם" די פּאָפּולערסטע.

אַ טייל פון די באַרימטסטע אַמעריקאַנער ליטעראַטן, ווי ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, נ עטהעניעל האטהאָרן, טשאַרלס דאַנאַ, דעיוו טאהראָ, אַלבערט בריסבעין, זיינען געווען דירעקט, אָדער אינדירעקט פאַרבונדן מיט דעם סאָציאַליסטישן עקספּערימענט פון „ברוק־פאַרם".

די געשיכטע פון „ברוק־פאַרם" איז שוין אַלט איבער הונדערט יאָר.

עס איז געווען נאָך דעם גרויסן קריזיס פון 1837 אין אַמעריקע. בענק האָבן געקראַכט, אינדוסטריעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אַרבעטלאָזיקייט און אָרעמקייט האָט געהערשט אין לאַנד. קיין סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז נאָך ניט געווען. די נייע עטלעכע „טרעיד־יוניאָנס", וועלכע האָבן אָנגעפירט אַ קאַמף פאַר אַ צען־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, זיינען געווען צו־שוואַך אי־בערצוטראָגן דעם קריזיס. אַ שטימונג פון אומרואיקייט האָט געהערשט אין לאַנד. מענטשן האָבן געזוכט אַ לייזונג צו זייערע צרות, זאָל זיין אפילו דורך אוטאָפּיעס.

דער באַרימטער ענגלישער אוטאָפּיסט ראָבערט אָוען האָט שוין מיט עטלעכע יאָר פריער געהאַט געגרינדעט אין אינדיאַנאַ די קאָמונע „ניו האַר־מאָני". אַנדערע קאָמונעס האָבן זיך געגרינדעט אין ניו־יאָרק סטעיט, אין אָהאַיאָ, פּענסילוועניע און טענעסי. אָבער זיי האָבן זיך לאַנג ניט געהאַלטן. נאָכדעם איז געקומען די פוריע־באַוועגונג. אַלבערט בריסבעין (דער פאָטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם הורסט־שרייבער, אַרטור בריסבעין) האָט גע־וואוינט אַ פּאָר יאָר אין פראַנקרייך, וואו ער האָט זיך באַקענט מיטן פראַנ־צויזישן אוטאָפּיסטישן סאָציאַליסט שאַרל פוריע און מיט זיין לערע. קו־מענדיק צוריק אין אַמעריקע האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן פוריעס אידייע פון גרינדן סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קאָמונעס.

די צייטונג „ניו־יאָרק טריביון", אונטער דער פירערשאַפט פון האָרעיס גרילי, האָט אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ דער באַוועגונג, און פוריעריסטישע קאָ־לאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד.

„ברוק־פאַרם" איז געגרינדעט געוואָרן אין דעם יאָר 1841. די גרינ־דער זיינען געווען אַ גרופּע רעליגיעזע רעפאָרמער און אינטעלעקטואַלן, וועלכע

האבן דורך דער קאמונע „ברוק־פארם" געוואלט דעמאנסטרירן, ווי אזוי מ'קאן איינפירן א געזעלשאפט, וואו מען זאל קאמבינירן די גייסטיקע אר־בעט מיט דער שווערער האנט־ארבעט און מענטשן זאלן לעבן אין חבר־שאפט, ניט עקספלואטירן איינער דעם אנדערן.

דער הויפט־גרינדער איז געווען א יוניטארישער גלח דזשארדזש ריפלי. ער און זיין פרוי פלעגן קומען יעדן זומער אויף וואקאציע אויף דער פארם, וואס האט געהערט צו זיינעם א פריינט. די פארם האט זיך געפונען אין א שיינער געגנט, אין וועסט ראקסבורי, 9 מייל פון באסטאן. פריינט פלעגן אים קומען באזוכן, פלעגן זיי צוזאמען דיסקוטירן פארשיידענע פראבלעמען. איז ריפלין איינגעפאלן צו מאכן פון דער פארם א קאמונע.

ער האט זיך געווענדט מיט זיין פלאן צו דעם פילאסאף ראלף וואלדא עמערסאן, וועלכער האט דעם פלאן אויפגענומען זייער קאלט. עמערסאן האט ניט געגלויבט, אז די ברוק־פארם וועט געבן א לייזונג צו וועלט־פראבלעמען. דערצו האט ער ניט געוואלט זיך אפזונדערן פון דער געזעלשאפט. „איך וויל ניט אויסבייטן א גרעסערע טורמע אויף א קלענערער טורמע, — האט ער געזאגט, — איך וויל אפשאפן אלע טורמעס". דאך, ווען די קאמונע איז געגרינדעט געווארן, איז ער דארט געווען אן אפטער באזוכער און געווארן א װארעמער פריינט. נאטהאניעל האטהארן האט זיך יא אנגעשלאסן און זיך צוגעכאפט מיט חשק צו דער ארבעט.

דערנאך האבן זיך אנגעשלאסן פראפעסאר טשארלס דאנא, דער שפע־טערער אייגנטימער פון „טריביון", דער מוזיק־קריטיקער דזשאן דוואיט און אנדערע.

יעדער מיטגליד האט געדארפט איינצאלן א געוויסע סומע געלט. אלע מיטגלידער, אויסער קראנקע און אלטע, האבן געדארפט ארבעטן און קריגן גלייך געצאלט.

ס'איז עטאבלירט געווארן א קאלעדזש אויף דער פארם, און סטודענטן האבן געהערט לעקציעס איבער פארשיידענע פילאסאפישע, ליטערארישע און געזעלשאפטלעכע געגנשטאנדן.

די צאל איינוואוינער איז געווען ארום א הונדערט, אבער די פארם איז געווען באריםט איבערן גאנצן לאנד און טויזנטער באזוכער פלעגן קומען הערן די לעקציעס און זיך באקענען מיטן נייעם עקספערימענט.

די קאמונע־איינוואוינער פלעגן פריינטלעך אויפנעמען די באזוכער און זיי רעכענען א קליינעם פרייז פאר א מאלצייט (איין פעני פאר א גלאז טיי). הארעיס גרילי און דעיוויד טהארא פלעגן קומען אין „ברוק־פארם" צו דיס־קוטירן מיט די פארם־איינוואוינער פארשיידענע פילאסאפישע פראבלעמען. ווען ראבערט אוען איז געקומען קיין אמעריקע מיט דער מיסיע צו רופן א

וועלט־קאָנגרעס „צו באַפרייען די מענטשלעכע ראַסע פון אומוויסנהייט, אָרעמ־קייט, זינד און אומגליק", האָט ער באַזוכט די געמיינדע „ברוק־פאַרם" און האָט געקראָגן אַ וואַרעמע אויפנאַמע.

די ערשטע פאַר יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט זיך די געמיינדע אָפּ־געגעבן מיט אַגריקולטור און בילדונג. דער נאָמען פון דער געמיינדע איז געווען: „ברוק־פאַרם אינסטיטוט אָוו אַגריקאַלטשור ענד עדיוקעישאָן" (דעם נאָמען „ברוק" האָט די פאַרם געקראָגן צוליב דעם, וואָס אַ קליין טייכעלע שלענגלט זיך דורך דער פאַרם).

שפּעטער, אַרום סוף 1843 און אָנהייב 1844, האָבן די איינוואוינער פון „ברוק־פאַרם", באַאיינפלוסט פון די אידייען פון פוריע, באַשלאָסן אויסצו־ברייטערן די אַרבעט פון „ברוק־פאַרם" און אַריינצונעמען מער געשולטע מע־כאַניקער און אינדוסטריעלע אַרבעטער. זיי האָבן אָנגענומען אַ נייע קאָנ־סטיטוציע, וועלכע טיילט איין די אַרבעט אויף דער פאַרם אין 3 דעפּאַרט־מענטן: אַגריקולטור, הויז־אַרבעט און טעכניק. מען האָט אָנגעהויבן בויען געביידעס פאַר פאַבריקן אויף דער פאַרם. די געמיינדע האָט אויך אַרויסגע־געבן אַ צייטונג „דהי האַרבינגער" (דער אָנזאָגער), וועלכע איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין באָסטאָן און אַנדערע שטעט און וועלכע האָט דערציילט וועגן דער אַרבעט פון „ברוק־פאַרם" און די אידייען פון פוריע. דער נאָמען פון דער קאָמונע איז געענדערט געוואָרן אויף „ברוק פאַרם פאַלאַנקס" (די פוריער קאָמוניסטישע געמיינדעס האָבן זיך גערופן: פאַלאַנקסן, בריגאַדעס).

פּרעזידענט ריפּלי האָט אַרויסגעלאָזן אַן אַפּיל ניט נאָר צו אַמעריקאַנער, נאָר צו אַלע, וועלכע זעען „ווי ווייניק זיכערקייט די מענטשן קריגן אונטער די עקזיסטירנדע אינסטיטוציעס, וואו אויף איין זייט וואַקסט דער קאָמער־ציעלער פעאָדאַליזם און אויף דער צווייטער זייט די גרויסע אָרעמקייט". ער האָט געבעטן זיי זאָלן קומען העלפן דער קאָמונע.

די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט גענומען שטאַרק אַטאַקירן די „ברוק־פאַרם" און דער קאָלעדזש האָט פאַרלאָרן סטודענטן. אָבער דערפאַר איז צוגעקומען געשולטע אַרבעטער און געלט, און די האָפענונגען זיינען געווען גרויס.

אָבער פונקט ווען זייער גרויסע געביידע, די „פאַלאַנסטרי", האָט געהאַלטן ביים פאַרטיק ווערן, האָט אַ גרויסער פייער אויסגעבראָכן אין דעם ניט־פאַר־ענדיקטן בנין און פאַרניכטעט כמעט אַלע געביידעס אויף דער היסטאָרישער פאַרם. די פאַרם איז ניט געווען פאַרזיכערט קעגן פייער. די קאָלאָניסטן האָבן אַלץ פאַרלאָרן, און דאָס איז געווען דער סוף פון דער שיינער אוטאָפּיע.

מ'האָט זיך געוויצלט איבער די גרויסע פילאָזאָפן־קלויזניקעס, ווי אומ־פּראַקטיש זיי זיינען געווען, אַז זיי האָבן פאַרזען אַזאַ „קלייניקייט", ווי פאַר־

זיכערן זיך קעגן פייער. אָבער ווי טשאַרלס דאנא, דער פינאַנץ־סעקרעטאַר פון דער קאָמונע, דערציילט אין זיינע דערינערונגען, איז די פאַרם יאָ געווען פאַרזיכערט. נאָר די „פּאָליסי״ איז אויסגעגאַנגען פונקט אַ טאָג איידער דער פייער האָט אויסגעבראָכן.

דער באַדן איז פאַרקויפט געוואָרן. און די אָפּקויפער האָבן צוגעגעבן, אַז כאָטש די אַרומיקע שכנים פלעגן אָפּלאַכן ווי אַזוי געוועזענע גלחים, פּאָעטן און פּראָפעסאָרן האַלטן אין האַנט אַ קאָסע, איז די פאַרם גוט באַ־אַרבעט געוואָרן און ווען ניט דער פייער וואָלט די פאַרם ניט געווען קיין דורכפאַל.

אַ גרויסע צאָל ביכער איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דער קאָמונע. זי ווערט דערמאָנט אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איז פאַרצייכנט אין אַלע ענציקלאָפּעדיעס און אין די ביאָגראַפיעס פון די פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן דער פאַרם.

נעטהעניעל האטהאָרן האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן, געבויט אויף דער גע־שיכטע פון „ברוק־פאַרם״. כאָטש אַ סך דאָקומענטן זיינען פאַרניכטעט גע־וואָרן דורכן פייער, געפינט זיך אין די אַרכיוון פון דער „מאַסאַטשוזעטס היסטאָריקל סאָסאַיעטי״ אַ סך בריוו פון דער פאַרם, באַריכטן פון מיטינגען און ביכער, וואָס גיבן־אָן די איינקונפטן און אויסגאַבן פון דער פאַרם אין משך פון עטלעכע יאָר.

די באָסטאָן „פּאָבליק לייברערי״ האָט אָפּגעדרוקט אַ זאַמלונג פון בריוו און נייע דאָקומענטן, וואָס זי האָט צוזאַמענגעקליבן וועגן „ברוק־פאַרם״.

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב געוואוינט אין באָסטאָן, פלעג איך אָפט טראַכטן וועגן דער סאָציאַליסטישער קאָמונע פון אַ הונדערט יאָר צוריק, וואו מענטשן האָבן געפּרוּווט לעבן אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אָבער וואו די פאַרם געפינט זיך האָב איך ניט געוואוסט.

ענדלעך האָב איך אויסגעפונען אין ביכער וועגן באָסטאָן, אַז דער פלאַץ געפינט זיך אין 640 בעיקער סטריט, וועסט ראָקסבורי. איך בין אַוועק אַהינ־צו מיט אַן אָבניבוס, דערנאָך צופוס אַ פּאָר מייל אין אַ שיטער־באַוואוינטער געגנט, ביז איך בין געקומען צו אַ הויז אויף אַ באַרג. ביים וועג איז דאָ אַ פּלאַ־קאַט מיט אַן אויפשריפט: „ברוק פאַרם; סין אָוו סאָשעל עקספּערימענט 37־1841 ענד אנדרי קעמפּ 1861״.

איך בין אַריינגעגאַנגען. אויפן הויף האָב איך געטראָפן אַ פרוי פון אַ יאָר 90 אין אַ ווינגשטול. דאָס מוז זיין אַ טאָכטער פון יענע טרוימער, האָב איך געטראַכט, און זי וועט מיר דערציילן, וואָס אירע עלטערן האָבן איר דערציילט וועגן פלאַץ. אָבער איך האָב זיך גענאַרט. זי איז דאָרט געקומען צוגאַסט. אַ יינגערע פרוי האָט מיר דערציילט, אַז די געביידע איז איצט אַ

יתומים־הויז.

די פאַרם איז נאָך דאָ. די ציוויליזאַציע, וועלכע האָט אַזוי פאַרבויט באָסטאָן מיט הימל־קראַצערס, האָט ניט דערגרייכט צו „ברוק־פאַרם". פון ווייטן האָב איך געזען אַ גרויסן טראַק מיט היי און אַ פּאָר אַרבעטער, וועלכע האָבן ניט אויסגעזען ווי גלחים, אָדער פּראָפעסאָרן. איך בין צוגעגאַנגען. איינער פון זיי האָט מיר דערציילט, אַז ער איז דער פאַרמער און ער וואוינט אין אַ קליינער הייזקע, די איינציקע, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן פון יענער צייט — דאָס „מאַרגאַרעט פולער"־הויז (אַ נאָמען נאָך דער שרייבערין מאַרגאַרעט פולער).

דאָס הויז שטייט נאָך, ווי געוועזן, אפילו ניט איבערגעפאַרבט. אָבער דער פאַרמער האָט מיר גאָר ניט געקאָנט דערציילן פון דער אַמאָליקער געשיכטע פון דעם פלאַץ...

אויף אַ בערגל, וואָס הייסט „מאָנומענט היל", איז איינגעמויערט אַ טאָוול, וואָס דערציילט וועגן אַנדערע היסטאָרישע געשעענישן אויף דעם פלאַץ: אין 1861, אין צייט פון בירגער־קריג איז דאָ געוועזן אַ קעמפּ פון דער אַרמיי, וועלכע האָט געקעמפט פאַר לינקאָלן. דאָ געפינט זיך אַ שטיין, וואָס ליגט דאָרט עטלעכע הונדערט יאָר. אויף יענעם אָרט, דערציילט מען, האָט אַ גלח געפּריידיקט די ביבל צו די אינדיאַנער.

דאָס טייכעלע „ברוק", וועגן וועלכן עס איז אַזוי פיל געשריבן געוואָרן, איז נאָך דאָ. אַ סך וואַסערן זיינען אָפּגעלאָפן זינט דער צייט, ווען די קאָמונע איז דאָ געוועזן...

פונווייטן האָב איך געזען מצבות. האָב איך געטראַכט: אפשר וועלן זיי עפּעס דערציילן? אָבער אַנשטאָט אויפשריפטן פון אַמאָל האָב איך געפונען יידישע מצבות פון נייע קברים, וועלכע זיינען עטלעכע יאָר אַלט. דאָס האָט אַ יידישע „סאָסייעטי" אָפּגעקויפט אַ שטיק לאַנד פון דער אַמאָליקער פאַרם, און אַנשטאָט די אַמאָליקע לעקציעס וועגן פילאָסאָפיע און ליטעראַטור הערט מען דאָרט אָפט אַ קדיש מיט אַן „אל מלא רחמים"...

דער מאָיער, העיוואוד פּראָצעס

ווי אזוי די אַמעריקאַנער רעאַקציע און די טראַסט־מאַגנאַטן האָבן אַלע־מאָל געזוכט דורך פאַרשידענע פאַרשווערונגען אָפּצוראַמען פון וועג אָרנט־לעכע אַרבעטער־פירער, קאָן דינען ווי אַ ביישפּיל דער באַרימטער פּראָצעס פון טשאַרלס ה. מאָיער, ווילׂיאַם די. העיוואוד און דזשאָרדזש פּעטיבאָון אין 1906.

אויך דעמאָלט האָבן די רעאַקציאָנערע אָנקלעגער זיך באַנוצט מיט פאַרברעכער און אונטערוועלט־מענטשן, כדי צו פאַבריצירן בלבולים קעגן אַרבעטער־פירער.

מאָיער, העיוואוד און פּעטיבאָון זיינען געווען פירער פון דער יוניאָן־אָרגאַניזאַציע „די וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס״. מאָיער איז געווען פּרעזידענט, העיוואוד דער סעקרעטאַר און פּעטיבאָון — עקזעקוטיוו־מיטגליד.

די „וועסטערן פעדערעישאָן״ האָט אָנגעפירט קאַמפן פון מעטאַל־גרע־בער אין קאָלאָראַדאָ און אַנדערע שטאַטן, און איז געווען איינע פון די איניציאַטאָרן אין 1905 אין גרינדן די מיליטאַנטע טרעיד־יוניאָן אָרגאַני־זאַציע: די „אינדאַסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד״ („אַי־דאַבליו־דאַבליו״).

די מינען־באַראָנען האָבן שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט צו פאַר־ניכטן די דאָזיקע יוניאָן, אָבער עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. האָבן זיי באַשלאָסן צו מאַכן אַ מאָרד־בלבול אויף די הויפּט־פירער פון דער „פּע־דערעישאָן״. זיי האָבן אויפגעזוכט אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַרברעכער, העררי אָרטשאַרד, וועלכער האָט אַליין זיך באַרימט, אַז ער איז באַגאַנגען צוואַנציק מאָרדן, אַחוץ אַנדערע פאַרברעכנס. אויף זיין עדות־זאָגן האָט מען אַרעס־טירט די פירער מאָיער, העיוואוד און פּעטיבאָון, און זיי אָנגעקלאָגט אין אויספּלאַנירן דערמאָרדן דעם געוועזענעם גאָווערנאָר פון אײַדאַהאָ, פרענק שטערנבערג, וועלכער איז געטויט געוואָרן דורך אַ באָמבע־אויפרייס הינטער זיין הויז, דעם 30טן דעצעמבער, 1905. אָרטשאַרד האָט דערציילט אַ מעשה, אַז די יוניאָן־פירער האָבן אים געדונגען דורכצופירן דעם אויפרייס.

די דריי יוניאָן־פירער האָבן געוואוינט אין קאָלאָראַדאָ. כדי זיי צו ברענגען קיין אײַדאַהאָ צו משפּטן, האָט די רעגירונג דורכגעפירט אַן אומ־געזעצלׂעכן אַקט פון „קידנעפּינג״: אַ רעגירונגס־אַגענט פון אײַדאַהאָ איז געקומען קיין דענווער, האָט אין געהיים געמאַכט אַן איבערפאַל אויף די וואוינונגען פון די אַרבעטער־פירער, זיי אַרעסטירט און מיט באַן זיי אַריבער־געפירט קיין בויז, אײַדאַהאָ, וואו זיי זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה אויף דעם מאָרד־בלבול.

די ציימונגען האָבן געפירט אַ שרעקלעכע העצע־קאַמפּאַניע קעגן די יוניאָן־פירער. פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט האָט געהאָלפן אין דער העצע־קאַמפּאַניע מיט אָנרופן די אָנגעקלאָגטע אַרבעטער־פירער „אומגעווינטשטע בירגער".

די אַרבעטער־מאַסן איבערן לאַנד האָבן באַלד געזען, אַז דאָס איז אַ פאַרשווערונג פון די טראַסט־מאַגנאַטן מיט דער רעגירונג פּטור צו ווערן פון די מיליטאַנטע אַרבעטער־פירער און צעברעכן זייער אָרגאַניזאַציע. האָבן זיי געגרינדעט קאָמיטעטן צו פאַרטיידיקן די אומשולדיקע.

אין באָסטאָן בין איך געווען איינער פון אַ קאָמיטעט פון דריי, וועלכע האָבן אַרויסגעלאָזט אַ רוף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די אָנגעקלאָגטע. מיט דער הילף פון דער באָסטאָנער ציגאַרן־מאַכער־יוניאָן, וועלכע איז דעמאָלט געווען אונטער סאָציאַליסטישער פירערשאַפט, איז געלונגען אַריינ־צוציען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסער פּראָטעסט־מאַרש. העכער צוויי הונדערט טויזנט מענטשן האָבן זיך באַטייליקט, פּראָטעסטירנדיק מיט פּלאַקאַטן קעגן דעם פּרעזידענטס אויסדרוק „אומגעווינטשטע בירגער". ענלעכע פּראָטעסט־פּאַראַדן זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און אין אַנדערע שטעט.

דאָס סאָציאַליסטישע וואָכנבלאַט „אַפּיל טו ריזאָן" האָט אַרויסגעלאָזט ספּעציעלע אויסגאַבעס אין מיליאָנען קאָפּיעס צו פאָדערן די באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די סאָציאַליסטישע לעיבאָר פּאַרטיי האָבן אויסגעדריקט זייער צוטרוי צו העיוואודן דורך נאָמינירן אים אַלס זייער קאַנדידאַט פאַר גאָווערנאָר פון קאָלאָראַדאָ.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 9טן מאַי, 1907, אין באָיז, איי־דאַהאָ, און האָט אָנגעהאַלטן 84 טעג.

איינער פון די הויפּט־לאָיערס פאַר דער אָנקלאָגע איז געווען דער שפּע־טערדיקער סענאַטאָר וויליאַם א. באָראַ. דער פאַרטיידיקער פון די אָנגע־קלאָגטע איז געווען דער באַרימטער לאָיער קלאַרענס דאַראָו. העיוואוד איז געווען דער ערשטער געמשפּט צו ווערן.

די אָנקלאָגע האָט אַרויסגעשטעלט פאַר אַן עדות דעם פאַרברעכער הערי אָרטשאַרד. די ציימונגען און די באַסישע אַגענטן האָבן שוין פריער געזוכט צו פאַרשפּרייטן אַ געשיכטע, אַז אָרטשאַרד איז אין טורמע געוואָרן אַ „צדיק", געלערנט די ביבל און איז איצט אַ גלויבנסווערטער מענטש.

אָרטשאַרד האָט אויפן עדות־שטול דערציילט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ סך מאָרדן, אונטערגעצונדן פאַבריקן, אויפגעריסן מיט דינאַמיט פאַרשידענע געביידעס און אַז די אָנגעקלאָגטע האָבן אים געדונגען צו באַגיין דעם מאָרד אויף שטערנבערגן.

די אָנקלאַגע האָט געבראַכט אויסצוגן פון אַ רעזאָלוציע, וואָס העיוואוד האָט געשריבן מיט אַ צייט פריער, אין וועלכער ער האָט פאַרדאַמט שטערנבערגן אַלס גאָווערנאָר פאַר אַרויסרופן מיליטער צו צעברעכן אַ סטרייק פון מעטאַל־גרעבער און פאַר שטעלן די סטרייק־געגנט אונטער אַ קריגס־צושטאַנד.

דער פאַרטיידיקונג־לאַיער קלאַרענס דאַראָו האָט אין אַן עלף־שעהדיקער מייסטערהאַפטער רעדע אַרויסגעבראַכט די לעכערלעכקייט פון די קלאַגן און אָנגעוויזן, אַז העיוואוד ווערט געמשפט בלויז דערפאַר, וואָס ער קעמפט פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער. ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„איר ווילט אים טויטן ניט דערפאַר, וואָס ער איז העיוואוד, נאָר דערפאַר, וואָס ער רעפּרעזענטירט אַ קלאַס. זייט ניט אַזוי בלינד, אָדער אַזוי נאַריש צו גלויבן, אַז איר קענט דערשטיקן די ,וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס׳, ווען איר וועט פאַרציען אַ שטריק אַרום זיין האַלדז. זייט ניט אַזוי בלינד אין אייער משוגעת צו גלויבן, אַז דורך אויסגראָבן דריי פרישע קברים וועט איר אָוועקהרגענען די אַרבעטער־באַוועגונג. אויב איר [די ,דזשורי׳] וועט אויף דעם באַפעל פון דעם המון [די טראָסטמאַגנאַטן] טויטן ביל העיוואודן, וועט ער שטאַרבן. ער איז ניט מער, ווי אַ שטערבלעכער מענטש. אָבער איך וויל אייך זאָגן, אַז אַ מיליאָן מענטשן וועלן אויפנעמען די פאָן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ביי דעם אָפענעם קבר, וואו העיוואוד וועט ליגן, און ניט קוקנדיק אויף טורמעס אָדער תּליות, בלבולים און פאַרפאָלגונגען, וועלן דידאָזיקע מענטשן דערפירן דעם אידעאַל פון די אַרבעטער צו דעם ענדגילטיקן זיג״.

די „דזשורי״ האָט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל: „ניט שולדיק״. די פאָלקס־מאַסן איבער גאָר דער וועלט האָבן מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען דעם אורטייל.

פעטיבאָון איז געמשפט געוואָרן שפּעטער און איז אויך געפונען געוואָרן אומשולדיק. מאָיערס פּראָצעס איז שוין אײַנגאַנצן ניט פאָרגעקומען.

באַלד נאָך זיין באַפרייאונג האָט העיוואוד געמאַכט אַ טור איבערן לאַנד און אין אויסלאַנד, און איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג. ער איז נאָכדעם געווען איינער פון די פירער פון גרויסע אַרבעטער־סטרייקס אין לאָרענס, פּעטערסאָן און אַנדערע שטעט, און ווידער געהאַט אויסצושטיין אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען.

אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע אַרעסטירט געוואָרן פאַר קעמפן קעגן מלחמה און איז פאַרמשפט געוואָרן צו צוואַנציק יאָר טורמע. ער איז שוין געווען שוואַך אין געזונט, און דער לאַנגער טורמע־טערמין וואָלט געווען געפערלעך פאַר זיין לעבן. איז ער אַוועק קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו ער האָט זיך באַטייליקט אין אויפבוי־אַרבעט, ביז זיין טויט אין 1928.

דער וועבער־סטרייק אין לאָורענס

צווישן די פּילצאָליקע פאַרשווערונגען, וואָס די רעאַקציע האָט געמאַכט קעגן אַרבעטער־פירער און זייערע אָרגאַניזאַציעס, איז איינע פון די מערקווירדיקסטע פאַרשווערונגען פון די „באָסעס" געכאַפּט געוואָרן ביי דער האַנט. ניט נאָר איז אויפגעדעקט געוואָרן, אַז די באָסעס האָבן זיך באַנוצט מיט רופן צו גוואַלדטאַטן, נאָר זיי זיינען טאַקע געכאַפּט געוואָרן אין אַ פאַרשווערונג צו באַגיין גוואַלדטאַטן און אונטערלייגן דינאַמיט אונטער געביידעס. דאָס איז געווען אין צייט פון היסטאָרישן טעקסטיל־סטרייק אין לאָרענס, מאַסאַטשוזעטס, אין 1912.

די טעקסטיל־אַרבעטער, וועלכע האָבן יאָרן לאַנג געשקלאַפּט אונטער די ערגסטע באַדינגונגען, זיינען אַרויס אין סטרייק קעגן אַ שניט אין זייער קלאָגעדיקן לוין. דער סטרייק האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן לאַנד. די גרויסע אָרעמקייט פון די טעקסטיל־אַרבעטער, די סיסטעם פון „ספּיד־אַפּ" און די ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי קעגן די סטרייקערס זיינען ברייט באַוואוסט געוואָרן.

די באַלעבאַטים האָבן געפאָדערט דעם שניט אין שכירות צוליב דעם, וואָס עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ אין מאַסאַטשוזעטס, אַז די אַרבעטס־שטונדן פאַר פרויען און קינדער אין די פאַבריקן זאָלן רעדוצירט ווערן פון 56 שעה אַ וואָך אויף 54 שעה.

איבער 25 טויזנט אַרבעטער האָבן געסטרייקט. זיי זיינען באַשטאַנען פון דרייצן נאַציאָנאַליטעטן, האָבן גערעדט פאַרשידענע שפּראַכן, נאָר זיינען געשטאַנען סאָלידאַריש אין סטרייק און זיך געהאַלטן שטאַרק קעגן אַלע פּראָוואָקאַציעס און ברוטאַליטעט מצד די באָסעס.

די פירער פונעם סטרייק זיינען געווען עליזאַבעט גורלי פלין, וויליאַם ד. העיוואוד, דזשאָו עטאָר און אַרטוראָ דזשיוואַניטי.

די אַרבעטער פון לאַנד און די עפנטלעכע מיינונג האָבן סימפּאַטיזירט מיט די סטרייקערס, און שטיצע איז געקומען פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע שטעט.

דער טעקסטיל־טראָסט האָט גענוצט אַלערליי מיטלען צו צעברעכן דעם סטרייק. די צייטונגען האָבן געהעצט וועגן „רויטע". די פּאָליציי האָט געשלאָגן מענער, פרויען און קינדער אויף דער „פּיקעט־ליין". די סטעיט־רע־

גירונג פון מאַסאַטשוזעטס איז געקומען צו־הילף די באַלעבאַטים און האָט אַראָפּגעשיקט סטעיט־מיליץ צו טעראָריזירן די סטרייקערס. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ מיליטערישער לאַגער אין צייט פון מלחמה.

ניט קענענדיק צעברעכן די אייניקייט פון די סטרייקערס, האָבן די באַסעס זיך גענומען צו אַן אַנדער מיטל — מאַכן אַ בלבול אויף די סטרייקערס און זייערע פירער, אַז זיי האָבן פּלאַנירט אויפצורייסן די פאַבריקן מיט דינאַמיט.

דעם 13טן יאַנואַר, 1912, האָט די פּאָליציי „געפונען" דינאַמיט אין עטלעכע פּלעצער אין לאָורענס. איין פּלאַץ איז געווען אין אַ שיך־קראָם לעבן אַ פּלאַץ, וואו דער סטרייק־פירער, דזשאָו עטאָר, פלעגט קריגן זיינע בריוו. די פּרעסע האָט זיך צעבושעוועט, אַז סטרייקערס האָבן געוואָלט חרוב מאַכן די שטאָט. איבערפאַלן זיינען געמאַכט געוואָרן אויף די היימען פון סטרייקערס און אַרום 300 זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

אָט־די פאַרשווערונג וואָלט אפשר געווען געלונגען, נאָר ס'האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט באַלד געוויזן ווער די אמתע פאַרשווערער זיינען.

אַ באָסטאָנער צייטונג, וועלנדיק זיין די ערשטע צו דרוקן די נייעס, האָט זיך צוגעאיילט מיטן באַריכט און גענוי איבערגעגעבן די געשיכטע מיט אַלע איינצלהייטן — וואו מ'האָט געפונען דעם דינאַמיט און ווי אַזוי די פּאָליציי האָט געמאַכט דעם איבערפאַל. אָבער די צייטונג מיט אָט־דער נייעס איז פאַרקויפט געוואָרן אויף די לאָרענסער גאַסן פונקט אין דער צייט, ווען דער דינאַמיט איז „געפונען" געוואָרן.. הייסט עס, אַז די צייטונג האָט געמוזט דרוקן די נייעס מיט וויניקסטנס אַ שעה פריער, איידער ס'איז געמאַכט געוואָרן דער איבערפאַל.

דאָס האָט געגעבן די פּאַרטיידיקער אַ שפּור צו די אמתע פאַרשווערער און מ'האָט אויסגעפונען, אַז דער „דזשאָב" איז טאַקע געמאַכט געוואָרן פון די באַלעבאַטים אַליין.

דזשאָן דזש. ברין, אַ פּראָמינענטער בירגער פון לאָרענס, אַ מיטגליד פון דער אָרטיקער שול־פאַרוואַלטונג, אַ זון פון אַ געוועזענעם מעיאָר און אַ פאַרביסענער קעגנער פונעם סטרייק, איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר באַ־טייליקן זיך אין דער דינאַמיט־פאַרשווערונג. ער איז געפונען געוואָרן שול־דיק און איז אָפּגעקומען מיט אַ שטראָף פון פינף הונדערט דאָלאַר. אָבער אַ גרעסערע סענסאַציע איז געווען, ווען ס'איז באַוויזן געוואָרן, אַז גאָר־גרויסע העכט זיינען פאַרמישט אין דער פאַרשווערונג. ערנסט פּיטמאַן, אַ רייכער קאָנטראַקטאָר, האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרשווערונג, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין איינעם פון די אָפיסעס פון די וואָל־מאַגנאַטן. דער דיסטריקט־אַטורני האָט אַרעסטירט

וויליאַם וואודן, פּרעזידענט פון דער „אַמעריקען וואולען קאָמפּאַני", פּרעד עטאַקס פון „עטאַקס סופּלאַי" און איינעם דזש. קאָלינס, אַ פריינט פון ברינען. פּיטמאַן האָט געזאָלט אויפטרעטן פאַר דער „גרענד־דזשורי" מיט באַווייזן קעגן וויליאַם וואוד, האָט ער זיך בעסער אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ. אָבער וואוד און עטאַקס זיינען באַפרייט געוואָרן און קאָלינס איז פאַראורטיילט געוואָרן צו אַ קורצן טורמע־טערמין.

נאָר אויך אַלע אַרעסטירטע סטרייקערס זיינען באַפרייט געוואָרן.

די באַלעבאַטים האָבן זיך באַנוצט מיט נאָך אַ צווייטער פאַרשווערונג. אַ סטרייקערין, אַנאַ לאָפּיזא, איז דערשאָסן געוואָרן פון אַ פּאָליציימאַן. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט די הויפּט־פירער פון סטרייק, עטאָר און דזשיאָוואַניטי, אויף דער באַשולדיקונג, אַז זייערע „אויפהעצנדיקע" רעדעס האָבן פאַראורזאַכט דעם טויט פון דער סטרייקערין.

דער פּראָצעס האָט ווידער אַרויסגערופן פּראָטעסטן איבערן לאַנד. די אַרבעטער פון לאָרענס האָבן נאָכדעם, ווי זיי האָבן געוואונען דעם סטרייק, דורכגעפירט אַן איין־טאָגיקן סטרייק צו פאָדערן די באַפרייאונג פון זייערע פירער. איך האָב בייגעוואוינט דעם פּראָצעס פון עטאָר און דזשיוואַניטי אין סעילעם, מאַסאַטשוזעטס, דאָס שטעטל, וואָס איז היסטאָריש באַרימט צוליב די מכשפה־געיעגן. אָבער דאָס מאָל האָבן די מכשפה־יעגער ניט אויסגעפירט. די אָנגעקלאָגטע סטרייק־פירער האָבן אין זייערע פאַרטיידיקונגס־רעדעס געמאַכט אַ שאַרפע אָנקלאָגע קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, אויפגעדעקט דעם גאַנצן שווינדל פון דער פאַרשווערונג און די „דזשורי" האָט זיי געפונען ניט־שולדיק.

געווען נאָך אַ קרבן פון סטרייק — אַ זעכצן־יאָריק ייִנגל, וועלכער איז דערשטאָכן געוואָרן פון אַ מיליציע־מאַן אין צייט פון „קריגס־צושטאַנד" אין לאָורענס, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף צו קאָנען דערשטיקן דעם סטרייק.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איצטיקער פייערונג פון 300 יאָר ייִדיש לעבן אין אַמעריקע איז כדאַי צו דערמאָנען די לויבנסווערטע ראָל פון ייִדן אין דעם היסטאָרישן לאָורענס־סטרייק. די סטרייקערס זיינען געווען צעטיילט אין נאַציאָנאַליטעטן־סעקציעס. די ייִדן האָבן געהאַט אַ באַזונדערע סעקציע, וועמעס מיטינגען ס'זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף ייִדיש. מאַסן־מיטינגען זיינען געהאַלטן געוואָרן מיט ייִדישע רעדנער פון באָסטאָן. איך בין אָפט געווען אין לאָורענס אין צייט פון סטרייק, האָב באַזוכט די ייִדישע סטרייקערס, זיי געזען אויף מיטינגען, אין סופּ־קיך און אויף דער פּיקעט־לאַין. ייִדישע אַרבעטער איבערן לאַנד זיינען געווען טעטיק אין שאַפן הילף פאַר די סטרייקערס, דער „לעיבאָר־ליג" פון מאַסאַטשוזעטס (אַרבעטער־רינג

צווייגן, וועלכע האָבן דעמאָלט צוליב אַ ספּעציעלן געזעץ געמוזט זיין אָרגאַני־זירט אין אַ באַזונדערער קערפּערשאַפט), האָט אויף אַ קאָנפערענץ באַשלאָסן, אַז דער באַסטאַנער אָפיס פון „פאָרווערטס" זאָל אַרויסלאָזן אַ רוף און שאַפן אַ פאָנד פאַר די לאָורענסער סטרייקערס, וואָס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן. אין ניו־יאָרק האָבן די יידישע געווערקשאַפטן אַרויסגעלאָזן אַן אַפּיל צו די גאַרמענט־אַרבעטער ניט צו אַרבעטן אויף סחורות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין די פאַבריקן, וואו דער סטרייק איז אָנגעגאַנגען. אַ הילפס־קאָנפערענץ לטובת די לאָורענסער סטרייקערס איז גערופן געוואָרן דורכן „ברענטש 25" פון אַרבעטער־רינג, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט אַ „לאָקאַל" פון דער „ווייסטמאַכער יוניאָן", צוועלף אַרבעטער־רינג צווייגן און אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. געלט־זאַמלונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין יידישע הייזער, יידישע טעאַטערס און אויף פאַרזאַמלונגען. די קינדער פון די סטרייקערס זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך דער צייט פון סטרייק אין יידישע היימען אין ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע. ביים אַרויסשיקן די קינדער פון לאָורענס זיינען אויך פאָרגעקומען בלוטיקע סצענעס. די פּאָליציי האָט ניט געוואָלט דערלאָזן די קינדער זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן און האָט גע־שלאָגן די מאַמעס מיט די קינדער און מאַסן פון זיי אַרעסטירט. דער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד האָט אָנגעשריבן אַ ספּעציעלע גרויסע פּאָעמע „די קינ־דער פון לאָרענס".

די געשיכטע פון לאָורענסער סטרייק, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג, ווערט פאַרבליבן ווי אַ מוסטער פונעם העלדישן קאַמף פון אַרבעטער קעגן שרעקלעכער עקספּלואַטאַציע, קעגן פּראָוואָקאַציעס און פאַרשווערונגען פון „באַסעס". ס'זיינען געשריבן געוואָרן ביכער מיט דער געשיכטע פונעם לאָורענסער סטרייק. אין פאַרלאַג פון „קאָמעראַן ענד קאָהן" איז אַרויס אַ ווערטפולער בוך „מיל טאַון", וואו ס'ווערט דורך בילדער און פאַטאָסטאַטן פון נייעסן פון יענער צייט איבערגעגעבן די געשיכטע פונעם העלדישן סטרייק.

סאַקאָ און וואַנזעטי

די קאַפּיטאַליסטישע יוסטיץ פֿון מאַסאַטשוזעטס סטעיט האָט דעם 22טן אויגוסט 1927, אין נאָמען פֿון געזעץ, דערמאָרדעט אויף דעם עלעקטרישן שטול צוויי אומשולדיקע אַרבעטער־טוער — דעם שיך־אַרבעטער ניקאָלאַי סאַקאָ און דעם פֿיש־פּעדלער באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי.

אין זייער געזעגענונגס־בריוו פֿון טויטן־הויז, אַ טאָג פֿאַר דער היגריכ־טונג, דעם 21טן אויגוסט 1927, האָבן די צוויי מאַרטירער געשריבן:

„בלויז צוויי פֿון אונדז וועלן שטאַרבן — אונדזער אידעאַל, איר, אונדזערע חברים, וועלן לעבן אין די מיליאָנען. מיר האָבן געוואונען, מיר זיינען נית באַזיגט.



ניקאָלאַי סאַקאָ באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי

„היינט־אין לדורות אונדזערע ליידן, אונדזער טרויער, אונדזערע פעלערן, אונדזער נידערלאַגע, אונדזער ליידנשאַפט פאַר די צוקונפטיקע שלאַכטן פאַר דער גרויסער באַפרייאונג.

„מיר אומאַרמען אייך אַלע און זאָגן אייך אונדזער טיפסטן ,זייט געזונט' איצט און שטענדיק. לאַנג לעבן אייך אַלעמען, לאַנג לעבן זאָל די פרייהייט!

„אייערע אין לעבן און טויט,

בארטאלאמעא וואַנזעטי,

ניקאָלאַי סאַקאָ".

די לעבנס פון די צוויי אַרבעטער־טוער, אין וועמעס אומשולד עס זיינען איבערצייגט מיליאָנען מענטשן איבער דער גאַנצער וועלט, זיינען אַוועקגערויבט געוואָרן אויף דעם עלעקטרישן שטול אין דער טורמע פון טשאַרלסטאָן, מאַסאַטשוזעטס. אָבער די נעמען סאַקאָ און וואַנזעטי וועלן ניט פאַרגעסן. זיי זיינען געבליבן ווי אַ סימבאָל פון מאַרטירערטום אין קאַמף קעגן אומגערעכטיקייט. זיי דינען אויך, ווי אַן אָנקלאַגע קעגן דער אַמעריקאַנער רעאַקציע, ווי אַ דערמאָנונג אויף וואָס די אַמעריקאַנער רעאַקציאָנערן זיינען פייאיק, כדי צו דערשטיקן די שטימען פון די, וואָס פּראָטעסטירן קעגן מלחמות און מאַנען גערעכטיקייט.

די געשיכטע פון סאַקאָ און וואַנזעטי האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1920, זיבן יאָר פאַר זייער הינריכטונג.

עס זיינען געווען דעמאָלט יאָרן פון פינצטערער רעאַקציע און היסטערישער „רעד בעיטינג". די רעוואָלוציאָנערע שטימונג צווישן די אַרבעטער־מאַסן אין דער וועלט האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. אַן אומרואיקע שטימונג האָט געהערשט אין אַמעריקע צווישן די אַרבעטער, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן יקרות און אַרבעטלאָזיקייט.

די היטער פון „פרייער אונטערנעמונג" האָבן גענומען זוכן מיטלען, ווי צו דערשטיקן די אומצופרידנקייט פון די אַרבעטער־מאַסן אין לאַנד. די קאַפּיטאַליסטישע פרעסע האָט גענומען פאַרשפּרייטן ווילדע העצעס קעגן קאָמוניסטן און קעגן פרעמד־געבוירענע. אַ ווילדער געיעג אויף ראַדיקאַלן איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון דעמאָלטדיקן טרויעריקבאַרימטן גענעראַל־פּראָקוראָר (אַטוירני־דזשענעראַל) א. מיטשעל פּאַלמער.

טויזנטער זיינען אַרעסטירט און צעשלאָגן געוואָרן; הונדערטער זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד. צווישן די אַרעסטירטע ראַדיקאַלן פאַר דעפּאָרטאַציע זיינען געווען צוויי פריינט פון סאַקאָ און וואַנזעטי — אַנדרעאַ סאַלסעדאַ און ראָבערט עליאַ, צוויי איטאַליענישע אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן

אַרויסגעגעבן אַן אַנאַרכיסטישע צייטשריפט.

סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען געווען אַקטיווע טוער אין דער ראַדיקאַלער באַוועגונג צווישן די איטאַליענישע מאַסן. ניקאָלאַי סאַקאָ איז אַלט געווען אין צייט פון זיין אַרעסט 28 יאָר. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין סטרייקס, געהאָלפן אָרגאַניזירן אַרבעטער און איז געווען טעטיק אין אַ דראַמאַטישן קלוב.

באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי, דעמאָלט 32 יאָר אַלט, האָט אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט ביי פאַרשידענע שווערע אַרבעטן. געווען אַקטיוו אין אַ סטרייק, וואו ער איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויפן שוואַרצן צעטל, האָט ער זיך גענומען צו פיש-פּעדלעריי. ער האָט אָבער די גאַנצע צייט געלערנט און פלעגט אַרויסטרעטן אַלס רעדנער אויף פאַרזאַמלונגען.

ביידע זיינען געווען קעגנער פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. אין 1917 זיינען זיי, אַנשטאָט גיין אין מיליטער-דינסט, אַוועק קיין מעקסיקאָ, וואו זיי זיינען אָפּגעווען די צייט פון דער מלחמה. קומענדיק צוריק אין די שטאַטן, האָבן זיי זיך גענומען צו זייערע אַלטע באַשעפטיקונגען. סאַקאָ האָט געאַרבעט אין אַ שוך-פאַבריק אין סאוט ברענטרי, מאַסאַטשוזעטס, און וואַנזעטי האָט געפּעדלט מיט פיש אין דעם שטעטל פּלימוט, מאַסאַטשוזעטס.

עס איז געווען נאַטירלעך, אַז די צוויי ראַדיקאַלע טוער זאָלן זיך אינטערעסירן מיט דער לאַגע פון די אַרעסטירטע פאַר דעפּאָרטאַציע, איבערהויפּט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּערזענלעכע פריינט.

וואַנזעטי איז געפאָרן קיין ניו-יאָרק צו קריגן אַ פאַרטיידיקער פאַר די אַרעסטירטע, און קומענדיק צוריק, האָט ער צוזאַמען מיט סאַקאָן אַראַנזשירט אַ פּראָטעסט-מיטינג, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין בראָקטאָן, מאַס., דעם 9טן מאַי 1920.

דערווייל איז באַקאַנט געוואָרן די נייעס, אַז איינער פון די צוויי אַרעסטירטע פאַר דעפּאָרטאַציע, סאַלסעדאָ, איז געפונען געוואָרן אַ דערהרגעטער אונטערן פענצטער פון דעם „דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס" אין ניו-יאָרק. צי מען האָט אים אַרונטערגעשטופּט פון אַכטן שטאָק, וואו ס'האָט זיך געפונען דער דעפּאַרטמענט פון „געהיימער פּאָליציי", אָדער ער איז אַליין אַראָפּגעשפרונגען, ניט קענענדיק איבערטראָגן די מאַטערנישן פון „טהורד דיגרי", איז ניט באַקאַנט. זיין חבר עליא, וועמען מען האָט נאָכדעם דעפּאָרטירט קיין איטאַליע, האָט דערקלערט, אַז מען האָט סאַלסעדאָן שרעקלעך געפּייניקט. די נייעס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן צאָרן צווישן דער איטאַליענישער באַפעלקערונג און מען האָט זיך געגרייט צו דעם מיטינג.

פאָרנדיק צום מיטינג, זיינען סאַקאָ און וואַנזעטי אַרעסטירט געוואָרן.

אין סאַקאָס קעשענע האָט מען געפונען אַ האַנטצעטל וואָס האָט גערופן צום פּראָטעסט־מיטינג אין בראָקטאָן. מען האָט אויך געפונען ביי די אַרעסטירטע צוויי רעוואָלווערן. וואַנזעטי האָט דערקלערט, אַז ער האָט מיט זיך אַרומגעטראָגן אַ רעוואָלווער, כדי צו באַשיצן זיך קעגן „האָלד אָפּס״, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אַ געוויינלעכע זאַך. אויך סאַקאָ האָט געהאַט אַ רעוואָלווער אַ לאַנגע צייט. זיין באַלעבאָס פון שאָפּ האָט געוואוסט וועגן דעם, און מען האָט עס באַטראַכט, ווי אַ געוויינלעכע זאַך.

אין דער פּאָליציי האָט מען זיי אויסגעפרעגט וועגן זייערע פּאָליטישע מיינונגען — צי זיי זיינען סאָציאַליסטן, אָדער קאָמוניסטן. עס האָט פון אָנהויב ניט אויסגעזען, אַז מען גרייט דאָ צו אַ מאָרד־בלבול. די קלאַגע קעגן זיי איז געווען בלויז פאַר טראָגן געווער אָן אַ דערלויבעניש.

אין יענער צייט זיינען פאָרגעקומען אַ סך מאָרדן, „האָלד־אָפּס״ און רויבערייען אין יענע געגנטן פון מאַסאַטשוזעטס. אין סאוט ברענטרי איז דעם 15טן אַפּריל 1920 פאָרגעקומען אַ „האָלד־אָפּ״ און אַ מאָרד פון אַ געוויסן מר. פּאַרמענטער, אַ קאַסירער פון דער סלעיטער פאַבריק און זיין וועכטער. זיי זיינען באַרויבט געוואָרן אויף 15 טויזנט דאָלאַר. מיט עטלעכע חדשים פריער, דעם 24טן דעצעמבער 1919, איז אין ברידזשוואָטער, מאַסאַטשוזעטס, פאָרגעקומען אַ פאַרזוך פון אַ „האָלד־אָפּ״ אויף אַ קאַסירער. אין ביידע פאַלן זיינען די באַנדיטן אַנטלאָפן און די פּאָליציי האָט ניט געפונען קיין שפור פון די פאַרברעכער. האָט די פּאָליציי גענומען זוכן אירע קרבנות צווישן די פרעמד־געבוירענע, קעגן וועמען די האַס־היסטעריע איז געווען שטאַרק אויפגעהעצט, איבערהויפּט אין די קליינע שטעטלעך. און דריי וואָכן נאָך דעם אַרעסט פון סאַקאָ און וואַנזעטי האָט די פּאָליציי באַשלאָסן אָנצושעפּען אויף זיי די קלאַגע פון באַטייליקן זיך אין די צוויי „האָלד־אָפּס״ און מאָרד.

עדות האָבן געזאָגט, אַז אין ביידע פאַלן האָבן די באַנדיטן אויסגעזען ווי איטאַליענער. האָט די פּאָליציי אָנגעטאָן סאַקאָן און וואַנזעטין ענלעכע קליידער, ווי די, וואָס די באַנדיטן האָבן, לויט דעם איינדרוק פון די עדות, געטראָגן אין צייט פון די „האָלד אָפּס״. מען האָט געבראַכט מענטשן אָנקוקן די אַרעסטירטע און עס האָבן זיך געפונען עטלעכע „עדות״, וועלכע האָבן „דערקענט״ סאַקאָן און וואַנזעטין, ווי די פאַרברעכער.

מען האָט געפרעגט די אַרעסטירטע וואו זיי זיינען געווען דעם 24טן דעצעמבער און דעם 15טן אַפּריל, ווען די „האָלד אָפּס״ זיינען פאָרגעקומען. סאַקאָ איז דעם 24טן דעצעמבער געווען ביי דער אַרבעט אין שוך־פאַבריק און מען האָט אים דעם ברידזשוואָטער פאַרברעכן ניט געקענט צוטשעפּען. אָבער אין דעם טאָג פון 15טן אַפּריל האָט סאַקאָ גראָד ניט געאַרבעט. כאָטש

ער האָט געגעבן אָנגעגעבן וואו ער האָט פאַרבראַכט יענעם טאָג; אַז ער איז געווען אין באָסטאָן, ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו דער מאָרד איז פאָרגעקומען, האָט אים די פּאָליציי פאַרהאַלטן אויף דער קלאַגע פון מאָרד פון קאַסירער און זיין וועכטער אין סאוט ברעינטרי. וואַנזעטי, וועלכער איז אַלס פּיש־פּעדלער קיינמאָל ניט געזעסן אויף איין פּלאַץ, איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר ביידע פאַרברעכנס — פריער פאַר דעם „האָלד אַפּ״־פּאַרזוך אין ברידזש־וואָטער און שפּעטער פאַר דעם מאָרד אין סאוט ברעינטרי.

דעם 16טן אויגוסט 1920 איז אין פּלימוט פאָרגעקומען דער משפּט איבער וואַנזעטין. דער הויפּט־עדות קעגן וואַנזעטין איז געווען אַ פופצן־יאָריקער יינגל, וועלכער פאַרקויפט צייטונגען. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געזען דעם באַנדיט, „וועלכער איז געלאָפן ווי אַ פרעמד־געבוירענער, ווי אַן איטאַליענער, אַ רוס, אָדער אַ מעקסיקאַנער״.

די פאַרטיידיקונג האָט געבראַכט צוואַנציק עדות, וועלכע האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן דעם טאָג פון דעם „האָלד אַפּ״־פּאַרזוך, וואָס איז אויס־געקומען ערב קריסטמעס, געקויפט פיש ביי וואַנזעטין אין פּלימוט, מאַס., און אַז ער איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן.

דער לאָיער האָט געראַטן וואַנזעטין ניט אויפצוטרעטן פאַר זיך אַלס עדות. ער האָט אויך ניט געמאַכט קיין אויסזעצונגען וועגן ניט־ריכטיקע רעגולאַציעס. און אַזוי איז וואַנזעטי פאַרמשפּט געוואָרן אויף 11, ביז 15 יאָר תּפיסה. וואַנזעטי האָט נאָכדעם דערקלערט, אַז דער דאָזיקער לאָיער האָט אים פאַרראַטן.

באַלד נאָך אָט־דעם משפּט איז וואַנזעטין צוגעטשעפּעט געוואָרן די באַ־שולדיקונג, אַז ער זאָל האָבן זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט סאַקאָן אין דעם מאָרד פון דעם קאַסירער אין סאוט ברייטנרי, דעם 15טן אַפּריל, 1920.

זיי זיינען אָפיציעל אָנגעקלאָגט געוואָרן דעם 11טן סעפּטעמבער, 1920, און דעם 31טן מאַי 1921 האָט זיך דער פּראָצעס אָנגעהויבן אין דעדהאַם, מאַסאַטשוזעטס.

דער פּראָצעס איז געפירט געוואָרן אין אַן אַטמאָספערע פון טעראָר. די אַרעסטירטע זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין אַן אייזערנער שטייג, וועלכע איז געשטאַנען אינמיטן געריכט־הויז. דאָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי די אַרעסטירטע וואָלטן זיין ווילדע חיות. דאָס געריכט־הויז איז געווען אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי, און יעדער איז באַזוכט געוואָרן ביים אַריינגאַנג, צי ער האָט ניט קיין געווער.

די צייטונגען האָבן געהאַלטן אין איין העצן, אַז די „רויטע״ פריינט פון די אַרעסטירטע פּלאַנעווען גוואַלדטאַטן קעגן די ריכטער.

פון די 35 עדות, וועלכע מען האָט אַרויסגערופן ביים פּראָצעס און וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן בייגעוואוינט די מאָרד־סצענע, האָבן זיבן דער־קלערט, אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען די אָנגעקלאָגטע. 22 זיינען געווען זיכער, אַז ניט סאַקאָ און ניט וואַנזעטי זיינען געווען די פּערזאָנען, וועלכע זיי האָבן געזען ביי דער מאָרד־סצענע. בלויז פיר עדות האָבן געזאָגט, אַז זיי „דערקענען" סאַקאָן, און בלויז איינער האָט געזאָגט, אַז ער „דערקענט" וואַנזעטין. צוויי פון די פיר האָבן ביי יעדן אויפטריט געמאַכט אַנדערע באַהויפּטונגען, די אַנדערע צוויי האָבן געהאַט קרימינעלע פאַרגאַנגענהייט.

עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס די פאַרטיידיקונג האָט געבראַכט עדות, וועלכע האָבן אָנגעגעבן וואו זיי האָבן זיך געטראָפן מיט סאַקאָן אין באָסטאָן דעם טאָג פון מאָרד אין סאוט ברייינטרי. דער ריכטער וועבסטער טהעיער האָט צו דער „דזשורי" גערעדט וועגן פּאַטריאָטיזם, וועגן געטריישאַפט צו גאָט, צום לאַנד און צום סטעיט.

דער פאַקט, וואָס די אָנגעקלאָגטע זיינען געווען אַנאַרכיסטן, קעגנער פון רעליגיע און פון מלחמה, האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער „דזשורי", וואָס איז באַשטאַנען פון קליינשטעטלדיקע מענטשן מיט אַ שטאַרקן פאָראורטייל קעגן פרעמד־געבוירענע בכלל און קעגן ראַדיקאַלן בפרט. און ווען עס האָבן אויסגעפעלט קאַנדידאַטן פאַר דער „דזשורי", האָט מען גע־בראַכט מענטשן פון אַ מיטינג פון די „מעיסאָנס", אַ רייכע פראַטערנאַלע אָר־גאַניזאַציע, אין אַ דערבייאיקן זאַל. דער דיסטריקט אַטורני (פּראָקוראָר), וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דעם פּראָצעס, און דער דערמאָרדעטער קאַסירער פאַרמענטער זיינען געווען מיטגלידער פון דעמזעלבן „מעיסאָן לאָדזש". דעם 14טן יולי, 1921, האָט די „דזשורי" אַרויסגעגעבן דעם אורטייל: „שולדיק אין מאָרד ערשטן גראַד".

די פריינט פון סאַקאָ און וואַנזעטי האָבן באַלד געגרינדעט אַ דעפענס־קאָמיטעט צו פאָדערן אַ נייעם פּראָצעס. נייע באַווייזן זיינען אויפגעדעקט געוואָרן וועגן דער פאַלשקייט פון די עדות און וועגן דער אומשולד פון די פאָראורטיילטע. מאַסן־דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם אורטייל זיינען פאָרגעקו־מען איבערן לאַנד און איבער דער וועלט. פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, ווי ראָמען ראָלאַן, אַלבערט איינשטיין און אַנדערע, האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר די אָנגעקלאָגטע, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. ריכטער טהעיער האָט קיין נייעם פּראָצעס ניט באַוויליקט. זיבן יאָר האָט זיך געצויגן דער קאַמף. סאַקאָ און וואַנזעטי האָבן די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן מוטיק.

דעם 9טן אַפּריל 1927 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער אורטייל, אַז זיי דאַרפן פאַרברענט ווערן אויף דעם עלעקטרישן שטול. סאַקאָ און וואַנזעטי האָבן געהאַלטן זייערע לעצטע רעדעס, וואָס וועלן פאַרבלייבן אין דער גע־

שיכטע, ווי מוטיקע אָנקלאַגעס קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער גערעכטיקייט. סאַקאָ האָט געזאָגט:

„איך ווייס, אַז אייער אורטייל וועט זיין אַ קלאַסן־אורטייל און אַלעמאָל וועלן פאַרקומען צוזאַמענשטויסן צווישן דעם אונטערדריקטן קלאַסן און דעם רייכן קלאַס. מיר פאַרברידערן די מאַסן דורך ביכער און ליטעראַטור. איר פאַרפּייניקט זיי, טעראָריזירט זיי און מאָרדעוועט זיי. מיר פּרואוון אַלע מאָל צו דערציען די מענטשהייט; איר פאַרשפּאַרט דעם וועג צווישן אונדז און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, כדי מיר זאָלן פיינט האָבן איינע די אַנדערע. דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס איך געפין זיך דאָ אויף דער אָנקלאַגע־באַנק".

וואַנזעטי האָט געהאַלטן אַ לענגערע רעדע און אָנגעוויזן, אַז דער ריכטער און די אָנקלעגער ווייסן גוט, אַז ער און סאַקאָ זיינען אומשולדיק; נאָר מען משפּט זיי אין אַ צייט פון נאָך־מלחמה־היסטעריע.

„און איצט, — האָט ער פאַרענדיקט, — צען יאָר נאָך דער מלחמה, גלויבן מיר, פאַרשטייען אַלע יעדן טאָג מער און בעסער די קאָנסעקווענצן און רעזולטאַטן פון דער נאָך־מלחמה־צייט. איצט גלויבן מיר נאָך מער, אַז די מלחמה איז געווען אַן אומגערעכטע. און איצט זיינען מיר מער ווי פריער קעגן מלחמה. — — — איך בין אַזוי איבערצייגט, אַז איך בין גערעכט, אַז אפילו ווען איך זאָל צוויי מאָל ווידער געבוירן ווערן, וואָלט איך ווידער געטאָן דאָס, וואָס איך האָב געטאָן ביז איצט".

נאָך די דאָזיקע היסטאָרישע רעדעס אין געריכט האָט ריכטער טהעיער קאַטעגאָריש אַרויסגעגעבן דעם אורטייל, אַז סאַקאָ און וואַנזעטי זאָלן הינגעריכטעט ווערן אויפן עלעקטרישן שטול דעם 10טן יולי, 1927.

שפּעטער איז דער אורטייל אָפּגעלייגט געוואָרן אויף דעם 10טן אויגוסט און נאָכדעם אויף דעם 22טן אויגוסט, ווען נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט, איז דער טויט־אורטייל דורכגעפירט געוואָרן.

טעג פאַר דער הינריכטונג זיינען פאָרגעקומען גרויסע דעמאָנסטראַציעס אַרום דעם „סטעיט־הויז" אין באָסטאָן. די פּאָליציי האָט דורכגעפירט טעראָר־איבערפאַלן, אַרעסטירט מאַסן דעמאָנסטראַנטן, באַפאַלן קלוב־צימערן, געשלאָגן און אַרעסטירט פריינט פון די פאַראורטיילטע.

די צייטונגען האָבן געהעצט מיט ווילדע אויסטראַכטונגען קעגן די ראַדיקאַלן.

ווען מיליאָנען הערצער אין דער גאַנצער וועלט האָבן געקלאַפּט מיט אַנגסט און אומגעדולד פאַרן שיקזאַל פון די צוויי מאַרטירער, האָב איך זיך געפונען נאָענט פון דעם יוסטיץ־מאָרד.

ניט ווייט פון מיר, אונטער דעם זעלבן דאַך, איז דער מאָרד באַגאַנגען געוואָרן. איך האָב געזען די מענטשן, ווי קאַלטבלוטיק זיי גרייטן זיך צו באַגיין דעם גרויזאַמען פאַרברעכן. כ׳האָב געוואוסט די מינוטן און סעקונדן, ווען די קרבנות זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, און געזען, ווי די מערדער זיינען אַוועקגעפאָרן פון מאָרד־פּלאַץ, באַשיצט פון דער פּאָליציי. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב געזען דאָס בלוט טריפן פון זייערע הענט.

איך בין געווען קראַנק אַ פּאָר טעג נאָך דער שרעקלעכער נאַכט, וואָס איך האָב דורכגעלעבט. איך האָב געפילט, ווי נאָך אַ שרעקלעכן חלום, וואָס איז, צום באַדויערן, ניט געווען קיין חלום, נאָר אַן אומגלויבלעכער פאַקט...

די פּאָליציי האָט געבושעוועט אַ גאַנצן טאָג, געזוכט אײנצושטילן מיט גוואַלד דעם פּראָטעסט פון די מאַסן. עס ווייזן זיך אין גאַס סטרייקער, מ׳מאַרשירט אַרום „סטעיט־הויז״. די פּאָליציי באַפאַלט און אַרעסטירט אָן קיין אונטערשייד: די 16־יאָריקע גאָסי גאַסמאַן און די 75־יאָריקע פּראָפעסאָרשע, עלען הייעס — אַלע זיינען גלייך. מ׳שלעפּט זיי אין טורמע, ווי פאַרברעכער. 156 אַרעסטירטע „פאַרברעכער״, מיט וועמען די צוקונפט וועט שטאָלץ זיין...

עס דערנענטערט זיך דער אָוונט. די לאַיערס לויפן נאָך אַרום, זוכן געזעצלעכע מיטלען אָפּצוהאַלטן דעם מאָרד. די פריינט און סימפּאַטיזירער האַלטן נאָך פּראָטעסט־מיטינגען. עס ריידן: מוטער בלור, קאַניקאָוו, מעקאַרטי, מרס. ריטש און אַנדערע. די אַלטע מוטער בלור ווערט אַרעסטירט פאַר „אויפרייצן צו אַ ראַיאָט״.

עס דערנענטערט זיך די שעה... איך גיי מיט מיין „פּאַסירשיין״ צום „טשאַרלסטאָן פּריזאָן״. ס׳איז קריגס־צושטאַנד — באַוואָפנטע סאָלדאַטן גאַלאָפּירן הין און צוריק. ס׳איז באַלד צען אַזייגער, ווען איך קום אָן אין טורמע.

די טורמע איז אַ לאַנגע. צוויי שורות מיט שטיינערנע הייזער, און נאָך אַ שורה, ווי אַ דלד, וואו דער אָפיס פונעם „וואָרדן״ געפינט זיך אינמיטן אַ הויף. רעפּאָרטערס זיצן ביי זייערע טעלעפאָנען און באַריכטן יעדע קלייניקייט פאַר זייערע צייטונגען. אַנדערע דרייען זיך אַרום אין הויף, דערציילן זיך מעשיות, מ׳וויצלט זיך.

אויף די טרעפּ פון „וואָרדנס״ אָפיס שטייט דער גלח מיט עטלעכע „אָלד־טאַימערס״, און מ׳דערציילט וועגן אַנדערע הינריכטונגען, וואָס זיינען דאָ פאָרגעקומען. דעם גלח פאַרדריסט ניט, וואָס צוויי אומשולדיקע מענטשן ווערן פאַראורטיילט צום טויט, נאָר דאָס, וואָס די פאַראורטיילטע ווילן ניט „ראַטעווען זייערע נשמות״... ער זאָגט, אַז עס וועט ניט העלפן.

עס שטייט אַ גרופּע רעפּאָרטערס און מ׳ספּעקולירט: „וואָס וועט זיין,

אַז די הינריכטונג וועט פאַרקומען?" „וועט מען וואַרפן באָמבעס?", פרעגט איינער. „דאָס איז קעגן די געזעצן פון מאַסאַטשוזעטס", וויצלט זיך אַ צווייטער.

איך גיי אַרום איבערן הויף פון טורמע און פיל, אַז איך בין דער איינציקער אַבל צווישן דער אַרמיי רעפּאָרטערס, פאַר וועלכע דער גאַנצער עסק איז ניט מער ווי אַ סענסאַציע.

שוין באַלד עלף אַזייגער. דער לאָיער מעסאַמאַנא קומט. „ניטאָ קיין האָפענונג זיי צו ראַטעווען", — גיט ער צו. נאָר לאָיער היל לויפט נאָך ערגעץ אַרום; טאָמסאָן רעדט נאָך צום גאָווערנאָר — אפשר, אפשר, — גנבעט זיך אַריין אַ געדאַנק. דער לאָיער בעט זיך ביים „וואָרדן", ער זאָל אים לאָזן זען די אומגליקלעכע. „צו שפּעט", ענטפערט קורץ דער „וואָרדן". דער לאָיער ברעכט צוזאַמען. די רעפּאָרטערס לויפן־אָן — אַ מענטש חלשט, אַן אינטערעסאַנטע שטיקל נייעס! „מ'נעמט" בילדער, און דער לאָיער גיט איבער די רעפּאָרטערס, וואָס ער האָט געזאָגט:

„ביי זיי איז דאָ מער רחמנות, ווי ביי די, וועלכע פּרעטענדירן צו זיין קריסטן. איך בין איבערצייגט אין זייער אומשולד און קיין שום עלעקטריזירן וועט ניט ענדערן מיין מיינונג".

דער „וואָרדן" רופט די עדות און די פּערזאָנען, וועלכע דאַרפן אָנוועזנד זיין ביי דער הינריכטונג. מאַסאַמאַנאַן לאָזט מען ניט אַריין...

קעלטער ווי שטיינערנע ווענט און אייזערנע גראַטעס זיינען די הערצער און געפילן פון די מאַכטהאָבער. אַלע אַפּילס צום גאָווערנאָר, צו די ריכטער און צום „דיסטריקט אַטורני" זיינען געווען אַרויסגעוואָרפן — די מאַשינעריע פון דעם יוסטיץ־מאָרד איז גרייט.

צוועלף אַזייגער, און מיר לויפן אַלע אין „פּרעס־קלוב", וואו מ'וועט אַנאָנסירן דעם גאַנג פון די געשעענישן.

איינער שטייט אויף אַ שטול, קריגט די נייעס פון טויטן־הויז און אַנאָנסירט עס. די טעלעפאָנען און טעלעגראַפן צעטראָגן עס איבער דער וועלט...

איך האָב אין די עטלעכע מינוטן איבערגעלעבט די גאַנצע זיבן יאָר פון דער בלוטיקער דראַמע...

איינער איז אַרויף אויפן טיש און שרייט־אויס: סאַקאָ האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע; ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין מוטער און פרוי, און געזאָגט: „לאַנג לעבן זאָל אַנאַרכיע!"

מ'וואַרט אַ ווײַלע, און עס קומט נאָך אַ נייעס: וואַנזעטי איז געטויט געוואָרן — „ער איז אומשולדיק", איז געווען זיין אויסרוף פאַרן טויט.

נאָך דער הינריכטונג איז דער רעפּאָרטער פון די „אַסאָשיאייטעד פּרעס" אַרויסגעקומען און דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געזען — מיט אַלע איינצל-

הייטן, און אַזוי קאַלטבלוטיק, אַן אַ ברעקל מענטשלעך געפיל. עס איז געווען שוידערלעך...

סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען געגאַנגען שטאָלץ צום טויט און זייערע לעצטע ווערטער זיינען געווען, אַז זיי זיינען אומשולדיק.

צו דער לוויה פון די צוויי מאַרטירער זיינען געקומען הונדערטער טויזנטער מענטשן. טרויער האָט געהערשט איבערן לאַנד און אין אויסלאַנד ביי מיליאָנען מענטשן.

צום 20טן יאָרצייט נאָך דעם טויט פון די צוויי מאַרטירער, 1947, האָבן אַ גרופּע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן — ווי אַלבערט איינשטיין, סענאַטאָר הערבערט לעהמאַן, מרס. פרענקלין רוזוועלט, די שרייבערין פּוירל באַק, פיליפּ מאָרעי און אַנדערע, זיך געווענדט צום גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוזעטס נאָך אַ דערלויבעניש אויפצושטעלן אַ דענקמאָל פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי אויף דעם באָסטאָן קאָמאָן (היסטאָרישער פּאַרק אין באָסטאָן). אויף דעם דענקמאָל האָבן געזאָלט אויסגעקריצט ווערן די מאַרטירערס לעצטע געזעגענונגס־ווערטער: „בלויז צוויי פון אונדז וועלן שטאַרבן — אונדזער אידעאַל, איר, אונדזערע חברים, וועלן לעבן אין די מיליאָנען". דער גאָווערנאָר האָט די דערלויבעניש ניט געגעבן.

אָבער די נעמען פון סאַקאָ און וואַנזעטי בלייבן סיי־ווי אומשטערבלעך.

דער „מאַנקי־טראַיעל״ אין טענעסי

דער „מאַנקי־טראַיעל״ (מאַלפּע־פּראָצעס), אָדער ווי ער איז אָפיציעל אָנגערופן געוואָרן דער „סקאָופּס טראַיעל״, האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ געזעץ, וואָס די „טענעסי סטעיט אַסעמבלי״ האָט אָנגענומען אין מערץ, 1925. דאָס געזעץ האָט פאַרבאָטן צו לערנען מיט סטודענטן אין די שולן וועלכע עס איז טעאָריע, וואָס לייקנט אָפּ די ביבלישע געשיכטע וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער וועלט און פון דעם מענטש.

אַ יונגער לערער פון ביאָלאָגיע, דזשאָן טאָמאַס סקאָופּס, אין דעם שטעטל דעיטאָן, האָט באַשלאָסן עובר צו זיין אויף דעם געזעץ און האָט אין דער „היי־סקול״, וואו ער איז געווען אַ לערער, געהאַלטן לעקציעס וועגן דאַר־ווינס לערע פון עוואָלוציע. סקאָופּס איז דערפאַר אָנגעקלאָגט געוואָרן פון דער סטעיט־רעגירונג אין איבערטרעטן דאָס געזעץ.

דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופן שטוינונג ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין אויסלאַנד. מען האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אין 20טן יאָרהונדערט זאָל מען אין דער ציוויליזירטער אַמעריקע פאַרווערן צו שטו־דירן די וויסנשאַפטלעכע טעאָריע פון עוואָלוציע.

די רעגירונג פון טענעסי־סטעיט האָט אָנגעשטעלט אַלס איינעם פון אירע הויפּט־לאָיערס דעם באַרימטן פּאָליטישן פירער און גרויסן אָראַטאָר וויליאַם דזשענינגס בראַיען, וועלכער איז געווען עטלעכע מאָל קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דער אָנגעקלאָגטער, גע־שטיצט פון דער „אַמעריקאַן סיוויל ליבערטיס יוניאָן״, האָט אָנגעשטעלט דעם באַרימטן אַמעריקאַנער אַדוואָקאַט קלאַרענס דאַראָו, צוזאַמען מיט די אַד־וואָקאַטן אַרטור גאַרפילד העיז און דאַדלי פילד מאַלאָן.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 10טן יוני 1925. הונדערטער קאָרעספּאָנדענטן, אויך פון אויסלאַנד, זיינען געקומען קיין דעיטאָן צו „דעקן״ דעם „מאַנקי־טראַיעל״. ק. דאַראָו האָט אָנגעוויזן אויף דער לעכערלעכקייט פון דעם פאַרבאָט אויף דער לערע פון עוואָלוציע. ער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ פאַרבאָט געהערט צום מיטלאַלטער. דאָס טענעסי־געזעץ, האָט ער געזאָגט, שטעלט אַוועק די ביבל אין קעגנזאַץ צו דעם מענטשנס אינטעליגענץ און וויסן.

„יעדעס ברעקל וויסנשאַפט, וואָס איז דאָ אין דעם מענטשלעכן געדאַנק,

דאַרף אונטערגעוואָרפן ווערן צו אַ רעליגיעזער פּראָבע לויט דעם דאָזיקן געזעץ",ʼ האָט דאַראָו אַרגומענטירט. ער האָט געוואָרנט, אַז מען הויבט אָן מיט פּאַרבאָטן לערנען די טעאָריע פון עוואָלוציע, און שפּעטער וועט מען פאַרווערן אַלערליי „אומגעווינטשטע" ביכער, צייכענונגען און זשורנאַלן. דאָס וועט פירן צום אָנרייצן איין סעקטע אויף דער צווייטער. „מיר וועלן מאַרשירן צוריק צום מיטלאַלטער, ווען פאַנאַטיקער האָבן פאַרברענט מענטשן פאַר וואָגן ברענגען ליכט און קולטור צו דער מענטשהייט", האָט דאַראָו געזאָגט.

די פאַרטיידיקונג האָט געבראַכט אַלס עדות וויסנשאַפטלייט, וועלכע האָבן געגעבן דערקלערונגען וועגן דער טעאָריע פון עוואָלוציע. עס איז אויך פאַרגעלייענט געוואָרן אַ בריוו פון עקס־פּרעזידענט ווילסאָן, וואָס ער האָט געהאַט געשריבן צו אַ פּראָפעסאָר אין 1922, אין וועלכן ער האָט דערקלערט: „עס איז גענוג פאַר מיר צו זאָגן, אַז איך גלויב, ווי יעדער אינטעליגענטער און געבילדעטער מענטש, אין אָרגאַנישער עוואָלוציע, און מיך וואונדערט, וואָס אין אונדזער צייט זאָל אַזאַ פראַגע אפילו געשטעלט ווערן".

די אָנקלאַגע האָט געבראַכט אַ פערצן־יאָריקן שילער אַלס אַן עדות, אַז דער לערער סקאָופּס האָט אים געלערנט, „אַז די ערד איז אַמאָל געווען אַ שטיק הייסע צעשמאָלצענע מאַסע, אויף וועלכער קיין שום פלאַנצונגען אָדער לעבעדיקע באַשעפענישן האָבן ניט געקאָנט עקזיסטירן. נאָר די ערד האָט זיך נאָכדעם אָפּגעקילט און עס זיינען אַנטשטאַנען פריער איין־צעליקע אָרגאַניזמען, וואָס האָבן זיך געהאַלטן כסדר אין אַנטוויקלען, ביז עס איז אויפגעקומען דער מין מענטש".

אַ שול־דירעקטאָר האָט באַשטעטיקט, אַז סקאָופּס האָט גענוצט אַ טעקסט־בוך פאַר ביאָלאָגיע, וואָס דערקלערט דאַרווינס עוואָלוציע־טעאָריע.

די פאַרטיידיקונג האָט צווישן אַנדערע זאַכן אויך אָנגעוויזן, אַז עס זיינען דאָ עטלעכע נוסחאות (וואַריאַנטן) פון דער ביבל; אַז די קאַטוילישע ביבל איז אַנדערש פון דער „קינג דזשעימס"־ביבל, וואָס די אָנקלאָגע האָט אָנגעגעבן אַלס באַווייז, און אַז דער יידישער נוסח איז ווידער אַן אַנדערער. זי האָט ווייטער אָנגעוויזן, אַז געוויסע טיילן פון דעם „אַלטן טעסטאַמענט" זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אַזוי שפּעט, ווי אין דעם עלפטן יאָרהונדערט, כאָטש אַנדערע טיילן געהערן צו צייטן פון צוויי טויזנט יאָר פריער.

יעדע רעליגיע דערקלערט, אַז איר נוסח איז דער ריכטיקער, האָט געטענהט די פאַרטיידיקונג, און דאָס געזעץ פון טענעסי זאָגט ניט, אַז מען דאַרף נאָר נוצן דעם „קינג דזשעימס"־נוסח פון דער ביבל.

דער געפעכט צווישן דאַראָו און בראַיענען איז געווען שאַרף און שפּאַנענדיק. בראַיען האָט מיט זיינע אַרגומענטן זיך אַרויסגעשטעלט אין אַ לע־

בערלעכער פּאָזיציע פון אַן איגנאָראַמוס, וואָס גלייבט בוכשטעבלעך אין אַלע מעשיות פון דער ביבלישער לעגענדע; און דאַראָו האָט אַרויסגעוויזן פאַר דער וועלט די לעכערלעכקייט פון בראַיענס אַרגומענטן.

די „דזשורי" איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פרומע קירך־מענטשן, אַחוץ איינעם, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער גייט ניט צו־אָפט אין קירך. אין דער „דזשורי" איז געווען איינער, אַ רעליגיע־פּריידיקער, וועלכער האָט צו־געגעבן, אַז ער פּריידיקט קעגן דער טעאָריע פון עוואָלוציע, אָבער ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיין אומפּאַרטייאיש".

אַ צווייטער „דזשורי"־מאַן, מיטן נאָמען דזשים ראַילי, האָט אויף דער פראַגע, וואָס ער ווייסט וועגן עוואָלוציע, געענטפערט: „איך קען ניט לייענען, איך בין אומגעבילדעט". אָבער ביידע זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דער „דזשורי".

פאַרשטייט זיך, אַז די „דזשורי" האָט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל „שולדיק".

סקאָופּס האָט דערקלערט:

„איך פיל, אַז איך בין פאַראורטיילט געוואָרן פאַר איבערטרעטן אַן אומגערעכט געזעץ. איך וועל פאַרזעצן אין דער צוקונפט אַזוי ווי איך האָב געטאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט, צו קעמפן קעגן דעם דאָזיקן געזעץ מיט אַלץ, וואָס איך קען. יעדע אַנדערע האַנדלונג וואָלט מיינען אַ פאַרלעצונג פון מיין אידעאַל פון אַקאַדעמישער פרייהייט".

דער ריכטער האָט סקאָופּסן פאַראורטיילט צו באַצאָלן בלויז הונדערט דאָלאַר. ער האָט נישט געוואָגט אַרויפצולייגן אַ גרעסערע שטראָף.

עטלעכע טעג נאָך דעם פּראָצעס איז וויליאַם דזשענינגס בראַיען געשטאָרבן. וואָלט עס פּאַסירט מיט דאַראָון, וואָלטן די רעליגיעזע פאַנאַטיקער דאָס אויסגעטייטשט, אַז גאָט האָט אים געשטראָפט. מעגלעך, אַז די דערני־דערונג און די לעכערלעכע פּאָזיציע, אין וועלכער ער האָט זיך געשטעלט אין צייט פון פּראָצעס, האָבן געהאַט אַ ווירקונג צו פאַרשנעלערן בראַיענס טויט.

די פאַרטיידיקער פון סקאָופּסן האָבן אַפּעלירט צום העכערן געריכט פון טענעסי, און דאָס געריכט האָט בטל געמאַכט דעם אורטייל קעגן סקאָופּסן, אָבער אין דער זעלבער צייט געשטיצט דאָס געזעץ צו פאַרבאָטן צו לערנען די טעאָריע פון עוואָלוציע. און ביז היינט־צו־טאָג איז נאָך דאָס געזעץ אין טענעסי נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן.

די פאַרשווערונג קעגן מוני און בילינגס

אין דער געשיכטע פון פאַרשווערונג קעגן אַמעריקאַנער אַרבעטער־טוער פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט די גרויזאַמע פאַרשווערונג קעגן די צוויי טרעיד־יוניאָן אָרגאַניזאַטאָרס טאָם מוני און וואָרען ק. בילינגס.

די פאַרשווערונג האָט זיך אָנגעהויבן אין סאַן־פראַנציסקאָ דעם 22טן יולי 1916 און איז געווען אויפגעבויט אויף וויסטע בלבולים און אָפענע ליגנס, וואָס געדונגענע פאַלשע עדות האָבן פאָרגעבראַכט. אויף די דאָזיקע „באַווייזן״ האָט מען די צוויי אַרבעטער־טוער פאַרמשפט — מונין צום טויט און בילינגסן צו לעבנסלענגלעכער טורמע. מוניס אורטייל איז שפּעטער


וואָרען ק. בילינגס

טאָם מוני

פאַרביטן געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכער תפיסה.

אין משך פון 23 יאָר האָט די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג און רעכט־דענקנדיקע מענטשן אָנגעפירט אַן אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר זייער באַפרייאונג, ביז מען האָט זיי ענדלעך באַפרייט.

סאַן־פֿראַנציסקאָ איז אין יענער צייט געווען דער צענטער פֿון בי־טערע קאַמפֿן פֿון אַרבעטער קעגן געלט־גייציקע פֿאַבריקאַנטן און טראַסט־מאַגנאַטן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרמאָסטן צו פֿאַרניכטן די אָרגאַניזירטע טרעיד־יוניאָן באַוועגונג.

טאָם מוני איז געווען אַן אייזן־אַרבעטער, אַ טעטיקער מיטגליד פֿון דער „אינטערנעשאַנאַל מאָלדערס יוניאָן”, און אַ מיטגליד פֿון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי אין סאַן־פֿראַנציסקאָ. אין דער צייט, ווען מ׳האָט אים אַרעסטירט איז ער, צוזאַמען מיט וואָרען ק. בילינגס, געוועזענער פּרעזידענט פֿון דער שיך־אַרבעטער יוניאָן, געווען טעטיק אין אָרגאַניזירן די טראַמוואַי (סטריט־קאַר)־אַרבעטער פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ. זיי פֿלעגן אָפּשטעלן טראַמ־וואַיען, זיך אַריינכאַפּן אין זיי און באַווירקן די אַרבעטער זיך אָנצושליסן אין דער יוניאָן.

אין יאָר 1916 האָבן אַמעריקאַנער גרויס־קאַפּיטאַל און פּראָפּעסיאָנעלע מלחמה־העצער געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, צו שאַפֿן אין לאַנד אַ שטימונג, אַז אַמעריקע זאָל זיך אָנשליסן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

כדי אויפֿצובלאָזן מלחמה־פּאַטריאָטיזם זיינען מלחמה־צוגרייטונגס־פּאַ־ראַדן דורכגעפֿירט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד. אַזאַ פּאַ־ראַד איז פֿאָרגעקומען אין סאַן־פֿראַנציסקאָ דעם 22טן יולי 1916. אין לויף פֿון פּאַראַד האָט געפּלאַצט אַ באָמבע (אויף עק סטוארט און מאַרקעט סטריטס), פֿון וועלכער צען מענטשן זיינען געפֿאַלן טויט און פֿופֿציק זיינען פֿאַרוואונ־דעט געוואָרן.

ווער עס איז דעם דאָזיקן אַקט באַגאַנגען האָט מען ניט געוואוסט.

די יוניאָן־פֿרעסערישע עלעמענטן האָבן פֿאַר זיך מיטאַמאָל דערזען אַ געלעגנהייט אויסצונוצן די באָמבע־קאַטאַסטראָפֿע קעגן דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, דורך וואַרפֿן די שולד פֿון אָט־דעם גרויסן פֿאַרברעכן אויף יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָרס. ס׳האָט זיך באַלד באַוויזן אַ פּריוואַטער דעטעקטיוו, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט ביי דער טראַמוואַי־געזעלשאַפֿט, און ער האָט אָנ־געוויזן אויף אַ צאָל טעטיקע יוניאָן־פֿירער, אַז זיי זיינען די שולדיקע אין דעם באָמבע־אויפֿרייס.

עס זיינען באַלד אַרעסטירט געוואָרן טאָם מוני און זיין פֿרוי, רענא, וואָ־רען בילינגס, איזראעל ווינבערג, פֿירער פֿון דער „באָס־דראַיווערס יוניאָן” און עדוואַרד נאָלאַן, פּרעזידענט פֿון אַן אָרטיקן צוויג פֿון דער מאַשיניסטן־יוניאָן.

עס איז קעגן זיי אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ קלאַגע, אַז זיי האָבן אויס־געאַרבעט אַ פֿאַרשווערונג צו דערהרגענען דעם פּרעזידענט פֿון די פֿאַר־איייניקטע שטאַטן, דעם גאָווערנאָר פֿון קאַליפֿאָרניע און אַז די באָמבע, וואָס

זיי האָבן, הייסט עס, געוואָרפן, איז איינס פון זייערע ווייטער געפּלאַנעוועטע פאַרברעכנס.

אין יאַנואַר, 1917, האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס. עס זיינען אויפ־געטראָטן רעגירונגס־עדות, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן געזען, ווי מ׳האָט אַוועקגעלייגט אַ טשעמאָדאַן אויפן ראָג פון מאַרקעט און סטואַרט גאַסן, און אַז דער אויפרייס איז געקומען פון אָט־דעם טשעמאָדאַן. זיי האָבן אויך „דערקענט" מוני און בילינגסן אַלס די מענטשן, וואָס זיינען צוגעפאָרן צו יענעם פּלאַץ אין איזראַעל ווייַנבערגס אויטאָמאָביל און דאָרט אַוועקגע־לייגט דעם טשעמאָדאַן.

אָבער עדות פאַר די אָנגעקלאָגטע האָבן דערציילט, אַז די באָמבע איז גאָר אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אַ דאַך און אַז דער גאַנצער גאַסן־פאַרקער איז פאַר און דורך דער צייט פון פּאַראַד אָפּגעשטעלט געוואָרן — אַזוי, אַז ס׳וואָלט געווען אוממעגלעך פאַר ווייַנבערגן אָדער פאַר וועמען עס איז, אַריינ־צופאָרן אין יענעם פּלאַץ מיט אַן אויטאָמאָביל.

די פאַרטיידיקונג האָט אויך פאַרגעבראַכט פאָטאָגראַפישע בילדער, וואָס האָבן געוויזן, אַז טאָם מוני איז גאָר אין יענער צייט, ווען דער אויפרייס איז פאָרגעקומען, געשטאַנען אויפן דאַך פון זיין אייגענער וואוינונג, וואָס איז אַ מייל פון דעם פּלאַץ, וואו די באָמבע איז געפאַלן. עס זיינען אויך אויפגע־טראָטן זעכציק עדות, וועלכע האָבן פאַרזיכערט, אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען ניט די מענטשן, וועלכע האָבן געוואָרפן די באָמבע.

דער געריכט־זאַל איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַ היסטערישער מלחמה־אַטמאָספערע, אויפגעבלאָזן פון הויזיערס צייטונגען און פון דער הפקרדיקער פּרעסע בכלל, ווי אויך פון העצעס, וואָס די יוניאָן־פרעסערישע עלעמענטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ האַנט אין דער פאַרשווערונג, האָבן פאַרשפּרייט, — און די פאַרטייאישע „דזשורי" האָט אַרויסגעבראַכט דעם אורטייל: „שולדיק!"

בילינגס איז אין סעפּטעמבער, 1916, פאַרמשפּט געוואָרן צו לעבנסלענג־לעכער געפענגעניש, און דעם 9טן פעברואַר, 1917, איז מוני פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הענגען.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און עס איז אויפגעדעקט געוואָרן, אַז די הויפּט־עדות קעגן מונין האָבן פאַלש געשוואָרן. פרענק אָקסמאַן, וועלכער האָט מיט אַלע איינצלהייטן געשילדערט, ווי ער אַליין האָט געזען מונין אַוועק־לייגן די באָמבע — איז גאָר יענעם טאָג ניט געווען אין סאַן־פראַנציסקאָ, נאָר ניינציק מייל ווייט פון דעם פּלאַץ; די פאַרטיידיקונג האָט געוויזן בריוו, וואָס אָקסמאַן האָט געשריבן צו אַ פריינט אין אילינאַי, אין וועלכע ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל קומען קיין סאַן־פראַנציסקאָ צו זיין אַן עדות אויף דעם מוני־פּראָצעס. ער וועט נאָר דאַרפן ענטפערן אויף „איניקע פראַגן",

וועגן וועלכע ער וועט אים שוין אינפאָרמירן וואָס צו זאָגן, און דערפאַר וועט ער קאָנען מאַכן אַ פּאָר דאָלאַר...

די פאַלשקייטן פון אַ צווייטן עדות, מרס. קאָלדוועל, זיינען אויפגעדעקט געוואָרן, ווען עס איז פאָרגעבראַכט געוואָרן אַ בריוו, וואָס זי האָט געשריבן צו איר מאַן, אַן אַרעסטאַנט אין טורמע פאַר פאַרברעכנס, אַז מען האָט איר צוגעזאָגט צו באַפרייען אים פון טורמע, אויב ער וועט נאָר אויפטרעטן אַלס עדות אין דעם מוני־פּראָצעס.

די סענסאַנציאָנעלע אויפדעקונגען האָבן געפירט דערצו, אַז אָקסמאַן איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין שווערן פאַלש. אָבער דער פּראָקוראָר (דיסטריקט־אַטורני) פיקערט, וועלכער האָט אָנגעפירט די אָנקלאָגע קעגן מונין און בילינגסן, איז געווען אָקסמאַנס פּאַרטיידיקער און — אָקסמאַן איז באַפרייט געוואָרן. נאָר די צוויי עדות אָקסמאַן און מרס. קאָלדוועל זיינען אַזוי דיס־קרעדיטירט געוואָרן, אַז די רעגירונג האָט שוין ניט געוואָגט זיי נאָכאַמאָל באַנוצן אַלס עדות אין די וויטערדיקע פּראָצעסן קעגן מוניס פרוי און איזראַעל וויינבערג, און זיי ביידע זיינען באַפרייט געוואָרן. אויך נאָלאַן, דער פינפטער פון דער גרופּע, וואָס מ׳האָט אַרעסטירט צוזאַמען מיט די פריער־דיקע, איז נאָך ניין חדשים אין טורמע, באַפרייט געוואָרן אָן אַ פּראָצעס אפילו.

די אַרבעטערשאַפט איבערן לאַנד האָט, נאָך דעם אורטייל אויף מונין און בילינגסן און פון דעם אופן, ווי אַזוי דער פּראָצעס איז געפירט געוואָרן, איינגעזען, אַז דער בלבול קעגן די אַקטיווע יוניאָן־פירער איז געמאַכט גע־וואָרן מיטן צוועק צו טעראָראיזירן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג.

אָבער די יוניאָן־ביוראָקראַטן אין דער פירערשאַפט פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, ווי אויך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון סאַן־פראַנציסקאָ, האָבן זיך ניט געאײַלט צו קומען צו דער פאַרטיידיקונג פון די אומשולדיקע קרבנות. דער סאָציאַליסטישער לאָקאַל פון סאַן־פראַנ־ציסקאָ האָט, דורך זיין סעקרעטאַרין ליליאַן סימס, אַרויסגעשיקט אַ צירקו־לאַר צו אַלע סאָציאַליסטישע לאָקאַלן, אַז זיי זאָלן זיך ניט באַטייליקן אין דער טעטיקייט צו פאַרטיידיקן מונין און בילינגסן, ווייל זיי זיינען „גע־פערלעכע אַנאַרכיסטן“.

עס דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מרס. סימס זיך אָנגעשלאָסן אין אַן אַפּיל פאַר מוניס באַפרייאונג, דעמאָלט איז אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג שוין געווען אַ שטאַרקער לינקער פליגל, וועלכער האָט זיך ניט צוגעהערט צו די רעכטע פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די פאַרשווערונג קעגן מונין און בילינגסן האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד און האָט אויך געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד.

די באַפרייאונג פון טאָם מוני

דער ערשטער שטאַרקער אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד וועגן דעם פּראָצעס און אורטייל אויף טאָם מוני און וואָרען ק. בילינגס איז געקומען פון רוסלאַנד באַלד נאָך דער רעוואָלוציע.

די רוסישע אַרבעטער אין פּעטראָגראַד (איצט לענינגראַד) האָבן, אין אָנהייב פון 1917, דורכגעפירט אַ גרויסע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע ביי דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע און ביים האָטעל, אין וועלכן ס'איז אין יענער צייט איינגעשטאַנען אַן אַמעריקאַנער ספּעציעלע קאָמיסיע מיט סענאַטאָר עליהו רוט בראש, וועלכע איז געקומען צו באַווירקן די רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד צו פאַרבלייבן אין דער מלחמה אויף דער זייט פון די אַליאירטע.

די דעמאָנסטראַנטן האָבן געפאָדערט, אַז אַמעריקע זאָל באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע מוני און בילינגס.

דאָס האָט אָפּגעשטעלט די אַמעריקאַנער רעגירונג אין אַ פאַרלעגנהייט און זי האָט זיך געפילט געצוואונגען כאָטש עפּעס צו טאָן אין דעם פּרט. אַחוץ דעם האָט די דעמאָנסטראַציע אין פּעטראָגראַד דערמוטיקט די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר מוניס און בילינגס' באַפרייאונג.

דער לינקער פליגל אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און די מיליטאַנטע עלעמענטן אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג האָבן אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די אַמעריקאַנער אַרבעטער אַרויסצוגיין אין אַ גענעראַל־סטרייק, צו צווינגען די באַפרייאונג פון די צוויי אַרבעטער־קעמפער, אָדער מ'זאָל אַמווייניקסטן זיי באַוויליקן אַ נייעם פּראָצעס.

פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן האָט זיך געפילט געצוואונגען אַריינצומישן זיך אין דעם ענין. ער האָט זיך געווענדט צום גאָווערנאָר סטעפענס פון קאַליפאָרניע, ער זאָל ניט דערלאָזן צו דער הינריכטונג פון טאָם מוניך, מחמת דעם שלעכטן איינדרוק, וואָס ס'וועט מאַכן אין אויסלאַנד.

ער האָט אויך געפאָדערט אַ קאָמיטעט פון דער „וואָר לעיבאָר באָארד" זאָל אונטערזוכן די גאַנצע מוני־געשיכטע.

די קאָמיסיע האָט שפּעטער צוגעשטעלט אַ באַריכט, אַז ס'איז דאָ אַ גרונט צו זיין אומרואיק וועגן דעם אופן, ווי אַזוי דער פּראָצעס איז אָנגעפירט געוואָרן. דער באַריכט, אונטער וועלכן עס זיינען געווען אונטערגעשריבן דער סעקרעטערי אָוו לעיבאָר ווילּיאַם ווילסאָן, פעליקס פראַנקפורטער און אַנדערע, האָט איינשטימיק רעקאָמענדירט אַ נייעם פּראָצעס.

דעם 18טן מערץ, 1918, האָט פּרעזידענט ווילסאָן אַ צווייטן מאָל געפאָדערט פון גאָווערנאָר סטעפענס צו באַוויליקן אַ נייעם פּראָצעס פאַר מונין.

דער גאָווערנאָר האָט דעם פאַרלאַנג ניט נאָכגעגעבן. אָבער אונטערן דרוק פון די מאַסן, איז ער געווען געצוואונגען צו פאַרבייטן די טויט־שטראָף פון טאָם מוני אויף לעבנסלענגלעכער געפענגעניש.

די אַרבעטער־מאַסן האָבן אָבער מיט דעם זיך ניט באַפרידיקט. אין יאַנואַר, 1919, האָט די אינטערנעשאָנאַל לעיבאָר־דעפענס צוזאַמענגערופן אַן אַרבעטער־קאָנגרעס, אויף וועלכן איבער טויזנט דעלעגאַטן האָבן באַשלאָסן אויפצופאָדערן די יוניאָנס אַרויסצורופן די אַרבעטער אין סטרייק פאַר דער באַפרייאונג פון מונין און בילינגסן, אָדער אַז מ׳זאָל זיי באַווייליקן אַ נייעם פּראָצעס. הגם די פירערשאַפט פון דער „אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעי־באָר" איז געווען קעגן אַזאַ סטרייק, האָבן 900 יוניאָנס געשטימט פאַר דעם, און אַ סטרייק פון איבער אַ מיליאָן אַרבעטער האָט אָנגעהאַלטן פיר טעג.

ביים סוף פון 1920 זיינען פאָרגעקומען אייניקע סענסאַציאָנעלע אויפ־דעקונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ ברייטן אינטערעס איבערן לאַנד צו דעם מוני־פּראָצעס. עדות, וואָס די אָנקלאָגע האָט געהאַט געדונגען, האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן געזאָגט פאַלשע עדות. דער סופרים־קאָורט ריכ־טער פון קאַליפאָרניע, פרענקלין גריפין, אונטער וועמעס פאָרזיץ דער מוני־פּראָצעס איז פאָרגעקומען, איז אַליין אַרויסגעקומען מיט אַ פאָדערונג, אַז ס׳זאָל דורכגעפירט ווערן אַ נייער פּראָצעס פאַר מונין, דערקלערנדיק, אַז „די מוני־קעיס" איז דאָס שמוציקסטע שטיקל אַרבעט, וואָס איז ווען אָפּ־געטאָן געוואָרן".

אַ צאָל פון די געשוואוירענע, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אין געריכט דעם שולדיק־אורטייל קעגן מונין, האָבן שפּעטער חרטה געהאַט און זיינען צוגעשטאַנען צו די, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ נייעם פּראָצעס.

אין 1921 איז אַרויסגעקומען נאָך אַ געוועזענער עדות, פרענק מעקדאָ־נאַלד, און זיך מודה געווען, אַז ער האָט פאַלש עדות געזאָגט אויף מוניס פּראָצעס, און אַז דער „דיסטריק אַטורני" פיקערט האָט מיט אים איינגע־חזרט, וואָס ער זאָל זאָגן אין געריכט.

די אַלע אויפדעקונגען האָבן געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג איבער דער וועלט. אין אַ סך לענדער זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעמאָנסטראַציעס פאַר דער באַפרייאונג פון מונין און בילינגסן. אויך אַ סך אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד און גרויסע פערזענלעכקייטן, ווי טעאָדאָר דרײַזער, ראַבאַי סטיפען וואַיז, פעני הוירסט, אַרטור גארפילד העיז און אַנדערע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קאָמיטעטן צו פאָדערן אַ נייעם פּראָצעס פאַר מונין. נאָר די אָפיציעלע פירער פון דער אַ. פ. אָוו ל. האָבן ווייניק געטאָן צו פאָדערן די באַפרייאונג פון די צוויי אַרבעטער־קעמפער.

מוני איז געווען אויפגעצאַרנט קעגן די דאָזיקע פירער פון דער אַ. פ.

אַוו ל. אין אַ בריוו פון סען קווענטין־טורמע אין קאַליפאָרניע, דאַטירט דעם 5טן יאַנואַר, 1931, באַשולדיקט ער זיי, אַז זיי האָבן געהאָלפן דער־ווייַלן פּיקערטן אַלס דיסטריקט אַטוירני, וועלכער איז קעגן אים; אַז זיי האָבן געהאָלפן דערוויילן גאָווערנאָרס, וואָס האָבן אפילו ניט געוואָלט רע־ווידירן דעם פּראָצעס; אַז קיין איינציק מאָל האָט קיינער פון די „אַרבע־טער־פירער" זיך אפילו ניט געווענדט צו קיין גאָווערנאָר אין קאַליפאָרניע מיט אַ פאָדערונג צו באַפרייען אים און בילינגסן. די א. פ. אָוו ל.־פירער האָבן געגעבן אָנצוהערענישן צו די גאָווערנאָרס, „אַז מען זאָל אונדז ניט באַפרייען אַלס אומשולדיקע, נאָר מען זאָל אונדז אַרויסלאָזן אויף פּאַראָל" — האָט זיי מוני אויפגעוואָרפן.

די מיליטאַנטע אַרבעטער־באַוועגונג און אַ צאָל ליבעראַלן האָבן אָבער ניט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון די צוויי מאַרטירער. אויף גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, אויף קאָנווענשאָנס פון יוניאָנס און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, איז די באַפרייאונג פון מונין און בילינגסן שטענדיק גע־פאָדערט געוואָרן.

לואיס ענגדאַל, סעקרעטאַר פון דער אינטערנעשאָנאַל לעיבאָר־דעפענס האָט, צוזאַמען מיט טאָם מוניס מוטער, געמאַכט אַ טור איבער פאַרשידענע לענדער אין איראָפּע, וואו זיי האָבן אויפגעשטורעמט די עפנטלעכע מיינונג פאַר מוניס באַפרייאונג.

לאָיערס האָבן זיך געווענדעט צום העכסטן געריכט פון לאַנד. די סטעיט־אַסעמבלי און סטעיט־סענאַט פון קאַליפאָרניע האָבן שוין אויך איינגעזען דעם פאַרברעכן, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן מונין און בילינגסן, און אין 1937 האָבן זיי דורכגעפירט רעזאָלוציעס צו פאָדערן די באַגנאַדיקונג פון די פאַר־אורטיילטע. אָבער די פיר גאָווערנאָרס, וואָס האָבן זיך געביטן דורך דער צייט אין קאַליפאָרניע, האָבן אַלץ ניט נאָכגעגעבן. ערשט אין 1939, ווען אין קאַליפאָרניע איז דערוויילט געוואָרן דער פּראָגרעסיווער גאָווערנאָר קאַל־בערט אָלסאָן, וועלכער האָט אין זיין וואַל־קאַמפּאַניע צוגעזאָגט צו באַפרייען טאָם מוני, איז מוני באַפרייט געוואָרן, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעפּינצטערט 23 יאָר אין געפענגעניש.

אַרום אַ הונדערט טויזנט אַרבעטער האָבן אין אַ שטורעמדיקער דעמאָנ־סטראַציע איבער די גאַסן פון סאַן־פראַנציסקאָ געגעבן אַ פייערלעכן קבלת־פּנים דעם באַפרייטן העלדישן מאַרטירער טאָם מוני.

מוני האָט געדאַנקט אַלעמען פאַר דעם קאַמף, וואָס מ'האָט אָנגעפירט פאַר זיין באַפרייאונג און האָט אויסגעדריקט זיין סאָלידאַריטעט מיט די קאַמפן פון די אַרבעטער דורך אָנשליסן זיך, אויף מאָרגן נאָך זיין באַפרייאונג, אין אַ פּיקעט־לאַין, וואָס אַרבעטער אין אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר אין סאַן־

פראַנציסקאָ האָבן אָנגעפירט.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט גאָווערנאָר אָלסאָן באַפרייט אויך וואָרען ק. בילינגס.

דעם 1טן יוני, 1939, איז מוני אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק און דעם 6טן איז ער פייערלעך אויפגענומען געוואָרן אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. ניו־באָלד מאָריס, פּרעזידענט פון דעם ניו־יאָרקער סיטי קאָונסיל, איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן אים באַגריסט אויף יענער ריזיקער פאַרזאַמלונג. סענאַטאָר מיד און אַנדערע פּערזענלעכקייטן האָבן צוגעשיקט טעלעגראַפישע באַגריסונגען.

די לאַנגע יאָרן אין טורמע האָבן רואינירט טאָם מוניס געזונט. ער איז אַרויסגעקומען אַ טיף־צעבראָכענער מענטש, כאָטש שטאַרק און מוטיק אין גייסט. נאָך עטלעכע אָפּעראַציעס איז דער גרויסער מאַרטירער, דריי יאָר נאָך זיין באַפרייאונג, געשטאָרבן דעם 6טן מערץ, 1942.

זיין טויט האָט אַרויסגערופן טיפן טרויער אומעטום. אַ גרויסע לוויה איז דורכגעפירט געוואָרן אין סאַן פראַנציסקאָ, וואו עס האָט גערעדט הערי ברידזשעס, דער מיליטאַנטער אַרבעטער־פירער פון דער מעריטאַים (מאַט־ראָזן) יוניאָן און ראָבערט מאַינאָר, וועלכער איז געווען פון די ערשטע אָנ־צופירן דעם קאַמף פאַר זיין פאַרטיידיקונג. עס האָט אויך גערעדט ס. קאַראַסאַ פון דער סטעיט לעיבאָר באָאַרד: „ווי אַ באַאַמטער פון קאַליפאָרניע־סטעיט, פיל איך זיך דערשלאָגן, און אין נאָמען פון דעם סטעיט בעט איך אַנטשול־דיקונג ביי דעם גייסט פון טאָם מוני“, האָט ער געזאָגט.

וואָרען ק. בילינגס איז באַפרייט געוואָרן פון גאָווערנאָר אָלסאָן מיט חדשים שפּעטער. בילינגס האָט אויך געקראָגן אַ גרויסע אויפנאַמע איבערן לאַנד. בעת אָט־די שורות ווערן געשריבן (יולי, 1956) געפינט זיך בילינגס אין קאַליפאָרניע. ער איז לעצטנס אויפגעטראָטן אויף אַ מאַסן־מיטינג אין קאַרנעגי האָל, ניו־יאָרק, צו פאָדערן אַ נייעם פּראָצעס פאַר מאָרטאָן סאָבעל, אַ קרבן פון דער איצטיקער מלחמה־היסטעריע. ער האָט אין זיין רעדע אָנ־געוויזן אויף דער פאַרשווערונג קעגן אים און טאָם מונין, ווי אויף אַ ביי־שפּיל, וואָס איז ענלעך צו דעם פאַל פון מאָרטאָן סאָבעל, וועלכער איז אויך פאַראורטיילט געוואָרן צו לאַנגע יאָרן טורמע אויפן גרונט פון פאַלשע עדות. בילינגס האָט געפאָדערט אַ נייעם פּראָצעס פאַר סאָבעלן.

מאַקסים גאָרקי אין אַמעריקע

דער סקאַנדאַל, ווי אַזוי דער וועלט־באַרימטער רוסישער שרייבער מאַקסים גאָרקי איז באַהאַנדלט געוואָרן, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, איז אַ שאַנד־קאַפּיטל פון דער ראָל, וואָס עס שפּילט די קאָמערציעלע פּרעסע, און ווי די אַמעריקאַנער רעאַקציאָנערן קאָנען זינקען אין מאַכן בלבולים און אַטאַקירן די שענסטע זין פון דער מענטשהייט.

מאַרק טוועין האָט אַ באַרימטן אויסדרוק: „עס זיינען דאָ געזעצן צו באַשיצן די פריהייט פון דער פּרעסע, נאָר ס׳זיינען ניטאָ קיין געזעצן צו באַשיצן דאָס פאָלק קעגן דער פּרעסע״.

מאַקסים גאָרקי איז געווען אַ קרבן פון ווילדע העצעס, וואָס די אַמע־ריקאַנער רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט אויפגעהויבן.

ס׳איז געווען אין פרילינג פון 1906, ווען די רוסישע מאַסן, וואָס האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט קעגן צאַריזם און פאַר פריהייט, — האָבן געשיקט גאָרקין אַלס אַ שליח צו דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, צו קריגן הילף פאַרן גרויסן היסטאָרישן קאַמף.

גאָרקיס נאָמען איז דעמאָלט שוין געווען גוט־באַקאַנט אין אַמעריקע דורך די איבערזעצונגען פון זיינע ווערק. די אַמעריקאַנער ליבעראַלע און ליטעראַרישע קרייזן האָבן זיך געגרייט דורכצופירן אַ קבלת־פּנים פאַרן גרויסן גאַסט און אים העלפן אין זיין וויכטיקער מיסיע. די פּלענער פאַר דער אויפנאַמע האָבן אויך איינגעשלאָסן די איינאָרדענונג פון אַן אוידיענץ ביים דעמאָלטדיקן פּרעזידענט, טעאָדאָר רוזוועלט.

די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט געהאַט אַ סך פריינט, ספּע־ציעל נאָך דעם, ווי דער צאַר האָט אין 1905 און 1906 זיך גענומען צו פּאָגראָמען און מאַסן־אַרעסטן, אויף צו דערטרינקען די רעוואָלוציע אין טייכן בלוט און ראַטעווען זיין טראָן.

ברייטע מאַסן האָבן דערפאַר געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן אָנקומען פון גאָרקין, כדי צו קאָנען אויסנוצן זיין באַזוך אויף צו דערלאַנגען הילף די בראַווע קעמפער אין רוסלאַנד.

אָבער דאָ האָבן זיך אַריינגעמישט צאַרישע אַגענטן, און זיי צוהילף זיינען געקומען גלאַט רעאַקציאָנערן, וועלכע האָבן זיך גענומען באַשמוצן די פּער־זענלעכקייט פון מאַקסים גאָרקי.

אַן אַגענט פון דער צאַרישער אַמבאַסאַדע אין אַמעריקע האָט גענומען העצן, אַז גאָרקי איז געקומען מיט אַ פרוי, וועלכע איז ניט זיין „געזעצלעכע ווייב״. גאָרקיס פרוי, די בינע־קינסטלערין אַנדרעיעווא, איז געווען פאַר־היראַט צו גאָרקין ניט לויט די פאָרשריפטן פון דער רוסישער פּראַוואָסלאַוו־נער קירך, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן.

גאָרקי און זיין פרוי זיינען באַגעגנט געוואָרן דורך פריינט ביי זייער אָנקומען אין ניו־יאָרק, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דעם האָטעל בעלעקלעיר.

דער אַגענט פון דער צאַרישער רעגירונג האָט גענומען „פּעדלען" מיט דער געשיכטע וועגן „אומגעזעצלעכקייט" פונעם צוזאַמענלעבן פון גאָרקין און זיין פרוי. אין אָנהויב האָבן די צייטונגען ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט דער העצע. נאָר דעמאָלט איז אָנגעגאַנגען אַ קאָנקורענץ צווישן צוויי צייטונגען אין ניו־יאָרק — „די ניו־יאָרק וואָרלד" און „ניו־יאָרק דזשורנאַל". גאָרקי האָט געהאַט אָנגענומען אַ קאָנטראַקט צו שרייבן פאַרן „דזשורנאַל", וואָס איז דעמאָלט געווען אַ ליבעראַלע צייטונג. דאָס האָט די „וואָרלד" ניט געקאָנט פאַרטראָגן. איז אָט־די צייטונג אַרויס מיט אַ געשריי, אַז גאָרקי האָט באַליידיקט דאָס אַמעריקאַנער פאָלק מיט דעם, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט אַלס זיין געזעצלעכע פרוי איינע, מיט וועלכער ער איז גאָרניט פאַרהייראַט.

די נייעס־אַגענטור „אַסאָשיעיטעד פּרעס" האָט צעטראָגן די נייעס איבערן גאַנצן לאַנד. אַלע פינצטערע עלעמענטן, היפּאָקריטן און רעאַקציאָנערן האָבן אין דעם זיך אָנגעכאַפּט: גאָרקי „באַליידיקט אַמעריקע".

דער האָטעל־אייגנטימער האָט אינמיטן נאַכט געשטעלט אַ פאָדערונג, אַז גאָרקי און זיין פרוי זאָלן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. אין קיין אַנדערן האָטעל האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזט. אויך אין אַ מעבלירטן צימער האָט מען פאַר זיי פאַרהאַקט די טיר. ענדלעך האָבן פריינט זיי אַריינגענומען צו זיך אין הויז.

קעגן גאָרקין איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ „זינד": ער האָט זיך אונטערגעשריבן אויף אַ טעלעגראַמע, וואָס האָט געפאָדערט צו באַפרייען די אַרבעטער־פירער מאַיער העיוואוד און פעטיבאָן, קעגן וועלכע ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ בילבול, אַז זיי זיינען באַגאַנגען אַ מאָרד.

דאָס האָט געגעבן דער קאָמערציעלער פּרעסע נאָך „שטאָף" צו וואַרפן זיך ווילד אויף גאָרקין, און פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט האָט צוריקגעצויגן די געפּלאַנטע אויפנאַמע פאַר גאָרקין.

די צייטונגען האָבן גענומען רעווען נאָך מער. גלחים האָבן געהאַלטן דרשות אין קירכן קעגן גאָרקין. אויך געוויסע שרייבער און אַ צאָל ליבעראַלן, וואָס האָבן געזאָלט אויפנעמען גאָרקין, האָבן זיך צוריקגעצויגן.

אָבער די אמתע פריינט פון די רוסישע מאַסן זיינען געקומען גאָרקין צוהילף און האָבן פאַר אים איינגעאָרדנט אַן אויפנאַמע ביי אַ ריזיקן מיטינג און ס'איז געזאַמלט געוואָרן אַ באַדייטנדיקע סומע פאַרן צוועק, פאַר וועלכן גאָרקי איז געקומען. בפרט די פאָלקס־מאַסן, ספּעציעל די יידישע, האָבן אויפגענומען גאָרקין מיט גרויס ליבשאַפט און אים ענטוזיאַסטיש באַגריסט

אויף אַ גאַנצער ריי מיטינגען.

איך געדענק דעם גרויסן קבלת־פּנים פאַר גאָרקין אין דעם גרויסן איבערגעפּאַקטן טרימאָנט טעמפּל אין באָסטאָן. ס׳איז אויך דורכגעפירט געװאָרן אַן אָפּשיד־באַנקעט אין דעם דעמאָלטדיקן רעװיר־האָטעל אין באָסטאָן. עס געדענקט זיך מיר זייער גוט די דעמאָלטדיקע באַגריסונג צו גאָרקין פון דעם פּראָמינענטן באָסטאָנער סאָציאַליסט, דר. האָוואַרד גיבס, װעלכער האָט צװישן אַנדערן געזאָגט:

„די בעסטע פון די אַמעריקאַנער מאַסן זײַנען מיט אײַך, געשעצטער גאָרקי, און מיט אײַער מיסיע. שטעלט זיך ניט אָפּ אויף די, װאָס העצן קעגן אײַך. איר זײַט װי אַ לאָקאָמאָטיװ־פירער, װאָס פירט אַ באַן צו אַ באַ־שטימטן ציל. איר דאַרפט ברען־שטאָף אויף צו באַטרײַבן דעם לאָקאָמאָטיװ. איר קאָנט זיך נישט אָפּשטעלן, װען עס באַװײַזט זיך אַ הונט, װאָס בילט אויפן לאָקאָמאָטיװ“.

גאָרקי איז אַװעקגעפאָרן פון אַמעריקע אַן אַנטױשטער. ער האָט גע־געבן זײַן אײַנדרוק װעגן אַמעריקע אין אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „די שטאָט פון גאָלד“. דאָרט שרײַבט ער, אַז ער האָט געקוקט אויף דער „סטאַטוע פון פרײַהײט“, די אַמעריקאַנער געטין, מיט אַ געפיל פון פאַרגעטערונג. עס האָט אים דערמאָנט די העלדישע צײַטן פון די פאַראײניקטע שטאַטן — די מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקײט, די מלחמה אָפּצושאַפן שקלאַפערײַ. פאַר זײַן זכרון האָבן געפינקלט די בריליאַנטענע נעמען פון טאָמאַס דזשעפערסאָן און גרענט. ער האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט די לידער פון דזשאָן בראַון, בוירט האַרט, לאָנגפעלאָ, פּאָ, װאָלט װהיטמאַן א. אַ.

„דאָס איז דאָס לאַנד, — שרײַבט ער, — װעגן װעלכן צענדליקער טויזנ־טער אין דער אַלטער װעלט האָבן געחלומט װי װעגן דעם לאַנד פון פרײַהײט. און איך אַלײן האָב עס איבערגעחזרט, ניט באַמערקנדיק דעם גרינעם זשאַװער, װאָס איז אָנגעװאַקסן אויף דעם שװאַרצן בראָנז פון דער סטאַטוע“.

און ער זאָגט װײַטער, אַז אַזױ װי דער זשאַװער אויף דער סטאַטוע, אַזױ איז אויך די דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע באַדעקט מיט אַ זשאַװער, װאָס עסט זי אויף. ער מאָלט די אָרעמקײט און שמוץ פון די גאַסן אין ניו־יאָרק און דאָס יאָגעניש נאָך געלט, װאָס איז אין אַמעריקע אויסער יעדער פּראָ־פּאָרציע אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע לענדער. און ער פירט אויס: „קוקנדיק אויף אַזאַ סאָרט לעבן, הויב איך אָן צו דענקען, אַז [דעם סקולפּטאָר] בער־טאָלדיס סטאַטוע דאַרף האַלטן אין איר האַנט ניט דעם פאַקל פון פרײַהײט, נאָר אַ דאָלאַר“.

די צאַרישע הינט האָבן ביז אַ געװיסער מאָס געשעדיקט גאָרקיס מיסיע אין אַמעריקע, נאָר זײ האָבן ניט געקאָנט אָפּשטעלן די לױפנדיקע באַן פון דער רעװאָלוציע.

דער גענעראַל־סטרייק פון פּאָליציי אין באָסטאָן

פּאָליציי און סטרייקס האָבן אַ שייכות איינע מיט די אַנדערע. אין יעדן סטרייק פון אַרבעטער קעגן באַלעבאַטים איז דאָ פּאָליציי, און כמעט אין יעדן פאַל שטייט די פּאָליציי אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים. אָבער עס האָט שוין פּאַסירט אין אַמעריקע, אַז אַ גאַנצע שטאָט פּאָליציי איז אַליין אַרויס אין סטרייק, און אַנשטאָט זיי זאָלן שלאָגן פּיקעטס, האָבן זיי אַליין געפּיקעט און געפילט דעם טעם געשלאָגן צו ווערן.

דאָס איז געווען אין באַרימטן סטרייק פון דער באָסטאָנער פּאָליציי אין 1919. די צייט איז געווען אַן אומרואיקע. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג צווישן די אַרבעטער האָט געהאַלטן אין וואַקסן. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן אין די יאָרן פון מלחמה פאַרגרעסערט זייערע שכירות, און עס איז זיי מער אָדער ווייניקער געלונגען בייצוקומען דעם שטייגנדיקן יקרות.

אָבער די שכירות פון דער פּאָליציי איז פאַרבליבן, ווי פריער און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומצופרידנקייט צווישן זיי. אַ סך פון דער פּאָ־ליציי, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן צו טעראָריזירן סטרייקס און ראַדי־קאַלע מיטינגען, זיינען אַליין געוואָרן אָנגעשטעקט פון דער פּראָפּאַגאַנדע. האָבן זיי ענדלעך באַשלאָסן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן, כדי צו באַשיצן זייערע אינטערעסן אַלס אַרבעטער, און די „סטעיט פעדערעישאָן אָוו לעי־באָר״ האָט זיי אַרויסגעגעבן אַ „טשאַרטער״.

דער פּאָליציי־קאָמיסאַר קורטיס האָט באַלד געלאָזט וויסן, אַז ער וועט ניט דערלויבן די פּאָליציי זאָל זיין אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן. ער האָט אָנ־געקלאָגט ניינצן פּאָליציי־לייט — צווישן וועלכע עס זיינען געווען די באַאַמטע פון דער יוניאָן, — אין ברעכן דיסציפּלין דורך אָנשליסן זיך אין אַ יוניאָן און זיי אָפּגעזאָגט פון דער פּאָליציי.

די פופצן הונדערט פּאָליציי־לייט, וועלכע זיינען שוין געווען אָנגעשלאָסן אין דער „פּאָליסמענ׳ס יוניאָן״, האָבן דעם 8טן סעפּטעמבער אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג און באַשלאָסן, אַז אויב די ניינצן פּאָליציי־לייט ווערן ניט צוריק אָנ־געשטעלט, וועט די יוניאָן אַרויסרופן אַ גענעראַל־סטרייק פון אַלע פּאָליציי־לייט אין שטאָט.

דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן אויפן צווייטן טאָג, 5:45 אָונט, ווען די בייטאָגיקע פּאָליציי־לייט האָבן געענדיקט זייער אַרבעט און די נאַכטיקע האָבן זיי באַדאַרפט פאַרבייטן.

דער אָפּרוף איז געווען אַ דערפאָלג; זייער אַ קליינע צאָל איז פאַרבליבן „סקעבן״.

די שטאָט באָסטאָן איז פּלוצלינג פאַרבליבן אָן פּאָליציי־באַשיצונג. די סטרייקערס האָבן אָוועקגעשטעלט צו צוואַנציק פּאָליציילייט אַלס „פּיקעטס" לעבן יעדער פּאָליציי־סטאַנציע, ניט צו דערלאָזן, אַז אַנדערע זאָלן פאַרנעמען זייערע פּלעצער.

באַלד ווי דער סטרייק איז אַרויסגערופן געוואָרן, האָבן קרימינעלע עלע־מענטן פון שטאָט זיך געלאָזט וואוילגיין. באַנדעס זיינען באַפאַלן קראָמען, צעבראָכן די שויב־פענצטער און צעשלעפּט סחורות וויפל זיי האָבן געקאָנט פאַרנעמען. אין סאוט־באָסטאָן איז אַ חברה יונגלעך אַריין אין אַ מאַרקעט, וואו מען פאַרקויפט אייער און אַנדערע פּראָדוקטן, און האָבן פאַרוואָרפן מיט אייער אַלע פאַרבייגייענדיקע.

דאון־טאון זיינען אַ חברה יונגעלייט אַריין אין דעם קאַסינאָ־טעאַטער, ווען עס איז אָנגעגאַנגען אַ פאָרשטעלונג, און געצוואונגען אָפּצושטעלן די פאָרשטעלונג.

אין שטאַטישן פּאַרק און אויף אַ טייל גאַסן איז אַראַנזשירט געוואָרן אזאַרד־שפּילן.

אויף סקאָלעי סקווער האָבן סטרייק־סימפּאַטיקער אָפּגעשטעלט אַ לאָסט־וואָגן מיט קוילן און באַוואָרפן מיט קוילן די עטלעכע פּאָליציילייט, וועלכע זיינען געווען סטרייק־ברעכערס.

די סימפּאַטיע פון דער באַפעלקערונג איז געווען אויף דער זייט פון די סטרייקערס. די פייערלייט פון שטאָט האָבן געסטראַשעט אַרויסצוגיין אין אַ סימפּאַטיע־סטרייק.

די „סענטראַל לעיבאָר יוניאָן" פון באָסטאָן האָט דיסקוטירט די פראַגע פון אַרויסרופן אַלע באָסטאָנער אַרבעטער אין אַ גענעראַל סטרייק. אַ סך אויף סקאָלעי סקווער האָבן סטרייק־סימפּאַטיקער אָפּגעשטעלט אַ לאָסט־יוניאָנס, צווישן זיי די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן פון באָסטאָן, האָבן געשטימט פאַר אַ גענעראַל־סטרייק. די „אַמאַלגאַמעיטעד שניידער יוניאָן" האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ציען אוניפאָרמען פאַר סטרייק־ברעכערישע פּאָ־ליציילייט.

די ערשט־געגרינדעטע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין באָסטאָן האָט אַרויס־געגעבן ספּעציעלע אויסגאַבן פון זייער צייטונג „דהי ניו־ענגלאַנד לידער", צו שטיצן די סטרייקערס.

אָבער די שטאָט־רעגירונג איז געווען פאַרעקשנט.

קאַלווין קולידזש, וועלכער איז דעמאָלט געווען גאָווערנאָר פון מאַסאַ־טשוזעטס און איז געווען באַוואוסט מיט זיין אומפּיאַיקייט, איז מיטאַמאָל געוואָרן דער העלד פון טאָג און זיך אונטערגענומען צו צעברעכן דעם סטרייק.

ער האָט געשטעלט די פּאָליציי אונטער זיין קאָנטראָל, האָט אַרויסגערופן

די סטעיט־מיליציע און אַרויסגעלאָזן אַן אַפּיל פּאַר נייע פּאָליציי־רעקרוטן. פּרעזידענט עליאָט פון האַרוואַרד קאָלעדזש, וועלכער האָט נאָך בעת אַ פּריי־ערדיקן סטרייק פון טראַמוואַי־אַרבעטער דערקלערט, אַז אַ סטרייק־ברעכער איז אַ העלד, האָט איצט ווידער „געטאָן זיין פליכט", און אַ סך סטודענטן האָבן וואָלונטירט צו ווערן סטרייק־ברעכערס. אָבער דער צאָרן פון דער באַפעל־קערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער האַרוואַרד קאָלעדזש האָט געדאַרפט אַליין האָבן אַ וואַך אַרום דער געביידע, אַז מען זאָל זי ניט פאַרוואַרפן מיט שטיינער.

די שטאָט איז געשטעלט געוואָרן אין אַ קריגס־צושטאַנד. די סאָלדאַטן האָבן ניט געלאָזט מענטשן שטייען אויף איין אָרט. אויף באָילסטאָן און טרי־מאָנט סטריט איז אַ מאַן דערשאָסן געוואָרן, ווייל ער איז ניט גיך גענוג אַרי־בערגעגאַנגען די גאַס. ראַיאָטן זיינען פאָרגעקומען און מענטשן זיינען פאַר־וואונדעט געוואָרן.

אַ סך פון די געשעפטסלייט האָבן אָנגעשטעלט אייגענע פּאָליציי צו היטן זייערע געשעפטן. אַנדערע ווידער האָבן געפּרוּווט אויפנעמען זייער שאָדן מיט ביטערן שפּאַס. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט אויפשריפטן אין די האַלב־צעבראָכענע פענצטער: „אונדזערע קאָסטאָמערס האָבן זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, אַז מיר זאָלן זיי סערווירן, האָבן זיי אַליין גענומען די סחורות. זאָלן זיי איצט קומען — מיר וועלן זיי סערווירן", אָדער: „קאָסטאָמער האָבן גענומען קליידער און שיך פון ניט ריכטיקע מאָסן; זאָלן זיי קומען, וועלן מיר זיי די אַרטיקלען איבערבייטן".

דער גענעראַל־סטרייק פון דער „סענטראַל לעיבאָר יוניאָן" איז ניט גערופן געוואָרן. די פירער האָבן ניט געוואָלט; מעטיו וואָל און גאָמפּערס זיינען געווען קעגן אַ גענעראַל־סטרייק. גאָמפּערס האָט אַפּעלירט צום גאָ־ווערנאָר, אַז מען זאָל צוריקנעמען די סטרייקערס צו דער אַרבעט. אָבער דער גאָווערנאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט און די פּאָליציי־רייען זיינען אויסגעפילט געוואָרן מיט סטרייק־ברעכערס.

די געוועזענע סטרייקערס האָבן אַ לאַנגע צייט אָנגעהאַלטן זייער אָר־גאַניזאַציע, און דעלעגאַציעס זיינען אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד צו אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און געשאַפן שטיצע אויף אויפצוהאַלטן זייערע אַרבעטלאָזע מיטגלידער.

אַ היפּשער טייל פון די געוועזענע פּאָליציילייט זיינען געוואָרן קלאַסנ־באַוואוסטע טוער אין יוניאָנס און אין ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס.

דער פּאָליציי־סטרייק אין באָסטאָן האָט געווירקט, אַז די פּאָליציילייט אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט האָבן געקראָגן אַ העכערונג אין שכירות. עס האָט געגעבן אָנצוהערעניש דעם הערשנדיקן קלאַס, אַז ער איז גאָר ניט אַזוי זיכער מיט זיין פּאָליציי אין צייט פון אַן ערנסטן קאַמף.

„אַמנעסטיע״

„אַמנעסטיע״ איז אַן אַלטע אַמעריקאַנער טראַדיציע. אין דער אַמ־נעסטיע־באַוועגונג קאָנען זיך אָנשליסן אויך אַזעלכע, וועלכע זיינען ניט מסכים מיט די באַשולדיקטע, אָבער וועלכע גלויבן, אַז זיי האָבן שוין גע־ליטן גענוג און זיי דאַרפן באַפרייט ווערן. דער פּרענציפּ פון „אַמנעסטיע״ איז גענוצט געוואָרן אין אַמעריקע נאָך פאַר די קרבנות פון די „עיליען ענד סעדישאָן״־געזעצן אין יאָר 1798. 25 פּערזאָן, אָנהענגער פון טאָמאַס דזשע־פערסאָן, זיינען געווען אַרעסטירט (ווען דזשאָן עדעמס איז געווען פּרעזידענט) פאַר פאַרלעצן די דאָזיקע געזעצן. האָט דזשעפערסאָן, נאָכדעם ווי ער איז דערוויילט געוואָרן פּרעזידענט, דערקלערט אַן אַמנעסטיע פאַר די אַלע אַרעס־טירטע. זיי זיינען באַפרייט געוואָרן פון טורמע און די געלט־שטראָפן זיינען זיי צוריקגעקערט געוואָרן.

פּרעזידענט לינקאָלן און זיין נאָכפאָלגער, פּרעזידענט דזשאָנסאָן, האָבן געגעבן אַמנעסטיע צו אַ גרויסער צאָל אַרעסטירטע רעבעלן אין צייט פון בירגער־קריג.

סעמיועל גאָמפּערס, גרינדער און פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פע־דערעישאָן אָוו לעיבאָר, דער באַרימטער שיקאַגער רב, דר. עמיל ג. הירש און אַנדערע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן האָבן געפאָדערט אַמנעסטיע פאַר די פאַראורטיילטע העימאַרקעט־מאַרטירער אין שיקאַגאָ, אין 1887. און גאָ־ווערנאָר אַלטגעלט, באַלד ווי ער איז דערוויילט געוואָרן, האָט באַפרייט דורך אַמנעסטיע די דריי לעבנגעבליבענע העימאַרקעט־קרבנות (די אַנדערע פינף זיינען הינגעריכטעט געוואָרן פריער).

אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יודזשין וו. דעבס און מאַסן מלחמה־קעגנער זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף לאַנגע טערמינען אין טורמע, איז געווען אַ שטאַרקע אַמנעסטיע־באַוועגונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, דער אַרבעטער־רינג, פאַרשיי־דענע יוניאָנס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. עס זיינען געשיקט געוואָרן דעלע־גאַציעס קיין וואַשינגטאָן און דאָס ווייסע־הויז איז „געפּיקעט״ געוואָרן.

פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן האָט אין נאָוועמבער, 1920, באַגנאַדיקט די „קאָנשיענשאָוס אָבדזשעקטאָרס״ (די, וואָס זיינען ניט געגאַנגען אין מלחמה, ווייל זייער געוויסן האָט זיי ניט דערלויבט). יודזשין וו. דעבס, וועלכער איז געווען פאַרמשפּט אויף צען יאָר טורמע, איז נאָך אָפּגעזיצן דריי יאָר באַגנאַ־דיקט געוואָרן דורך פּרעזידענט האַרדינג אין דעצעמבער, 1921. צוזאַמען מיט אים זיינען נאָך 23 מלחמה־קעגנער באַגנאַדיקט געוואָרן.

די סאָציאַליסטקע קעיט ריטשאַרד אָהעיר האָט אין זומער 1922 געפירט אַ קינדער־מאַרש קיין וואַשינגטאָן צו פאָדערן באַגנאַדיקונג פאַר די אַרום

150 אַרעסטירטע מיטגלידער פון דער „אַי־דאַבליו־דאַבליו" — אַרעוואָלוציאָנערע יוניאָן־אָרגאַניזאַציע. דעבס, ניט לאַנג נאָך זיין אייגענער באַפרייאונג פון טורמע, האָט באַגריסט דעם מאַרש פון קעיט אָהעיר, וועלכע איז אויך געווען אַן ערשט־באַפרייטע פון טורמע פאַר איר קעגנערשאַפט צו מלחמה. דעבס האָט אפילו קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער אַליין וועט צוריקגיין אין טורמע, אויב די רעגירונג וועט ניט באַפרייען די איבעריקע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן!

אויך די „אַ. פּ. אָוו ל. סענטראַל פעדערעישאָן יוניאָן" פון ניו־יאָרק האָט דעם 25טן יולי, 1919, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פאַר דער באַפרייאונג פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַמעריקע.

דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן האָט אין קאָנגרעס פאָרגעבראַכט רעזאָלוציעס פאַר דער באַפרייאונג פון פּאָליטישע אַרעסטירטע.

אין אַ לענגערער רעדע איבער דער פראַגע האָט ער אָנגעוויזן, אַז די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן ניט געהאַט קיין גערעכטן משפּט, ווייל זיי זיינען געמשפּט געוואָרן אונטער אומנאָרמאַלע אומשטענדן.

הגם ער איז געווען אַ קעגנער פון קאָמוניסטן און פון דער „איי־דאַבליו־דאַבליו", האָט ער אָבער איינגעזען, אַז די רעאַקציע וועט פאַרפאָלגן ניט בלויז קאָמוניסטן, נאָר זי וועט אויך „צומאַכן די מיילער" פון סאָציאַליסטן און פון אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן. אין אַ באַריכט, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן ביי אַ קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דעטראָיט, אין יוני, 1921, האָט ער געזאָגט:

„די רעאַקציע זוכט צו פאַרניכטן יעדן, וואָס וואַגט פאָרצושלאָגן אַן ענדערונג. זי האַסט ביטער די עקסטרעמע קאָמוניסטן... זי וויל אונטערדריקן די סאָציאַליסטן... זי וואָלט וועלן דערשטיקן די נאָן־פּאַרטיזאַן ליג, די פאַרמער לעיבאָר־פּאַרטיי און זי זוכט אויפצוהויבן איר גרויזאַמע האַנט נישט נאָר אויף דער „איי־דאַבליו־דאַבליו", נאָר אויך אויף די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר".

ווען דעבס איז באַפרייט געוואָרן, האָט מאיר לאָנדאָן ווידער אויפגעהויבן די פראַגע פון אַמנעסטיע פאַר די אַרעסטירטע. אין אַ רעדע אין קאָנגרעס האָט ער געזאָגט:

„איצט, אַז איר האַלט אין זינגען שבחים פאַר די, וואָס האָבן ליב פרידן, און פאַר די, וואָס אַגיטירן פאַר אינטערנאַציאָנאַלער האַרמאָניע און פאַר דער אָפּשאַפונג פון מלחמה, וויל איך ציען אייער אויפמערקזאַמקייט צו דער פראַגע פון אַמנעסטיע פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן אין מלחמה־צייט געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגן זייערע אויפריכטיקע

איבערצייגונגען...

„איך וויל איר זאָלט זיך פאַרטראַכטן וועגן יענע מענער און פרויען, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז עס איז זייער אויפגאַבע צו פריידיקן פרידן גראַד אין דער צייט, ווען מענטשן מאָרדן איינע די אַנדערע“.

רעאַקציאָנערע קאָנגרעסלייט האָבן אים קריטיקירט פאַר זיין שטעלונג און אים געשטעלט פראַגעס. איך ציטיר דאָ וועגן דעם פון הלל ראָגאָפס בוך וועגן מאיר לאָנדאָן:

„מר. ענדריו פון נעבראַסקאַ: גלויבט איר, אַז עס איז רעכט פאַר אַ מענטש, ווען דאָס לאַנד שטייט אין קריג, צו טאָן עפּעס, וואָס קאָן דעם לאַנד שטערן דעם קריג צו געווינען?“

„מר. לאָנדאָן: די לערע, אַז אין מלחמה־צייט מוזן אַלע ליפּן זיין פאַרזיגלט, איז דער פונדאַמענט פון מאָנאַרכיסטישע אינסטיטוציעס. עס איז ניטאָ קיין געפערלעכערע טעאָריע, ווי די, אַז אַ קריגס־דערקלערונג נעמט אַוועק ביי די בירגער דאָס רעכט אויף קריטיק. די טעאָריע האָט שוין מעגלעך געמאַכט די אַנטוויקלונג פון מאָנאַרכיזם. אַ רעגירונג, וואָס זאָגט צו אירע בירגער: איר רעדט גאָרנישט, מיר וועלן אַלץ אַנטשיידן פאַר אייך, שטעלט דאָס לאַנד אין געפאַר“.

„מר. מילער: וויל דער הער פאַרטיידיקן דאָ אין קאָנגרעס די פּרינציפּן פון לענין און טראָצקי?“

„מר. לאָנדאָן: די פראַגע איז צו לעכערלעך, אַז איך זאָל אויף איר ענטפערן“.

„מר. מילער: ענטפערט אויף איר“.

„מר. לאָנדאָן: די פראַגע שטאַמט פון דערשטוינענדיקער אומוויסנהייט. די אידייען, וואָס איך האָב דאָ אויסגעדריקט, זיינען מיט יאָרן צוריק אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון אַזוינע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן, ווי סאַמנער און וועבסטער. לענין איז נאָך דעמאָלט ניט געבוירן געוואָרן און טראָצקיס נאָמען האָט נאָך ניט עקזיסטירט. דער סאָרט אינסינואַציעס אַפּעלירן בלויז צו גאַנץ אומוויסנדיקע מענטשן. דאָ האָבן זיי קיין פּלאַץ ניט“.

לאָנדאָנס רעדעס אין קאָנגרעס, צוזאַמען מיט דער גרויסער אַמנעסטיע־באַוועגונג אין לאַנד, האָבן געבראַכט רעזולטאַטן. 51 מיטגלידער פון קאָנגרעס האָבן אונטערגעשריבן אַ פּעטיציע צום פּרעזידענט ער זאָל געבן אַמנעסטיע די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. און צווישן די פּאָליטישע אַרעסטירטע יענע צייט זיינען געווען אַ צאָל, וואָס זיינען פאַרמשפּט געווען אויף צוואַנציק און דרייסיק יאָר טורמע. זיי זיינען אַלע באַפרייט געוואָרן אַדאַנק די פּאָדערונגען.

מאיר לאָנדאָנס ווערטער, אַז „די רעאַקציע זוכט צו פאַרניכטן יעדן, וואָס וואַגט פאַרצושלאָגן אַן ענדערונג“, מעגן אויך איצט זיין אַ לעקציע פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און טרעיד־יוניאָן־מיטגלידער אין אַלע אַנדערע.

דער אַרבעטער־רינג
און יאָהאַן מאָסט

אין יאָר 1901 זיינען פאָרגעקומען גרויסע פאַרפאָלגונגען אויף ראַדיקאַלן. דעם מאָל זיינען די קרבנות געווען די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן דעמאָלט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אויף דער יידישער גאַס.

אין סעפּטעמבער, 1901, איז דערמאָרדעט געוואָרן פּרעזידענט וויליאַם מעקינלי. דער מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרן פון איינעם לעאָן טשאָלגאָש, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס אַנאַרכיסט. עס איז געווען אַ טאַט פון אַ משוגענעם, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט מעקינלין פאַר דער מלחמה מיט שפּאַניע. אַלע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, אריינגערעכנט די אַנאַרכיסטן, האָבן פאַרדאַמט דעם פאַרברעכן. די רעגירונג האָט אָבער אויסגענוצט די געלעגנהייט צו מאַכן איבערפאַלן אויף אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס, צעשטערן זייערע קלובן און אַרעסטירן מאַסן מיטגלידער.

צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען דער באַרימטער אַנאַרכיסטישער פירער פון יענער צייט, יאָהאַן מאָסט.

די היסטעריע קעגן ראַדיקאַלן איז געווען אַזוי גרויס, אַז מענטשן האָבן אויס מורא געביטן זייערע נעמען, אויב זיי זיינען געווען ענלעך צו די נעמען פון באַוואוסטע אַנאַרכיסטן. און דאָך האָבן פּראָגרעסיווע יידן, פון אַלע ריכטונגען, פאַרדאַמט די פאַרפאָלגונגען אויף די אַנאַרכיסטן.

אויך דער אַרבעטער־רינג, וועלכער האָט זיך ניט לאַנג פאַר דעם געגרינדעט, האָט אויף זיין צווייטער קאָנווענשאַן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם 8טן מאַי, 1902, אָנגענומען אַ שאַרפע פאַרדאַמונגס־רעזאָלוציע קעגן דעם אַרעסט פון יאָהאַן מאָסט און געגעבן שטיצע פאַר זיין באַפרייאונג.

מיר ברענגען דאָ כמעט די גאַנצע רעזאָלוציע, ווי זי איז געדרוקט אין דער „געשיכטע פון אַרבעטער־רינג" פון א. ש. זאַקס:

„דער אַרבעטער־רינג, אויף זיין צווייטער יערלעכער קאָנווענשאַן, רופט די אַרבעטער־אויפמערקזאַמקייט צו די [דער] שענדלעכע[ר] אונטערדריי־

קונג פון רעדע און פּרעס־פרייהייט, צו וועלכע[ר] די הערשנדיקע קאַפּיטאַ־ליסטישע קלאַסע האָט זיך גענומען די לעצטע צייט אין אַמעריקע. דעם אַלטן קעמפער פיר [פאַר] די רעכטע פון די [דער] אַרבעטער־קלאַסע, יאָהאַן מאָסט, האָט מען אויף זיינע אַלטע יאָרן ווידער אַמאָל פאַראורטיילט באַגראָבן צו ווערן אויף א יאָר אין געפענגעניס, ווייל ער האָט איבערגעדרוקט אין זיין ציייטונג אַן אַרטיקל, וועלכער איז נאָך מיט יאָרן צוריק געדרוקט געוואָרן פריי. א פרידלעכע אַרבעטער־פאַרזאַמלונג איז דורך אַ באַנדע באַוואָפנטע דעטעקטיווס באַפאַלן געוואָרן, ווי פון מערדער. זיי האָבן די פאַרזאַמלונג צעשטערט און ווידער אַמאָל אַרעסטירט דעם זעלבן מאָסטן מיט זיין פריינט מעק׳קווין. דעם לעצטן פאַר אויסדריקן אַן אומשולדיקע פרייע מיינונג און דעם ערשטן פאַר דעם לעכערלעכן „פאַרברעכן׳ פון אַפּלאַדירן דיזן אויסדרוק״.

די רעזאָלוציע ווייזט אָן, אַז בשעת דער אַרבעטער־רינג שטיצט ניט די לערע פון אַנאַרכיזם, איז אָבער וויכטיק פאַר די מיטגלידער צו וויסן, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז מיט זיינע פאַרפאָלגונגען אויסן צו טרעפן ניט אַזוי דעם „ספּעציפישן״ טייל פון אַנאַרכיזם, ווי זיין הויפּט־טייל, וואָס פאַרבינדט אים מיט דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג „און פאַר וועלכע די הערשנדע רויבער־קלאַסע שרעקט זיך הויפּטזעכלעך — דאָס איז דער וואַקסנ־דער ווידערשטאַנדס־געפיל פון די אַרבעטער קלאַסע קעגן די סקאַנדאַליעזע רויבערייען פון דעם קאָנצענטרירטן קאַפּיטאַל. — — — די רעאַקציאָנערע בלוטדורשטיקע געשרייען קעגן דעם זאָגענאַנטן ,אַנאַרכיזם׳, וועלכע פילן איצט אָן די לופט פון דיזע [דער] רעפּובליק, קומען הויפּטזעכלעך פון אַזעלכע בורזשוס, וועלכע הייבן גאָר ניט אָן צו וויסן וואָס דער אייגנטלעכער ,אַנאַר־כיזמוס׳ מיינט. זיי רופן ,אַנאַרכיזמוס׳ יעדע אויפקלערונג פון אומצופרידנ־קייט ביי די אַרבעטער קלאַסע מיט זייער לאַגע אַלו באַרויבטע און אונטער־דריקטע לוין־שקלאַפן. עס אזי די אַנטוויקלונג פון די [דער] רעוואָלוציאָ־נערע[ר] מאַכט פון די אַרבעטער קלאַסע, ווייל דאָס שטערט זיי אין זייער אַנגעקליבענעם רויב פון די אַרבעטער קלאַסע.

„מיר באַדויערן, וואָס פילע אַרבעטער באַגרייפן ניט, אַז מיט זייער איינ־שטימען אין דיזע געשרייען קעגן ,אַנאַרכיזמוס׳ העלפן זיי זייערע בלוט־זויגער צו מאַכן עס פאַר אַ פאַרברעכן צו זיין אומצופרידן מיט די [דער] אומגערעכטיקייט, וואָס זיי ליידן פון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן.

„מיר פאָדערן דעריבער אויף אונדזערע ברידער אַרבעטער, זיי זאָלן זיך פון דיזע ווילדע אונטערדריקער ניט לאָזן אָפּשרעקן, נאָר פאַרקערט, זיך דערפון נאָך מער איבערצייגן אין די [דער] נויטווענדיקייט פיר [פאַר] אונדזער קלאַסע, וואָס שנעלער צו נעמען די הערשונג פון לאַנד אין אונדזערע הענט, אום צו מאַכן אַן ענד צו די [דער] קאַפּיטאַליסטישע[ר] הערשאַפט״.

אַט אַזוי האָט געהאַנדלט דער אַרבעטער־רינג, כאָטש ער איז באַשטאַנען מערסטנס פון קעגנער פון אַנאַרכיזם.

אין דער „געשיכטע פון אַרבעטער־רינג" ווערט אויך דערציילט, ווי אַזוי דער אַרבעטער־רינג האָט אין די ערשטע צייטן זיך אָנגענומען פאַר נאָך אַנדערע קרבנות פון פאַרשווערונגען, וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט געמאַכט.

אין 1906, ווען די פירער פון די קוילן־גרעבער טשאַרלס מאָיער, וויליאַם העיוואוד און פּעטיבאָן זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ בלבול פון מאָרד, האָט דער אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע צווייגן צו שטיצן מיט געלט די פאַרטיידיקונג און אַרבעטער־רינג־צווייגן האָבן זיך באַטייליקט אין גאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין פאַרשידענע שטעט צו פאָדערן זייער באַפרייאונג.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין אַ סך אַנדערע פאַלן מיט קרבנות פון קאַפּיטאַליסטישער פאַרשווערונג. זאָגט זיך דאָך אין דער פּרינציפּן־דער־קלערונג פון דער ערשטער קאָנווענשאָן, אַז „די אונטערשטיצונג איז אַלזאָ ביי דעם אַרבעטער־רינג נאָר זיין מאַטעריעלע זייטע; זיין גייסטיקע זייטע איז די אידייע פון באַפרייען די אַרבעטער פון זייערע נויטן און קראַנקהייטן, אַז זיי זאָלן ניט מוזן אָנקומען צו אַזאַ מאָגערע[ר] אונטערשטיצונג... און ענדלעך דערנעענטערן די צייט פון זייער גאַנצע[ר] באַפרייאונג פון אויס־ביטונג און אונטערדריקונג".

אין אַ בראָשורע „דער אַרבעטער־רינג און זיין אויפגאַבע", וואָס איז דעמאָלט אַרויס, זאָגט זיך אויך: „אָבער דער אַרבעטער־רינג וויל באַנוצן די געלעגנהייט, וואָס די אַרבעטער זיינען אין אים פאַראייניקט צוליב אונ־טערשטיצונג, און וויל זיי אויך צוזאַמענבינדן אין אחדות, אַלס ברידער, אמתע ברידער — ניט נאָר בלויז ,ברידער' אין אונטערשטיצונג, נאָר דער עיקר אַלס ברידער אַרבעטער אין קאַמף קעגן זייער[ע] אַלעמענס באַרוי־בערס, און אַלס ברידער אין דעם הייליקן שטרעבן צו ברענגען פיר די [פאַר דער] גאַנצע[ר] וועלט אַן אָרדענונג פון אמתער ברידערלעכקייט אָן קנאה, אָן רייסעריי, אָן ניט־פאַרגינונג, אַן אָרדענונג פון אמתע[ר] רעכט־גלייכ־הייט, גליק און פרידן פאַר אַלע".

דאָס זיינען געווען די אידייען, אויף וועלכע דער אַרבעטער־רינג איז גע־גרינדעט געוואָרן, די אידייען וואָס האָבן באַגייסטערט די יידישע מאַסן צו בויען די אָרגאַניזאַציע. ניט די מאַטעריעלע הילף, נאָר דער עיקר „אַלס ברידער אַרבעטער אין קאַמף קעגן זייער אַלעמענס באַרויבער".

נאָך אין די ערשטע יאָרן פון אַרבעטער־רינג, אין יאָר 1910, האָט ב. פייגענבוים, דער ערשטער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, און דער זיידע

מאָריס ווינטשעווסקי, געוואָרנט קעגן דער געפאַר, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל פאַרלירן זיין נשמה. אין דעם „אַרבעטער־רינג זאַמלבוך״ פון 1910 שרייבט ב. פייגענבוים:

„מיר אַרבעטן אַזוי שווער אויפצובויען דעם אַרבעטער־רינג, מיר מיי־נען דאָך ניט זיין גוף, נאָר זיין נשמה. ,בענעפיט־סאָסאַיעטיס' זיינען דאָ גע־נוג אָן אים. פאַר דער נשמה פון אַרבעטער־רינג האָרעווען מיר דאָך דאָס. טאָ לאָמיר פאַרזיכערן, אַז אונדזער אַרבעט זאָל ניט זיין אומזיסט, זיין נשמה זאָל אים קיינמאָל ניט אויסגיין״.

און מאָריס ווינטשעווסקי שרייבט:

„דער וואונטש צו וואַקסן קאָן אונדז גלייכגילטיק מאַכן צו די פּרינציפּן, אויף וועלכע אונדזער יידישער אָרדן איז געבויט״.

דאָס איז געווען אַמאָל...

אויך די „אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן״ און די „אַמאַלגאַמעיטעד״ האָבן געהאַט אין זייערע פּרינציפּן־דערקלערונגען, אַז זייער ענד־ציל איז, דער אַרבעטער זאָל קריגן דעם פולן ווערט פון זיין אַרבעט.

די פּרויען נאָדל־אַרבעטער יוניאָנס האָבן אין די ערשטע יאָרן געשטיצט אַלע קאַמפן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די פירער פון דער „אינטערנע־שאָנאַל״ זיינען אַליין געווען קרבנות פון בלבולים מצד דעם הערשנדיקן קלאַס. אין 1915 איז מאָריס זיגמאַן, דער דעמאָלדיקער פינאַנץ־סעקרעטאַר פון דער יוניאָן, מיט נאָך זיבן באַאַמטע פון דער „אינטערנעשאָנאַל״ אָנגעקלאָגט געוואָרן אין מאָרד אין שייכות מיט אַ סטרייק. די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד איז דעמאָלט אויפגעשטורעמט געוואָרן און דורך אַ פאַראייניקטן קאַמף געוואונען זייער באַפרייאונג.

זאָלן די מיטגלידער פון די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס־דאָס געדענקען, און אין די טראַדיציעס פון זייערע אָרגאַניזאַציעס און פון זייערע אַמאָליקע קאַמפן טאָן זייער פליכט אין קאַמף קעגן רעאַקציע.

אויך סאָציאַליסטן זיינען אַמאָל פאַרפאָלגט געוואָרן

כדי צו דערשטיקן די אומצופרידנקייט פון דער באַפעלקערונג מיט דעם יקרות און שלעכטע באַדינגונגען אין אַמעריקע באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די רעאַקציע אויפגעהעצט אַ היסטעריע־שטימונג און דורכגעפירט איבערפאַלן איבער טויזנטער פרעמד־געבוירענע, אַ סך פון זיי אַרעסטירט און דעפּאָרטירט פון לאַנד. אויך הונדערטער אַמעריקאַנער־געבוירענע ראַדיקאַלן זיינען דעמאָלט פאַרפאָלגט געוואָרן. אַמעריקע האָט זיך שפּעטער געשעמט מיט די דאָזיקע „פּאַלמער־טעג".

לואיס פ. פּאָסט, געהילפס־סעקרעטאַר פון אַרבעט אין יענער צייט, האָט אָנגעשריבן אַ בוך „די דעפּאָרטאַציע־משוגעת פון יאָר 1920", אין וועלכן ער גיט־איבער אַ סך איינצלהייטן וועגן די ברוטאַלע האַנדלונגען פון די אַגענטן פון „דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס", אונטער דער פירערשאַפט פון „אַטוירני דזשענעראַל" א. מיטשל פּאַלמער.

פּאָסט פאַרענדיקט זיין בוך מיט אַ וואָרנונג פאַר דער צוקונפט:

„דער עפּיזאָד, וועגן וועלכן איך דערצייל דאָ, וואָלט געמעגט פאַרגעסן ווערן, ווען עס זאָל ניט זיין נויטיק דאָס צו פאַרצייכענען, ווי אַ וואָרנונג צום אַמעריקאַנער פאָלק, צו זיין אויף דער וואַך אפילו אין משוגענע צייטן, כדי צו באַשיצן די פרייהייטן פון אַמעריקע.

„אומגעזעצלעכע פאַרפאָלגונגען אויף פרעמד־געבוירענע קענען לייכט פירן דערצו, אַז אונדזער רעפּובליק זאָל אַוועקגיין פון איר דעמאָקראַטישן שטייגער.

„אַמעריקאַנער קאָנען זיך ניט דערלויבן צו איגנאָרירן זייער טראַדיציאָנעלע וואָרנונג, אַז שטענדיקע וואַכזאַמקייט איז דער פרייז פון פרייהייט".

ל. פ. פּאָסט האָט נאָך פריער, אַלס געהילף־סעקרעטאַר פון אַרבעט, בטל געמאַכט דעפּאָרטאַציע־קלאַגן פון 75 פּראָצענט פון די דריי טויזנט אַרעסטירטע, איבער וועמענס גורל אים איז אויסגעקומען צו האַנדלען, און זיי געראַטעוועט פון דעפּאָרטירט צו ווערן. ער האָט דערביי אויך שאַרף קריטיקירט דעם פּראָקוראָר פּאַלמער און דעם „דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס"

פאַר זייערע אומגעזעצלעכע און אוממענטשלעכע האַנדלונגען קעגן פרעמד־געבוירענע.

די רעאַקציאָנערן האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי אין קאָנגרעס און אין דער פרעסע, און געפאָדערט, אַז פּאָסט זאָל פאַר זיינע האַנדלונגען אַרונטערגעזעצט ווערן פון זיין אַמט. אָבער ווען דער אמת איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף די פאַרהערן דורך פּאָסטן און דורך אַ צאָל פּראָמינענטע אַמעריקאַנער לאָיערס, איז אויסגעקומען, אַז פּאָסט איז ניט דער אָנגעקלאָגטער, נאָר דער אָנקלעגער. פון די קלאָגן קעגן פּאָסטן איז גאָר ניט געוואָרן. מר. פּאַלמער האָט געזוכט צו פאַרטיידיקן זיך מיט דעם תירוץ, אַז עס קאָן זיין, אַז מען האָט אַריבערגעכאַפּט די מאָס, אָבער עס איז געווען נויטיק.

פּאַלמערס נאָמען איז געוואָרן פאַרהאַסט אין אַמעריקע, און אויף דער דעמאָקראַטישער קאָנווענשאָן, וואו ער האָט געוואָלט נאָמינירט ווערן פאַר פּרעזידענט, איז ער מיאוס דורכגעפאַלן. און דער אויסדרוק „די פּאַלמער־טעג“ איז געבליבן אַ מיאוס שאַנד־וואָרט אין דער געשיכטע פון אַמעריקע.

אָבער דאָס איז ניט דער איינציקער פאַל, ווען קעמפער פאַר נייע ליבעראַלע אידייען זיינען אין אַמעריקע פאַרפאָלגט געוואָרן און אַלערליי פאַלשע בלבולים זיינען קעגן זיי געמאַכט געוואָרן. ס'איז באַקאַנט די געשיכטע פון די מאָלי מאַגווייערס, ווען ניינצן יוניאָן־פירער זיינען הינגעריכטעט געוואָרן אויף בלבולים, וואָס זיינען אויף זיי געמאַכט געוואָרן, ווייל זיי האָבן אָרגאַניזירט די אַרבעטער אין יוניאָנס צו קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען. וועלט־באַקאַנט איז די הײמאַרקעט־טראַגעדיע אין שיקאַגאָ, ווען פינף פון די בעסטע פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען אין 1887 הינגעריכטעט געוואָרן אויף בלבולים־קלאַגעס, ווייל זיי זיינען געווען קעמפער פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. דאָס זיינען בלויז אַ פּאָר ביישפּילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער גערעכטיקייט. די פירער פון „וועסטערן פעדערעישאָן אָוו מאַינערס“, מאַיער, העיוואוד און פעטיבאָון זיינען אין 1906 געמשפּט געוואָרן אויף אַ בלבול פון מאָרד, און נאָר אַדאַנק דער גרויסער פּראָטעסט־באַוועגונג פון די אַרבעטער־מאַסן זיינען זיי געראַטעוועט געוואָרן פון דער תליה. די פאַרשווערונגען קעגן טאָם מוני און סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען נאָך פריש אין אונדזער זכרון. אויך די קעמפער קעגן נעגער־שקלאַפעריי זיינען אַרעסטירט, געשלאָגן און געטויט געוואָרן. אַזוי אויך קעמפער פאַר פרויען־שטימרעכט.

אַ שוידערלעכער פאַל איז פאָרגעקומען אין ביזבי, אַריזאָנאַ, אין יאָר 1917, וואו צוויי הונדערט קאָמפּאַני־באַאַמטע און גענגסטערס, באַוואָפנט מיט ביקסן, האָבן דעם 12טן יולי פאַרטאָג אַרויסגעשלעפּט צוועלף הונדערט סטרייקנדיקע קויילן־מאַינערס פון זייערע בעטן און זיי געצוואונגען צו מאַרשירן אין אַ דערבייאיקן שטעטל. דאָרט האָט מען זיי אַריינגעשפּאַרט אין

וואַגאָנען און זיי אָפּגעשיקט צו אַן אַרמיי־לאַגער אין קאָלומבוס, ניו־מעקסיקאָ, וואו מען האָט זיי געהאַלטן דריי חדשים. די רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו געבן שוץ, צו קומען צוריק אַהיים, און שפּעטער אָפּגעשטעלט די שפּיון־פּראָצעסן, וואָס זי האָט זיי געגעבן. די מערסטע האָט מען ביים אַהיימקומען קיין ביזבי אַרעסטירט. אַנדערע האָבן דערפֿאַר זיך צעשפּרייט אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון לאַנד.

דעפּאָרטאַציעס פֿון סטרייקערס זיינען אויך פֿאָרגעקומען דעם 10טן יולי פֿון זעלבן יאָר אין דזשעראָם, אַריזאָנאַ, וואו אַ הונדערט קוילן־אַר־בעטער זיינען אָוועקגענומען געוואָרן פֿון זייערע היימען דורך מיטגלידער פֿון דער „לאָיאַלטי ליג“, אַ סטרייק־ברעכערישע „פּאַטריאָטישע“ אָרגאַני־זאַציע. מען האָט זיי, ווי מאַינערס אַריינגעזעצט אין וואַגאָן, געפֿירט קיין קאַליפֿאָרניע, און ווען די גרענעץ־באַאַמטע פֿון קאַליפֿאָרניע האָבן זיי ניט אַריינגעלאָזן, האָט מען זיי צוריק געבראַכט אין זייער שטעטל און זיי גע־האַלטן עטלעכע וואָכן אין תּפֿיסה.

עס זיינען געווען טויזנטער אַזוינע פֿאַלן פֿון גוואַלדטאַטן, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן אומשולדיקע אַרבעטער אין נאָמען פֿון „געזעץ און אָרדנונג“.

אויך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געליטן פֿון אַלערליי בלבולים און פֿאַרשווערונגען. מען פֿלעגט די סאָציאַליסטן (ווי שפּעטער די קאָמו־ניסטן) רופֿן „פֿרעמדע אַגיטאַטאָרס“, ווילדע מענטשן, „פּריידיקער פֿון גע־וואַלדטאַט, פֿון פֿרייע ר ליבע און פֿון אָפּשאַפֿן רעליגיע“.

אין 1912 איז אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג אין אָק־לאַהאָמאַ, האָבאַרט קומער, אַרעסטירט און פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף זעקס חדשים אין פּריזאָן פֿאַר דרוקן אַן אַנאָנס אין דער צייטונג, אַז ער וועט האָבן אַ ספּעציעלע אויסגאַבע צו באַקעמפֿן דעם בלבול פֿון „פֿרייער ליבע“, וואָס ווערט געמאַכט אויף סאָציאַל־דעמאָקראַטן. דער אַנאָנס האָט זיך געלייענט:

„פֿרייע ליבע אויסגאַבע פֿון סאָציאַל־דעמאָקראַט, יולי 10טן.

„דער הערשנדער קלאַס האָט אַלעמאָל געלערנט און געצאָלט זיינע גע־דונגענע לערער צו לערנען, אַז פֿרויען זיינען נאָר צו געבערן קינדער, האָבן און אויסטראָגן סאָלדאַטן און פּאָליטישנס. די סאָציאַליסטן האָבן געמאַכט אַ נייע אַנטדעקונג, אַז פֿרויען זיינען אויך מענטשלעכע באַשעפֿענישן. קריגן די סאָציאַליסטן דערפֿאַר באַלוינט, וואָס מען באַשולדיקט זיי אין ,פֿרייער ליבע׳ און אַנדערע איבלדיקע זאַכן. מיר גייען אייך דערציילן דעם אמת אין דער פֿרייער ליבע אויסגאַבע וואָרום די סאָציאַליסטן גלויבן, אַז פֿרויען זיינען מענטשלעכע באַשעפֿענישן“.

דאָס איז דערקלערט געוואָרן אַלס „שמוציק“, און דער רעדאַקטאָר

איז פֿאַר דעם פֿאַרמשפּט געוואָרן. אַ העכערער געריכט האָט זיך אַנטזאָגט צו ענדערן דעם באַשלוס.

אין 1913 איז אין פּאַסעיק, ניו־דזשוירזי, אָנגעגאַנגען אַ סטרייק פֿון טעקסטיל־אַרבעטער. פּאָליציי איז אַריין אין די סאָציאַליסטישע „העדקוואַר־טערס" און פֿאַרכאַפּט 500 קאָפּיעס פֿון דער „וויקלי אישו", אָרגאַן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פֿון פּאַסעיק. דער רעדאַקטאָר, אַלעקסאַנדער סקאָט, און פֿיר אַרבעטער, וועלכע האָבן פֿאַרקויפֿט די צייטונג, זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויף דער קלאַגע פֿון „העלפֿן פֿאַרשפּרייטן פֿיינטשאַפֿט צו דער רעגירונג".

די „רענד סקול" פֿאַר סאָציאַלער וויסנשאַפֿט האָט זיך געגרינדעט אין 1906 מיט אַ גרויסער סומע געלט, געגעבן פֿון אַ רייכער פֿרוי מיטן נאָמען עליזאַבעט רענד (אויף וועמעס נאָמען די אינסטיטוציע איז געבויט גע־וואָרן). עליזאַבעט רענדס יונגע טאָכטער, קערי רענד, האָט געהייראַט פּראָ־פֿעסאָר דזשאָרדזש ד. העראָן, אַ סאָציאַליסט. האָט די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע אַטאַקירט די אינסטיטוציע אַלס „אוממאָראַליש", באַשולדיקנדיק דעם פּראָ־פֿעסאָר אין פֿאַרלאָזן זיין פֿרוי און קינדער און לעבן „פֿרייע ליבע" מיט דער יונגער רענד. עס האָט ניט געהאָלפֿן דאָס עדות זאָגן פֿון אַפּטאָן סינקלעיר און אַנדערע פּראָמינענטע סאָציאַליסטן, אַז זיי זיינען געווען ביי דער רע־ליגיעזער הייראַט־צערעמאָניע, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון אַ באַ־וואוסטן גלח, און זיי האָבן אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון גלח. די העצע איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט. אויך קעגן אַפּטאָן סינקלעיר, דזשעק לאָנדאָן, וויליאַם ענגליש וואלינג זיינען פֿאַרשפּרייט געוואָרן סענסאַציעס און בלבולים אין די צייטונגען וועגן זייער פֿאַמיליע־לעבן. די „רענד־סקול" איז עטלעכע מאָל באַפֿאַלן געוואָרן פֿון אויפֿגעהעצטע כוליגאַנעס און באַזוכער זיינען צע־שלאָגן געוואָרן. רעגירונגס־אַגענטן האָבן געזוכט אונטער פֿאַרשיידענע תירוצים צו פֿאַרמאַכן די דאָזיקע שול, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעגעבן מיט סאָציאַליסטישער אויפֿקלערונג. די דירעקטאָרן פֿון שול זיינען געמשפּט געוואָרן און עס האָט זיך געפֿאָדערט אַ שטאַרקער קאַמף אָפּצוראַטעווען די „רענד־סקול" פֿון פֿאַרמאַכט צו ווערן.

דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן וויקטאָר בערגער, וועלכער איז צום ערשטן מאָל דערוויילט געוואָרן צום קאָנגרעס אין יאָר 1910, איז דערנאָך ווידער עטלעכע מאָל דערוויילט געוואָרן, ער איז אָבער ניט צוגעלאָזן געוואָרן צו פֿאַרנעמען זיין פּלאַץ אין קאָנגרעס.

אַ גרויסע צאָל סאָציאַליסטישע פֿירער און טוער זיינען אין יאָר 1917 און 1918 געוואָרפֿן געוואָרן אין טורמע אונטער פֿאַרשיידענע קלאָגן.

יודזשין וו. דעבס און די מיטגלידער פֿון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע

פון דער ס. פּ. אין 1917, וויקטאָר בערגער, אַדאָלף גערמער, לואיס ענגדאַל (שפּעטער געוואָרן אַ קאָמוניסט), רעוו. סעינט דזשאָן טאָקער און וויליאַם קרוז, פירער פון די „יאָנג פּיפּעלס סאָשיעליסט ליג", זיינען אַרעסטירט געוואָרן אונטער פאַרשיידענע קלאָגן פון איבערטרעטן דאָס שפּיאָנאַזש־געזעץ.

די סאָציאַליסטן, וואָס זיינען דערווײלט געוואָרן צו דער „אַסעמבלי" אין ניו־יאָרק סטעיט אין די וואַלן פון נאָוועמבער, 1919 — לואיס וואַלדמאַן, אויגוסט קלעסענס, טשאַרלס סאָלאָמאָן, סעמיועל אָר און סעמיועל דעוויט זיי־נען ניט צוגעלאָזן געוואָרן צו פאַרנעמען זייערע פּלעצער אין דער „אַסעמבלי". באַלד ביי דער ערשטער זיצונג אין אַלבאַני האָט דער פאָרזיצער, מר. סוויט, פאָרגעלייענט אַן אָנקלאָגע קעגן זיי: „איר, וועלכע ווילט דאָ פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער דאָזיקער קערפּערשאַפט, זייט דערווײלט געוואָרן אויף אַ פּלאַטפאָרמע, וואָס איז אַבסאָלוט פיינטלעך צו די בעסטע אינטערעסן פון אונדזער סטעיט און פון די פאַראייניקטע שטאַטן".

אויף דעם פּראָצעס, וואָס איז שפּעטער פאָרגעקומען, האָט די רעגירונג געבראַכט די „וואויל־באַקאַנטע" באַשולדיקונג, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי גלויבט אין אַ רעוואָלוציע דורך גוואַלט, און אויסלענדער שאַפן די פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי. עס זיינען געבראַכט געוואָרן „געוועזענע סאָציאַליסטן" אַלס עדות קעגן סאָלאָמאָן, אַז ער האָט אויף אַ גאַסן־מיטינג „געשפּיגן אויף דער אַמעריקאַנער פאָן". עס האָט ניט געהאָלפן די פאַרטיידיקונג און די אויפ־דעקונג פון די ליגנס. די דערווײלטע סאָציאַליסטן זיינען אויסגעשלאָסן גע־וואָרן פון דער „אַסעמבלי".

אויך דער נאָמען „רעדס" („רויטע") פּלעגט אַרויסגעשטעלט ווערן אין די צייטונגען קעגן סאָציאַליסטן, כדי אָפּצושרעקן די מאַסן. געזעצן זיינען אָנגענומען געוואָרן אין פאַרשיידענע סטעיטס אין אַמעריקע קעגן אַרויס־שטעלן די רויטע פאָן. סאָציאַליסטישע פּאַראַדן זיינען אָפּגעבראָכן געוואָרן און סאָציאַליסטישע טוער זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

פאַר די ערשטע מאַי טעג פּלעגן די צייטונגען אַרויסגיין מיט בלבולים, אַז די סאָציאַליסטן גרייטן זיך צו אַ רעוואָלוציע און וועלן וואַרפן באָמבעס.

מיטן אויפקום פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט איבער־גענומען די בעסטע טראַדיציעס פון דעבס, העיוואָוד און אַנדערע אַמעריקאַ־נער אַרבעטער־קעמפער, האָט דער הערשנדער קלאַס די זעלבע באַשולדיקונ־גען געוואָרפן אויף די קאָמוניסטן. און אויך זייערע פירער, וויליאַם ז. פאָסטער, איזראַעל אַמטער, הערי דיימאָנד און אַנדערע, זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין פּריזאָן.

די „פּאַלמער־רעידס״

די „פּאַלמער־רעידס״ וועט פאַרבלייבן אַ שוואַרצער קאַפּיטל אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. די רעגירונג פון אַמעריקע, אונטער דער פירער־שאַפט פון יוסטיץ־מיניסטער א. מיטשעל פּאַלמער, און זיין געהילף עדגאר דזש. הואווער, האָט אין די יאָרן 1919 און 1920 דורכגעפירט „רעידס״ אויף אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד.

אין דער נאַכט פון דעם 2טן יאַנואַר, 1920, איז איבער גאַנץ אַמעריקע דורכגעפירט געוואָרן אַ פּאָגראָם אויף אומשולדיקע אַרבעטער. מענטשן זיי־נען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בעטן אינמיטן דער נאַכט און פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמע; קלוב־צימערן פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען באַ־פאַלן געוואָרן, דאָס מעבל צעשטערט, ליטעראַטור פאַרנומען, און די, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, האָט מען צעשלאָגן און אַרעסטירט.

אַרום צען טויזנט אַרבעטער זיינען אין יענער נאַכט אַרעסטירט געוואָרן. דער אויסרייד איז געווען: קאַמף קעגן „אומאַמעריקאַנישע טעטיקייטן״.

ווען אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אָנגעהויבן אַ טעראָר אויף פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס זיינען געווען קעמ־פער קעגן מלחמה. אָבער דער הויפּט־טעראָר קעגן מיליטאַנטע אַרבעטער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן באַלד נאָך דער מלחמה.

סאָלדאַטן זיינען געקומען פון די שלאַכטפעלדער און אַרומגעגאַנגען ליי־דיק. די אַרבעטער־מאַסן זיינען געווען אַנטוישט פון דער מלחמה, וועלכע האָט זיי גאָרניט געבראַכט. אין אייראָפּייאישע לענדער האָט די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונג מאַרשירט פאָראויס. האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטישע הער־שער אין אַמעריקע דערשראָקן פאַר דער אומצופרידנקייט פון די אַרבעטער און זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן פאַרשווערונגען, ווי אַזוי צו דערשטיקן דעם פּראָטעסט און דורך דעם גלייכצייטיק אַרונטעררייסן די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער. זיי האָבן אויפגעהויבן אַ מוראדיקע פּראָפּאַגאַנדע איבערן לאַנד. „וואַך אויף, אַמעריקע! די באָלשעוויקעס ווילן פאַרכאַפּן דאָס לאַנד״, האָבן אָראָפּגעשריגן גרויסע פּלאַקאַטן פון די וועגענער פון הויפּטס צייט־טונגען, וואָס זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט העצערייען קעגן די מילי־טאַנטע אַרבעטער אין אַמעריקע.

ספּעציעלע געזעצן זיינען אָנגענומען געוואָרן אין 33 שטאַטן פון אַמע־

ריקע, ווי אויך אין פאַרשידענע שטעט קעגן ראַדיקאַלע אַרבעטער. טויזנ־טער מיטגלידער פון דער דעמאָלט רעוואָלוציאָנערער „אַי דאַבליו דאַבליו" און מיליטאַנטע מיטגלידער פון אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין טורמעס.

אין ניו־יאָרק סטעיט האָט געבושעוועט די „לאָסק קאָמיטע", וואָס איז געווען באַשטימט פון דער „אַסעמבלי" אין 1919 צו „אונטערזוכן ראַדיקאַלע טעטיקייטן".

די לאָסק־קאָמיטע, מיטן סטעיט־סענאַטאָר קלעיטאָן ר. לאָסק אַלס פאָר־זיצער, איז דעם 21טן יוני, 1919, באַפאַלן די „רענד סקול", די קלוב־צי־מערן פון לינקן פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, און אין אויגוסט און דעצעמבער זיינען דורכגעפירט געוואָרן איבערפאַלן אויף אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט, און ראַדיקאַלע טוער זיינען אַרעסטירט און פאַרמשפט געוואָרן צו טורמע. דערביי האָט די שטאַט־פּאָליציי ניט גע־מאַכט קיין אונטערשיד צווישן בירגער און ניט־בירגער.

עס איז געווען די לאָסק־קאָמיטע, וועלכע האָט צוגעשטעלט די „באַ־ווייזן" און מיטגעהאָלפן, אַז די דערוויילטע פינף סאָציאַליסטישע אַסעמבלי־לייט זאָלן ניט דערלאָזט ווערן צו פאַרנעמען זייערע פלעצער, ווייל זיי זיינען „קעגן אַמעריקע".

צוזאַמען מיט די „געזעצלעכע" אַרעסטן און איבערפאַלן זיינען אויך פאָר־געקומען מאַסן געוואַלדטאַטן, איבערפאַלן פון מאַכט, אַראַנזשירט דורך אַזוי־גערופענע „פּאַטריאָטישע סאָסייעטיס", וועלכע זיינען באַפאַלן און געשלאָגן מיליטאַנטישע אַרבעטער אפילו אויף „פּיקעט־לאַינס" און סטרייקס.

אָבער דער הויפּט־קלימאַקס פון די פאַרפאָלגונגען האָט דערגרייכט דעם 2טן יאַנואַר, 1920. עס איז געווען אַ פרייטאָג אָוונט, ווען די מערסטע צווייגן פון דער דעמאָלט ניי־געגרינדעטער קאָמוניסטישער פאַרטיי פלעגן האָבן זייערע מיטינגען. די טויזנטער אַרעסטירטע זיינען באַהאַנדלט געוואָרן ברו־טאַל, געשלאָגן און פאַרשפאַרט געוואָרן אין ענגע טורמעס, צו צען, צוועלף אין אַ קעמערל, וואו זיי האָבן אפילו ניט געהאַט קיין פלאַץ צו אַוועקזעצן זיך.

אין באָסטאָן זיינען די אַרעסטירטע אָוועקגענומען געוואָרן אין פאָר־ברעכער־תּפיסה אויפן אינדזל „דיער איילאַנד". 410 מענער און פרויען זיינען דאָרט פאַרשפאַרט געוואָרן אין אַ פלאַץ, וואו קיין פאַרמער וואָלט זיינע בהמות ניט פאַרשפאַרט.

די באַדינגונגען אין אַנדערע פלעצער זיינען ניט געווען בעסער. עס זיינען פאָרגעקומען פאַלן פון משוגעת און זעלבסטמאָרדן צווישן די אַרעס־טירטע. דער מאָרד, אָדער זעלבסטמאָרד פון דעם איטאַליענישן אַנאַרכיסט אַנדרעי סלאַסעדאַ, איז גוט באַקאַנט.

די „באַוויזן״ קעגן די אַרעסטירטע זיינען געווען גרונטלאָז. אָבער פּאַלמערס אַגענטן האָבן זיך מיט דעם ניט גערעכנט. אַ גרויסע צאָל פון די אַרעסטירטע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד. אויף אַ ספּעציעלער שיף „בופאָרד״ האָט מען אַרויסגעשיקט רוסישע ראַדיקאַלן.

פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון לאַנד, צווישן זיי אַ קאָמיטעט פון באַרימטע אַמעריקאַנער לאָיערס, האָבן אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט קעגן דער האַנדלונג פון דעם יוסטיץ־דעפּאַרטמענט.

דער „אַסיסטענט סעקרעטאַר אָוו לעיבאָר״, לואיס פ. פּאָסט, האָט נאָכ־דעם 75 פּראָצענט פון די אַרעסטירטע באַפרייט, דערקלערנדיק, אַז עס איז ניטאָ געגנוג באַווייזן קעגן זיי.

ערשט דעם 3טן מערץ 1921, ווען ס'איז אויסגעגאַנגען דער טערמין פון דעם אַמט פון מיטשעל פּאַלמער, איז פאַרענדיקט געוואָרן דער מיאוסער טעראָר־קאַפּיטל אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּאַלמער־רעידס״.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די קאָמוניסטישע לעיבאָר־פּאַרטיי זיינען דורך די פּאַלמער־איבערפאַלן געטריבן געוואָרן צו ווערן „אומלעגאַל״. זיי זיינען אָבער ניט פאַרניכטעט געוואָרן. פון ביידע פּאַרטייען איז געוואָרן איין פּאַרטיי, וועלכע האָט איבערגעלעבט דעם קריזיס און געהאָלפן די אַר־בעטער אין לאַנד בויען זייערע יוניאָנס און אָרגאַניזאַציעס און אויסקעמפן בעסערע באַדינגונגען.

די יאָרן 1920 און 1921 האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויזאַמע אַטאַקעס פון אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַל קעגן אַרבעטער־יוניאָנס. דער ערשטער געזעץ אין אַמעריקע צו באַרבאָטן סטרייקס, איז אָנגענומען געוואָרן אין יאָר 1920, אין קענזעס. ענלעכע געזעצן זיינען אָנגענומען געוואָרן אין טעקסאַס און אַנדערע שטאַטן.

די גרעסטע צאָל פאַרבאָטן קעגן אַרבעטער־יוניאָנס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די יאָרן 1920 און 1921. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן געזעצן קעגן „פּיקעטינג״, און סטרייקס א. אַז. וו. די „באָסעס״ האָבן דעמאָלט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ מיט מער חוצפּה, ווי ווען עס איז פריער און אויסגענוצט די געלעגנהייט צו עקספּלואַטירן די אַרבעטער.

פאַרפאָלגונגען אויף ראַדיקאַלן זיינען פאָרגעקומען אויך אין די יאָרן 1922 און שפּעטער. אָבער די פּאַלמער־איבערפאַלן האָבן ניט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע.

קאַמף פאַר פרויען־שטימרעכט

פרויען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געניסן איצט פולע שטימרעכט אין אַלע שטאַטן פון לאַנד. דאָס געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן אין קאָנגרעס אין 1920.

דאָס איז אָבער נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. אין משך פון פיל יאָרן האָבן פרויען געפירט אַ ביטערן, עקשנותדיקן קאַמף, ביז זיי האָבן זיך דעראָבערט זייער רעכט. אין קאַמף פאַר אַט־די רעכט זיינען פרויען אַרעס־טירט געוואָרן, מען האָט זיי פאַרשפאַרט אין טורמע, כוליגאַנעס און פאָ־ליציי האָבן זיי געשלאָגן.

צווישן די פיאָנערן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן די באַוועגונג פאַר פרויען־שטימרעכט, זיינען געווען: סוזאַן ב. אַנטאָני, לוסי סטאָון, עליזאַבעט קעידי סטענטאָן, לוקרעשיאַ מאָט א. אַנ.

ערנעסטין לואיז ראָוז, אַ יידישע פרוי, געבוירן אין פוילן, וועלכע האָט באַלד נאָך איר אָנקומען קיין אַמעריקע אין 1836 זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף פאַר פרויען־רעכט, האָט אויך געקעמפט קעגן נעגער־שקלאַפעריי.

די ערשטע גרינדונג־קאָנווענשאָן פאַר אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין קאַמף פאַר פרויען־שטימרעכט אין אַמעריקע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 19טן און 20טן יולי, 1848, אין סענעקאַ פאָלס, ניו־יאָרק.

די קאָנווענשאָן האָט אַרויסגעלאָזט אַ דעקלאַראַציע, וואָס איז געווען כמעט קאָפּירט פון דער אַמעריקאַנער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט" פון 4טן יולי, 1776. זינט דעמאָלט האָבן די קעמפערינס פאַר פרויען־רעכט אָפּגעהאַלטן צוזאַמענפאָרן, אָרגאַניזירט גרופּעס און סאָסאַיעטיס איבערן לאַנד צו פאַריידיקן די אידייען פון פרויען־שטימרעכט. אין מאַי 1869 איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן די „נעשאָנאַל ווימען סאַפרעדזש אַסאָסיעישאָן" (נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פאַר פרויען־שטימרעכט), מיט עליזאַבעט קעידי סטענטאָן אַלס פרעזידענט, און סוזאַן ב. אַנטאָני, מיטאַרבעטערין. דער הויפּט־ציל פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען צו ווירקן אויף די געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפטן איבערן לאַנד דורכצופירן אַ געזעץ פאַר פרויען־שטימרעכט. אין נאָוועמבער פון יענעם יאָר איז אויך אין קליוולאַנד אָרגאַניזירט געוואָרן אַ געזעלשאַפט פאַר פרויען־שטימרעכט, אונטער דער פירערשאַפט פון הענרי וואָרד בישער, לוסי סטאָון און הענרי בלעקוועל. אין 1889 האָבן זיךביידע אָרגאַניזאַציעס פאַראייניקט אין דער „נעשאָנאַל אַמעריקען ווימען סאַפרעדזש אַסאָסיעישאָן", מיט עליזאַבעט קעידי סטענטאָן אַלס פרעזידענט, סוזאַן ב. אַנטאָני — וויצע־פרעזידענט, און לוסי סטאָון — פאָרזיצערין פון עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט.

סוזאַן ב. אַנטאַני איז געווען די ערשטע פרוי אַרעסטירט צו ווערן אין אַמעריקע אין קאַמף פאַר פרויען־שטימרעכט. זי איז פיל מאָל אַרויסגעטראַטן אויף פאַרזאַמלונגען אין משך פון אַט־דעם קאַמף און איז אויסגעשטאַנען אַ סך רדיפות. אין 1878 האָט זי פאַרגעשלאָגן אַן „אַמענדמענט" צו דער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט געפאָדערט שטימרעכט פאַר פרויען. אַט־דער „סוזאַן ב. אַנטאָני־אַמענדמענט" איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין סענאַט דורך אַ סענאַטאָר פון קאַליפאָרניע, איז אין משך פון יאָרן איבעראַנייעס אַריינגעבראַכט געוואָרן — און שטענדיק דערשטיקט געוואָרן אין די קאָנגרעס־קאָמיסיעס, אָדער איז דורכגעפאַלן אין די אָפּשטימונגען.

דער קאַמף האָט זיך געצויגן אַ סך יאָרן. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פיל שטורמישע מאַסן־מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס אין פאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד. דעם 8טן מערץ, 1908, האָבן די סאָציאַליסטישע פרויען פון ניו־יאָרק דורכגעפירט אַן איינדרוקספולע מאַסן־דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק אונטערן לאָזונג פון שטימרעכט פאַר פרויען. מיט אַ יאָר שפּעטער איז אַט־דער טאָג — דער 8טער מערץ — אָנגענומען געוואָרן אויך אין אַנדערע לענדער און ווערט זינט דעמאָלט געפייערט יעדן יאָר אַלס „פרויען־טאָג".

דעם 3טן מערץ, 1913, ערב דער איינשווערונג פון וואודראָ ווילסאָן אַלס פרעזידענט, האָבן פופצן טויזנט פרויען, פאַרשטייערינס פון דער פרויען־באַוועגונג איבערן גאַנצן לאַנד, דורכגעפירט אַ מאַרש קיין וואַשינגטאָן און אָוועקגעשטעלט „פּיקעטס" אַרום דעם „ווייסן הויז". כוליגאַנעס זיינען באַפאַלן די פרויען־מאַרשירער, צעריסן זייערע באַנערס, צעשמעטערט די וועגענער אין פאַראַד, וועלכע זיינען געווען באַפּוצט מיט לאָזונגען פאַר פרויען־שטימרעכט, און די פּאָליציי האָט זיך געמאַכט „ניט־זעענדיק".

אָבער די דעמאָנסטראַציעס האָבן געווירקט. אין 1913 האָט דער סענאַט צום ערשטן מאָל אויפגענומען צו דעבאַטירן דעם פאָרשלאָג וועגן פרויען־שטימרעכט. דערווייל האָבן פרויען אין עטלעכע שטאַטן זיך דערוואָרבן דאָס רעכט צו שטימען. אין 1916 האָבן די רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטישע פאַרטייען, אונטערן דרוק פון דער אויסגעוואַקסענער פרויען־באַוועגונג, אַריינגענומען פונקטן אין זייער פּראָגראַם, פאַרפליכטנדיק זיך צו שטיצן דעם פאָרשלאָג פאַר פרויען־רעכט, כאָטש ווען עס איז געקומען צו שטימען, האָבן זיי ניט געהאַלטן זייער צוזאָג.

אין יאַנואַר, 1917, האָט די נאַציאָנאַלע פרויען־פּאַרטיי איינגעשטעלט אַ טעגלעכע „פּיקעט־ליין" אַרום „ווייסן הויז", וואָס האָט אָנגעהאַלטן זעקס חדשים, און איז ניט געשטערט געוואָרן פון דער פּאָליציי. אָבער מיטן אַריינטרעטן פון אַמעריקע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט פּאָליציי זיך

געגומען רודפן די „פּיקעטס״. 214 פרויען זיינען אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפּט געוואָרן צו טערמינען אין טורמע פון 3 טעג ביז 7 חדשים. דער אויסרייד איז געווען, אַז די „פּיקעטס״ שטערן דעם גאַסן־פאַרקער.

די פרויען האָט מען אין טורמע ברוטאַל באַהאַנדלט, נאָך ערגער ווי קרימינעלע פאַרברעכערס. לוסי בוירנס, אַ פירערין פון דער פרויען־פאַרטיי, איז צוגעשמידט געוואָרן מיט קייטן צו דער טיר פון איר טורמע־צעל. אַ צווייטע, עליס פּאָול, וועלכע איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף זיבן חדשים, האָט אָרגאַניזירט אַ הונגער־סטרייק פון די אַרעסטירטע פרויען, פאָדערנדיק בעסערע באַהאַנדלונג. די טורמע־באַאַמטע האָבן זי מיט געוואַלד געקאָרמעט, כדי צו ברעכן דעם הונגער־סטרייק, און נאָכדעם זי פאַרשפּאַרט אין משוגעים־אָפּטיילונג פון דער טורמע, זוכנדיק דערמיט צו דיסקרעדיטירן די פירערשאַפט פון דער פרויען־באַוועגונג. זי איז באַפרייט געוואָרן ערשט נאָך עטלעכע וואָכן אין טורמע, ווען זי איז זייער קראַנק געוואָרן.

אין יאַנואַר, 1918, איז דער פאָרשלאַג פאַר פרויען־רעכט אָנגענומען געוואָרן אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז, אָבער אין „סענאַט״ האָט אַ סענאַטאָר אָנגעפירט אַ „פילבוסטער״ און ניט צוגעלאָזן צו אַן אָפּשטימונג.

אַ טשעקאַווע דעמאָנסטראַציע האָבן די „פרויען־רעכטלערינס״ דורכגעפירט אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר, 1919. דריי טעג און נעכט האָבן די פרויען אָנגעהאַלטן אַ „פייער־וואַך״ אַנטקעגן דעם „ווייסן הויז״: זיי האָבן אין אַ מעטאַלענער טרונע פאַרברענט פּרעזידענט ווילסאָנס ביכער און רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטן וועגן „דעמאָקראַטיע און פרייהייט״. זיי האָבן מיט דעם געוואָלט באַצייכענען, אַז ווילסאָנס רעדעס מיינען גאָרניט, ווען ער שטיצט זיי ניט מיט מעשים.

פרויען זיינען ווידער אַרעסטירט געוואָרן. ווען פּרעזידענט ווילסאָן איז, נאָך זיין צוריק קומען פון אייראָפּע, געקומען רעדן אין באָסטאָן, האָבן דאָרטיקע פרויען־רעכטערינס דורכגעפירט אַ דעמאָנסטראַציע קעגן אים און ווידער געברענט זיינע רעדעס. זיינען ווידער די פרויען אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן אין תפיסה.

פרויען האָבן אויך דורכגעפירט דעמאָנסטראַציעס איבערן לאַנד אין אַ ספּעציעלן וואַגן — „פּריזאָן ספּעשיעל״, בעת וועלכע געוועזענע אַרעסטירטע פרויען־פּיקעטס האָבן דערציילט וועגן זייערע דערפאַרונגען.

**
*

אויך יידישע פרויען האָבן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער באַוועגונג און קאַמף צו דערוואַרבן שטימרעכט פאַר פרויען אין אַמעריקע.

אַחוץ ערנעסטין ראָוז, זיינען געווען אַקטיוו די פרויען ראָוז פּאַסטאָר סטאוקס, ראָוז וואָרטיס, קלאַרא לעמליך־שיוועלסאָן, דר. אַניטאַ בלאַק,

טערעזא מאלקיעל, פאולין ניומאן און איווא האפמאן, און נאטאליע רובין אין באסטאן.

צווישן דער גרויסער צאל פרויען, וואס זיינען ארעסטירט געווארן אויף „פיקעט־לאינס" און דעמאנסטראציעס פאר פרויען־שטימרעכט, געפינען זיך די פאלגנדע יידישע נעמען (לויט דעם צעטל, וואס ווערט אנגעגעבן אין בוך „דזשעילד פאר פרידאם" (ארעסטירט פאר פרייהייט) פון דאריס סטיוועגס: דזשעני בראמבערג, פון פילאדעלפיע, געזעסן 5 טעג אין טורמע אין פעברואר, 1919; מערי דובראוו, פון פאסעיק, ניו־דזשוירזי, געזעסן 10 טעג אין פעברואר, 1919; מרס. ראוז גרעטץ פישביין, א העמדל־ארבעטערין פון פילאדעלפיע, און ראוז פישביין, איר שוועגערין, געזעסן צו 5 טעג אין פעברואר, 1919; אנא גינזבורג, פון ניו־יארק, געזעסן 5 טעג אין פעברואר, 1919.

רעבא גאמבאראוו, א „סאשיעל ווארקער" פון פילאדעלפיע — 5 טעג אין יאנואר, 1919.

אנא געווינטער (איצטיקער נאמען פאדאלסקי) און גינא סאמאראדין, א יוניאן־ארגאנייזער, ביידע פון ניו־יארק, געווען ארעסטירט פאר פיקעטן דאס ווייסע הויז, געזעסן אין טורמע צו 30 טעג אין נאוועמבער, 1917.

בעלא שיינבערג איז געזעסן 3 טעג פאר דעם „פארברעכן", וואס זי האט אפלאדירט „סאפרדזשיסטקעס" אין געריכט־צימער.

בערטא וואלשטיין איז געזעסן 5 טעג אין יאנואר, 1919.

אחוץ דעם זיינען א סך ארעסטירט געווארן, אבער ניט פארמשפט געווארן און זייערע נעמען זיינען ניט פארצייכנט.

אנא געווינטער האט פון טורמע געשיקט א בריוו צו מאיר לאנדאן דעם דעמאלטדיקן סאצדיאליסטישן קאנגרעסמאן פון דער איסט־סאיד, ניו־יארק, אין וועלכן זי האט געשילדערט די צרות, וואס די ארעסטירטע „סאפראדזשיס־קעס" האבן אויסצושטיין אין טורמע, און געפאדערט, אז דער קאנגרעס זאל מאכן אן אונטערזוכונג וועגן דעם. זי איז אויך שפעטער, צוזאמען מיט א גרופע אנדערע באפרייטע „סאפראזשיסקעס", ארומגעפארן איבערן לאנד אין א ספעציעלן וואגן צו דעמאנסטרירן, ווי אזוי מען באהאנדלט די פרויען־קעמפערינס.

ערשט אין מאי, 1919, איז דער פארשלאג פאר פרויען־שטימרעכט, באקאנט אלס דער „19טער אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע", אנגענומען געווארן אין קאנגרעס. און דעם 26טן אויגוסט 1920 איז דער „אמענדמענט" דערקלערט געווארן, ווי א געזעץ פון לאנד.

דעם 27טן אויגוסט 1920 איז פארגעקומען א גרויסע זיג־דעמאנסטראציע אין ניו־יארק, אין וועלכער עס האט זיך אויך באטייליקט די פאליציי, מאר־שירנדיק פאראויס פון דער דעמאנסטראציע.

אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן קעגן אומגערעכטע מלחמות

„מיין לאַנד, גערעכט אָדער אומגערעכט", זאָגט אַן אַמעריקאַנער ווערטל. אָבער „ווען גערעכט, האַלט עס אָן אויף דער פּאָזיציע; ווען אומגערעכט, זעט איר זאָלט עס אַרויפשטעלן אויף דעם גערעכטן וועג", — האָט געזאָגט דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט קאַרל שורץ, אַן אינטימער פריינט פון אייבראַהעם לינקאָלן.

אין דער מלחמה וועגן קאָריע איז די מיינונג פון אַ גרויסן טייל פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג געווען, אַז אונדזער רעגירונג איז אומגערעכט מיט איר אינוואַזיע אין קאָריע, און עס איז אַ שאָד די לעבנס פון אונדזערע אַמעריקאַנער יונגע לייט, קעמפנדיק אַ מלחמה פאַר רעאַקציע און פאַשיזם.

אַמעריקע האָט שוין געפירט מלחמות, וועלכע זיינען שפּעטער פאַרדאַמט געוואָרן פון גוטע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן און היסטאָריקער.

די מלחמה פון די פאַראייניקטע שטאַטן קעגן מעקסיקאָ אין די יאָרן 1845 און 1846 איז אויסגעבראָכן צוליב אַ סכסוך איבער גרענעצן צווישן מעקסיקאָ און די פאַראייניקטע שטאַטן. טעקסאַס, וואָס איז אַ קורצע צייט געווען אַן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק, האָט אין דעצעמבער, 1845, זיך אָנגעשלאָסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן טעקסאַס און מעקסיקאָ וועגן דער טעריטאָריע צווישן די טייכן ניוסעס און ריאָ גראַנדע. פּרעזידענט פּאָלק האָט געשיקט אַן אַרמיי צו די גרענעצן פון ריאָ גראַנדע, כדי צו פאַרזיכערן די טעריטאָריע פון טעקסאַס. די מעקסיקאַנער רעגירונג האָט עס באַטראַכט, ווי אַ פיינטלעכן אַקט. אין אַ גרענעץ־אינצידענט זיינען אַ צאָל אַמעריקאַנער סאָלדאַטן דערהרגעט געוואָרן. האָט פּרעזידענט פּאָלק געהאַלטן אַ דראַמאַטישע רעדע, אַז אונדזער לאַנד איז באַפאַלן געוואָרן, און אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק זיך אָפּרעכענען מיט די מעקסיקאַנער.

עס זיינען געווען מיטגלידער אין קאָנגרעס, וועלכע זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער אויפפאָדערונג — צווישן זיי דער יונגער אייבראַהעם לינקאָלן, וועלכער איז דעמאָלט געווען קאָנגרעסמאַן פון אילינאָי. לינקאָלן האָט פאָרגעשלאָגן רעזאָלוציעס אויפצופאָדערן דעם קאָנגרעס אויסצוגעפינען

געגנט דעם פּלאַץ, וואו אונדזערע סאָלדאַטן זיינען געהרגעט געוואָרן. די רעוואָלוציעס זיינען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „ספּאָט־רעזאָלושאַנס״ (פּלאַץ־רעזאָלוציעס). קאָנגרעסמאַן לינקאָלן האָט געטענהט, אַז ניט מעקסיקאַנער סאָלדאַטן זיינען אַריין אין אונדזער לאַנד, נאָר אונדזערע סאָלדאַטן האָבן איבערגעטראָטן די מעקסיקאַנער גרענעץ און דערפאַר קען מען עס ניט אָנרופן אַן איבערפאַל פון מעקסיקאָ, צוליב וועלכן מען דאַרף גיין אין מלחמה. אַ צווייטער קאָנגרעסמאַן, דזשאָן א. גידינגס, האָט פאַרדאַמט די מלחמה אַלס אַ פאַרזוך פון אַמעריקאַנער שקלאַפן־הענדלער אויסצוברייטערן דעם שטח, וואו שקלאַפעריי זאָל אָנגעהאַלטן ווערן. ער האָט דעריבער דערקלערט: „איך וועל ניט באַדן מיינע הענט אין דעם בלוט פון דעם פאָלק פון מעקסיקאָ. איך וועל זיך אויך ניט באַטייליקן אין דעם מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן און וואָס וועט נאָך באַגאַנגען ווערן דורך אונדזער אַרמיי, און דעריבער וועל איך שטימען קעגן דער רעזאָלוציע״ צו שטיצן די מלחמה.

פּראָטעסט־מיטינגען קעגן דער מלחמה מיט מעקסיקאָ זיינען פאָרגעקומען אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. איבערהויפּט אין באָסטאָן און אין ניו־ענגלאַנד. אַ גרויסער פּראָטעסט־מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באָסטאָן אין היסטאָרישן פעניועל האָל. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַן אַמעריקאַנער „פרידנס סאָסאַיעטי״ און דער גרויסער קעמפער קעגן שקלאַפעריי טשאַרלס סאָמנער האָט פאַר זיי געהאַלטן רעדעס קעגן דער מלחמה.

די אַסעמבלי פון מאַסאַטשוזעטס האָט צוריקגעוויזן אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט פאַרלאַנגט פאָנדן צו שטיצן אַ באַטאַליאָן, וואָס איז געגאַנגען זיך שלאָגן אין דער מלחמה.

אַזעלכע ליכטיקע פּערזענלעכקייטן פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע, ווי וועגדעל פיליפּס, וויליאַם לאָיד געריסאָן, טעאָדאָר פּאַרקער, די דיכטער הענרי וואַדסוואָרט לאָנגפעלאָ, דזשאָן גריפיעלד וויטיער, דזשעימס ראָסעל לאָעל, די שטאַטסלייט הענרי קלעי און דעניעל וועבסטער האָבן געשטורעמט קעגן דער מלחמה.

די „ניו־יאָרק טריביון״, וועלכע איז דעמאָלט געווען אַ פּראָגרעסיווע צייטונג, האָט געקעמפט קעגן דער מלחמה מיט מעקסיקאָ.

האָרעיס גרילי, דער גרינדער פון דער „ניו־יאָרק טריביון״, האָט אין צייט פון דער מלחמה פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיט מעקסיקאָ אָנגעפירט אין „טריביון״ אַ קאַמף קעגן דער מלחמה און אָנגעוויזן דאָס, וואָס איז נאָך דער מלחמה צוגעגעבן געוואָרן פון אַ סך אַנדערע, איינשליסנדיק גענעראַל גראַנט — „אַז די מלחמה איז געווען אַן אומגערעכטע״.

„די מלחמה איז אַ קללה פאַר אונדזער לאַנד, ניט אַכטנדיק וואָס מיר

װעלן געװינען טעריטאָריע״, האָט ער געשריבן אַלס ענטפער אויף אַן אָנ־פראַגע פאַרװאָס די „טריבון״ איז קעגן דער מלחמה מיט מעקסיקאַ.

פּרעזידענט פּאָלק האָט עפנטלעך אַטאַקירט די צײַטונג. אַ מאָב פון מלחמה־פּאַטריאָטן, װעלכע האָבן אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג אין סענטראַל פּאַרק, ניו־יאָרק, האָבן געדראָעט די געבײַדע פון דער „טריביון״. דזשעימס ראָסעל לאָעל איז געדראָעט געװאָרן מיט טורמע. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן די דאָזיקע קעמפער צו פאַרדאַמען די אומגערעכטיקייט פון דער מלחמה. אַז אפילו דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט גענעראַל גראַנט, װעלכער האָט זיך אַליין באַטייליקט אין דער מלחמה, האָט אין זײַנע זכרונות געשריבן, אַז „די מלחמה פון די פאַראייניקטע שטאַטן קעגן מעקסיקאַ איז געװען די אומ־גערעכטסטע, װאָס איז װען אַנגעפירט געװאָרן פון אַ שטאַרקן לאַנד קעגן אַ שװאַכן פאָלק״.

ראַלף װאַלדאָ עמערסאָן האָט געשריבן: „מיר האַלטן זיך צוריק פון באַנוצן אַ װאָרט, װאָס װערט אַזוי פיל מיסברויכט, װי דאָס װאָרט פּאַטריאָ־טיזם, װען די אמתע באַדײַטונג איז כמעט דער היפּוך פון דעם, װאָס איז אַזוי פּאָפּולער. מיר האָבן ניט קיין סימפּאַטיע מיט דעם יינגלשן עגאָטיזם, װאָס װערט הייזעריק, שרײַענדיק פאַר איין צד, פאַר איין שטאַט, פאַר איין שטאַט. דער אמתער פּאַטריאָטיזם באַשטייט אין דער פרייד, װאָס װערט אַרויסגערופן ביי אונדז דורך בײַשטײַערן אונדזער טעטיקייט פאַר דעם װאוילזיין פון דער גאַנצער מענטשהייט״.

דזשעימס ראָסעל לאָעל האָט געשריבן: „מלחמה? איך רוף עס מאָרד״.

בענדזשאַמין פראַנקלין, איינער פון די פאָטערס פון אונדזער לאַנד, האָט נאָך דער מלחמה מיט ענגלאַנד געשריבן די פאָלגענדע װערטער צום ענג־לישן פאָלק:

„איך שליס זיך אָן מיט מײַן גאַנצן האַרצן צוזאַמען מיט אײַך און פריי זיך מיט דעם אָנקומען פון שלום. איך האָף, אַז דער שלום װעט זײַן דויערהאַפט און די מענטשן, װעלכע רופן זיך „פאַרנופטיקע באַשעפענישן״, װעלן סוף־כל־סוף האָבן גענוג שכל צו דערליידיקן זייערע סכסוכים ניט דורך גאַרגל־שניידעריי. — — — װאָס פאַר אַן אומגעהויער גרויסן צוגאָב צו דער באַקװעמ־לעכקייט פון לעבן פאַר דער מענטשהייט װאָלט מען געקענט דער־גרייכן, װען דאָס געלט, װאָס װערט אויסגעגעבן פאַר מלחמה, װאָלט אויסגעגעבן געװאָרן פאַר נוצלעכע זאַכן, פאַר אַן אויסברייטונג פון אַגריקולטור, אפילו אויף די העכסטע בערג, — פאַר באַװאַסערונג, קאַנאַלן־פאַרבינדונגען, בויען בריקן, װאַסער־לייטונג, נײַע װעגן״.

טאָמאַס דזשעפּערסאָן, דער פּראָפעסאָר פון דער „דעקלערעישאָן אָוו אינ־דעפּענדענס" האָט געשריבן:

„וואָלטן די געלטער, וואָס עס קאָסט־אָפּ צו געווינען אַ שטאָט, אָדער אַ שטיקל טעריטאָריע ביים סוף פון אַ מלחמה... אויסגעגעבן געוואָרן צו פאַרבעסערן דאָס, וואָס מען באַזיצט, מאַכן נייע וועגן, עפענען טייכן, בויען האַפנס, פאַרבעסערן קונסט און געפינען באַשעפטיקונג פאַר אַרבעטסלאָזע, וואָלט עס זיי [די פעלקער] געמאַכט שטאַרקער, רייכער און גליקלעכער".

דער פרייהייט־קעמפער סענאַטאָר טשאַרלס סאָמנער פון מאַסאַטשוזעטס, האָט זיך באַטייליקט אין מיטינגען אין פּעניועל האָל אין באָסטאָן און אַנדערע פּלעצער, אויפוויזנדיק, אַז אַמעריקע איז אומגערעכט אין דער מלחמה מיט מעקסיקאָ. רעדנדיק וועגן מלחמה־צוגרייטונגען האָט ער געזאָגט:

„געשיכטע איז אַן איבעריק וואָרט און דערפאַרונג איז פעלערהאַפט, ווען מיר דענקען, אַז מלחמה־צוגרייטונגען זיינען ניט געווען אַלעמאָל די שטענדיקע פּראָוואָקאַציעס פאַר מלחמה. פּרעטענדירנדיק צו באַשיצן זיך קעגן מלחמה, זיינען זיי אין דער אמתן געווען אליין די, וועלכע האָבן אויפ־געריצט צו מלחמה. זיי האָבן אויפגעהעצט דעם איבל, קעגן וועלכן זיי האָבן עס געדאַרפט אָפּהיטן".

איינער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער דיכטער, הענרי וואָרדסוואָרט לאָנג־פעלאָ, האָט געקעמפט קעגן דער מלחמה מיט מעקסיקאָ און געשריבן אַ ליד קעגן די מלחמה־צוגרייטונגען:

דער אַרסענאַל אין ספּרינגפילד

(אין אַ פרייער איבערזעצונג)

דאָס איז אַן אַרסענאַל! פון דיל ביזן באַלקן,
ווי פון אַ גרויסן אָרגל הויבן זיך אויף די גלאַנצנדע אָרעמס;
אָבער פון זייערע שטילע רערן שאַלט ניט קיין כאָר־געזאַנג,
נאָר זיי שרעקן די דערפער מיט אַזעלכע מאָדנע ליאַרעמס.

אַ! וואָס פאַר אַ קלאַנג ס'וועט זיך הערן — ווי ווילד און טרויעריק —
ווען דער מלאך־המות וועט אָנרירן די דאָזיקע גרויסע שליסלען!
וואָס פאַר אַ הויכער יאָמער און טרויעריקער אומגליק
ס'וועט זיך אויסמישן מיט די דאָזיקע שרעקלעכע סימפאָניעס!

איך הער איצט דעם אומענדלעכן גרויזאַמען כאָר —
די גסיסה־געשרייען, די ענדלאָזע קרעכצן,
וועלכע דורך די פאַרגאַנגענע יאָרן פאַר אונדז
קלינגען אָפּ און מישן זיך אויס מיט אונדזערע אייגענע...

ווילסטו, אָ, מענטש, מיט אַזעלכן גרוילהאַפטן טומל,
מיט אַזעלכע פאַרשאָלטענע אינסטרומענטן, ווי די דאָזיקע,
דערטרינקען די זיסע און פריינטלעכע שטימען,
פאַרטומלען די הימלשע, האַרמאָנישע קלאַנגען?

וואָלט מען אַ העלפט פון דער מאַכט, וואָס פילט־אָן די וועלט מיט שרעק,
וואָלט אַ העלפט פון דעם רייכטום, וואָס ווערט אויסגעגעבן פאַר לאַגערן און געריכטן,
געגעבן געוואָרן צו באַפרייען דעם מענטשלעכן געדאַנק פון טעותן,
וואָלט מען ניט געדאַרפט קיין אַרסענאַל, אָדער פעסטונגען.

דער באַרימטער פרייהייטס־קעמפער, דער אַבאָליציאָניסט וויליאם לאָיד געריסאָן האָט געזאָגט וועגן מלחמה:

„די ליכטיקסטע שטריכן אין דעם אַמעריקאַנער כאַראַקטער וועלן קריגן זייער גלאַנץ ניט פון די לאָרבער־קראַנצן, וואָס מען וועט אויפקלייבן אויף די פעלדער פון בלוט און ניט פון דער גרויסקייט פון אונדזער ים־פלאָט און דעם דערפאָלג פון אונדזערע וואָפן — נאָר פון אונדזער אָנשטרענגונג אָפּצושאַפן מלחמה אויף דער וועלט".

אין קאַמף פאַר שלום פאָלגן מיר נאָך די טראַדיציעס פון די בעסטע אַמעריקאַנער. מיר פאָלגן נאָך די טראַדיציעס פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער סאָציאַליסט יודזשין דעבס און טויזנטער אַנדערע סאָציאַליסטישע קעמפער, וועלכע האָבן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מוטיק געקעמפט פאַר שלום.

עס זיינען דאָ הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן לויט די פרינציפּן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, די פרינציפּן פון דעבסן. לאָמיר די דאָזיקע טראַדיציעס בלייבן טריי אין דער איצטיקער קריטישער צייט.

טאָמאַס דזשעפערסאָן איז אָנגערופן געוואָרן „אַן אַגענט פון פּאַריז", ווען ער איז געווען קעגן דעם, אַז אַמעריקע זאָל אַריין אין אַ מלחמה מיט פראַנקרייך. דעבס און אַנדערע קעגנער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען אָנגערופן געוואָרן „דייטשישע אַגענטן". איצט רופט מען די קעמפער פאַר שלום — „אַגענטן פון מאָסקווע". דער קאַמף פאַר שלום איז אַן אַמעריקאַנער קאַמף, צוזאַמען מיט די שלום־ליבנדיקע פעלקער פון דער וועלט. אין קאַמף פאַר שלום און קעגן מלחמות פאָלגן מיר נאָך די אמתע טראַדיציעס פון די אַמעריקאַנער אמתע פאַטריאָטן, די אַמעריקאַנער פרייהייטס קעמפער פון אַלע צייטן, די טראַדיציעס פון טאָמאַס דזשעפערסאָן, אייבּרעהעם לינקאָלן, ווענדעל פיליפּס, געריסאָן, לאָנגפעלאָ, עמערסאָן, א. אַנ.

ביים פראָצעס פון די דרייצן סמיט־אַקט קרבנות

„איך בין ערנסט — איך וועל ניט זיין צווייזייטיק — איך וועל ניט פאַרגעבן — איך וועל ניט צוריקטרעטן קיין איין שפּאַן — איך וועל אויס־געהערט ווערן".

אָט־די היסטאָרישע לאָזונג, וואָס איז אויסגעקריצט אויף אַ גרויסן דענק־מאָל אין באָסטאָן, איז דער אויסרוף פונעם גרויסן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט און פרייהייט־קעמפער וויליאַם ללאָיד גאַריסאָן — צו יענע, וועלכע האָבן אים געוואָלט צומאַכן דאָס מויל אין זיין קאַמף קעגן שקלאַפעריי, אים אַרעס־טירט, געשלאָגן און געשלעפּט געלינטשט צו ווערן.

אָט־די ווערטער זיינען מיר געקומען אויפן זין דעם 2טן און 3טן יולי, 1953, ווען איך בין געזעסן אין דעם פעדעראַלן געריכט אויף פאָולי סקווער, ניו־יאָרק, און זיך צוגעהערט צו די קרעפטיקע און מוטיקע רע־דעס פון די דרייצן אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן און פרייהייט־קעמפער, וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויף דער קלאַגע פון עובר זיין אויפן „סמיט־געזעץ" פון געדאַנקען־קאָנטראָל. די רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן, איי־דער ריכטער עדוואַרד דזש. דימאָק האָט פאַרשיקט די דרייצן שלום־קעמפער אין טורמע און אויף יעדן פון זיי אַרויפגעלייגט אויך אַ געלט־שטראָף.

איידער דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן די אורטיילן, האָט ער געפרעגט די דרייצן, צי זיי האָבן עפּעס צו זאָגן.

מיט ווירדע און שטאָלץ האָט יעדער איינער פון זיי דערקלערט, אַז זיי האַלטן זיך פעסט ביי זייערע קאָמוניסטישע אידעאַלן פאַר שלום און קעגן רעאַקציע; אַז זיי האָבן ניט אויף וואָס חרטה צו האָבן; אַז זיי וועלן ניט צוריקציען קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס זיי האָבן געזאָגט, און אַז וואָס די שטראָף קעגן זיי זאָל ניט זיין, וועט קיין מאַכט ניט אָפּהאַלטן זיי פון פאַר־זעצן זייער קאַמף פאַר דעם, וואָס זיי גלויבן.

דאָס זיינען געווען קורצע, אָבער איינדרוקספולע רעדעס, וואָס וועלן פאַרבלייבן, ווי היסטאָרישע דאָקומענטן אין דער געשיכטע פון אַמעריקע. נאָך קנאַפּע צען חדשים פונעם פּראָצעס אין געריכט, נאָך חדשים אין תפיסה, העצעס און בלבולים מצד די פאַלשע אָנקלאָגע־עדות, פּרעסע און ראַדיאָ,

האָבן די דרייצן אָנגעקלאָגטע אַלץ מוטיק צוריקגעשליידערט די באַשול־דיקונג, אַז קאָמוניסטן פריידיקן גוואַלדטאַטן. זיי האָבן שטאַלץ דערקלערט, אַז די טורמע וועט זיי ניט אָפּשרעקן, און אַז דער קאַמף פאַר שלום וועט פאַרגעזעצט ווערן.

עס האָט אויסגעקוקט, ווי די אָנגעקלאָגטע וואָלטן געוואָרן די אָנקלעגער, און אויף דער אָנקלאַגע־באַנק זיצן דער ריכטער, דער פּראָקוראָר און די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע.

די לאַנג־יאָריקע קעמפערין פאַר די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס עליזאַבעט גורלי פלין האָט אויסגערופן: „עס איז דער הערשנדיקער קלאַס, וועלכער באַגייט גוואַלדטאַטן. דאָס זיינען גוואַלדטאַטן קעגן די קוילנגרעבער אין וועסט־ווירדזשיניע, קעגן דעם נעגער־פאָלק א. אַז. וו. די אידייען פון שלום און סאָציאַליזם און פרייהייט וועלן ניט שטאַרבן דורכדעם, וואָס איר וועט אונדז פאַרשיקן אין טורמע. — — — איר קאָנט מיין קערפּער פאַר־שפּאַרן אין טורמע, אָבער מיינע געדאַנקען וועלן זיין פריי“.

דער נעגער־פירער פּעטיס פּערי האָט געזאָגט, אַז די אמתע שונאים פונעם אַמעריקאַנער פאָלק זיינען די מאָנאָפּאָליסטן: „ניט די קאָמוניסטן זיינען עס געווען די, וואָס האָבן פאַרקויפט צו יאַפּאַן ברוך־אייזן, וועלכן די יאַפּאַנעזער האָבן גענוצט אויף צו שיסן און טויטן אונדזערע יונגעלייט. — — — די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז איינגעוואָרצלט אין דעם אַמערי־קאַנער פאָלק. איר קאָנט דערקלערן די קאָמוניסטישע פאַרטיי פאַר אומגע־זעצלעך, — אָבער עס וועט אייך ניט געלינגען צו פאַרניכטן די פאַרטיי, פונקט ווי די נאַציישע „געשטאַפּאָ“ האָט דאָס ניט געקאָנט טאָן“.

די יונגע נעגערשע פרויען־פירערין קלאָדיאַ דזשאָונס האָט געפרעגט, פאַרוואָס דער יוסטיץ־דעפּאַרטמענט פאַרפאָלגט ניט די לינטשערס פון די נעגערס.

איידער זי האָט זיך געשטעלט רעדן, האָט דער פּראָקוראָר מאַילס לעין געפאָדערט, אַז מען זאָל מיס דזשאָונס געבן די מאַקסימום־שטראָף פון פינף יאָר טורמע און צען טויזנט דאָלאַר שטראָף, „כדי דאָס זאָל זיין אַ וואָרנונג צו פרעמד־געבוירענע, וועלכע קומען קיין אַמעריקע, אַז זיי קאָנען דאָ ניט אָנ־גיין מיט מאַכן פאַרשווערונגען קעגן אונדז“.

מיס דזשאָונס, וועלכע איז געקומען קיין אַמעריקע אַלס אַן אַכט־יאָריק קינד, האָט אויף אַ סאַרקאַסטישן אופן געפרעגט דעם פּראָקוראָר, צי דענקט ער, אַז צו אַכט יאָר איז זי שוין געקומען מיט אַ „פאַרשווערונג“. איר באַ־מערקונג האָט אַרויסגערופן אַ געלעכטער ביי די פאַרזאַמלטע אויפן חשבון פונעם פּראָקוראָר.

אַ שוידער האָט אַרומגענומען די פאַרזאַמלטע אין געריכט, ווען דער

פּראָקוראָר האָט געפאָדערט די מאַקסימום־שטראָף פאַר דעם 71־יאָריקן, קראַנקן געלערנטן, דר. דזשעיקאָב („פּאָפּ״) מינדעל. עס מאַכט ניט אויס, האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט, וואָס מינדעל איז קראַנק: „מיר האָבן גוטע שפּיטאָלן און דאָקטוירים אין די פעדעראַלע טורמעס״.

דר. מינדעל האָט קראַנקערהייט צוריקגעשליידערט די בלבולים אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: „איך בין שולדיק בלויז אין דעם, וואָס איך שטיץ די פּרידנס־פּראָגראַם פון מיין פּאַרטיי. מיר דערוואַרטן ניט און בעטן ניט קיין רחמנות. די טורמע־שטראָף קאָן מיינען טויט פאַר אייניקע פון אונדז, אָבער מיר וועלן ניט ענדערן אונדזער מיינונג״.

אַלע אָנגעקלאָגטע, אַלעקסאַנדער טראַכטענבערג, אַלעקסאַנדער ביטעלמאַן, װי. דזש. דזשעראָם, בעטי גענעט, ווילִיאַם וויינסטאָן, לואיס וויינסטאָק, אַל לענאָן און דזשאָרדזש בלעיק טשאַרני, פאַר וועלכע דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט די מאַקסימום־שטראָף, האָבן אָנגעוויזן, אַז זיי זיינען שטאָלץ מיט זייער קאַמף קעגן אומגערעכטיקייט און האָבן פאַרדאַמט די פאַרשווערונגען פון דער רעגירונג.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט די רעדע פונעם מאַטראָס אַל לענאָן, וועלכער האָט זיך גלענצנד אויסגעצייכנט אין דער מלחמה קעגן די נאַציס און מיט זיין אַרבעט פאַר דער שיף־אַרבעטער־יוניאָן. ער און לואיס וויינסטאָק האָבן אָנגעוויזן, אַז „גענגסטערס און רעקעטירס״ גייען אַרום פראַנק־און־פריי, בעת אָרנטלעכע קעמפער קעגן זיי ווערן פאַרשיקט אין טורמע.

דער לעצטער אויפן צעטל פון די רעדנער איז געווען דזשאָרדזש בלעיק טשאַרני. דער פּראָקוראָר האָט, פאַרלייענענדיק טשאַרניס רעקאָרד, געמוזט אויסרעכענען אַ גאַנצן צעטל פון אויסצייכענונגען און מעדאַלן, וואָס דער קאָמוניסטישער פירער טשאַרני האָט געקראָגן פאַר העלדישקייט און מסירת־נפש אין דער מלחמה פון אַמעריקע קעגן די נאַציס, אָבער אויך פאַר אים האָט ער געפאָדערט די מאַקסימום־שטראָף.

טשאַרני האָט אין זיין קרעפטיקער רעדע געפרעגט: „בין איך אַ קלענערער פּאַטריאָט דערפאַר, וואָס איך גלויב ניט, אַז דאָס, וואָס איז גוט פאַר דזשענעראַל מאָטאָרס איז גוט פאַר אַמעריקע? בין איך אַ קלענערער פּאַטריאָט דערפאַר, וואָס איך גלויב ניט אין אויסשלאַכטן אַמעריקאַנער יונגעלייט אין דער אומנויטיקער מלחמה? — — — מיר האָבן ניט קיין חרטה, ווייל מיר זיינען ניט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן. אומשולדיקע מענטשן האָבן ניט קיין אורזאַך חרטה צו האָבן. זאָלן די יעניקע, וועלכע חברן זיך מיט די לאָרדן פון דער אונטערוועלט, ווייזן, אַז זיי האָבן חרטה״.

דער פאַרטיידיקונג־לאָיער פרענק סערי האָט אָנגעוויזן אויף דער געפאַר פון פאַשיזם אין אַמעריקע און אַז דער סמיט־געזעץ צעשטערט דעם

גלויבן אין אַמעריקע.

אַמעריקע, האָט ער דערקלערט, נויטיקט זיך אין מענטשן מיט פעסטע פּרינציפּן און אָרנטלעכקייט, ווי די דרייצן אָנגעקלאָגטע, כדי צו באַקעמפן די געפאַר פון פאַשיזם.

די פראַגע וועגן אומבייטן די טורמע־שטראָף אויף דעפּאָרטאַציע קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס איז פאָרגעבראַכט געוואָרן דורך ריכטער דימאָק, האָבן אַלע אָנגעקלאָגטע צוריקגעוויזן. דער ריכטער האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט זיין אומאָננעמבאַר פאַר די אָנגעקלאָגטע, און אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד לאָזט גאָרניט אַריין קיין דעפּאָרטירטע פון אַנדערע לענדער. דאָס איז געווען אַ פּראָוואָצירנדיקע פראַגע צוליב פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און קעגן די אָנגעקלאָגטע. אָבער עליזאַבעט גורלי פלין האָט באַלד דערקלערט: „איך קאָן זען, ווי די צייטונגען וועלן שרייבן, אַז קאָמוניסטן ווילן בעסער זיצן אין טורמע אין אַמעריקע, איידער פאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זאָל מען ניט אַריינטייטשן קיין פאָרוואורף קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך בין אַן אַמעריקאַנערין. מיר ווילן זיך ניט אַרויסדרייען פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט דאָ אין לאַנד, און זוכן ניט צו געניסן די פרוכט פון סאָציאַליזם אין אַ לאַנד, וואו מיר האָבן אויף דעם ניט געאַרבעט“.

ביידע טעג פאַר אַרויסגעבן דעם אורטייל איז דער געריכט־זאַל געווען געפּאַקט מיט פריינט און פאַרערער פון די אָנגעקלאָגטע. אַ סך אַרבעטער זיינען די צוויי טעג ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט און זיינען שעהן־לאַנג געשטאַנען אין דער ריי צו קענען אַריינגיין אין געריכט. מיט ציטערדיקע הערצער האָבן זיי זיך צוגעהערט, ווען דער ריכטער האָט אויסגעטיילט די שטראָף: צו דריי יאָר טורמע און זעקס טויזנט דאָלאַר שטראָף פאַר זיבן אָנגעקלאָגטע, צו צוויי יאָר טורמע און פיר טויזנט דאָלאַר שטראָף פאַר פינף אָנגעקלאָגטע, און איין יאָר מיט אַ טאָג און צוויי טויזנט דאָלאַר שטראָף פאַר איין אָנגעקלאָגטער (קלאָדיאַ דזשאָונס).

אַזוי איז פאָרגעקומען נאָך איין אַקט אין דער דראַמע פון מכשפה־געיעגן און פאַרפאָלגונגען אויף אידייען אין אַמעריקע.

וועגן פרייהייט צו רויבן און פרייהייט צו קעמפן קעגן דעם

פאַראַן אַן עלעמענט מענטשן, וועלכע זאָגן אייך, אַז זיי זיינען גרויסע פּאַטריאָטן פון דעמאָקראַטיע, פון פרייהייט, זיינען פריינט פון אַרבעטער־קלאַס, — נאָר זיי געפינען אַלע מאָל אַ זכות פאַר פאָלגונגען אויף אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און זייערע פירער.

קומט גרויס־קאַפּיטאַל און רויבט אַוועק לאַנג־אויסגעקעמפטע רעכטן פון אַרבעטער, טרעט מיט די פיס די יסודן פרינציפּ פון ציווילע רעכט — קומען די פּאַרטיידיקער און זאָגן, אַז עס איז טאַקע אַן עולה, אָבער — געזעץ איז געזעץ.

דער אורטייל קעגן דער פּאַריערס׳ יוניאָן איז טאַקע שלעכט, זאָגן זיי. אָבער אין אַמעריקע איז דאָ אַ געזעץ וועגן פרייהייט פון האַנדל, און דער, וואָס שטערט דעם האַנדל, צי עס איז אַ קאַפּיטאַליסט אָדער אַן אַרבעטער, ווערט באַשטראָפט.

די אומגעזעצלעכע און אומגערעכטע האַנדלונג פון „דעפּאַרטמענט אָוו דזשאָסטיס״ און פון דער „דאַיעז האָמיטע״ קעגן קאָמוניסטישע טוער און אָרגאַניזאַציעס, די אַרעסטן און איבערפאַלן אויף אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס ווערט ביי זיי פּאַרטיידיקט אויף אַזאַ אופן: די קאָמוניסטן האָבן אַלע מאָל געפאָדערט און פאָדערן איצט, אַז מען זאָל פאַרבאָטן נאַצי־און אַנטיסעמי־טישע פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע. די אַזוי־גערופענע פּאַרטיידיקער פון דעמאָקראַטיע, אפילו סאָציאַליסטן פון „פאָרווערטס״־חדר, האָבן געטענהט, אַז די קאָמוניסטן זוכן אָפּצושאַפן פרייהייט, און אַזעלכע געזעצן טאָר מען ניט מאַכן. איצט — זאָגן זיי — איז איינס פון די ביידע: גלויבט איר אין פאַרפאָלגן נאַציס און אַנטיסעמיטן — דאַרפט איר ניט האָבן קעגן, ווען מען פאַרפאָלגט קאָמוניסטן. און אויב איר זייט קעגן פאַרפאָלגונג פון קאָ־מוניסטן, דאַרפט איר אויך זיין קעגן פאַרפאָלגן פאַשיסטן.

די „סיוויל ליבערטיס יוניאָן״ נעמט זיך אָן די קריוודע פון די נאַציס און פאַשיסטן אין אַמעריקע, און פּאַרטיידיקט דעם אויטאָמאָביל־ביליאָנער פאָרדן קעגן דער „נעשאָנאַל לעיבאָר רילעישאָנס באָאַרד״ און דער יוניאָן — אַלץ אונטער דער אויסרייד פון אַבסטראַקטער „פרייהייט״.

אָט־די אַבסטראַקטע דעמאָקראַטן איז וויכטיק צו דערמאָנען די ווערטער

פון פרעזידענט איבערהעם לינקאָלן און עס האַלטן פאַר אַ מאָס וועגן דעם באַגריף פון וואָרט פרייהייט. אין אַ רעדע, וואָס איבערהעם לינקאָלן האָט געהאַלטן אין באַלטימאָר דעם 18טן אַפּריל 1864, האָט ער אין ענטפער צו די פּאַרטייידיקער פון נעגער־שקלאַפעריי, וועלכע האָבן זיך געפּוצט אין פעדערן פון קעמפער פאַר פרייהייט, געזאָגט די פאָלגנדע ווערטער:

„דער פּאַסטוך טרייבט אַוועק דעם וואָלף פון האַלדז פון דער שעפס, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרצוקן. די שעפּס איז דאַנקבאַר דעם פּאַסטוך און באַטראַכט אים אַלס איר באַפרייער. דער וואָלף פאַרדאַמט אָבער דעם פּאַסטוך פאַר דער זעלבער האַנדלונג — אַלס אַ שטערער פון פרייהייט, איבערהויפּט ווען די שעפּס איז געווען אַ שוואַרצע".

„עס איז זייער קלאָר", זאָגט לינקאָלן, „אַז די שעפּס און דער וואָלף זיינען ניט אייניק מיט דער אויסטייטשונג פון דעם וואָרט ‚פרייהייט'. פּונקט דער זעלבער אונטערשייד הערשט אויך צווישן אונד, מענטשן".

די דאָזיקע ווערטער פון לינקאָלן איז וויכטיק צו געדענקען ווען די אַזוי־גערופענע „געזעץ־און אָרדענונג"־מענטשן קומען צו אייך רעדן אין נאָמען פון פרייהייט און פאַרטיידיקן יעדע געמיינהייט פון דעם רויבערישן קלאַס. די קאַפּיטאַליסטן וואָלטן וועלן האָבן די פרייהייט צו קאָנען עקס־פּלואַטירן דעם אַרבעטער וויפל זיי ווילן און ניט ווערן געשטערט פון אַר־בעטער־יוניאָנס. דאָס איז זייער באַגריף פון „פרייהייט".

כאָטש די קאָנסטיטוציע און דער „ביל אָוו ראַיטס" גאַראַנטירן יעדן איינוואוינער פון אַמעריקע פרייע רעדע, פרייע פרעסע און פאַרזאַמלונגען, און פאַרווערט אומגעזעצלעכע איבערפאַלן, איז אָבער אין די אויסטייטשונ־גען פון געזעץ ווידער פאַראַן אַן אונטערשייד פון דעם באַגריף פון וואָלף און דעם באַגריף פון שעפּס. אַזוי זיינען אין יאָר 1887 געזעצלעך הינגע־ריכטעט געוואָרן פינף פון די בעסטע פירער פון אַרבעטער־קלאַס דערפאַר, וואָס זיי האָבן געפּריידיקט דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג פאַר די אַר־בעטער. קעמפער פאַר אַלגעמיינע שטים־רעכט און קעמפער פאַר פרויען־שטים־רעכט זיינען אַרעסטירט געוואָרן און אַריינגעזעצט געוואָרן אין טורמע פאַר זייערע מיינונגען. די ביטערע פאַרפאָלגונגען קעגן די, וועלכע האָבן געפּריידיקט אָפּצושאַפן נעגער־שקלאַפעריי, איז גוט באַקאַנט אין דער גע־שיכטע פון אַמעריקע.

די כלומרשטע „פּאַטריאָטן" האָבן שטענדיק פאַרפאָלגט די פרייהייטס־קעמפער אין נאָמען פון כלומרשטער פרייהייט און געזעץ. צוקונפטיקע דורות וועלן זיך וואונדערן, ווי אַזוי האָט גאָר געקאָנט פאַרקומען אַ קאַמף וועגן „סעגרעגאַציע". אָבער די „סאַוטערן דזשענטלמען" באַקעמפן דאָס געזעץ קעגן „סעגרעגאַציע" אין נאָמען פון זייער באַגריף וועגן „פרייהייט" פון יעדן

שטאַט...

אַזוי אויך אין אַנדערע פראַגן. מענטשן האָבן אַ רעכט אַרומצופאָרן אי־בער אַמעריקע. אָבער מען דעפּאָרטירט ניט נאָר פרעמד־געבוירענע, נאָר אויך אַמעריקאַנער פון איין שטאַט צו אַ צווייטן, ווען זיי דאַרפן אָנקומען צו שטאַטישער צדקה.

די יאָרן פון 1919 און 1920, ווען דער „דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס" האָט דורכגעפירט אַ ווילדן געיעג אויף ראַדיקאַלע פרעמד־געבוירענע אַר־בעטער אין אַמעריקע און מאַסן זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן, זיינען פון אַ סך אַמעריקאַנער שפּעטער באַצייכנט געוואָרן אַלס „די משוגענע יאָרן". אָבער נאָך איצט געפינען זיך אַזעלכע, וועלכע רופן זיך „סאָציאַליסטן", וואָס זעען ניט אין דעם די געפאַר פאַר דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס זוכט אונטער דעם אויסרייד פון „פריי־הייט" און קאַמף קעגן קאָמוניסטן, צו פאַרבלענדן די מאַסן די אויגן, אַז זיי זאָלן ניט זען, ווי מען רויבט ביי זיי אַוועק זייערע רעכט און לעבנס־מעגלעכקייטן.

מען דאַרף שטענדיק געדענקען לינקאָלנס ווערטער, אַז עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן די באַגריפן וועגן פרייהייט. דער וואָלף און די שעפּס האָבן צוויי באַזונדערע באַגריפן.

די טראַדיציע פון ערשטן מאַי

דער טאָג פון ערשטן מאַי ווערט געפייערט אויף דער גאַנצער וועלט, ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־יום־טוב.

עס איז דער טאָג, ווען אַרבעטער אין יעדן לאַנד טרעטן אַרויס אין די גאַסן דורך דעמאָנסטראַציעס און פאַרזאַמלונגען עפנטלעך אַרויסצושטעלן זייערע פאָדערונגען און אויסצודריקן זייער סאָלידאַריטעט מיט די אַרבעטער־מאַסן פון אַלע לענדער אין קאַמף פאַר שלום און קעגן מלחמות.

דער ערשטער מאַי־יום־טוב איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אַן אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער יום־טוב מיט 63 יאָר צוריק, אויף דעם ערשטן קאָנגרעס פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין פּאַריז. אָבער דער יום־טוב פון ערשטן מאַי איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע אין צוזאַמענ־האַנג מיט דעם קאַמף פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

די אַרבעטס־באַדינגונגען אין אַמעריקע אין משך פון 19טן יאָרהונדערט זיינען געווען זייער שלעכטע. אַרבעטער האָבן געשקלאַפט פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג. עס איז געווען אַ צייט, ווען אַ צען־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג איז געווען אַן „אידעאַל", פאַר וועלכן מען האָט געמוזט אָנפירן אַ שווערן קאַמף. יעדער פאַרזוך פון די אַרבעטער אויסצוקעמפן בעסערע באַדינגונגען איז פאַרשריען געוואָרן פון די באַלעבאַטים און פון דער הערשנ־דיקער מאַכט, ווי „אַ פאַרשווערונג פון אויסלענדישע אַגענטן".

עס איז געווען אויף אַ קאָנווענשאָן פון דער „פעדעראַציע פון אַר־בעטער יוניאָנס פון אַמעריקע און קאַנאַדע" (זי האָט שפּעטער פאַרקירצט איר נאָמען אויף „אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר"), וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן דעם 7טן אָקטאָבער 1884, וואו עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו באַצייכענען דעם 1טן מאַי אַלס אַ טאָג פון סטרייקס. די רעזאָלוציע לייענט זיך:

„באַשלאָסן דורך דער פעדעראַציע פון פאַראייניקטע אַרבעטער יוניאָנס פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, אַז אַכט שעה זאָל זיין דער גע־זעצלעכער אַרבעטס־טאָג, אָנהויבנדיק פון 1טן מאַי 1886, און מיר רעקאָ־מענדירן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלן אַזוי רעגולירן זייערע געזעצן, אַז זיי זאָלן קאָנען צופּאַסן זיך דורכצופירן די רעזאָלוציע אין דער באַשטימטער צייט".

אויף דער קאָנווענשאָן פון דער „פעדעראַציע" אין יאָר 1885 איז די רעזאָלוציע ווידער אָנגענומען געוואָרן, און עטלעכע נאַציאָנאַלע יוניאָנס האָבן זיך גענומען גרייטן צום קאַמף. די דאָזיקע יוניאָנס זיינען געוואַקסן אין מיטגלידערשאַפט אַדאַנק זייער קאַמף פאַר דעם אַכט־שעהדיקן אַר־בעטס־טאָג.

סטרייקס זיינען פאָרגעקומען אין פאַרשידענע שטעט. אין שיקאַגאָ איז די באַוועגונג פאַר דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג געווען אַמשטאַרקסטן, און זונטאָג פאַר דעם 1טן מאַי 1886 איז דאָרט דורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע, איינגעאָרדנט דורך אַ פאַראייניקטן פראָנט פון די יו־ניאָנס און דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַרטיי, וואָס איז דעמאָלט גע־ווען די איינציקע פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין לאַנד. אַרום 25 טויזנט אַרבעטער זיינען געקומען צו דער דעמאָנסטראַציע.

דעם ערשטן מאַי האָבן מאַסן אַרבעטער געוואָרפן זייער אַרבעט און אַרויס אין סטרייק.

די בלוטיקע העימאַרקעט־טראַגעדיע, איינער פון די גרויזאַמסטע קאַ־פּיטלעך אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, איז פאַרבונדן מיטן געבורט פון ערשטן מאַי־יום־טוב.

אַ מיטינג פון סטרייקס פון דער מעקאָרמיק־פאַבריק אין שיקאַגאָ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 3טן מאַי 1886 איז באַפאַלן געוואָרן פון פּאָ־ליציי און איינציקע אַרבעטער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן. אַ דעמאָנסטראַציע איז גערופן געוואָרן אויף מאָרגן, דעם 4טן מאַי, אויפן העימאַרקעט סקווער אין שיקאַגאָ צו פּראָטעסטירן קעגן דער ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי. פּראָמינענטע פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס. דער מיטינג איז צוגעגאַנגען פרידלעך. אָבער צום סוף פון מיטינג האָט געפּלאַצט אַ באָמבע, און עטלעכע פּאָליציייט זיינען דערהרגעט געוואָרן. די באָמבע איז וואַרשיינלעך געוואָרפן געוואָרן דורך אַ פּראָוואָקאַטאָר. אָבער די פּאָליציי האָט אויסגעקליבן אַכט פון די בעסטע פירער און קעמפער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיי באַשולדיקט אין מאָרד, און פיר פון זיי אויפ־געהאַנגען. אָבער די באַוועגונג פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג האָבן זיי ניט געקאָנט אָפּשטעלן. די מאַי־פאָן, אויף וועלכער עס אָנגעשריבן גע־וואָרן די פאָדערונג פון דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, איז געהייליקט געוואָרן דורך דעם בלוט פון די אַרבעטער־מאַרטירער.

די „אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר" האָט אויף איר קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין סעינט לואיס אין 1888, ווידער באַשלאָסן צום באַשטימען דעם ערשטן מאַי אַלס דעם קאַמף־טאָג פאַר דעם אַכט־שעה־דיקן אַרבעטס־טאָג און אַז דער ערשטער מאַי 1890 זאָל זיין אַ טאָג פון

סטרייקס פאַר דער פאָדערונג.

און אין יולי, 1839, איז אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„עס ווערט באַשטימט אַ גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע מאַניפעסטאַציע אויף אַן איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשטימטער דאַטע, אַזוי אַז אין אַלע לענדער, אין אַלע שטעט זאָלן די אַרבעטנדיקע אין איין באַשטימטן טאָג אַרויסשטעלן צו דער געזעלשאַפטלעכער מאַכט אַ פאָדערונג צו באַגרענעצן דעם אַרבעטס־טאָג צו אַכט שעה, ווי אויך אויספילן אַלע אַנדערע באַשלוסן פון דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס.

„אַזוי ווי אַזאַ מין יערלעכע מאַניפעסטאַציע איז שוין באַשטימט גע־וואָרן אויפן 1טן מאַי דורך דער אַמעריקאַנער אַרבעט־פעדעראַציע אויף איר צוזאַמענפאָר אין סענט לואיס, אין דעצעמבער, 1888, נעמען מיר אָן דעם זעלביקן טאָג אויך פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער מאַניפעסטאַציע. די אַר־בעטער פון די פאַרשיידענע לענדער מוזן אָרגאַניזירן די דעמאָנסטראַציעס לויט די אומשטענדן, וואָס הערשן אין יעדן לאַנד״.

ווי מען קאָן זען, איז דער ערשטער מאַי ניט קיין אימפּאָרטירטע „סוב־ווערסיווע״ אידייע פון אויסלאַנד, נאָר אַ ריין־אַמעריקאַנישע אידייע, וואָס די אַרבעטער איבער דער גאַנצער וועלט האָבן אָנגענומען.

דער ערשטער מאַי איז זינט דעמאָלט געוואָרן דער גרויסער אַרבעטער־יום־טוב אין אַלע לענדער. אַ טאָג צו דעמאָנסטרירן דעם אַרבעטערס טענות צו דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און צו דעמאָנסטרירן זייער סאָלידאַריטעט און מאַכט.

דעם ערשטן מאַי, 1890, זיינען אין אַמעריקע פאָרגעקומען אַ סך סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס פאַר קירצערע אַרבעטס־שטונדן. אין ניו־יאָרק איז אין 1890 אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע אויף יוניאָן סקווער, וואו פירער פון דער „אַמעריקאַן פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר״ האָבן גערעדט ניט נאָר וועגן דער פאָדערונג פון דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, נאָר וועגן אָפּשאַפן פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם.

אין דער רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף יענער דע־מאָנסטראַציע, זאָגט זיך:

פאַר דער דעמאָנסטראַציע אויף יוניאָן סקווער איז פאָרגעקומען אַ מאַרש מיט רויטע פאָנען איבער די אַרבעטער־קוואַרטאַלן אין ניו־יאָרק.

אין אַלע לענדער איז דער ערשטער מאַי געפייערט געוואָרן דורך גרויסע דעמאָנסטראַציעס. אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן אַרבעטער ריזיקירט מיט זייערע לעבנס און דעמאָנסטרירט פאַר פרייהייט דעם ערשטן מאַי.

די פּירער פון „אַמעריקאַן פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר" האָבן שפּעטער פּאַרראַטן דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־יום־טוב. די יידישע יוניאָנס האָבן אַ לאַנגע צייט געפייערט דעם ערשטן מאַי און פלעגן זיך באַטייליקן אין ריזיקע דעמאָנסטראַציעס איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט איבערן לאַנד. אָבער אַ טייל יוניאָן־פּירער זיינען געוואָרן די משרתים פון דער רעאַקציע און לאַכן זיך אויס פון קלאַסן־קאַמף. ביי זיי איז אויך דער ערשטער מאַי מער ניט קיין יום־טוב. אָבער ביי די גרויסע אַרבעטער־מאַסן אין די נאָדל־טרעידס און אין די יוניאָנס, וואו עס איז דאָ אַ פּראָגרע־סיווע פירערשאַפט, איז דער ערשטער מאַי נאָך אַ גרויסער יום־טוב — אַ יום־טוב, וואָס דערמאָנט די קאַמף־טראַדיציעס פון אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע און וועלכער רופט צו ווידערשטאַנד קעגן רעאַקציע און עקס־פּלואַטאַציע.

אין טאָג פון ערשטן מאַי האָבן הונדערטער טויזנטער אַרבעטער אין אַמעריקע אין פאַרשידענע שטעט מאַרשירט אין 1906 און געפאָדערט די באַפרייאונג פון די אַרבעטער־פירער, מאָיער, העיוואוד און פּעטיבאָן, וועלכע זיינען געווען אַרעסטירט אויף אַ בלבול פון אַ מאָרד־קלאַגע. מען האָט דעמאָנסטרירט פאַר דער באַפרייאונג פון טאָם מוני, פון סאַקאָ און וואַנזעטי, דעמאָנסטרירט צו פאָדערן שטימרעכט פאַר פרויען.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען פאָרגעקומען רי־זיקע דעמאָנסטראַציעס קעגן מלחמה. שפּעטער — דעמאָנסטראַציעס קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, קעגן די פאַרשיידע פאַרשווערונגען פון גרויס־קאַפּיטאַל און פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט און שלום.

„מיר אַלע זײַנען קינדער פון אימיגראַנטן‟

מען גייט איבער, אַז אין אײראָפּע גייט אַרום אַזאַ וויץ:

אין אַ שטעטל אין אַמעריקע האָבן צוויי פריזירערס (באַרבערס) געפירט צווישן זיך אַ שאַרפע קאָנקורענץ. ווען איינער האָט אַרויסגעשטעלט אין זײַן פענצטער אַן אויפשריפט: „איך בין אַ הונדערט פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער‟ האָט דער צווייטער אַרויסגעשטעלט אַן אויפשריפט: „איך בין אַ צוויי הונדערט פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער‟.

האָט דער ערשטער געפרעגט דעם צווייטן: „וואָס מיינסטו מיט די ווערטער ,צוויי הונדערט פּראָצענטיקער' אַמעריקאַנער‟?

„פאַרשטייסטו‟, האָט דער צווייטער געענטפערט, „דו האָסט נאָר יידן און נעגערס; איך אָבער האָס אַלעמען‟...

דאָס איז דער סאָרט „אַמעריקאַניזם‟, וואָס ווערט געפּריידיקט און פּראַקטיצירט דורך די פינצטערע עלעמענטן אין לאַנד — די מעקאַרטיס, מעקאַרענס, וועלדעס און אַנדערע טרעגער פון געדאַנקען־קאָנטראָל און טעראָר.

נאַטוראַליזירטע בירגער, ווי ניט־נאַטוראַליזירטע, ווערן אַרעסטירט, „אונטערזוכט‟, געדראָעט מיט דעפּאָרטאַציע און פאַרפאָלגונגען צוליב זייערע פּאָליטישע מיינונגען. די וויסטע אַרבעט פון די אַלערליי „אויספאָרשונג־קאָמיטעס‟ איז פּונקט דער היפּוך פון אמתן אַמעריקאַניזם.

איז כדאי צו דערמאָנען, וואָס באַרימטע אַמעריקאַנער האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן די פאַרפאָלגונגען פון פרעמד־געבוירענע.

פאַשיסטישע כוחות אין אַמעריקע האָבן אַלעמאָל געזוכט דורכצופירן אַלערליי פינצטערע געזעצן קעגן פרעמד־געבוירענע.

אין 1922 און אין שפּעטערדיקע יאָרן זײַנען פאָרגעשלאָגן געוואָרן אין קאָנגרעס „בילס‟ פאַר רעגיסטראַציע און דעפּאָרטאַציע פון אימיגראַנטן.

די פאָרגעשריטענע עלעמענטן אין לאַנד האָבן דעמאָלט געשאַפן אַזאַ פּראָטעסט־באַוועגונג, אַז דער קאָנגרעס האָט ניט געוואַגט אָנצונעמען אַזעלכע רעאַקציאָנערע געזעצן.

דער גרויסער פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט האָט אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 5טן אָקטאָבער 1944, געוואָרנט קעגן די עלע־מענטן, וואָס וואַרפן זיך מיטן וואָרט „קאָמוניזם" און פאַכען מיטן „רויטן הערינג" אין זייערע אַטאַקעס אויף יעדן פּראָגרעסיוון סאָציאַלן פאָרשלאָג און אויף די מיינונגען פון יעדן פרעמד־געבוירענעם בירגער, מיט וועמען זיי שטימען ניט איין.

„זיי פאַרגעסן", האָט דער פּרעזידענט געזאָגט, „אַז מיר אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן זיינען אַלע קינדער פון אימיגראַנטן [אַלע אויסער די אינדיאַנער], און עס זיינען ניטאָ קיין בעסערע באַוויזן, ווי די העלדישע נעמען, וואָס מיר טרעפן אויף דעם צעטל פון די מלחמה־קרבנות".

אין אַ באַגריסונג, וואָס רוזוועלט האָט צוגעשיקט צו דער פערטער יער־לעכער קאָנפערענץ פון דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט פאַר דער באַשיצונג פון פרעמד־געבוירענע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין וואַשינגטאָן אין מערץ, 1940, האָט ער געשריבן, אַז ער איז „זייער צופרידן צו באַגריסן" די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט „גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַרזי־כערן יושרדיקע באַהאַנדלונג גאַר דעם פרעמד־געבוירענעם אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. יעדער אַמעריקאַנער ווינטשט איר דערפאָלג".

דער פּרעזידענט האָט דערביי באַטאָנט, אַז „מיר מוזן זיין שטענדיק אויף דער וואַך קעגן די אַטאַקעס פון אומטאָלעראַנץ און אומגערעכטיקייט. מיר מוזן היטן די ציווילע רעכט און ציווילע פרייהייט פון אַלע בירגער, אָן אונטערשיד פון זייער הינטערגרונט". און ער האָט פאַרענדיקט זיין באַגריסונג: „מיר באַגריסן דערפאַר די אַרבעט צו באַשיצן די פרעמד־געבוירענע".

דאָס האָט רוזוועלט געשריבן צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט ביי־טער פאַרפאָלגט פון דער איצטיקער רעגירונג, ווייל זי טוט איר אַרבעט אין דעם רוזוועלט־גייסט.

קאָרדעל האַל, דער „סעקרעטערי אָוו סטעיט" אין דער רוזוועלט־אַד־מיניסטראַציע, האָט אין אַ באַגריסונג צו דער זעלבער קאָנפערענץ איר גע־וואונטשן „פולן דערפאָלג אין דער דערגרייכונג פון אירע צוועקן".

און ווייטער האָט ער געשריבן:

„גלייכהייט פאַר דעם געזעץ און גלייכע געלעגנהייטן זיינען צווישן די הייליקסטע טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק. זיי זיינען אַ וויכטיקער טייל פון דעם פונדאַמענט פון אונדזערע אינסטיטוציעס".

אויך יידישע כלל־טוער און אָרגאַניזאַציעס האָבן געשפּילט אַ ראָל אין דעם קאַמף קעגן פרעמד־געבוירענע. קאָנפערענצן פון אָרגאַניזאַציעס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 1923 און אין 1926, און עס האָבן זיך אין זיי באַ־

טייליקט אַזעלכע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט ווי לואיס מאַרשאַל, אָסקאַר שטראַוס, ליליען וואלד, וואַלטער ליפּמאַן, און אָרגאַני־זאַציעס ווי די „האַיאַס", „סיוויל ליבערטיס יוניאָן" און אַנדערע.

די לעצטע יאָרן, אונטערן דורק פון דער מלחמה־היסטעריע, איז די פינצטערע כוחות געלונגען דורכצופירן די אַלטע און נאָך מער געפערלעכע געזעצן קעגן פרעמד־געבוירענע, און עס זיינען שוין דאָ טויזנטער קרבנות איבערן לאַנד.

מען דאַרף צוגעבן, אַז דאָס פאָלק איז ניט געווען גענוג אויף דער וואַך. אָבער לעצטנס מערקט זיך אָן ענדערונג צום בעסערן.

עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן די געפערלעכע מעקאַרען־געזעצן און מעקאַרטי־„אונטערזוכונגען" קומען פון פיל וויכטיקע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס, ווי די פּראָטעסטאַנטישע קירכן, די הדסה און אַנדערע קער־פערשאַפטן.

די יידישע מאַסן און זייערע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן נאָכפאָלגן די טראַדיציעס פון די בעסטע אַמעריקאַנער און פון יידישע כלל־טוער, וועלכע זיינען ניט געבליבן שטום אין צייטן פון געפאַר. די שיינע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון אַמעריקע טאָרן ניט פאַגראָמירט ווערן!...

טאָמפּקינס סקווער

(אַ געגנט אין ניו־יאָרק, וואו עס זיינען פאָרגעקומען היסטאָרישע קאַמפן)

אויף דער איסט־סאַיד אין ניו־יאָרק, צווישן דער זיבעטער גאַס און דער צענטער גאַס און צווישן עוועניו „עי" און עוועניו „בי", געפינט זיך אַ סקווער, וועלכער הייסט טאָמפּקינס סקווער.

מיט יאָרן צוריק, אין די יאָרן נאָכן בירגער־קריג און פריער, איז טאָמפּקינס סקווער געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע פּלעצער אין ניו־יאָרק. דאָרט פלעגן פאָרקומען גרויסע דעמאָנסטראַציעס און פאָלקס־פאַרזאַמלונגען פון די אַרבעטער־מאַסן אין ניו־יאָרק אין קאַמף קעגן יקרות, קעגן אַרבעטס־לאָזיקייט, אויך פאַרזאַמלונגען פון סטרייקערס.

עס איז כדאַי צו דערציילן וועגן די שווערע קאַמפן, וואָס די ניו־יאָרקער מאַסן האָבן שוין מיט יאָרן צוריק געפירט קעגן נויט און עקספּלואַטאַציע. עס איז כדאַי צו דערציילן, אַז שוין דאַן, אַזוי ווי איצט, זיינען די, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען מיט פאָדערונגען צו לינדערן די נויט פון די מאַסן, גע־שלאָגן און אַרעסטירט געוואָרן, און באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי ווילן מיט צוואַנג אַרונטערוואַרפן די עקזיסטירנדיקע רעגירונג.

איינע פון די בלוטיקסטע געשעענישן איז פאָרגעקומען אויף טאָמפּקינס סקווער דעם 13טן יאַנואַר, 1874. עס איז געווען אין דער צייט פון דער גרוי־סער פינאַנציעלער פּאַניק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַמעריקע אין יאָר 1873 און האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר.

גרויסע מאַסן זיינען דאַן געווען אַרבעטסלאָז און האָבן געליטן נויט. אין ניו־יאָרק זיינען איבער ניינציק טויזנט מענטשן געווען היימלאָז. די שטאָט האָט דערלויבט אַן אַרבעטסלאָזן צו שלאָפן צוויי נעכט אַ וואָך אין אַ פּאָליציי־סטאַנציע. עסן, אָבער, האָט מען ניט געגעבן, און די אומגליקלעכע פלעגן דאַרפן קלייבן פון די מיסט־קעסטלעך אויף די גאַסן צו שטילן זייער הונגער.

די מער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער האָבן גענומען אָרגאַניזירן די אַר־בעטסלאָזע צו פאָדערן אַרבעט און הילף.

אַ מאַסן־מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קופּער יוניאָן אינסטיטוט דעם 11טן דעצעמבער, 1873. דער מיטינג איז פאַררופן געוואָרן דורך טרעיד־יוניאָנס און סעקציעס פון ער „אינטערנעשאָנאַל וואָרקינגמענס אַסאָסיעישאָן", די פאָרגייערין פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַמעריקע. דער זאַל

איז געווען איבערגעפּאַקט. אויף די ווענט פונעם זאַל זיינען געווען פּלאַ־קאַטן מיט לאָזונגען: „אַרבעטסלאָזע ווילן אַרבעט, ניט קיין צדקה״; „ווען אַרבעטער הויבן־אָן צו דענקען, הויבן די מאָנאָפּאָליסטן אָן צו ציטערן״. די „ניו־יאָרק טאַימס״ האָט דאַן פאַרדאַמט די לאָזונגען און זיי געשטעמפּלט אַלס „קאָמוניסטישע״.

דער מיטינג האָט דערוויילט אַ קאָמיטע, וועלכע האָט געהייסן „די קאָ־מיטע פון זיכערקייט״, מיטן צוועק אָנצופירן מיט דער באַוועגונג פון די אַרבעטסלאָזע, איינאָרדענען מיטינגען און אַ דעמאָנסטראַציע, און דורכפירן אַ מאַרש צום סיטי האָל, דעם 13טן יאַנואַר 1874, מיט פאָדערונגען צו העלפן די אַרבעטסלאָזע.

די פּאָליציי האָט באַלד פאַרבאָטן דעם מאַרש צום סיטי האָל, אָבער האָט אַרויסגעגעבן אַ דערלויבעניש פאַר אַ דעמאָנסטראַציע אויף טאָמפּקינס סקווער. דער דעמאָלטדיקער מעיאָר פון שטאָט, וו. פ. העוועמאַיער, האָט אפילו איינ־געשטימט צו זיין איינער פון די רעדנער אויף דער פאַרזאַמלונג.

אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער חרטה געקראָגן, און די פּאָליציי האָט צוריקגעצויגן די דערלויבעניש דורכצופירן דעם מיטינג.

די אַראַנזשיר־קאָמיטע האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אָנצוזאָגן די מאַסן וועגן דעם פאַרבאָט, ואן די מאַסן זיינען געקומען אין די טויזנטער און אָנגעפּילט דעם גאַנצן סקווער. דאָס איז געווען די גרעסטע מאַסן־דעמאָנסטראַ־ציע, וואָס ניו־יאָרק האָט ביז דאַן געזען.

אַרום צען אַזייגער אינדערפרי האָט די פּאָליציי, אָן שום וואָרענונג, אַטאַ־קירט די פרידלעכע מאַסע, און מיט שטעקנס אָנגעהויבן צו קלאַפּן איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע. די פּאָליציי האָט ניט געשאַנעוועט קיין מענער, פרויען און קינדער, און דורכגעפירט אַ בלוט־באָד אויף די מאַסן.

די פאַרזאַמלטע זיינען געלאָפן פון סקווער מיט ביטערע געשרייען, אָבער די פּאָליציי האָט זיי נאָכגעיאָגט אין די אַרומיקע גאַסן. די פערד פון דער רייטער־פּאָליציי האָבן געטראָטן אויף די אַרבעטער.

ווי די צייטונגען „ניו־יאָרק טאַימס״ און „טריביון״ פון יענע טאָג גיבן־איבער, זיינען הונדערטער אַרבעטער ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן; אַ סך זיינען אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפּט געוואָרן צו טורמע אונטערן אויס־רייד, אַז „זיי האָבן אַטאַקירט די פּאָליציי״.

סעמיועל גאָמפּערס, דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון דער „אַמעריי־קאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר״, דאַן אַ ציגאַר־מאַכער, אַן אַרבעטער, איז אָנ־וועזנד געווען בעת דער פּאַסירונג אויף טאָמפּקינס סקווער. ער איז אַהין געקומען אַלס אַ צושויער, אָבער ער האָט זיך קוים געראַטעוועט פון קריגן צעשפּאָלטן דעם קאָפּ. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ קעלער. גאָמפּערס

דערציילט וועגן אָט־דער דערפאַרונג אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „זיבעציק יאָר לעבן און אַרבעט“, וואָס ער האָט געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. ער שרייבט:

„פּאָליציי, רייטנדיק אויף פערד, האָט באַלד גענומען אַטאַקירן די מאַסן אויף דער אַכטער גאַס, באַפאַלנדיק מענער, פרויען און קינדער אָן אונטערשיד. איך בין אַריינגעכאַפּט געוואָרן מיט דער מאַסע אין גאַס, און איך האָב קוים געראַטעוועט מיין קאָפּ פון ווערן געשפּאָלטן, דורכדעם וואָס איך בין אַריינגעשפּרונגען אין אַ קעלער. די אַטאַקע פון דער פּאָליציי האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. וואו נאָר די פּאָליציי־לייט האָבן דערזען אַ גרופּע אָרעם־געקליידטע מענטשן, שטיין אָדער אַרומגיין אין דער געגנט פון טאָמפּקינס סקווער, זיינען זיי באַפאַלן די מענטשן“.

גאָמפּערס דערציילט, אַז אַ צייט לאַנג נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָט די פּאָליציי נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן איר טעראָר קעגן די אומשולדיקע אַרבעטער אין יענער געגנט, און זי האָט אַטאַקירט אפילו קראַנקע, הינקענדיקע אומשולדיקע מענטשן, וועלכע זיינען דאָרט געשטאַנען. אַ שפּיאָנען־סיסטעם איז איינגעפירט געוואָרן, און פּריוואַטע פאַרזאַמלונגען זיינען באַפאַלן געוואָרן. פּראָטעסט־מיטינגען קעגן דער ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי און פאַר דעם רעכט פון פרייער רעדע און פרייער פאַרזאַמלונג זיינען צעטריבן געוואָרן.

גאָמפּערס האָט געשריבן אין זיין בוך, וואָס איז דערשינען מיט אַרום פופציק יאָר שפּעטער:

„ביז היינטיקן טאָג קען איך ניט טראַכטן וועגן דער דאָזיקער ווילדער סצענע, אַז מיין בלוט זאָל ניט אויפקאָכן אין צאָרן קעגן דער ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי“.

די פּאָליציי האָט באַרעכטיקט איר פּאָליסי, — זאָגט גאָמפּערס, — אונטערן אויסרייד, „אַז קאָמוניזם הייבט־אויף דעם קאָפּ אין אַמעריקע“, און מען טאָר דאָס ניט דערלאָזן.

אין 1877, מיט דריי יאָר נאָך דער בלוטיקער פּאָליצייאישער אַטאַקע אויפן עולם, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מאַסן־מיטינג אין אַ זאַל צום אָנדענק פון דער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג און דעם פּאָליצייאישן אָנפאַל אויף טאָמפּקינס סקווער. סעמיועל גאָמפּערס און דזשאָן סווינטאָן, דער באַוואוסטער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון ניו־יאָרק „סאָן“, זיינען געווען די רעדנער.

אויף טאָמפּקינס סקווער זיינען אין פאַרשיידענע צייטן פאָרגעקומען וויכטיקע מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס פון פאָלקס־מאַסן קעגן אומגערעכטיקייט מצד דער רעגירונג אָדער מצד באַלעבאַטים און פּראָפיטירערס. שפּעטער איז יוניאָן סקווער געוואָרן דער הויפּט־צענטער פאַר דעמאָנסטראַציעס און אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען.

ניו־יאָרק האָט אַ רייכע פּאַרגאַנגענהייט, אַ געשיכטע פון גרויסן אינ־דוסטריעלן פּאָרשריט, וואוקס פון קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אַרבעטער־אינ־סטיטוציעס; אַ געשיכטע פון אָנטייל אין די קאַמפן פון לאַנד פאַר אומ־אָפּהענגיקייט, קעגן נעגער־שקלאַפעריי.

עס איז בויטיק צו געדענקען די עקשנותדיקע קאַמפן, וואָס זיינען פאָר־געקומען.

טאָמפּקינס סקווער וועט זיין אַ וויכטיקער קאַפּיטל אין דער דאָזיקער געשיכטע.

נאָך אַ צוגאָב־באַמערקונג:

אויף טאָמפּקינס סקווער איז אויך דאָ אַ דענקמאָל, וואָס דערמאָנט אין אַ שרעקלעכער טראַגעדיע, וואָס האָט פּאַסירט מיט קינדער פון דער געגנט אַרום דעם סקוער. דאָס איז אַ דענקמאָל — אַ יינגל און אַ מיידל, וועלכע קוקן פון ווייטנס אויף אַ שיף אין ים.

דער מאָנומענט איז צום אָנדענק פונעם אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט מיט דער שיף „דזשענעראַל סלאָקום", ווען דעם 15טן יוני 1904 איז זי אונ־טערגעגאַנגען אויפן ים מיט אַרום טויזנט קינדער פון דער טאָמפּקינס סקווער געגנט. די קינדער זיינען אומגעקומען, ווען זיי זיינען אַרויסגעפאָרן מיט דער שיף אויף אַן עקסקורסיע.

דער קאַמף פאַר פרייער פרעסע

פרייע פרעסע איז איינער פון די הויפּט־פּרינציפּן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער „ביל אָוו ראַיטס“, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, גאַראַנטירט פרייע רעדע און פרעסע. אָבער דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט אַלע יאָרן געמוזט אָנפירן ביטערע קאַמפן פאַר די דאָזיקע פרייהייטן. די בעסטע אַמעריקאַנער פרייהייט־קעמפער האָבן זיך מיט לייב־און־לעבן איינגעשטעלט פאַר דידאָזיקע פרייהייטן.

דער ערשטער היסטאָרישער קאַמף אין אַמעריקע פאַר פרייער פרעסע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1735 — נאָך אין די קאָלאָניאַלע צייטן.

דזשאַן פּיטער זענגער, אַ דרוקער און זשורנאַליסט, אַן אַרויסגעבער פון אַ וועכנטלעכער צייטונג, „דהי ניו יאָרק וויקלי דזשוירנאַל“, וועלכער האָט געשריבן אַרטיקלען, וואָס זיינען ניט געפעלן געוואָרן די רעאַקציאָנערן פון יענער צייט, איז באַשטראָפט געוואָרן מיט טורמע, און פעק פון זיין צייטונג זיינען פאַרברענט געוואָרן עפנטלעך אויף דער גאַס, לויט אַ באַפעל פונעם ניו־יאָרקער שטאָט־ראָט.

זענגער איז געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד אין יאָר 1697, און איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1710. אַכט יאָר האָט ער געאַרבעט אַלס אַ לערן־יינגל אין אַ דרוקעריי. שפּעטער איז ער אַריין אין שותפות אין אַ דרוקעריי־געשעפט, און אין 1733 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג „דהי ניו יאָרק וויקלי דזשוירנאַל“. די צייטונג האָט שאַרף קריטיקירט די פּאָליטיק פונעם גאָווערנאָר פון ניו־אָרק, און האָט געוואונען אַ גרויסע אָנהענגערשאַפט צווישן דער באַפעלקערונג פון שטאָט. די רעגירונג האָט באַשלאָסן אָפּשטעלן זיין קריטיק, און דעם 17טן נאָוועמבער 1734 איז זענגער אָנגעקלאָגט געוואָרן אין מלוכה־פאַרראַט. ער איז געהאַלטן געוואָרן צען חדשים אין טורמע, איידער דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן. ער איז געפונען געוואָרן „שולדיק“. די נומערן 7, 47, 48 און 49 פון דעם „וויקלי דזשוירנאַל“ זיינען עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן.

די צוויי אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן אים פאַרטיידיקט אין געריכט, זיינען באַשטראָפט געוואָרן: מען האָט צוגענומען פון זיי דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן. זענגער האָט אַפּעלירט קעגן דעם אורטייל. אַ צווייטער פּראָצעס איז פאָרגעקומען. דאָס מאָל איז זיין לאָיער געווען אַלעקסאַנדער האַמילטאָן. זענגער איז דאַן באַפרייט געוואָרן.

אין משך פון דער צייט, וואָס ער איז געזעסן אין טורמע, איז די צייטונג אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך זיין פרוי קעטרין. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער פאַרגעזעצט אַרויסצוגעבן די צייטונג.

די שטאַט־רעגירונג האָט שפּעטער געזוכט גוטצומאַכן דעם פעלער קעגן זענגערן דורך באַשטימען אים אַלס אָפיציעלער דרוקער פון שטאַט.

זענגערס באַפרייאונג איז געווען אַ זיג פאַר פרייער פרעסע.

נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט אין דעם קאַמף פאַר פרייער פרעסע אין די ערשטע צייטן פון אונדזער רעפובליק איז געווען דער פאַל מיט מעטיו לאַיאָן אין ווערמאָנט.

עס איז פאַרגעקומען אַ צאָל יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע. די רעאַקציאָנערע עלעמענטן האָבן איינגעפירט די טרויעריק־באַרימטע „עיליען ענד סעדישאָן" געזעצן, וואָס האָבן געפאָדערט, אַז פרעמד־געבוירענע איינוואוינער זאָלן זיך רעגיסטרירן, און זיין אונטערגעוואָרפן צו דער געפאַר פון אַרעסטן און צו דעפּאָרטירט ווערן פון לאַנד פאַר האָבן מיינונגען, וואָס די רעגירונג האָט באַטראַכט אַלס „געפערלעך פאַר דעם פרידן און זיכערקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן". לאַיאָן, אַ קאָנגרעסמאַן פון ווערמאָנט, האָט אין קאָנגרעס באַקעמפט די דאָזיקע געזעצן.

לאַיאָן איז געבוירן געוואָרן אין 1750 אין אירלאַנד, און איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1765. ער האָט פריער געוואוינט אין קאָנעטיקוט, און דערנאָך זיך איבערגעקליבן קיין ווערמאָנט, וואו ער איז געוואָרן אַקטיוו אין געשעפט און פּאָליטיק. ער האָט אויך געדינט אין דער אַרמיי. אַ צייט איז ער אויך געווען דער סעקרעטאַר פונעם גאָווערנאָר פון ווערמאָנט סטעיט.

אין 1783 האָט ער איינגעשטעלט אַ דרוקעריי־געשעפט. אין 1797 איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס קאָנגרעסמאַן פון ווערמאָנט.

ער איז געווען אַ גוטער דעבוטאַנט און אַ קעמפער פאַר ליבעראַלע אידייען. ער האָט אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן די „עיליען ענד סעדישאָן" געזעצן, און די רעאַקציאָנערן האָבן געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אונטערצוגראָבן זיין איינפלוס.

לאַיאָן האָט אָפּגעדרוקט אַ בריוו אין „ווערמאָנט דזשורנאַל". די רעאַקציאָנערן פון יענער צייט האָבן באַטראַכט דעם בריוו אַלס „סובווערסיוו". לאַיאָן איז געמשפּט געוואָרן אויף דער קלאָגע פון „סעדישאָן" און איז פאַרשיקט געוואָרן אויף פיר חדשים אין טורמע, חוץ דעם איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ שטראָף פון טויזנט דאָלאַר.

די שטראָף איז אויפגעמאָנט געוואָרן דורך דעם, וואָס די רעגירונג האָט פאַרקויפט זיין הויז. לאַיאָן האָט פון טורמע אָנגעפירט דעם קאַמף פאַר דער פרייהייט פון זיינע אידייען. ער איז, זיצנדיק אין טורמע, געווען אַ קאַנ־

דידאַט אַלס קאָנגרעסמאַן, און איז ווידערדערוויילט געוואָרן נאָך מיט אַ גרעסערער צאָל שטימען ווי פריער. ער האָט פאָרגעזעצט זיין קאַמף קעגן דידאָזיקע „סעדישאָן"־געזעצן, ביז זיי זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן.

טאָמאַס דזשעפערסאָן, דער גרויסער פרייהייט־קעמפער, האָט באַלד ווי ער האָט איבערגענומען זיין אַמט אַלס פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, באַפרייט אַלע, וועלכע זיינען געווען אַרעסטירט אונטער דידאָזיקע געזעצן. אַ סך פעטיציעס זיינען אָנגעקומען אין קאָנגרעס מיט פאָדערונגען בטל צו מאַכן די „סעדישאָן"־געזעצן. דורך די אַקציעס פון דזשעפערסאָנען און זיינע אָנהענגער זיינען דידאָזיקע „סעדישאָן"־געזעצן, נאָך אַ שווערן קאַמף, צוריקגעצויגן געוואָרן.

לאַיאָן האָט זיך נאָכדעם אַריבערגעצויגן קיין קענטאָקי, וואו ער איז ווידער געוואָרן טעטיק אין פּאָליטיק און איז דערוויילט געוואָרן צום קאָנגרעס. ער האָט אין קאָנגרעס אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן אַמעריקעס אַריינטריט אין מלחמה אין 1812. ער איז געשטאָרבן דעם 1טן אויגוסט 1822. אין יאָר 1840 האָט דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס באַשלאָסן אומצוקערן צו די יורשים פון דעם בראַוון קעמפער מעטיו לאַיאָן די סומע פון טויזנט דאָלאַר שטראָף, וואָס ער האָט געהאַט באַצאָלט, ווען ער איז פאַרמשפט געוואָרן.

מעטיו לאַיאָנס נאָמען איז פאַרבליבן אין דער געשיכטע אַלס איינער פון די בראַווע קעמפער פאַר פרייער פרעסע און קעגן פאַרפאָלגונגען אויף פרעמד־געבוירענע.

אַ שווערן קאַמף פאַר פרייער רעדע און פרעסע האָבן געדאַרפט אָנפירן די „אַבאָליציאָניסטן" — די פרעדיקער פאַר אָפּשאַפן נעגער־שקלאַפעריי. דרוקערייען פון צייטונגען פון די אַבאָליציאָניסטן זיינען צעשמעטערט געוואָרן, די אַנטי־שקלאַפעריי פרעדיקער און שרייבער זיינען געשלאָגן געוואָרן, אויסגעשמירט געוואָרן מיט פעך און פעדערן דורך אויפגעהעצטע מאַסן, אָדער אַרעסטירט געוואָרן דורך רעגירונג־אַגענטן.

אין אַלע דורות האָט די רעאַקציע געזוכט צו דערשטיקן די שטים פון פּראָטעסט קעגן אומגערעכטיקייט. די פאָלקס־מאַסן האָבן געמוזט פירן שווערע קאַמפן פאַר די רעכט פון פרייער רעדע און פרייער פרעסע.

די שטים פון פאָלק קאָן ניט דערשטיקט ווערן!

דאַנק־אויסדרוק

איך וויל אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צו אַלע קולטור־טוער און פריינט, וועלכע האָבן אויף פאַרשידענע אופנים געהאָלפן אַרויסצוגעבן מיין בוך „העלדן פון פאָלק״.

אַרויסגעבן אַ פּראָגרעסיוון יידישן בוך היינטיקע צייטן איז אַ שווערע אויפגאַבע, און עס קומט אַ גרויסן יישר־כוח די אַלע, וועלכע האָבן מיט ראַט און טאַט געהאָלפן דורכפירן די דאָזיקע אויפגאַבע.

דער ערשטער און גרעסטער דאַנק קומט מיין טייערע לעבנס־באַגלייטערין, מיין פרוי מאַלי. זי האָט ניט נאָר אינספּירירט מיר אַרויסצוגעבן דעם בוך, נאָר זי האָט אויך זאָרגפעליק אַכטונג געגעבן אויף די מאַנוסקריפּטן און געטאָן אַ סך טעכנישע אַרבעט אין צוגרייטן די מאַטעריאַלן צום דרוק.

אַ דאַנק אויך דעם ס. ד. לעווין בוך־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן דעם בוך: מאָריס שאַפּעס, ערן־פּאַרזיצער; בער גרין, פּאַרזיצער, און י. עווין, סעקרעטאַר. די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע: הענעך דעניעלס, י. לייזעראָוויטש, הירשקע האַלפּערן, בעטיע דראַבקין, חיים געלער, א. אַנד.

אַ דאַנק דער רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט״: דעם הויפּט־רעדאַקטאָר, פּ. נאָוויק; דעם פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר, י. פריד; דעם נאַציאָנאַלן פאַרוואַלטער, חיים סולער; דעם פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, ש. פעלדמאַן; דעם רעדאַקציע־סטעף, די קאָלעגן: משה כץ, ש. אלמאזאָוו, ר. יוקלסאָן, דבורה טאַראַנט, אברהם יודין. אַ ספּעציעלן דאַנק דעם דיכטער בער גרין, און דעם נייעס־רעדאַקטאָר דוד מאַטיס, מיטגלידער פון רעדאַקציע־סטעף, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס אין מיין בוך און זיינען אַלעמאָל געווען גרייט מיט עצות און הילף.

אַ דאַנק אויך דעם שוישפּילער, רעזשיסער און ליטעראַט יעקב מעסטל, פאַר העלפן אין דער רעדאַקציע פון די מאַנוסקריפּטן. אויך אַ דאַנק די חברים, סעם ליפּצין, י. אַדלער, ל. מילער און די פריינט אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד, וועלכע האָבן געהאָלפן שאַפן אַבאָנענטן און האָבן געגעבן ביישטייערונגען, כדי מעגלעך צו מאַכן אַרויסצוגעבן דעם בוך. זייערע נעמען זיינען פאַרצייכנט אין אַ באַזונדערע רשימה. אייניקע קאַפּיטלען אין דעם בוך זיינען שוין געווען געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט״ אין פאַרשידענע צייטן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, איז אָבער אין דעם בוך אַריין

אויך אַ צאָל קאַפּיטלען ספּעציעל געשריבן פאַר דעם ווערק.

איך האָף, אַז מיין בוך מיט די ביאָגראַפיעס פון גרויסע אַמעריקאַנער פרייהייטס־קעמפער און וועגן וויכטיקע היסטאָרישע פאַסירונגען אין קאַמף פאַר פרייהייט וועט דערמוטיקן די לייענער צום קאַמף פאַר פרייהייט איצט, קעגן רעאַקציע, פאַר שלום און דעמאָקראַטיע.

זאָל דאָס זיין אַ באַשיידענער ביישטייער צום קאַמף פאַר אַ פּראָגרעסיווער אַמעריקע, פאַר הייליק האַלטן די אמתע טראַדיציעס פון פרייהייט און דע־מאָקראַטיע אין אונדזער לאַנד.

ס. ד. לעווין

ניו־יאָרק, 1956

רשימה

פון די, וועלכע האָבן געהאָלפן דורך ביישטייערונגען און דורך שאַפן אַבאָנאַמענטן אַרויסצוגעבן דעם בוך:

מאַקס אייזענבערג
פייגעל און יעקב אַדלער
משה לייב אָלקין
י. אַשפּיז
דזשעק און עמא לערנער בורלאַנט
ש. בעקער
אסתר בלעק
מאַקס בראָנשטיין
דאָרע בעיראַק (קאַליפ.)
ש. בודין
מ. גראָס
חיים געלער
נעטיע דראַבקין
ה. דרוקער (נוואַרק)
א. דאָברינסקי
הענעך און עמאַ דעניעלס
אייב און איידא וויינגאַרט
ביילקע ווינאָגראַד
ישראל און רבקה וואָלטער
שלמה און ראסעל ווינער
אַלפרעד און איווע ווין
סאַראַ זאַסלאַווסקי
ל. זיסעלמאַן (פּעטאלומא)
פרענק זיידמאַן (טשעלסיע)
דאָרע טייטעלבוים
שרה פעל יעלין (קאַליפ.)
א. ש. און לאה יאפע (נוואַרק)
י. עווין
אַלעקס און גאָסיע לעדערמאַן (נוואַרק)
י. לייזעראָוויטש
סיליע מילער

אייזיק און איטקע מאַלינסקי (קאַליפ.)
יוסף מאָרגנשטערן (קליוולאַנד)
ל. מילער
לאה נעלסאָן
סעם נאַגאָשינער
מאָלי פאקס
ה. פאָזנער (קאַליפ.)
וו. פּאָלאַק (באָסטאָן)
בען פּאַדאָלסקי
דזשאָרדזש פּערלמאַן
י. פינקעלשטיין
י. קאציק
דזשאַן קאָבלענץ
ג. קרופין (קאַליפ.)
הערי קעסלער
אידיט קאַפּלאַן
מאלי קאַפּלאַן
דוד קיש
אַלעקס ראַבינאָוויטש
אייב און מערי ראָזען (ניו־בראָנזוויק)
קלאַראַ רובענס־אָרעשקעס
א. שטראוס (קליוולאַנד)
א. שיינוק
סעם שטוירן
מאָריס שניידערמאַן
סילוויא שענדלאוו
דר. מאַקס סילווער
היימאַן סילווער
קלאַראַ שולמאַן (וואַשינגטאָן)
דזשעק און דזשעניע שילער